STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03231

HA-NEEHAVIM VEHA-NEIMIM

Jacob Dineson

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב דינעזאָן

הַנֶאֱהָבִים וְהַנְעִימִים

אָדער

דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק

ראָמאַן אין פיר טיילן.

זבובי מות יבאיש יביע שמן רוקח (קהלת י׳ א׳)
וחוטא אחד יאבד טובה הרבה (קהלת ט׳ י״ח)

פאַרלאַג „אחיספר״, וואַרשע.

PRINTED IN POLAND

Be 3252

Druk. „Renoma“ Warszawa, Karmelicka 17.—Tel. 243-78.

אַ פּאָר ווערטער צו דער איצטיקער אויסגאַבע

„הנאהבים והנעימים אָדער דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק"
(אין די ביז איצטיקע אויפלאַגעס — „דער שוואַרצער יונגער מאַנציג")
איז דער ערשטער יידישער געדרוקטער ראָמאַן פון יעקב דינעזאָן.
דער ראָמאַן איז דערשינען אין ווילנע אין יאָר 1877, ס'ווערט,
הייסט עס, 50 יאָר זינט דאָס ווערק איז אָפּגעדרוקט. ביז דעם ראָ־
מאַן האָט יעקב דינעזאָן פאַרעפנטלעכט העברעאישע מאמרים אין
„המגיד", „המליץ". אין יאָר 1876 איז אַרויס אין יידיש אין אַ בראָ־
שור-פאָרם זיינע אַ סעריע נאַטור־וויסנשאַפטלעכע לעקציעס, באַאַרבעט
נאָך בערנשטיינען („דינער און בליץ", שפּעטער—„רעגן און שניי"
א. אַ.). אין דער זעלבער צייט האָט י. דינעזאָן אָנגעשריבן אַ ראָמאַן
אין יידיש „בעון אבות" (פאַר די עלטערנס זינד). מיט אָט דעם ראָ־
מאַן איז י. דינעזאָן געקומען קיין ווילנע. דער ראָמאַן איז געפעלן
געוואָרן די ווילנער משכילים־שרייבער ש. י. פין און א. מ. דיק,
און אַדאַנק זיי האָט די דרוקעריי און פאַרלאַג ראָם אָפּגעקויפט דאָס
ווערק פון דעם 20 יעריקן יונגנמאַן (יעקב דינעזאָן איז געבוירן אין
יאָר 1856), און באַצאָלט אים צו צוויי רובל פאַר אַ דרוק־בויגן,
דעם העכסטן פּרייז לויט די דאַמאָלסטיטע השגות (אַזאַ האָנאָראַר
האָט דאַן אויך א. מ. דיק באַקומען). אָבער די צענזור האָט דעם
ראָמאַן פאַרווערט אַרויסצולאָזן. און כדי אָפּצודעקן דעם באַקומענעם
האָנאָראַר, האָט יעקב דינעזאָן זיך אוועקגעזעצט און אין לויף פון 6
וואָכן, פון פסח ביז שבועות, אָנגעשריבן דעם ראָמאַן „הנאהבים
והנעימים אָדער דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק".

דאָס ווערק פון דעם יונגן, ביזאַהער ווייניק-באַקאַנטן מחבר
האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן ערפאָלג. אין אַ קורצער צייט איז
דאָס בוך פאַרשפּרייט געוואָרן אין אַ 10 טויזנט עקז. און אויך שפּע־
טער אויסגעהאַלטן עטלעכע נייע אויפלאַגעס. דער ראָמאַן, ווי אויך זיינע

JEWISH PUBLIC LIBRARY

הויפּט־העלדן זענען געוואָרן שטאַרק פּאָפּולער ביים יידישן מאַסן־לעזער. ס'איז כּמעט ניט געווען קיין איין יידישע שטוב, ווו אַלע מיטגלידער פון דער משפּחה, אַלט און יונג, מאַן און פרוי, זאָלן ניט האָבן געלייענט און איבערגעלייענט דעם ראָמאַן און ניט פאַרגיסן דערביי הייסע מיטלייד־טרערן אויף די ליידן פון די אומגליקלעכע יוסף, רוחמה און ראָזע; און די נעמען פון דעם שוואַרצן יונגערמאַנטשיק, משה שנייאור, מיט זיין חבריא, זענען געוואָרן ביי אַלעמען אַ שם־דבר פאַר צבועקעס, אכזרים און מערדער.

שוין אין דעם דאָזיקן ראָמאַן, געשריבן דורך יעקב דינעזאָן אין איילעניש, אין עלטער פון 21 יאָר, האָבן מיר די באַזונדערע מעלות און אייגנשאַפטן פון דעם ליבן, סענטימענטאַלן דינעזאָן. עס ליגט דאָ אויסגעגאָסן די ספּעציעלע ליבע און פּיעטעט פון יעקב דינעזאָן צו פרויען און קינדער־טיפּן. מיט אַ באַזונדערער באַהאַרציגקייט מאָלט ער די מילדע מיידלעך מיט זייער אויפריכטיקער ליבע, וואָס קיינע שווערע אומשטענדן קאָנען זי נישט באַפלעקן. צוגלייך מיט די צאַרטע, שטילע, ריינע נשמות, וואָס קומען אום מיט זייער טרייהייט און איבערגעגעבנקייט, פירט דינעזאָן אַרויס אַ ריי שלעכטע, פאַרדאָרבענע נפשות מיט פיל גיפט אין זייערע פאַרקריפּלטע נשמות. זיי שטעלן זיך נישט אָפּ פאַר קיינע קרבנות, און זיי דערפירן זייערע שלעכטע מחשבות ביזן סוף. יעקב דינעזאָן קאַרגט ניט קיין פאַרבן ווי שוואַרצער און ווי העסלעכער אַרויסצוברענגען זיי פאַר אונז. עס ווערט פאַרשפּרייט דורך זיי אַ געץ, און קיין זאַך קאָן זיי ניט אָפּהאַלטן פון דעם מענטשן־געפאַנג. אין דעם ראָמאַן „שוואַרצן יונגערמאַנטשיק" האָבן מיר די צוויי עקסטרעמע טיפּן: פון איין זייט—גוטע, אויפריכטיקע און ליידנדע, און קעגן זיי—שלעכטע, פאַלשע, מערדער, און הן די גוטע און הן די שלעכטע זענען ביי דינעזאָנען שטאַרק איבערגעטריבן. אָבער אַזוי איז שוין דער שטייגער ביי די דאַמאָלסדיקע סענטימענטאַלע ראָמאַניסטן. אויך די פאָרם פון זיין שרייבן איז דאָ אַ פּרימיטיווע. עס ליגט אין דער מאַניר פון אויפפאַסן טיפּן, פון שילדערן צוזאַמענשטויסן אָן אַ שיעור אוממיטלבאַרקייט, אָפטמאָל אפילו קינדישקייט. אָבער נאָך אַלע אָט די חסרונות איז דאָ אין דעם אַ באַזונדערער חן, וואָס געפעלט, וואָס רירט. מען ווערט אַריינגעצויגן דורך אָט דער פשטות, מען ווערט באַהערשט פון דער תמימות און מען טרויט דעם מחבר, מען גלויבט אים, מען ווערט מיטגעצויגן

מיט די העלדנס פריידן און ליידן, מען פאַרגיסט מיטלייד־טרערן אויף די אַלע פורעניותן, וואָס קומען אויף די גוטע, ריינע און ערלעכע דורך די רכילות, מסירות און כלערליי פאַלשקייטן פון די פאַלשע, מיאוסע, פאַרדאָרבענע.

עס ווערט פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס דער ראָמאַן מיט זיינע העלדן זענען אַזוי איינגעבאַקן געוואָרן אין די עמפינדלעכע הערצער פון דעם פשוטן יידישן מאַסן־לעזער.

אין ראָמאַן זענען אויך צעוואָרפן פיל אינטערעסאַנטע שטריכן פון דעם יידישן לעבנס־שטייגער אין צווייטן העלפט פון פאָריקן יאָרהונדערט, ווי אויך אַ ריי פיין־אויפגעפאַסטע טיפּן פון דער יידישער קליינשטעטלשער סביבה אין יענער צייט.

אָבער דער עיקר באַטייט פונם ווערק איז, וואָס עס איז געווען פון די ערשטע יידישע ראָמאַנען אין דער נייער יידישער ליטעראַטור, געשריבן אין אַ פיינעם, פליסיקן יידיש, מיט אַ דירנדיקער אויפריכטיקייט און אין אַ שפּאַנענדיקער פאָרם.

מיר האָבן זיך באַמיט צו געבן די איצטיקע אויפלאַגע ווי ווייט מעגלעך אָן קיין שום ענדערונגען פון דער ערשטער אויפלאַגע. עס איז נאָר געמאַכט געוואָרן אַן אויסנאַם פאַר רוסישע אָדער דייטשע ווערטער, וואָס י. דינעזאָן האָט פיל געברויכט צוריק מיט 50 יאָר, אַזעלכע ווערטער, וואָס דינעזאָן אַליין האָט שפּעטער אין זיינע ווייטערדיקע ווערק אויסגעמיטן. אַזעלכע ריין־רוסישע און ריין־דייטשע ווערטער זענען דורך אונז פאַרביטן געוואָרן אויף יידישע, אויף אַזעלכע, וואָס זענען שפּעטער שוין אָיינגעבירגערט געוואָרן אין דער ליטעראַטור. די איצטיקע אויסגאַבע איז צוגעפּאַסט פאַר דעם מאַסן־לעזער, און פאַר אַ ליטעראַטור־און נאָכמער—פאַר אַ שפּראַך־פאָרשער, וואָס וויל דערגיין ווי עס האָט געשריבן דינעזאָן אין די ערשטע יאָרן פון זיין שאַפן, וועט דאַרפן אָנקומען צו די ביז איצטיקע אויפלאַגעס. דאָרט וועט ער זיך דערוויסן וועגן די פיל פרעמדנווערטער, וואָס זענען בשעתו געברויכט געוואָרן דורך דעם דאַמאָלסדיקן יידישן שרייבער. ס'וועט פאַר דעם פאָרשער אינטערעסאַנט זיין דער ספּעציעלער אויסלייג פון בוך און אויך די ווערטער אין דער ליטווישער אויסשפּראַך, וואָס ווערן באַנוצט דורך י. דינעזאָנען. און נישט נאָר דורך דינע־

זאָנען—געוויס אויך דורך די ווילנער זעצער און קאָרעקטאָרן.
אין די פריערדיקע אויפלאַגעס ווערן שטענדיק געברויכט „אַזוי
אַ" אָנשטאָט „אַזאַ. דערנאָך אַזעלכע עלט-רוסישע ווערטער ווי „אי-
מענע", „קאָנצען", „אָדנאַ אָבראַזנעם", „אָטוועצאַיען", „וואָפּראָסין",
„סאָוועסט", „גראָמאַדנאַ", „זאַלאָוואַניע", „אסמעלען זיך", „ראַזגאַוואָ-
רען", „אטפּראַוועט", „אַבידזייען", „סאַגלאַסעט", „פּריצינע", „בּיעדנע
אָבסטאָיאַטעלסטווא", „פּראָקלאַטין", „צוטקע", „פּריבאַוועט", „ראַספּאָרא-
זאַיען" א. א. וו. אַזעלכע רוסישע ווערטער זענען דאָ אין בוך אין
די הונדערטער. עס ווערן אויך באַנוצט דייטשע ווערטער ווי „וואַר",
„ניכטס", „ווערענד", „נענען", „מארגענראטהע", „זאָננע", א. א. וו.
אומעטום האָבן מיר זיך באַמיט צו פאַרבייטן זיי מיט יידישע ווער-
טער, הגם אַדאַנק דעם האָט אָפטמאָל דאָס בוך פאַרלוירן זיין אַמאָ-
ליקן פרימיטיוון כאַראַקטער. אין די געשפּרעכן האָבן מיר אַזעלכע
מיני ווערטער אָפטמאָל יאָ איבערגעלאָזט.

די ווערטער, וואָס זענען אין בוך געבראַכט געוואָרן מיט דער
ליטווישער אויסשפּראַך, האָבן מיר געפינען פאַר נויטיק צו געבן אין
דער אַלגעמיין-אָנגענומענער פאָרם, סיידן אין געשפּרעכן, ווי מיר
האָבן איבערגעלאָזט אָפט די פּראָווינציאַליזמען. עס ווערן אין די פריער-
דיקע אויסגאַבעס אָפטמאָל געברויכט גראָסין אָנשטאָט גראָשן,
קעסענע אָנשטאָט קעשענע, חאָץ אָנשטאָט כאָטש, בע-
סערטער אָנשטאָט באַשערטער, אוצאַסטאָג אָנשטאָט או-
טשאַסטאָק, פערצעפען אָנשטאָט פאַרטשעפען, וויַנצען
אָנשטאָט ווינטשן, א. א. וו. ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז אויך
די רוסישע ווערטער זענען שטענדיק פאַרליטווישט, אַלעמאָל ווערט אַ
טש אַרויסגעזאָגט דוך אַ צ, אַ זש דורך אַ ז.

סעפּטעמבער 1926 נ. מ.

אַלע ווערק פון יעקב דינעזאָן

I

הַנֶאֱהָבִים וְהַנְעִימִים

אָדער

דער שוואַרצער יינגערמאַנטשיק

כבוד הקורא היקר והנכבד וכו׳ וכו׳...

Ihr must mich nicht durch Widerspruch verwirren
So bald man spricht, beginnt man schon zu irren.
(Göthe)

איך האָב גערעדט און האָב אויך ווי פיל אַנדערע זיך טועה געווען. איך בין דאָס מודה פאַר אַלע מיינע לעזער. איך וויל גאָר־ניט פרובן פאַרענטפערן זיך. עס איז איינמאָל געזאָגט און געדרוקט, און אַ געדרוקטער פעלער הייסט: מעוות לא יוכל לתקן — —

איך וויל דיר נאָר דאָ אַ דאַנק זאָגן, בעסטער פריינד לעזער, דיר מיין אינערלעכסטן דאַנק זאָגן פאַר דיין מיטגעפיל צו מיין ווערק, פאַר דיינע עטלעכע טרערן, וואָס דו האָסט מיינע בלעטלעך געשאָנקען. אַ דאַנק דיר! דו ביזט קעגן מיר, קעגן מיין ווערק, וויל איך זאָגן, זייער יוצא — און איך פון מיין זייט פאַרזיכער דיך נאָר, אַז פון היינט אָן וועל איך אי״ה מיט אַלע מעגלעכקייטן זעען דיר צו געבן אַ דבר מתוקן. און די קינפטיקע ווערק, ווי אויך די צווייטע אויפלאַגע פון די זעלבע וועלן אָן פעלער זיין און איבריקנס ווייניקער ליידן — דורך אַ טעות איז די קאָפּיע (פון דער ערשטער האַנט) אַרויס אַנשטאַט דעם אָריגינאַל — און דערפאַר בעט איך, שענק מיר דיין געדולד נאָך אַמאָל און לעז דעם אָריגינאַל, ווי עס פיליכט געשען איז, אָדער געשען זאָל — —

דו ביזט דאָך אַ גוטער, ליבער פריינד לעזער, דו טראָגסט דאָך ניט לאַנג אַ שנאה און איך האָף, אַז דו פאַרגעסט באַלד אַלץ, וואָס דו לעזט און דעם מחבר מיט זיין בוך, — ווערסטו זיינע פעלער אויך ניט לאַנג געדענקען. דעריבער רעכן איך פאַר איבעריק דיר אויסצוצייכענען, ווו אייגנטלעך איך האָב געפילט, — צוליב וואָס זאָל איך דיך אויף די פארמאוסטע שטעלן ווידער ברענגען און אין זיך אַלטע ווונדן אויפוועקן? — דו ביסט מיר געוויס מוחל. איך דאַנק דיר פאַר דיין מחילה. — איך וועל גאָט בעטן, עס זאָלן דיר מיינע רייד וויל באַקומען! —

צווישן אַנדערע פעלער וואַרפט מען פאָר — וואָס איך האָב געגעבן געלעגנהייט צו פאַרדאַכטן שוואַרצע יונגע לייט, דאָס זיי אייגנטלעך האָב איך געשילדערט. און מיר האָט שוין געטראָפן, אַז מען האָט מיר באַצייכנט געוויסע הונדערט שוואַרצע אומשולדיקע נעבעך, וועלכע איך קען ניט און האָב זיי אפילו גאָר אין זינען נישט געהאַט. איך האָב איבערהויפט קיינעם אין זינען ניט געהאַט. איך בין נור געפירט פון איין — פיליכט — נאַרישן מנהג־המחברים, צו באַשאַפן זייערע געליבטע העלדן מיט אַלע מעלות, מיט שיינקייט און גוטסקייט און דאָס אומגעקערטע — צו זייערע פאַרהאַסטע. דער ייד אָבער איז ניט געוויינט, מען זאָל אים אַ ריכטיקן בילד פון זיין לעבן אַרויסשטעלן. ער לייענט אַלץ פון פרעמדע ליטעראַטורן, און רעדט זיך איין, אַז דאָס מיינט מען גאָר ניט מיך, ניט מיין מחותן און ניט מיין קרוב. אָבער אַז עס געפינט זיך איינער אַן אומערפאַרענער און כאַראַקטעריזירט אַמאָל דעם ייד, מיינט איטלע־כער, אַז דער מחבר מיינט דווקא אים. דער מחבר מיינט קיינעם, און מיינט אַלעמען, און ווער קען פאַר אַ וועלט יוצא זיין? איבעריקנס, בעט איך מחילה ביי אַלע שוואַרצע יונגע לייט, ביי אַלעמען, וועלכע עס הייסן משה שנייאור, און זענען אין זיך פאַרנאַרט גענוג צו מיינען, אַז זיי זענען ווערט צו שרייבן זייער נאָמען און זייערע מעשים אין ספרים, און כאָטש זיי טוען עטוואָס, אָבער קאַליע מאַכן קאָן אַ קאַץ אויך. אם כן זאָל איך שרייבן אויף קעץ אויך? — זייט זיכער, אַז ניט אייך מיין איך! — איך בין ניט שולדיק, אַז איר האָט זיך אונטער־גערוקט קעגן מיין פאָטאָגראַפישער מאַשין און גאָרניט ווילנדיק איז

אַרויס אייער בילד ריין און ריכטיק, ווי איר זענט — אָדער ווי איר ווילט זיך ניט זען. איר זענט טאַקע איצט אפשר גאָרניט שוואַרץ, איר זענט נאָר דעמאָלט צופיל אין שאָטן געשטאַנען, און ווער איז אייך שולדיק? — אייך שוואַרצע, גיב איך אַן עצה צו זוכן אָט דעם משה שנייאורן דווקא צווישן די ווייסע, דווקא אין זונען־שיין, און דאַן וועט איר שלום מאַכן מיט דעם מחבר

האלבע נאכט אין בית המדרש

אויף דער גאס איז שטיל און פינסטער. עס איז שפעט אין דער נאכט. אלע קראמען זענען פארמאכט, אלע ליכט אויסגעלאשן, נאר ווו נישט ווו זעט זיך נאך קלוימערשט א ליכטל שמעלצנדיק דורך א שפאלט פון א לאדן, אדער דורך א קליין דאך-פענסטערל, ווו עס זיצט שפעט איינער, וואס דער טאג איז אים קורץ זיין מלאכה צו ענדיקן, אום זיין ביטערן ביסן-ברויט צו געפינען, אדער איינער, וואס זיצט נעבן זיין טייערן קראנקן, וואס וואלט שוין גערן דערהארן טאג צו דערלעבן! די שומרים אין די גאסן גייען ארום, פארבונדן א טוך איבער א טוך, אין פלאשטן, אלטע, אויסגעדינטע סאלדאטס-קע שינעלן און אין נאך אזעטיקע אלטע, אפגעטראגענע קליידער, גייען ארום און שרייען אויס צייטנווייז זייער „סלושיי!” און קלאפן זייער איינארטיקן קלאפ, ווי לאנג זיי ווייסן נאך, אז ווער עס איז פון זייערע באלעבאטים, ביי וועלכע זיי נעמען צו דרייסיק, צו פינף און דרייסיק קאפיקעס א חודש פאר זייער צופיל שווערער מי, שלאפן נאך נישט; אז מ'זאל אבער גיין מיט א שעה, אדער מיט צוויי שעה שפעטער, וועט מען הערן אנשטאט דעם איצטיקן „טראך, טאך, טאך”—א טיפן און געשמאקן שלאף, די ארעמע, אומגליקלעכע שלאפן גאנץ געשמאק, אפשר נאך פיל געזונטער און געשמאקער פאר דעם רייכן אין זיינע קישנס און פערינעס, דא אויפן גאניק ליגנדיק, דער קאפ אנגעשפארט צום טיר, אונטערן בלויזן הוילן הימל, אין קעלט און אין שניי. און אין אמתן דארפן מיר זיך נישט וווּנדערן אויף זייער שלאף, אזוי ווי מיר דארפן צו זיי נישט האבן קיין טענות, וואס זיי טוען נישט זייער שמירה ווי עס דארף צו זיין. דער כלל איז: א מענטש איז קיין מלאך נישט, אז ער עסט נישט, איז ער

הונגעריק, און אַז ער מיעט זיך אַ גאַנצן טאָג, מוז ער שלאָפן בײַ־נאַכט! און ווען זיין שווערער מזל ערלויבט אים ניט, ווי אַ מענטש צו שלאָפן אונטער אַ דאַך אין אַ בעט, אויף בעטגעוואַנט, הערט ער פונדעסטוועגן נישט אויף אַ מענטש צו זיין, און ווערט אַנטשלאָפן אויפן גאַניק, אין גלומעדיקן פראָסט אויפן קולאַק. אַך, מענטשן! פאַר־וואָס ווילט איר, אַז דער אַנדערער זאָל זיין אַ מלאך און איר פאַר־געסט, אַז איר אַליין קאָנט אויך קיין מלאכים ניט זיין? ניין! ניט נאָר אַ מלאך, ווילט איר זאָל דער מענטש זיין, נאָך מער ווי אַ מלאך! וואָרום אַ מלאך אַליין קאָן אויך נישט טון מער ווי איין שליחות. זאָגט מיר, איך בעט אייך, קאָן אָט דער איינער שומר, וואָס אַ גאַנצן טאָג האָט ער אַ וועגל געפירט, געטראָגן זעקלעך מעל אויף דער פלייצע, ערד געגראָבן, די גאַסן געקערט, געזעגט ברע־טער, אָדער גערייניקט הויפן; צי קאָן אָט דער אייגענער אָנגעמידער, אָנגעהאָרעוועטער מענטש אומגיין אַ גאַנצע נאַכט ניט אָן אויג צו טוענדיק און היטן אייערע קראָמען, אייער האָב און גוטס, פאַר אַזאַ, איך בעט אייך מחילה, פאַסקודנעם אָרעמען געהאַלט? קאָן דען דער אומגליקלעכער אָרעמער שומר דערנערן ווייב און קינד מיט צען מאָל, אָדער צום העכסטן מיט פופצן מאָל דרייסיק קאָפּיקעס אַ חודש? זאָל ער דען נאָך אַזאַ געוואַלדיקן געהאַלט שלאָפן דעם גאַנצן טאָג, אום פון אייערטוועגן אויף צו זיין די גאַנצע נאַכט? איז ער דען קיין מענטש ניט? צי איז דען זיין לעבן קיין לעבן ניט אויף דער וועלט? ווען לעבט מען? אונזער לעבן איז כל זמן די ליבע, ליכטיקע זון שיינט, ווילאַנג דער הום־טלום איז אין די גאַסן; באַלד אָבער ווי די זון גייט אונטער, ווערט נאַכט און דאַן שלאָפן מיר, און דאָס איז אַ טייל פון טויט, זאָגט די גמרא... גיין, מענטשן! מיר זענען שרעקלעכע עגאָאיסטן, מיר ווילן, אַז דער אַנדערער זאָל מקריב זיין גאַנץ לעבן פון אונזערטוועגן; ער זאָל האָרעווען, ווען מיר ווילן רוען, און ניט רוען איין מינוט, אַלץ צוליב אונז, צוליב אונזערע דרייסיק קאָפּיקעס! אַז מיר בעטן אַמאָל אַ טירחה ביי דעם רייכן, ווי טייער קאָסט עס אונז. יעדע סעקונדע איז רובלס, זיין זייגער איז אַ גילדערנער, און עס קאָסט אַ רובל איטלעכער קלאַפּ! — דער אָרעמאַן אָבער האָט גאָר קיין זייגער ניט. זיינע

מינוטן, זיינע שעהן, זיינע גאַנצע טעג און יאָרן זענען בליי, אַלטע שטיקלעך צין, וואָס ווערט אין מיסט אַרויסגעוואָרפֿן, אָדער אין ברוך פֿאַרקויפֿט, פֿאַר זייער אַ וואָלוועלן פּרייז. דערום לעבט נעבעך דער אָרעמער אַ בלייענעם שווערן לעבן, און דערום ווינט ער און וואַלגערט זיך זיין וועלטל אויף מיסט. אָבער אַזוי ווי בליי און צין זענען די בייטיקסטע זאַכן אין דער וועלט, וואָס דורך זיי נאָר באַקומען מיר וואָס אונז פֿעלט, און אַזוי ווי זיי באַקומען און גראָבן פֿאַר אונז אַרויס גאָלד, זילבער און דימענטן, וועלכע עס פּוצן אויס אונזערע הייזער, אונזערע קאבינעטן און אונז אַליין און לאָזן זיך קויפֿן פֿאַר גאַנץ וואָלוול, אַזוי זענען אויך די אָרעמע דער נוציקסטער קלאַס אין דער וועלט, און ווערן נעבעך פֿאַרקויפֿט אומזיסט. זיי, נאָר זיי ברענגען אונז דאָס גאָלד און האָב און גוטס, מאַכן אונז פֿאַר גבירים, פֿאַר קאַפּיטאַליסטן, און בויען מיט זייער שווייס און מי אונזער גליק אין לעבן, און פֿאַר דעם דאַנק, וואָס זיי קומט פֿון אונז, שטייען זיי שמאַכטנד ביי אונזערע טירן, ביז מיר גיבן אויף זיי אַ געשריי „אַרויס!“, אַז זיי פֿאַלט נעבעך איין זייער צעבייגט, צעבראָכן האַרץ. די אָרעמע לייט זענען די נוציקסטע, ווייל זיי האָרעווען, און יעדער מענטש, וואָס מיעט זיך, האָרעוועט אום צו ברענגען נוצן אויף דער וועלט, האָט רעכט צו געניסן און יוצא צו זיין פֿאַר זיין אייגענעס געוויסן. דער ניט־אַרבעטער, דער ליידיק־גייער און דער געלט־פֿאַרשווענדער בלייבט אַ בעל־חוב אין דער וועלט, ער האָט גענאָסן פֿון פֿרעמדער מי, און ניט געטון די באַשטימונג פֿון מענטשן, ווי מיר זענען פֿון גאָט באַשטימט, און יענע וועלן דאָס געוויס אַמאָל דאַרפֿן ענטפֿערן פֿאַר זייער געוויסן, וועלכער וועט זיי צי פֿריער צי שפּעטער פֿרעגן: אין וואָס האָט איר אָפּגעלעבט אייער לעבן? וועלכע נוצן האָט איר געבראַכט דעם אַנדערן פֿאַר די נוצן, וואָס דער אַנדערער האָט אייך געבראַכט... און אַזעלכע פֿראַגן וועט אייך אייער געוויסן אויפֿגעבן, וואָס איר קאָנט זיי גאָר איצט ניט פֿילן! —

אין דער שטילער פֿינסטערער נאַכט, אין דער צייט, ווען אַלע, אַפֿילו די שומרים אַליין האָבן זיך צורעכט געמאַכט צום שלאָף, איז זיך געזעסן אין בית המדרש פֿון דעם פֿאַרשטעטל, פֿון דער גרויסער

אַלטמאָדישער יידישער שטאָט מאָהיביל, אַ נייאינקער פרישינקער בטלן, אָדער ווי מ׳רופט אים אָן אין אַנדערע שטעט: ישיבה־בחור ערעם־בחור, קלויזניק, פּאַטראָן און נאָך אַזעלכע באַליבטע נעמען, דער בית־המדרש־זייגער, וואָס שפּעטיקט זיך, אָדער ער לויפט שטענ־דיק אויף אַ האַלבע שעה, האָט שוין געשלאָגן צוועלף, און דאָס גאַנ־צע הויז איז שטיל, נאָר די בעלי־המשמר, דאָס הייסט, די באַלעבאַ־טישע קינדער, — וועלכע עס גייען נאָך טאַנצנדיק נאָך דער מאָדע, לערנען אַ גאַנצע נאַכט, ווי זייערע עלטערן מיינען, — האָבן שטאַרק געכראָפּעט, די פוטערלעך צוקאָפּנס, האַרט נעבן ליזשאַנקע זיך צוטו־ליענדיק, אומפאַרשטענדלעכע ווערטער, פון שלאָף אַרויסגערעדטע האָבן זיך געהערט יעדע מינוט. אויף דער בימה שלאָפט דער שמש, אַ קו־רענאָסער ייד, מיט לאַנגע פאות, נעבן אים ליגט אַ קינד, אפשר פון דריי יאָר אַלט, וואָס ווי געוויינלעך, פלעגט ער עס מיטנעמען נעכ־טיקן אין בית המדרש, כדי זיין יונגער מוח זאָל זיך אָנעמען מיט תורה, אָדער מיט פּאָליטיק, וואָס ווערט גערעדט גאַנצע אָוונטן אין דעם מקום קודש, פון דער חברה „חכמי ליזשאַנקע״. דאָס קינד גיט צייטנווייז אַ געשריי, ווי אין וואַלד אַ פּיפּס פון אַ פייגעלע, וואָס חלומט אין איר נעסט. דער בטלן, וואָס זיצט אַזוי שפּעט, ליגט און האָרעוועט איבער אַ מהרש״א, ליגט און ברעכט דעם קאָפּ, אים איז עפּעס ניט רעכט, מהרש״אס קשיא איז אים ניט גלאַט אַראָפּ. ער זיצט היינט אויך ווי אַלע מאָל, לערנט מיט התמדה, גראָבט און גריבלט זיך און האָט נישט באַמערקט, ווי די צייט איז אַראָפּגעלאָפן. פלוצים האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, וואָרום עס איז אים הייס געוואָרן אין האַנט, דאָס ליכט האָט געהאַלטן ביים אויסגיין. ער האָט אָנגע־הויבן צו זוכן זיינע אָנגעגרייטע שטיקלעך ליכט, אָבער עס איז ניט געווען. דאָס אַלץ האָט ער פאַרשוועגדט און האָט דאָס אַליין ניט באַמערקט. ער איז אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צום זייגער, אַ קוק געטאָן ווי שפּעט עס איז, און אָנגעהויבן צו זוכן אַן אָרט צו שלאָפן; אַלע ערטער זענען שוין אָבער פאַרנומען געווען! אַ צייט נאָכאַנאַנד איז ער געשטאַנען און ניט געוווסט, וואָס אָנצוהייבן צו טון.

— אפילו ווו אַ קאָפּ צוצולייגן האָב איך אויך ניט! — האָט

ער צו זיך געזאָגט — איך האָב מיר אַזוי ניט פֿאָרגעשטעלט. איך
בין אויך ניט לאַנג אַ גבירס אַ קינד געווען; און פֿלעג קומען אָפֿט
אין בית המדרש לערנען אַ משמר, אָבער ניט אָפּנעמען חלילה די
ליבע פֿאַרזינדיקטע ערטער פֿון די אָרעמע קינדער! אָ, ווער וואָלט
מיר דעמאָלט געזאָגט, אַז איך וועל אַן אָרעם בחור זיין! דעמאָלס,
אַז מיר איז גוט געווען, בעת מיין מוטער פֿלעגט מיך אין די לאַנ־
גע ווינטערדיקע נעכט קוים ערוואַרטן ביז איך פֿלעג פֿון חדר קו־
מען — ווער וואָלט איר געזאָגט: דיין ליב קינד, דיין אין וויין־גע־
באָדענער יוספֿקע וועט זיך וואַלגערן אין דער פֿרעמד, זיך מוטשען,
זיך מאַטערן און אויף וואָס?... דו וואָלסט געוויס מיך איצט מיט דיינע
טרערן באָדן, אַז דו וואָלסט זען, ווי איך לעב דאָ. אָבער נאָך
מער וואָלסטו ליידן, אַז דו וואָלסט פֿילן מיין לאַגע — זען מיך אָט
אַזוי פֿאַרברענגענדיק מיין געזונט און צייט. אויף וואָס? ווער קען
עס מיר דערקלערן? ווער קען עס דיר באַווייזן, אַז ניט דאָס, וואָס
איז אַ גליק געווען אין דיינע צייטן, וועט גליקלעך מאַכן אין מיינע
קינפֿטיקע יאָרן, אַז איך וועל דאַרפֿן אָנהייבן צו פּטרן, וואָס איך
וואַמל איצט מיט שווייס און מי? יאָ, איך בין שוין מער קיין קינד
ניט און קאָן ליידן מיט פֿאַרביסענע ליפּן און ניט געבן דעם אַנדערן
צו דערקענען, אַז איך לייד — און וואָלטווירקלעך גרייט זיין זיצן
און לערנען גמרא, ווי איר ווילט, ליבע עלטערן. אַז איך וואָלט נור
ויסן, אַז דאָס וועט אייך אינגאַנצן גליקלעך מאַכן, און מיך זעלבסט
ווייניקסטנס ניט אומגליקלעך מאַכן. ווייל איך ליב אייך, טרייע על־
טערן, מער ווי זיך. ליידער, ווייס איך אָבער, אַז האָבן אַ קינד
אַ בחור אַ צאַצקע, וואָס קען טויזנט בלאַט גמרא אויסנווייניק, וואָס
לייענט שוין מפֿטיר, און די מגילה און נאָך פֿון דעם מין השלמה,
איז אַ פֿרייד און אַ פֿאַרגניגן פֿאַר עלטערן, אָבער האָבן אַ מענטש
אַ זון, וואָס דאַרף שוין אַליין פֿירן אַ וועלטל, און אַז ער פּרובט
בייטן בלעטער גמרא אויף דעם אַלטעגלעכן שטיקל ברויט, אויף אַ
שוך, אַ קלייד פֿאַר ווייב און קינד — וואָס איז נאָך נייטיקער ווי
פֿאַר זיך — און אַז ער דערזעט, אַז דער קוראַנט פֿון זיינע פּאַפּירן
איז געפֿאַלן, דאַן, ליבע עלטערן, ווערט דער נחת אַ צו־להכעיס און
נישט נאָר פֿאַר זיך אַליין איז דאָס אַן אומגליק, אפֿילו פֿאַר עלטערן

איז דאָס אַ ביטערער פאַרגעניגן און עס פאַרדריסט, וואָס מען האָט דערויף יאָרן און מי פאַרבראַכט!... איך באַשולדיק אייך ניט, אייערע אויגן זענען מיט בטחון פאַרבונדן און איר זעט די נייע צייט ניט. מיך האָבן אָבער נייע ספרים, יידישע און דייטשע, האַלב די אויגן געעפנט, די בטחון־פאַטשיילקע אַרונטערגעריסן, און איך קאָן זי שוין ניט מער געפינען אום ווייטער אין פאַרבלענדעניש צו שפּילן!...

דער בטלן איז צוגעגאַנגען צום עמוד, האָט גענומען די יאָרצייט־ליכט, צוגעגאַנגען צו זיין קעסטל און האָט אַרויסגענומען אַ ביכל, דאָס איז געווען אַ רוסישעס, און האָט געלייענט.

— אַך, — האָט ער ווידער צו זיך געזאָגט, — אַז דאָס וואָלט דערזען דער גבאי, אַז איך לייען רוסישע ביכער אָדער דייטשע, און נאָך פאַר די יאָרצייט־ליכט?... אָבער צום גליק שלאָפן איצט אַלע. דער גבאי קען עס מיר גאָרניט חושד זיין, און אויב דער טויטער וויים, וואָס איך טו מיט די ליכט, וואָס עס ברענט אַ גאַנצען מעת לעת פון זיין אָנדענקונג וועגן, וועט ער געוויס וויסן, וואָס פאַר אַ בוך איך לעז, און אים וועט נישט אַרן, אָדער ער וועט מיר בעסער דאַנקען, וואָס איך לעז ראַבינאָוויטשעס „שטראַפּנאָי"*) פאַר זיין יאָרצייט ליכט, און פאַרוויכער ניט אַ לולקע אָן איר, ווי עס טוען אַלע פרומע און גוטע חסידים! — פאַרוואָס רופט מען אַזעלכע ספרים „ספרים חיצונים", אָדער „בערלינער ביכלעך"? פאַרוואָס ווייסט ניט דער ייד, וואָס הייסט „אַפּיקורס" און זאָגט אויף אַלץ, וואָס עס איז ניט גמרא, ניט פון אַ גאון אָדער אַ קדמון — עס איז „אַפּיקורסישע"? פאַרוואָס פאַרשטייען יידן ניט, ווער עס וויל זיי גוטס טון און ווער עס טוט זיי שלעכטס? און אפילו יענע, וועלכע עס האָבן געזאָגט, אַז מען זאָל ניט לייענען ספרים חיצונים, צי האָבן זיי געוווּסט פון אַזאַ אַרט בוך, וואָס דערציילט אונז אונזערע צרות, וואָס

*) אָסיפּ ראַבינאָוויטש — אַ באַוווּסטער יידיש־רוסישער שרייבער (געב. 1817, געשטאָרבן 1869). „שטראַפנאָי" — אַ שטאַרק פּאָפּולערע ערציילונג אין רוסיש פון יידישן לעבן אין רוסלאַנד בעת דער שוידערלעכער רעקרוטן־צייט. (אנגעשריבן אין יאר 1859). רעד׳

וועקט אויף אין אונז זייער אָפּט אַ טרייסט, וואָס מיר זענען יידן, און זייער אָפּט הייסע טרערן פאַר אונזערע אומזיסט־ליידנדע ברי־דער? — אָדער צי זענען יענע אויסן געווען די טובה פון כלל יידן איבערהויפּט, אָדער נאָר זייער אייגענע טובה אַליין דערמיט?... די שאלה מישט זיך מיר אין קאָפּ, און זי מאַטערט מיך, דען איך מיין, אַז איך פאַרשטיי די עיקרים פון אונזער אמונה, און איך געפין ניט פאַרוואָס זאָל אסור זיין צו זיין אַ געבילדעטער מענטש, וואָס לעבט אין דער וועלט ניט בלינד? איך דאַנק דיר, ראַבינאָוויטש, דו הייליקער שרייבער! יעדער טרער, וואָס דיינע ווערטער האָבן אַרויסגערופן פון מיינע אויגן איז מיר באַלזאַם, און איך נעם זיך פאָר דיר נאָכצוטאָן, וויפיל איך וועל קאָנען, פאַר מיין פאָלק, פאַר מיינע ברידער יידן!״—ביי די רייד האָט ער געזונגען אַ ליד, וואָס די לעצטע ווערטער זענען געווען:

„איך בין אויך אַ ייד, צו מיין פאָלק אַ זון
און וואָלט זיי אויך העלפן, ווי ווייט איך קאָן.
מיט מיין גאַנצן פאַרמעגן, מיט מיין בלוט מיט מיין פלייש,
איך בין אָבער קליין, אָ, גאָט, מאַך מיך גרויס!״

דער בטלן האָט נאָך ניט געענדיקט זינגען זיין ליד און צו אים איז צוגעגאַנגען אַ בחור פון אַ יאָר זעכצן, און האָט צו אים געזאָגט:

— אַך, יוסף, איך האָב פון שלאָף געהערט ווי דו זינגסט, נאָר מיר האָט זיך געדוכט, אַז דו שטייסט פאַרן עמוד און דאַוונסט, אַלע ווייגען פון דיין געזאַנג, ביז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט און דערזען, אַז דו זינגסט און וויינסט אַליין. יוסף, וואָס איז דאָס מיט דיר?

— שנייאור, — האָט יוסף געענטפערט, — מיר איז, חלילה, ניט אַזוי שלעכט, דאָס איך זאָל וויינען. אָבער ווייסטו, אַז ניט אַלע מאָל וויינט מען פון אייגענע צרות. זייער אָפּט פליסן אונזערע טרערן, אַז מיר הערן לייטנס ליידן, און מיר פאַרגעסן, אַז די לייט זענען מיר אייגנטלעך אַליין. נאַ, הער, איך וועל דיר פאָרלייענען, אויב דיך וועט ניט רירן?

יוסף האָט אים פאָרגעלייענט, און געבראַכט שנייאורן צו טרערן.

— גענוג! — האָט יוסף געזאָגט, אַז ער האָט דערזען, אַז

שנייאורקע ווײנט, איך האָב נאָר געוואָלט זען, צי בין איך אַליין נאָר דער נאַר צו וויינען פון אַ געשריבענער מעשה, אָדער צי איז נאָך ווער דאָ מיט מיר, וואָס זאָל עס פילן ביז טרערן.

שנייאור האָט געקוקט אויף יוספן פאַרוואונדערט, זיך געצילט עפּעס אַרויסרעדן, און זיך אָפּגעהאַלטן, ווי ער וואָלט מורא געהאַט. ענדלעך האָט ער געזאָגט:

— יוסף, איך וויל ביי דיר עפּעס פרעגן, נאָר ניט האָב קיין פאַראיבל. מיר און אַלעמען ביי אונז אין שטוב איז אַ וואונדער, ווי קומסטו צו אַזאַ לאַגע. ווערן דאָ הי אַ בטלן, אָנקומען צו לייטנס טישן? יוסף, איך מיין דיך נישט באַליידיקן.

— וואָס געפינסטו אין מיר אַנדערש, ווי אין דעם מינסקער, אין דעם האַראָדנער, אָדער אין אַלע ישיבה־בחורים? — האָט יוסף געפרעגט.

— מען דערקענט אַ מענטשן נאָך די קליידער נאָך, זאָגט מען. נאָר איך דערקען דיך נאָך דיין איידעלן געזיכט, נאָך דיינע רייד. יוסף, איך ווייס ניט אָן וואָס איך דערקען דיך, איך בין צו דיר צוגעקלעפּט, און דו מוזט מיר ווערן אַ ברודער. איך שווער דיר, איך בין דיר שוין אַזוי, זייט דעם ערשטן טאָג, וואָס איך קען דיך. יוסף, פאַרשפּרעך עס מיר. — האָט שנייאורקע געבעטן.

— אַז דו וועסט ווערט זיין, — האָט יוסף געענטפערט.

— מיט וואָס קען איך דאָס ווערט זיין?

— מיט פלייסיק זיין. אַז דו וועסט ניט ליידיק אומגיין, ווי איך זע דיך ביז איצט, אַז דו וועסט זיך אָפּגעוואוינען פון דיינע קינדערשע תנועות און וועלן אַ מענטש ווערן! —

— יוסף, בין איך דען איצט ניט אַ מענטש?

— אַ מענטש ביזטו, דאָס קען מען ניט לייקענען, אָבער דו דאַרפסט וויסן, מען פאַרשטייט נאָך עפּעס אונטער דעם נאָמען מענטש. עס באַדייט דאָס וואָרט פיל, זייער פיל, ליבער שנייאור, און איך אַליין שטיי נאָך ווייט, אָ, מען מוז טון האָרעווען דעם נאָמען אַמאָל ווערט צו זיין.

— יוסף, מיר איז גענוג, אַז איך וועל זיין אַזוי ווי דו. זיי מיר אַ לערער, דערצייל מיר דיין געשיכטע, ווי קומסטו אַהערצו?

איך וויל דיך איינגאַנצן קענען, דו ביזט ניט קיין אָרעם בחור, איך וועל שווערן.

— עס איז אַ לאַנגע, זייער אַ לאַנגע מעשה מיין היסטאָריע דיר צו דערציילן. עס איז שוין דריי אַ זייגער און איך וויל שלאָפן.

— גיי, לייג זיך אויף מיין פוטער, — האָט שנייאורקע געזאָגט, — איך וועל שוין מער נישט שלאָפן.

יוסף האָט אים געפאָלגט, און זיך געלייגט נעבן ליזשאַנקע אויף שנייאורקעס פוטערל, און ביז ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן, האָט ער אים דערציילט זיין היסטאָריע, ווי אַזוי ער איז אַהערצו אָנגעקומען:

— מיינע עלטערן זענען ניט לאַנג גאַנץ רייך געווען. ווי אַזוי זיי זענען אָרעם געוואָרן, קען איך דיר אַזוי בקיצור ניט דערציילן. עס האָט נאָך צייט, און דו וועסט עס וויסן. איך האָב ניט לאַנג באַמערקט, ווי מיין פאָטער זאָרגט, ער האָט ניט מיט וואָס מיין רבין צו באַצאָלן, מיר איז געוואָרן שרעקלעך ביטער אויפן האַרצן, און האָב אָנגעהויבן צו זוכן אַ מיטל, ווי זיך ווייניקסטן אַרונטערצונעמען פון זיינע מידע פלייצעס. נו צו וואָס האָב איך זיך געזאָלט ווענדן? איך האָב מיין פאָטער קיין נייע צרות ניט געוואָלט אָנטון. אגב, בין איך זעלבסט נאָך ניט אַזוי קלוג געווען צו פאַרשטיין, וואָס פאַר מיר איז בעסער. דער פאָטער האָט געוואָלט, איך זאָל קאָנען לערנען. וואו לערנען, מאַכט ניט אויס, אַבי אין דער היים ניט. און וואָס לערנען? איז דאָך קיין פראַגע ניט, לערנען — הייסט מסתמא גמרא?... מיר איז מיינע הוצאות דאָ אויסגעגאַנגען, איך האָב ווייטער ניט געקענט פאָרן, בין איך דאָ געבליבן. אָבער איך ווייס ניט, צי זאָל איך גאָט דאַנקען דערפאַר, וואָס איך בין אַהערצו אַריינגעפאַלן, און האָב דאָ אַ ביסל צייט געהאַט צו באַקלערן, ווו איך האַלט, אָדער איך זאָל שילטן דעם צופאַל דעריבער. דען איך קען זיך זיך זעלבסט ניט צופרידן שטעלן איבער מיינע טעג עסן, איך קען זיך ניט צוגעוווינען צו דעם לעבן, צו די איבעריקע בטלנים. אָ, אַז איך וואָלט קריגן אַ תלמיד פאַר קעסט און קוואַטיר, און נאָך פיל-ווינציק געלט, איך זאָל האָבן נאָך אַ יאָר צייט, מיט וואָס דעם ערשטן טריט צו מיין צוועק צו שטעלן, דאַן וואָלט איך זיך איצט גליקלעך שעצן!

— איך האָב פּאַר דיר אַ תּלמיד, — האָט שנייאור געזאָגט, — מיין מוטער האָט שוין לאַנג געהייסן דאָס ביי דיר פרעגן, נאָר מיין שוואָגער האָט אָפּגעשלאָגן, און געזאָגט, עס לוינט ניט, איצט וועט ער ניט אויספירן, דו וועסט זען!

אין די רייד האָט דער זייגער געשלאָגן פיר, אַנדערטהאַלבן שעה האָט יוסף געשלאָפן, באַלד אָבער זענען געקומען די ותיקין־לייט און אַרויפגעקראָכן איבער יוספן אויף דער ליזשאַנקע, זאָגן זייערע תהלים אָדער מעמדות, תניא, אָדער לערנען אַ שטיקל נועם־אלימלך, ווי ווער אין וואָס ער האָט אַ געשמאַק... ניט איין מאָל האָט יוסף געפילט, ווי עס האָבן זיך צוגעריירט צו זיין קוים־באַדעקטן קערפּער נאַסע שטיוול. ער האָט אָבער זיך ניט געקאָנט אויפכאַפּן.

— שטיי אויף! — האָט אַ געשריי געטון אַ הויכער, אַ דאַרער יונגערמאַן ווי אַ כאַרט, מיט עכט־אויסגעווייקטע נאַסע פּייקעלעך. — שטיי אויף, זאָגט מען דיר! וואו זענען די יאָרן? אַמאָל פלעגט קלינגען אַ גאַנצע נאַכט אין בית המדרש, איצט שלאָפן די בטלנים, ווי די פּריצים. וואָס פעלט זיי, עסן און טרינקען האָבן זיי, קיין דאגות ניט, לערנען ניט אַ שמיר, כ׳לעבן, איך וואָלט שוין אויך וועלן ווערן אַזאַ בטלן.

יוסף האָט זיך באַלד אויפגעכאַפּט, און שנייאורקע איז צוגעגאַנגען און געבעטן, ער זאָל גיין מיט אים טיי טרינקען. יוסף האָט אָבער נישט געוואָלט גיין.

— יוסף, די מוטער קען דיך שוין, די ווייבער אין בית המדרש דערציילן איינע דער אַנדערער אַלץ. אין פּאַריקן שבת האָט דערציילט אונזערע אַ שכנה, אַז זי איז געוועזן ביים רב אַ שאלה פרעגן, האָט ער דיר געהייסן פּסקענען. דו ווייסט, אַז מען בענטשט זיך מיט דיר, און מיין מוטער זאָגט, עס איז אַ מצוה דיך מקרב צו זיין...

— אַ דאַנק דיר פאַר די בייעס, — האָט יוסף געזאָגט, — איך בעט דיר, זאָלסט מיר ווייטער אַזעלכע בייעס ניט דערציילן. און איבערהויפּט קיינעם ניט זאָגן זיין לויב אין די אויגן. וואָרום אַ קליין שטיינדל, אַז עס פאַלט אַריין אין רואיקע וואַסער, הייבט אויך אויף וועלן, און דאָס וואַסער פאַרלירט דעם גלייכגעוויכט. און פיל מער אַ מענטשנס האַרץ, וואָס עס איז ניט אַזוי טיף און ווערט

ניט אַזוי גיך צוריק רואיק ווי וואַסער... שנייאור, דו זאָלסט עס וויסן און אין זינען האָבן. פון אַנדערן אויף זיך זעלבסט אויך ניט צו הערן. און פיל מער דעם אַנדערן ניט צו זאָגן.

— יוסף, אויב עס איז אמת, וואָס דו האָסט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז אין ביכער געפינט זיך, אַז מענטשן האָבן אויך מאַגנעט, ביזטו מיין מאַגנעט, וואָס דו האָסט מיך צוגעצויגן איגגאַנצן. איך האָב דיך האָלט. איך ווייס פאַרוואָס איך האָב דיך האָלט, אָבער איך ווייס ניט, ווער עס הייסט מיר דאָס!

און ווירקלעך געפינען מיר דעם מאַגנעט אין מאַנכע דענקענדע מענטשן און אין די, וואָס זענען פון שטאַרקערן כאַראַקטער, דאָס זיי ציען צו די איבעריקע פון געזעלשאַפט, און יענע קאָנען זיך אייגנטלעך קיין רעכנונג נישט געבן, פאַרוואָס זיי ווערן אַזוי אָנגעהאַנגען צו יענעם? און דאָס איז איינע פון די געהיימע זאַכן פון דער השגחה דורך דעם אויסצופירן אירע מעשים — וואָרום אָן דעם וואָלטן קיין זשעניען אין דער וועלט ניט געווען. און די מענטשן וואָלטן געבליבן אויף דעם זעלבן שטאַנד, וואָס זיי זענען באַשאַפן געוואָרן. —

אין בית-המדרש האָט זיך שוין געהערט דער ברייטער ניגון פון הודו, וואָרום דאָ האָבן געדאַוונט חסידים. און עס איז זייער אינטערעסאַנט געווען צו זען, ווי פיל נאַסע פון מקוה-אויסגעווייקטע פאות און פאַרפּראָרענע בערד, מיט פּיפּקעס אין מויל און גאָרגעטשי-קעס האָבן אומגעטאַנצט איבערן בית המדרש, קנאַקנדיק מיט די פינ-גער און באָמקענדיק און פאַרדבקהנדיק זיך, אַז עס האָט אונזער יוספן פשוט געהאַדזשעט דאָס זעענדיק און הערנדיק. ער איז זיך גע-שטאַנען שטיל און האָט געדאַוונט. שנייאורקע, נישט אַראָפּלאָזנדיק אַן אויג פון אים, האָט אויך געוואָלט דאַוונען אַזוי ווי ער, אָן קנייטשן און אָן שיקלען זיך, אָבער זייער אָפט האָט ער זיך אַ באָמ-קע געטון, אָדער אויסגעשריען: אָ, טאַטעניו! האַרצעדיקער! און נאָך אַזעלכע ווערטער, וועלכע עס קומען נישט אַזוי פון האַרצן, ווי פון געוויינטשאַפט. יוסף האָט דאָס באַמערקט און האָט זיך פאָרגענומען אים צו דערקלערן, וואָס הייסט דאַוונען, און פון וואַנען עס קומט דאָס באָמקען זיך אַהערצו, ער האט איבערהויפּט גערעכנט אים אָפּ-

צוגעוויינען פון דער פאַרגראָבטקייט, וואָס ער איז פאַרגרעבט געוואָרן דורך זיינע ביז איצטיקע מלמדים און חברים.

נאָכן דאַוונען האָבן זיך געזעצט צוויי יונגעלייט לערנען. איינער פון זיי איז געווען שנייאורס אַ שוואָגער משה שנייאור, און די, וואָס האָבן אים געקאָנט האָבן געוווסט, אַז ער מיינט ניט די הגדה, נאָר די קניידלעך, און מיינט גאָר אויסצונאַרן מיט זיין „יושב באהלים" ביים שווער די בכורה...

ב

דער בּריוו

אין עטלעכע וואָכן אַרום זעען מיר אונזער יוסֿפֿן ווידער זיצנדיק שפּעט אין דער נאַכט, און פֿאַרטיפֿט לייענענדיק אַ געשריבענעם פּאַפּיר פֿון אַלע פֿיר זייטן. דאָס איז געווען זיין בּריוו צו זיינע עלטערן. בּאַלד ווי ער האָט געענדיקט אים, האָט ער אים אָנגעהויבן צו לעזן פֿונדאָסנייַ:

„ליבּע און טייערסטע מוטער!

איך ווייס, אַז איך האָב אומרעכט קעגן דיר, וואָס איך האָב צו דיר ניט געשריבּן בּיז היינט? אָבּער איך דאַרף דיר גאָר אום פֿאַרצייאונג ניט פֿיל בּעטן. וואָרום דו האָסט, חלילה, אויף מיר קיין בּייז ניט געטראַכט. דו ווייסט, ווי דו ליבּסט מיך, און ניט ווייניקער ליבּט דיך דיין יוסף. דאָס וואָס איך האָב דיר לייד און זאָרג געמאַכט, בּין איך ניט שולדיק. עס האָט זיך שוין אַזוי געמאַכט און איך האָב דיר ניט געוואָלט מצער זיין, און זיך אַ כּח אָנגעטון איבּערצוּוואַרטן די שלעכטע צייט און דיר דערציילן נאָר גוטס. נאָר גוטס וויל איך דיר דערציילן, וואָרום אַזאַ מוטער ווי דו איז דאָך דאָס ווערט! זע נאָר, ווי גאָט פֿאַרלאָזט ניט, און ווי זיין חסד איז אומעטום, עלנט בּין איך דאָ געווען, אין בּית המדרש האָבּ איך קיין אָרט נישט געהאַט? איך האָבּ זיך גאָרנישט געקענט צוגעוויינען צו דער האַרטער בּאַנק, צו דער קעלט, אָ, צו דעם נאָמען בּטלן... איך וויל עס נישט פֿאַרהוילן פֿון דיר, איך האָבּ שיר נישט חרטה געהאַט אויף דעם גאַנצן עסק, אָבּער דיין צער, וואָס דו וואָלסט דערפֿון געהאַט, האָט מיר נישט דערלאָזן טאָן, וואָס מיר האָט זיך געוואָלט? איך בּין זיך מודה, אַז איך האָבּ געוואָלט קומען צוריק אַהיים. איך ווייס, דו וואָלסט מיך פֿאַר אַ גאַסט צוגענומען, אָבּער

דיין האַרץ וואָלט פונדעסטוועגן געוויינט, קוקנדיק אויף מיר, אַז איך זיץ אָן אַ תּכלית. דער געדאַנק האָט מיך געפּלאָגט, אָבער צו מיין — איך ווייס אַליין ניט ווי דאָס אָנצורופן — גליק אָדער וועד ווייס נאָך צו וואָס, האָט איר גאָט צוגעשיקט אַ ברודער — איך רוף אים אַזוי אָן, אָבער אין אמתן איז ער מיר נאָך בעסער ווי אַ ברודער, ער האָט מיך אין זייער שטוב אַריינגעבראַכט. און דאָ האָבן זיך פאַר מיר געפינען נייע עלטערן. אַ נייע מוטער. ליבע מוטער! דו וועסט דאָס פאַר קיין עוולה ניט רעכענען, אַז איך ערלויב זיך דיין הייליקן נאָמען, וואָס איז נאָר פאַר יעדן מענטשן איינער, דעם טרייען נאָמען „מוטער" אויף אַ פרעמדער יידענע צו לייגן. דו ביזט מיר טריי, וויל איך בין דיין בלוט און פלייש, דו קענסט אייגנטלעך גאָר זיך ניט פאָרשטעלן, ווי קענסטו מיר ניט טריי זיין, ווי גוט און ווי טריי דו ביזט ווייסטו גאַנץ געוויס, אַז דאָס פרעמד קינד ליגט דיר ניט אַזוי אין האַרצן איינגעבאַקן ווי איך. דו פילסט, אַז איך בין דיר טייערער פאַר אַלע אַנדערע. וואָס אָבער וואָלסטו אַליין זאָגן, אַז דו וואָלסט זען, ווי גאָר אַ ווילד פרעמדע איז מיר אַזוי געטריי, אַזוי גוט, — אָ, שטראָף מיך ניט גאָט, אויב דאָס איז אַ זינד, — אַזוי אפשר ליב ווי דו?.. טאָג און נאַכט האַלט אָט די פון גאָט מיר צוגעשיקטע אַן אָפענע אויג אויף מיר. איך שעם זיך אַזוי ווייט אַרויסצורעדן, וואָס זי טוט פאַר מיר. אין מיטן נאַכט איז זי ניט פויל מיך צו גיין צודעקן, מיינע זאָקן, צי זענען זיי נאַס אָדער צעריסן, איך געפין זיי איצט אינדערפרי גאַנץ און ריין. איך האָב באַמערקט, אַז זי לאָזט קיין אַנדערן ניט מיר מיין בעט אויסבעטן, נעכטן האָט זי מיר אין מיטן נאַכט מיין קישן אונטערגעהויבן, וועלכע האָט זיך אַראָפּגערוקט. איך האָב געהערט, ווי זי האָט מיר דעם קאָפּ אונטערגעהויבן מיט די וואַרעמע מוטערלעכע הענט; איך האָב געהערט אירע הייסע טרייע ליפּן, ווי זיי האָבן זיך צוגערירט צו מיין שטערן. איך האָב געהערט ווי זי האָט געזאָגט: „ווי קען אַ מוטער אַזאַ קינד פון זיך אַוועקלאָזן אונטער די אויגן? דו האָסט דאָ קיין מוטער ניט, איך וועל אויף איר אָרט זיין! בענטש מיך, רבונו של עולם, מיט אַזאַ קינד!" איך האָב דאָס אַלץ געפילט, געהערט און זיך געמאַכט שווייגנדיק. דאָס האַרץ האָט מיר געקלאַפּט, איך האָב דעם אָטעם פון איבערלעכע

געפילן, וואָס האָבן זיך אין מיר בעת מעשה דערוועקט — קוים געקאָנט אָפּכאַפּן. עס האָט זיך אַ שרעקלעכער זיפץ אַרויסגעריסן פון מיין הארצן, און אַזוי ווי אַ ווידערקלאַנג אויף מיין שווערן זיפץ, האָב איך באַלד דערהערט איר זיפץ, אַוועקגייענדיק אויף די שפּיצן פינגער. איך האָב שוין פון גרויס באַוועגונג ניט מער געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. טויזנטער געדאַנקען האָבן זיך אין מיר אויפגעכאַפּט. מיין גאַנצע קינדהייט האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט, ווי איך בין אַ אַ קינד געווען און דו פלעגסט מיר דערציילן דיינע מיר זייער ליבע געשיכטעלעך, ביי מיר אויספרעגן אַלע מיינע סודות. איך שווער דיר, אַז ניט איין זאַך פלעג איך פון דיר באַהאַלטן. איך האָב דיר קיינמאָל קיין ליגן ניט געזאָגט, און ניט באַדאַרפט ליגן זאָגן, ווייל דו האָסט מיך פאַר אַ היזק אָדער פאַר אַ פעלער קיינמאָל ניט באַשטראָפט. דו האָסט מיר נאָר דערציילט, ווי מען האָט דיך באַשטראָפט קינדווייס פאַר אַזאַ פעלער, דו האָסט מיר באַוויזן ווי דאָס פאַרבעסערן, און פלעגסט פאַר מיר דיין גאַנץ הארץ אויסדערציילן. איך געדענק, ווי איך פלעג זיך פאַרנעמען דאַמאָלס דיך פון דיינע אַלע זאָרג צו באַפרייען און זיך סטאַרען מיט אַלע מיינע קינדערשע כוחות ניט צו טון וואָס דיר געפעלט ניט. דו ביזט מיר ניט ווי אַ מוטער מיט איר קינד באַגאַנגען, נאָר ווי אַ טרייע מער־ערפאַרענע שוועסטער מיט מיר געלעבט, אָדער טאַקע ווי אַ מוטער, אַ רעכטע קלוגע מוטער, וואָס ווייס אירע קינדער צו ערציען. מיר האָבן דיינע טרערן ביי מיין אַוועקפאָרן פאָרגעשטעלט אַלץ. אַלץ וואָס איך געדענק און וואָס איך וועל ניט פאַרגעסן האָט מיר זיך פאָרגעשטעלט. און נאָך דעם אַלץ, מיט וואָס האָב איך דיר באַדאַנקט? איך געפין אין מיין גאַנצער אָפּגעלעבטער צייט נאָך ניט אַ האָר, ניט איין זאַך, מיט וואָס איך האָב דיר באַצאָלט, אָבער מיט וואָס באַצאָלט דען יעדעס קינד פאַר דעם גוטס, וואָס זיינע עלטערן, איבערהויפּט וואָס זיין מוטער טוט מיט אים? ניט מער ווי מיט דעם נאָמען „מוטער״, וואָס אַ פאַרשטענדיקטע מוטער פאַרשטייט דאָס ווי צו שעצן, ווען עס רופט זי אַזוי איר פאַרשטענדיק קינד „מוטער״! דער דאַנק געהער נאָר דיר אַליין, און דו מוזט מיר פאַרצייען, אַז מיט דעם ליבן ווערטן נאָמען וויל איך איצט אָנרופן אָט די פרעמדע. איר דערמיט מיין

דאַנק אויסצודריקן, כל זמן איך האָב נאָך ניט מיט וואָס אַנדערש איר צו באַצאָלן פאַר איר גוטסקייט, פאַר איר טרייהייט, וואָס גאָר אומפאַרדינטערהייט באַווייזט זי קעגן מיר. פאַרגין איר דאָס, פאַרגין דאָס מיר אויך, דען עס איז מיר אַ טרייסט, אַז איך רעכן, איך באַצאָל איר כאָטש דערמיט פאַר איר חסד מיט מיר. איך וויל איר טריי זיין, איך וויל איר אַ גוט קינד זיין, דען זי איז דאָס ווערט. זי וויל עס. עס בלייבט דיין ליבע אומגערירט אַזוי שטאַרק ווי זי איז געווען. אָבער די צווייטע מוטער מוז איך אויך שטאַרק אָן גרענעצן ליבן !..

איך שרייב דיר איצט פון זייער שטוב, איך בין דאָ אַ בן בית. דער ברודער, וועלכן איך האָב שוין דערמאָנט, האָט מיך צו זיי אַריינגעבראַכט, איך לערן מיט אים, ער איז נאָך אפילו זייער קינדעריש, אָבער נאָך אומשולדיק און צופרידן ווי אַ קינד.

ער האָט נאָך צוויי שוועסטער. איינע איז אַלט אַ יאָר זיבעצן אָדער אַכטצן און הייסט ראָזע — איר נאָמען פּאַסט צו איר, ווייל זי בליט ווי אַ שיינע רויז אין דעם הערליכן גאָרטן, אָדער ווי אַ קלוגע טאָכטער ביי פאַרשטענדיקטע גוטע עלטערן.

זי איז רעכט באַשיידן, מיידט אויס יעדע איבריקע רייד, און האָט אַ נאָמען פאַר אַ גוטע, מער פאַר אַלץ געפעלט מיר אין איר איר ניט גרויס־האַלטן זיך קעגן אָרעמערע פאַר איר, קעגן ניט וויסנדע, ניט ווי אַנדערע פון דעם שטאַנד. מען זאָגט, אַז זי איז אַמאָל אַ פריילעכע געווען. איצט איז זי נאָר פאַרטראַכט און שטיל. מיר האָבן נאָך צווישן זיך קיין ווייטערע געשפּרעכן ניט געהאַט, ווי אַן ערקלערונג פון אַ וואָרט, וואָס זי פאַרשטייט ניט אין אַ בוך, אָדער פון דעם אַרט ווערטער, וואָס אַ מענטש מיט אַ מענטשן קאָנען זיי ניט אויסמיידן, ווען מען איז אין איין הויז.

די יונגערע שוועסטער הייסט רוחמה, אַ נאָמען וואָס אַן אורח ביי זיי אין הויז האָט זי אַזוי אָנגערופן און וואָס פון דאַמאָלס אָן האָט מען איר רעכטן נאָמען פאַרגעסן, ווי זי הייסט נאָך איר באָבען. זי איז אַ קלוגע, אַ שיינע, בלאָע אויגן, בלאָנדע האָר, אַ פריילעכע, אַ לוסטיקע, און אַזוי ווי אַ ליכט פאַרטרייבט די פינסטערניש, אַזוי פאַרטרייבט איר ליב געזיכט אונמוט און זאָרג. ווו זי איז, איז לוס־

טיק, דאַרט הערט זיך שוין לאַכן און זינגען. איך קאָן דיר ניט פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ טייער קינד דאָס איז, זי איז מיר אַ שוועסטער און רופט מיך „מיין יוספקע”. איך לערן זי שרייבן און לעזן, זי האָט זייער אַ גוטן קאָפּ, אָבער ווי אַלע גוטע קעפּ, ניט פלייסיק. — ווענן געהאַלט, האָב איך ניט גערעדט, איך האָב קעסט און קוואַטיר, איך האָב פריינד און פאַרגניגן און מיר פעלט גאָרניט. איך לערן פאַר זיך זייער פיל; איך בין זיך מודה, איך לערן רוסיש און דייטש אויך פיל. איך מוז אָבער זיין דערמיט אָפּגעהיט, מיין צווייטע מוטער, אָן קונצן אַ פרומע יידענע, זאָל דערפון קיין צער ניט האָבן. און מיר איז כדאי די מי, זי פון צער צו פאַרהיטן. איך האָב צום פאָטער אַ גאַנצע מגילה מיט תורה געשריבן, דאַכט זיך, ער דאַרף שוין מיט מיר גוט זיין. איך בעט דיר, זע, אַז ער זאָל מיר שרייבן. איך האָב עס ניט פאַרדינט, איך בין אַן ערלעך קינד און מודה געווען, אַז ניט גמרא אַליין איז מיין ווילן, אַן אַנדערער וואָלט געלייקנט און געמוזט פאַלש זיין. דאָס אָבער קאָן איך ניט, זיי געזונט, גריס אַלעמען, עס ליבט דיך ווי זיין לעבן דיין יוסף.”

יוסף האָט זיך גוט פאַרטראַכט, באַלד ווי ער האָט געענדיקט לייענען דעם בריוו. דאָס האַרץ איז אים פול געווען. ער האָט שוין פון עטלעכע טעג באַמערקט, אַז מיט אים איז עפּעס ניט גלאַט. — „מיך פאַרדריסט, האָט ער צו זיך געזאָגט, וואָס איך האָב דער מוטער געשריבן וועגן ראָזען. זי קאָן מיינען: איך ווייס וואָס. אַך, גאָט, איך טו שטענדיק ניט, וואָס איך וויל! ניין, זי וועט מיך גאָר ניט חושד זיין, זי קען מיך, אַז איך פאַרלייקן פון איר גאָרניט, און וואָס איז דאָ באַזונדערס, ווען איך באַשרייב איר אין וועלכער געזעלשאַפט איך געפין זיך? ראָזע איז ווערט איך זאָל זי אין זינען האָבן פאַר איר גראַדן כאַראַקטער, פאַר איר אמת און ווירדע, און פונדעסטוועגן שעם איך זיך זעלבסט פאַר דעם געדאַנק. ניין! איך האָב זיך ניט וואָס צו שעמען, איך ווייס און קען זיך!

יוסף האָט זיך באַרואיקט און איז אַנטשלאָפן געוואָרן. „שלאָף רואיק! — זאָגן מיר אים, — ווילאַנג דו קענסט זיך נאַרן און דיינע געדאַנקען לאָזן דיר עס נאָך — אַלזאָ, אַ גוטע נאַכט!”

ג

דער שוואַרצער יונגערמאַן

„אָן טריט פון גליק האַלט זיך דער אומגליק" — זאָגן פּאָעטן, און „עס איז ניטאָ קיין גוטס אָן שלעכטס"—זאָגט יעדער געניטער מענטש. אין אונזער געשיכטע זעען מיר אָט דיביידע שפּריכווערטער מיטאַמאָל. אָן אונזער ליבן יוספס גליק, וואָס עס האָט אים ווי דער מאָרגנרויט אָנגעהויבן אויפצושיינען, און קוים איז נאָר אין זיין ליכטיקן הימל די זון אַרויס, ווי פון דער אַנדערער זייט איז געוואָרן ווינטיק, און זיך אָנגעהויבן צו קלייבן וואָלקנס שווערע און שוואַרצע, אום פינצטער צו מאַכן מיטאַמאָל זיין קוים־אויסגעלייטערטן הימל. יאָ, „אָן טריט פון גליק האַלט זיך דער אומגליק" — דאָס איז אמת. דער גליקלעכער אָבער זעט דאָס ניט, און ווער ווייס, אויב דאָס גופא — וואָס ער זעט ניט דעם נאָכגייענדן אומגליק — איז ניט דער גרעסטער גליק? וואָרום, ווען מיר וואָלטן זעען אין אונזער פרייד דעם טרויער, וואָס ליגט אין אים, אָדער וואָס קומט אַרויס פון אים, וואָלטן מיר זיך ניט פרייען, און קיינער וואָלט דעריבער ניט גליקלעך זיין! ווען אונזער יוסף וואָלט געעפנט די אויגן און אַ קוק געטון, וואָס עס פלעכט זיך און וועבט זיך פאַר אים אין דער אַנדערער שטוב, וואָלט ער געוויס אָנשטאָט דעם, וואָס ער האָט אינדערפרי גאָט געדאַנקט פאַרוואָס ער טוט מיט אים חסד, וואָס ער האָט אים אַריינגעפירט אין אַזאַ מענטשן־פריינדלעכע פאַמיליע, בעסער געבעטן, מיט טרערן געבעטן גאָט, ער זאָל אים אַרויספירן פון דאַנען, ווילאַנג עס איז נאָך צייט. ער אָבער, נישט חושד צו זיין וואָס דאָ קאָן זיך גאָר טון מיט אים, איז זיך גליקלעך געווען, און אַ שבת אָפּגעגעבן צו זיין ליבן נאָמען פאַר דאָס גוטס, וואָס ער צייגט אים. מיר דאַרפן אויך קיין אַכזרים ניט זיין, אום אויפצורייסן

די אויגן פאַר דער צייט. לאָמיר אים לאָזן גליקלעך זיין, ווילאַנג ער איז דאָס נאָך!...

שנייאורס שוואָגער, פאַר וועלכן יוסף האָט זיך אָנפאַנגס כמעט געשראָקן, האָט זיך קעגן אים געשטעלט זייער פריינדלעך, אַז ער איז מיט אים אין איין שטוב געווען. ער פלעגט מיט אים זייער אָפט רעדן פון בילדונג, ניט ווי מיט אַ ישיבה־בחור, וואָרום ער האָט דער־קענט אים, אַז ער האָט אַ ידיעה אין היסטאָריע, איבערהויפט, אין דער יידישער היסטאָריע, וואָס ער, דער שוואַרצער, האָט קיין אָנהויב דערין נישט געוווּסט; דאָס יוסף האָט אַ גרויסע ידיעה אין תנ"ך און שרייבט שירים אין לשון קודש, וואָס מען דאַרף נישט בעסער; דאָס ער ווייס אַ וועלט, ווייס ידיעות פון דער נאַטור, וואָס פון דעם אַלץ האָט ער ביז איצט ניט געהערט און ניט געוווּסט. ער האָט אַ קוק געטון, ער קען זיך פון אים עפּעס לערנען, ווערן אַ מושלם, ווי ער האָט זיך שוין דערמיט לאַנג באַרימט, כאָטש ער האָט גאָר־ניט געקאָנט. האָט ער אים אָנגעהויבן צו נעמען צו זיך אין חדר און אָפּזיצן מיט אים גאַנצע אָוונטן, אים אָפּגעבן כבוד פאַר זיינע ידיעות, אין דער צייט, וואָס ער איז ביי אים געווען, וואָס דאָס איז יוספן איבריקס נישט געפעלן. אונטער די אויגן האָט ער אים קיין אַנדער נאָמען ניט גערופן ווי „בטלן", אָדער „אָרעם־בחור". עס האָט געטראָפן, אַז ער פלעגט אים דאַרפן אַ רוף טון, פלעגט ער אויך אַ געשריי טון „בטלן, זיי מוחל!" און פלעגט אים באַלד מחילה בעטן, פאַרוואָס ער האָט אים גערופן אַזוי. — „איך בין חלילה ניט אויסן דיך צו באַליידיקן דערמיט", פלעגט ער זאָגן, „איך האָב נאָר אַזוי דיין נאָמען פאַרגעסן".

— זאָגט מיר, ליבער פריינד, ניט נעמט נאָר פאַר אומגוט, — האָט אַמאָל יוסף אים געענטפערט, אַז אים איז שוין מאוס און מאוס געוואָרן זיין שטענדיק מחילה בעטן, — זאָגט מיר, וואָס איז אייגנט־לעך דער טייטש פון בטלן? פאַרוואָס ווילט איר, אַז איך זאָל זיך דערמיט שעמען? איז אַ חרפה, אַז איינער פאָרט אַוועק אין דער פרעמד לערנען? ביי אונז איז אַ בזיון אַ קרעציקער ישיבה־בחור, אָבער אַ ישיבה־בחור ניט אַ קרעציקער, אַ מענטש מיט וויסנשאַפט פיל ווינציק, האָט זיך ניט וואָס צו שעמען, אַז ער איז ניט רייך און

קאָן קיין קוואַטיר ניט דינגען און מוז זיך נעבעך אין בית המדרש אויפהאַלטן. זאָגט מיר, וואָס דען זאָל טון אַן אָרעם קינד, וואָס זיי־נע עלטערן ווילן דורכויס, ער זאָל זיין אַ למדן? האָט ער עפּעס ביי אונז יידן אַנדערע תכליתים? גלויבט מיר, ביי מיר קומט אויס אַ סך אַנדערע זאַכן, וואָס ניט איצט איז די צייט צו רעדן וועגן זיי, איך וועל אייך זאָגן גאָר איינפאַך, ביי מיר קומט בעסער אויס, אַז איך וואָלט האָבן היינט אַ קינד, אַזוי ווי מיינע עלטערן האָבן מיך אין זייער אָרעמער לאַגע, וואָלט איך אים בעסער צו אַ בעל מלאכה אַוועקגעבן, איידער צו זיין אַ ישיבה־בחור. אָבער וואָס העלפט עס, ניט אַלע האָבן איין שכל. זאָל איך מיינע עלטערן לעבעדיקער־הייט אין דער ערד אַריינלעגן, און זיך טון, וואָס איך וויל, וואָס ביי מיר קומט אויס? איך קאָן עס ניט, גאָט איז מיין עדות! און ווי מען זאָגט: „איז מען אַ סאָלדאַט — דאַרף מען קאָנען פּולווער שמעקן״, — האָב איך מסכים געווען צו זיין אַ בטלן, מוז מיר אויך ליב זיין דער נאָמען. איך בעט אייך, רופט מיך אָן ווי אייך איז בעסער. ווידער, אַ נאָמען מאַכט גאָרניט אויס. מען דאַרף זוכן אַ מענטשן אין מענטשן אָבער ניט אין נאָמען.

— אַזוי מיינסטו, — האָט געענטפערט דער שוואַרצער מיט אַ באַהאַלטענער כוונה אים אַראָפּצעוואַרפן, אים גלאַט אָנצוטון שמערצן גאָר אָן סבה. — אַזוי מיינסטו. פרעג אָבער וואָס זאָגן היינטיקע מיידלעך: „אַ בטלן פאַר קיין געלט ניט, בעסער איך ווייס וועמען איידער אַ בטלן!״ ביי אונז איז אַ גוזמא, אַז אַ שוסטער נעמט אַ בטלן. געוויינטלעך נעמט אַ מלמד פאַר זיין פינף און צוואַנציק יאָריקער מויד אַ בטלן אַ מאַן, און ער ווערט אויך אַ מלמד ווי זיין שווער. ווו קריגט מען אַזוינע, וועלכע עס זוכן מענטשן אין מענטשן? פּרוב זיך אדרבה, זאָג אַז דו ווילסט אַ שידוך טון, מיט וועמען וועט מען דיר רעדן—מיט אַ קצב, אַ שניידער, אָדער אַ מלמד, און אַז גוט, וועסטו נעמען הונדערט רובל נדן. און וואָס טויג דאָ קאָנטשאַפט?

— איר דאַרפט וויסן זיין, ליבער פריינט, אַז ערשטנס האַלט איך פון אַ שידוך גאַנץ ווייט, וואָרום מיר איז איצט סך־הכל דער זיבנצעהנטער יאָר. ווידער בין איך אייגנטלעך גאָר קיין בטלן ניט. איך פאַרדין ביי אייער שווער מיין ברויט, איך לערן ביי אייך אין

שטוב. צי דען ווייל איך האָב זיך אויפגעהאַלטן אין בית־המדרש, בין איך דערפאַר אַ בטלן געוואָרן? אָבער עס מעג זיך זיין ווי עס איז, איך שעם מיך דערמיט ניט און איר קאָנט מיך אָנרופן בטלן כאָטש פאַר הונדערט מנינים מענטשן, מיר מאַכט דאָס גאָרניט אויס.

— פאַר הונדערט מנינים, אָבער ניט פאַר איין מיידל... — האָט געענטפערט דער שוואַרצער מיט אַ מיין.

יוסף האָט דעם מיין ריכטיק ניט פאַרשטאַנען, ער האָט נאָר געפילט, אַז דאָ ליגט גיפט. אים האָט פאַרדראָסן באַזונדערס, וואָס ראָזע האָט דאָס געהערט, ער האָט זיך באַמיט פאַרטיידיקן די בטלנים, כאָטש ער האָט זיי אַליין פיינט געהאַט, ווייל ער האָט זיי געקענט און ער האָט געקענט זייער לאַגע, אַז זיי קאָנען ביי אַזעלכע אומשטענדן ניט בעסער זיין, ווי זיי זענען, האָט ער אויף זיי רחמנות געהאַט, און אים פלעגט רעכט קרענקען, אַז ער פלעגט הערן מען זידלט זיי. יידן! — פלעגט ער זאָגן, — דאָס איז אייער צירונג, דערמיט רימט איר זיך, און דאַן פאַראַכט איר דאָס. דאָס זענען דיינע קרבנות, קאַלעטשעטע מענטשן, כאַראַקטערלאָזע מענטשן, שנאָרער און חנפים. נאָר ווער איז דערין שולדיק אויב ניט דו אַליין, מיין ליב פאָלק, מאַכסט זיך די ווונדן און זוכסט אפילו קיין פלאַסטער ניט. דו אַליין שמירסט איין דיין פנים אין ריס, אין קויט, און לאַכסט דערנאָך פון זיך אַליין.

אָ, אַז מען וואָלט דיר אַ שפּיגל דערלאַנגען, און וואָלסט זען דיין ריכטיקן פנים, וואָלסטו זיך אפשר ניט דערקענען!

יוסף האָט אַ טאָג־בוך געשריבן. אַלע געדאַנקען, וואָס זענען אים טעגלעך אַרויף אויפן זינען, אַלץ נאָר וואָס האָט אויף אים אַן איינדרוק געמאַכט, איז ביי אים פאַרשריבן געוועזן. און ווי האָט ער זיך געוווּנדערט, אַז ער האָט דערזען, אַז דער שוואַרצער, אָדער דער שוואָגער שנייאורס, האָט אים אָנגעהויבן צו פאַרפאָלגן. „עס איז ניט אומזיסט, — האָט ער זיך געזאָגט — וואָס קאָן ער מורא האָבן אָדער מיר חושד זיין?...

אָ, אַ טעות, מיין פריינד, איך קען זיך און בין גענוג אָפּגעהיט, נאָר טאָמער ווייס ער מער פאַר מיר, טאָ וואָס בין איך שולדיק, און וואָס שאַדט דאָס אים?

דער שוואַרצער, ווי מיר רופן אים אָן, האָט אייגנטלעך געהייסן משה שנייאור, צוויי נעמען. זיין שוואַרץ ווי אַ מורין געזיכט, האָט געמאַכט, אַז יעדער נייער מענטש, וואָס האָט אים נאָך מיט זיינע צוויי נעמען ניט געקענט, — וואָס ביי זיי אין איינפּאַר הויז האָט דאָס אָפּט געטראָפן, — האָט אים גערופן „שוואַרצער", „אָט דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק", און פון געוויינהייט רופן מיר אים אויך אַזוי.

דער שווער זיינער האָט אים גענומען אַ הוילן יונגל, מער ניט ווייל מען האָט געזאָגט, ער קאָן לערנען. מען האָט אים באַקליידט און באַנייט פון קאָפּ ביז די פיס, געשאָטן פּאַר איטלעכן בריוועלע זיינעם, — וואָס אייגנטלעך אַ לערער האָט אים די פאָרשריפט אויפגעשריבן — מיט גאָלד. די כלה זיינע, אַ מיידל מיט אַ שטילן כאַראַקטער, און נאָר אַ ביסל ניט קלוג אָדער אַלטמאָדיש, האָט זיך געשעמט גאָר אַרויסצוזאָגן איר איניקסטן געפיל, און האָט זיך פאַרקויפט פאַר אַ שאַנד אין פנים. איבריקנס, האָבן מיר איר האַרץ ניט געמאָסטן. ווי זי איז מיט אים איצט — ווייס זי, און אירע וווּנדן טראָגט זי אַליין?

שוין דריי יאָר נאָך זייער מזלדיקער חתונה, דער שוואַרצער האָט זיך אַריינגעמאַכט אין שטוב און האָט ווי אַ פוקס, געוווּסט ווי געפעלן צו ווערן שווער און שוויגער. דער שווער, אָדער פרידמאַן, — אַזוי איז ער מיט דעם נאָמען אומעטום באַקאַנט געווען — איז שוין געווען אַן עלטערער ייד, און אים זענען זיינע געשעפטן און נאָך די ביכער פירן צו שווער געווען צו עלטערע יאָרן, האָט ער אָנגעהויבן דעם נייעם איידעם צולערנען פירן דאָס בוך און צו צוניצן אים צום געשעפט. נו, קאָן מען זיך פאָרשטעלן, וואָסערע צרות ער האָט אָנגעטון. אין שטוב איז ברוך השם געווען אַ שפע און אים איז דאָס ניט שווער געווען. אַזאַ מענטש מיט אַזאַ כאַראַקטער קאָן זיך קיינמאָל ניט באַגנוגענען מיט דאָס גוטס, וואָס מען טוט מיט אים. אים איז אַלץ ווייניק געווען און ער האָט זיך אַלץ באַקלאָגט, דאָס ער האָרעוועט פאַרן שווערס געזינד אומזיסט. ער איז געווען זיי אין האַרצן אַ דם שונא, אים האָט פאַרדראָסן, פאַרוואָס לעבן זיי אויף דער וועלט, אַזוי ווי דאָס געלט, וואָס מען גיט אויס אויף זיי, וואָלט זיין פון זיין קעשענע גענומען. און ווי גליקלעך וואָלט ער געווען, אַז זיין שווער

וואָלט מער קיין קינדער ניט געהאַט, און ער אַליין, קיין צווייטער מיט אים, זאָל זיין דער גאַנצער יורש! — „ווי ווערט מען פון דער משפחה פטור”? — פלעגט ער זאָגן ביי איטלעכן מאָל, אַ ניי קלייד אָדער שוך, אָדער רבי געלט, אַז ער פלעגט דאַרפן פאַרשרייבן. און אַז מען זאָל נעמען באַשרייבן זיינע שוואַרצע געדאַנקען, וואָס זיין קאָפּ פלעגט זיין פול מיט זיי כמעט יעדע נאַכט וואַכנדיק אַ פלאַן, אַן עצה ווי אַריינצוקריגן אַלץ אין זיין האַנט, נעמט אָן אַ שווידער. מיר ווילן דערפאַר ניט פּרובן געבן אונזער גוטן לעזער אַ נאָטיץ פון זיי, און מיר וועלן זיי גאָרניט ווילנדיק באַגעגענען אין זיין האַנד-לען קעגן יוספן אין פאַרלויף פון דעם ספור, און דערמיט וועלן מיר זיך באַגענוגן.

זיין כיטרע אויג האָט גאַנץ גוט באַמערקט, וואָס אים איז דאָ צוגעקומען אין שטוב, ער האָט געזען, ווי גוט די שוויגער זיינע איז צו יוספן, ווי גוט געפעלן איז יוסף ביי די אַלע אורחים אין שטוב, ווי שיין און ווי גוט יוסף איז, אַז ער מוז יעדן געפעלן! זיין שטיל-קייט, זיין פולזינענדע פאַרטראַכטקייט אינאיינעם מיט זיין שטענדי-קער פרייליכקייט, זיין שיין איידל געזיכט און דערצו זיין גוטסקייט און זיין פריינדלעכקייט און אָפנקייט צו איטלעכן אין שטוב, דאָס אַלץ האָט אים ניט געלאָזט רוען. דערצו נאָך האָט זיין כיטרע אויג דערזען די פאַרענדערונגען, וואָס איז מיט ראָזען פאָרגעקומען, איר יעדן מאָל אַוועקגיין, ווען נאָר איינער פון די אורחים פלעגט אָנ-הויבן צו לויבן יוספן, איר פאַרשעמטקייט, אַז יוסף פלעגט זי אַמאָל איינלאַדן מיט אים שפּאַצירן צו גיין, און איר פרעמד ווערן צו אים, צום שוואַרצן. דאָס און נאָך פיל אַזעלכע באַמערקונגען האָבן אים קלוג געמאַכט צו זען אַפריער, וואָס דאָ קאָן אַרויסוואַקסן פון דעם צוגע-קומענעם בן בית. ער האָט אָנגעהויבן צו זוכן פלענער, ווי אים צו-ריק אַרויסצומאַכן פון שטוב, און זיך פאָרגענומען איין מאָל פאַר אַלעמאָל זען, ער זאָל אים ניט שטיין, ווי אַ ביין אין האַלז.

— וואָס וועל איך אַמאָל טון, אַז דער, דער שוואַרץ־פינסטערער יאָר ווייס אים פון וואַנען ער האָט זיך דאָ געיאַוועט, — האָט אַמאָל משה שנייאור געזאָגט צו זיין ווייב, — וואָס וועל איך טון, אַז ער וועט מיר אַ שוואָגער ווערן? אַז ראָזע וועט זיך אין אים פאַרליבן

און עס וועט ווערן אַ שידוך? די שוויגער האָט אים שוין העלטער פֿאַר מיר. ניין! זאָל די בייזע שעה ורגע ניט זיין, איידער דאָס זאָל זיך גאָר אויספֿירן! גיכער דאַכט זיך, וועט ער ברעכן האַלז און לייב און לעבן, איידער ער וועט ביי מיר אַ האָר חן אָפּנעמען. וואַרט, איך וועל אים געבן די וועלט צו זען!

— אָבער פֿאַרוואָס זאָלסטו ראָזען ניט פֿאַרגינען אַזאַ מאַן, איז זי דען אים ניט ווערט? — האָט געפֿרעגט דאָס ווייב גאָר אָן קונצן. — איז ער דען זי ניט ווערט? וויפֿיל שענער און בעסער, דאַכט זיך, איז ער פֿאַר די אַלע חתנים, וואָס מען רעדט איר! איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, אַז איך וואָלט דאָס נאָך אַליין אויפֿטון די מאַמען. מיר געפֿעלט ער, און ראָזע איז דאָך מיינע אַ שוועסטער, פֿאַרוואָס זאָל איך האָבן אַ גראָבן יונג אַ שוואָגער, אַז איך קאָן האָבן אַ פּיינעם מענטשן, וואָס ער איז שיין פֿאַר גאָט און פֿאַר לייטן?

— נאָר אַ גראָבן יונג! — האָט געענטפֿערט דער שוואַרצער — נאָר אַ גראָבן יונג, זאָג איך. הערסט וואָס מען רעדט מיט דיר, אָדער ניט? עפּעס גוט וואָלט דיר געווען, אַז גבריאל וואָלט געווען דיין מאַן? זעסטו, אַמאָל האָט מען געמאַכט פֿון אים אַ גאַנצן וועזן, איך בין נאָר אין שטוב אַריין, ווי האָט מען דאָס גאָר אָן אים פֿאַרגעסן! ווער דערמאָנט אים גאָר? זעסטו, אָט נאַדיר אַ ביישפּיל, אַזוי וועט מיט מיר אויך זיין, אַז ער וועט נאָר, חלילה, ווערן אַן איידעם.

— אָבער האָבן דען אַלע דיין נאַטור? — האָט געפֿרעגט דאָס ווייב — מיינסטו, אַז ער וועט דאָס דיר ווען טון, וואָס דו האָסט געטון גבריאלן? הלוואי וואָלסטו נאָר אים ניט פֿאַרטשעפּען, דאַכט זיך ווי ער וואָלט דיר זיין דער בעסטער גוטער פֿריינד. וואָס אַרט דיך, אַז נאָך ווער עס איז וועט גליקלעך זיין? אַ דאַנק גאָט, דער טאַטע קאָן באַשטיין צו נעמען פֿאַר ראָזען אַ מאַן ווי זי פֿאַרדינט, פֿאַרוואָס דווקא ווילט זיך דיר, אַז זי זאָל נעמען אַ גראָבן כלאָפּקע? ניין, דאַכט זיך, דו וועסט דאָס ניט אויספֿירן.

— נאַר! — האָט אַ געשריי געטון דער שוואַרצער, און זיין פֿאַרדרייטע נאָז האָט זיך אויפֿגעבלאָזן פֿון כעס, — מיט אַ נאַר איז ניטאָ וואָס צו רעדן. דו האָסט קיין שכל ניט, דאַרפֿסטו קיין דעה ניט זאָגן.

דאָס ווייב איז צו אַזעלכֿע רייד געווינט געווען און זי האָט פֿאַרשוויגן.

— אָבער גלאַט אין אַ שידוך איז זיך ניט רעכֿט אַריינצומישן, — האָט געזאָגט לייקע, דעם שוואַרצנס ווייב — ווער ווייס, טאָמער איז ער · איר באַשערטער?

— באַשערטער? — האָט דער שוואַרצער איבערגעזאָגט מיט אַ געלעכֿטערל, — איך וועל אים באַווייזן, וואָס אַ באַשערטער איז. אויף אַ שפּענדל וועל איך אים, דעם פֿאַרשאָלטענעם ישיבֿה־בחור, אַרויסוואַרפֿן פֿון דאַנען! — וואָס איז דאָס פֿאַראַ צרה. מען זאָל גאָר זיך דאַרפֿן שרעקן פֿאַר יעדן שלעפּער, וועלכֿער עס קומט אַריין צו אונז אין שטובֿ? ניין, עס מוז בלייבֿן, ווי איך וויל!

מיט די רייד איז דער שוואַרצער אויפֿגעשטאַנען פֿון אָרט און אָנגעהויבֿן אומצוגיין איבערן שטובֿ הין און צוריק. לייקע האָט גע־גרייט צום טיש און דערלאַנגט וועטשערע, דער שוואַרצער האָט זיך אַ וואָרף געטון כלאָבֿען נאָכאַנאַנד, די גאַנצע צורה מיטן נאָז אין שיסל אַריינלייגנדיק, אַזוי ווי אַ זולל וסובֿא. ניט איין מאָל האָט אים שוין דאָס ווייב און שוויגער געבעטן, ער זאָל עסן ווי אַ מענטש, ניט איין מאָל האָט אים די פֿריילעכע לוסטיקע רוחמקע נאָכגעמאַכֿט אין די אויגן ווי ער עסט. ער אָבער האָט זיך ניט געקימערט. — זיי זענען אַלע הינט! — פֿלעגט ער זאָגן, — אויך מיר מענטשן, זיי לאַכֿן פֿון מיר! איך עס ווי אַ מענטש, און זיי ווי די חזירים.

— ווער זענען די חזירים ביי דיר? — האָט אַמאָל געפֿרעגט דאָס ווייב, נאָכֿדעם ווי זי האָט דעם מאַן געוויס הונדערט מאָל נאָכאַ־נאַנד געהערט איבערחזרנדיק דעם שפּרוך.

— און אַז אפֿילו אַז איך מיין דיין טאַטן און מאַמען, טאָ איז וואָס? — האָט ער געפֿרעגט אין כעס, — און אַז דיך אַליין, איז דען ניט אַן אמת? איר זענט אַלע צוזאַמען מיין פּאָדמיאָטקע (זוילן) ניט ווערט, ווער זייט איר און ווער בין איך?

— עפּעס אַ קלייניגקייט! — האָט געענטפֿערט לייקע, — אַ פּאַ־ריזער קופּיעץ כ'לעבֿן... געדענק איך גאָר דעם קאָרטענעם סורדוקל, אין וועלכֿן דו ביזט צו אונז אָנגעקומען?

נאָר וואָס מאַכט עס אויס. מען שנייצט דעם נאָז און מ'וואַשט

דאָס פנים. בעסער שווייגן. לייקע האָט געשוויגן. אין דעם האָט זי דאָס זייגנדיקע קינד אָפּגעריסן פון ברוסט, און אים אַנידערגעלעגט אין וויגעלע:

„אָ, קינד! איידער דו זאָלסט זיין געראָטן אין טאַטן, בעסער האָסטו געמעגט אויסגערונען ווערן אין מיין בויך! איידער אַ ווייב זאָל פאַר דיר אַזוי אָפּלעבן ווי איך פאַר אים, זאָל איך דיך בעסער אַ קליינעם באַגראָבן!"

מען קען פילן אַ מוטערס האַרץ, וויפיל עס איז צעבראָכן, אַז זי דאַרף איר שלאָפעדיק קינד אַזוי בענטשן איבער זיין וויגל, ווו דער מלאך, וואָס לערנט מיט אים אין שלאָף, שטייט אים צוקאָפּנס. דאָס האָט אָבער געזאָגט אַ מוטער צו איר קינד, און וייס און פילט איר ווונד, און מיר מוזן שווייגן!

ד

גאָלדע

אין פרידמאַנס שטוב האָבן זיך אָנגעהויבן צו שיטן שדכנים פון אַלע זייטן, די סאָרט ליידיקע מענטשן, וואָס האַנדלען מיט דעם גליק פון גאָר אומשולדיקע, זיי אומבאַקאַנטע קינדער, אַזוי ווי מען פלעגט אַמאָל האַנדלען מיט שקלאַפן; אַרויספירן געבונדענע געשמידטע אין אייזן הענט און פיס אויפן מאַרק, און יעדער גראָבער ווילדער סוחר פלעגט זיי אויספרווון, זיי אַ שמיץ טאָן, אַ טרייב טאָן, ווי פערד. די שדכנים ברענגען אויך די סוחרים. און קויפער זייערע גייען אַ קוק טאָן די כלה, פרווון דעם חתן. זייער ווערטל איז: אַ כלה איז אַ האַנטוך, אָדער יעדע כלה האָט טויזנט חתנים און יעדער חתן האָט טויזנט כלות, און אי דער חתן אי די כלה זענען מחויב, נאָך זייער יושר, זיך אויסצופוצן פאַר איטלעכן, וואָס דער שדכן ברענגט, און וואָס קומט זיי זען, און באַווייזן זייער ווירדע, זייער שיינקייט, האַרץ און געפיל, אַלץ אַרויס אָפן, און ווער נאָר אין דער וועלט האָט אַזוי יידן ניט אָרעם און אומגליקלעך געמאַכט ווי דער סאָרט באַטריגער, דער סאָרט שקלאַפן־הענדלער, וועלכע מען רופט זיי אָן אין אונזער לשון „שדכנים“. פאַר איין רובל זענען זיי בעלנים צוויי אומשולדיקע קינדער, וואָס האָבן זיי אין זייער לעבן נישט געהערט און נישט געזען, זיי אומגליקלעך צו מאַכן און פאַרגיפטן זייער לעבן ביזן גרוב. אין היינטיקע צייטן, וואָס דער שקלאַפן־האַנדל האָט שוין כמעט אויפגעהערט אין אייראָפּע, און וואָס מיט שוידער הערן מיר דערציילן וואָס עס טוט זיך נאָך מיט זיי אין אַפריקע, באַמערקן מיר גאָרניט, אַז די אייגענע משפּחה שקלאַפן־הענדלער זענען נאָך דאָ ביי אונז, אין רעכטן מיטן אייראָפּע. און מער ווי אומעטום — ביי אונז יידן; דער גאַנצער אונטערשייד איז נאָר, וואָס יע-

נע פאַנגען מענטשן ניט אין דער היים און טוען זיי אָן די קייטן אײדער זיי פירן זיי אויפן מאַרק, און די אונזערע בידערטרעלטיקע שקלאַפּן־הענדלער פאַנגען זיי אין שטוב, פאַרקויפן זיי פריער, גיבן זיי אַליין די קייטן אין האַנט און שמועסן זיי איין, אַז דאָס איז אַ גאָלדן־פינגערל. זיי טוען דאָס אָן און גיבן אַ קוק, אַז דאָס איז פאַרקויפט, שווער אין קייטן איינגעשמידט, און עס איז שוין פאַר־פאַלן!... און מען באַרעכנט גאָרניט, אַז מען פאַרקויפט צוויי בלי־ענדע קינדער, צוויי גאַנצע לעבנס, פאַר אַ גאַנץ קליינעם פאַרדינסט.

ביי פרידמאַנען אין שטוב האָבן זיך געשאָטן אָט די בעזסאָ־ווערסטנע*) מענטשן, און ניט זעלטן האָבן זיי מיט זיך מיטגעבראַכט מחותּנים. ראָזע פלעגט אַ פאַרטרייסלטע ווערן, אַז זי פלעגט זיי דערזען. שטענדיק זענען אַזעלכע שותּפים, איינער פון חתנס צד, און דער אַנדערער פון כּלהס צד. צו ראָזען פלעגן אויך קומען די צוויי מאָהיבילער שטאָט־שדכנים, איינער אַ גראָבער מיט אַ גראָבע נאָז, מיטן נאָמען: שלמה, און איז נאָך דערצו אַ חזן געווען אין דער קאַלטער שול פון דעם פאָרשטעטל, וואָס דאָרטן האָט געווינט פרידמאַן, דער אַנדערער איז געווען משהלע דער משוגענער. אָט די ביידע זענען געווען די הויפּט-שדכנים פון דעם שטעטל מאָהיביל. ראָזע פלעגט אַנטלויפן פון זיי נאָך קינדווייז, אַז זי פלעגט זיי דער־זען, דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט, אַז די פּאָר מענטשן וועלן איר ניט גוטס טון. און איצט, צייט יוסף איז אַריין צו זיי אין שטוב, פלעגט זי ריין פאַרציטערט ווערן, אַז זי פלעגט זיי דערזען, זי האָט נאָך מער ווי אַלץ זיך באַמיט, אַז יוסף זאָל ניט דערזען, אַז מען רעדט איר שידוכים, זי וואָלט, דוכט זיך, די גאַנצע וועלט מוחל גע־ווען, טון אַלץ וואָס אירע עלטערן פאַרלאַנגען פון איר, נאָר ניט אויספּוצן זיך פאַר די מחותּנים, וואָס קומען צו זען, אין דער צייט וואָס זי האָט גערעכנט, אַז יוסף וועט דאָס באַמערקן.

— זע מאַמינקע, לובינקע, — האָט ראָזע זיך אַמאָל ווי פאַרלאָרן געבעטן, — זע, הייס מיר דאָס הײנט ניט! מיר איז עפּעס אַזוי שווער

---

*) געוויסנלאָזע — רעד.

אויפֿן האַרצן, איך האָב מורא, איך בין קראַנק, מיר קאַלט עפּעס דאָס האַרץ, גאָט ווייס, וואָס מיר איז. זע די קליידער זענען מיר שווער; לאָז מיך נאָר היינט. מאָרגען טו איבער מיר וואָס דו ווילסט!

טרערן האָבן זיך אָנגעהויבן גיסן איר פֿון די אויגן, און זי האָט זיך אַזוי פֿאַרכליפּעט, אַז זי האָט זיך נאָר קוים געקאָנט שטילן.

— וואָס ווייסטו, מיין לעבן, — האָט געפֿרעגט די מוטער,—וואָס איז דיר? פֿאָלג מיך, גיי זיך פֿאַנאַנדער אַביסל, איך וועל זאָגן די מחותּנים, אַז דו ביסט היינט איינגעלאַדן ערגעץ.

— איך דאַנק דיר, מוטער, איך וויל נאָך פֿריי זיין, ניט פֿאַר־קויפֿט מיך.

ביי די ווערטער האָבן זיך הינטערן טיר טריט געהערט. ווער איז נאָך אַזוי פֿילבאַר צו דערהערן און פֿילן אַזוי, ווי דאָס האַרץ פֿון די ליבענדע? ראָזע האָט נאָך פֿון וויטן דערפֿילט, אַז דאָס גייט יוסף. זי האָט ניט געוווסט וואָס צו טאָן מיט אירע פֿאַרווייינטע אויגן, זי האָט געוואָלט ערגעץ אַנטלויפֿן און האָט אַ געשריי געטאָן: ער! אָ, לאָז מיך מוטער! און האָט אָנגעהויבן צו לויפֿן. זי האָט אָבער פֿון צעמישטקייט ניט געזען, ווי יוסף איז שוין געווען מיט שניאורקן און זיין ליבע רוחמקען אין שטוב... און האָט שוין באַוויזן צו דער־הערן איר ציטערנדיקן געשריי: „ער". אים האָט זיך אויך ווי אין האַרצן אָפּגעריסן. און האָט ניט וועלנדיק אַ טריט געטון צוריק און געבליבן שטיין!

— איך האָב געוויינט, יוסף, — האָט געזאָגט ראָזע, — עפּעס ניכּר אויף מיינע אויגן? אָבער איז ביי אונז כּריין, אַז ער עסט אויס די אויגן. וואָס מענטשן ניט קאָנען! עסן כּריין, כּדי עס זאָל זיי זיין ביטער, און מען זאָל וויינען!

— אָבער אַז מען ווייִנט זיך אויס, זאָגט מען, ווערט קלערער אין די אויגן. און מען זעט בעסער, — האָט געענטפֿערט יוסף מיט אַ שמייכל, — עס ווערט לייכטער אויפֿן האַרצן און מען פֿילט בעסער, אמת. רוחמה? טייערע רוחמה, וואָס האָלט אַלע מאָל מיט מיר,

— אמת, ווי דער טאָג, — האָט געענטפֿערט רוחמקע, — טאַנצנ־דיק און זינגנדיק — ראָזע, דו וועסט גיין מיט אונז שפּאַצירן? — האָט געפֿרעגט דאָס ליב קינד ביי איר שוועסטער. איך גיי, יוספֿטע גייט,

מיין יוסעפקע גייט און שניארקע, קום דו אויך, ראָזע!

ראָזע האָט זי אָנגעקוקט אין די אויגן — פאַרוואָס קאָן זי דאָס, רוחמקע, אַזוי פריי אַרויסרעדן דאָס וואָרט: „מיין יוסעפקע", פאַרוואָס איז דאָס מיר ניט ערלויבט, וויפיל הייסער און ליבער וואָלט דאָס אַרויס פון מיינע ליפּן. אָ, גאָט, שענק מיר די ערלויבעניש — האָט געזאָגט אינערלעך ראָזעס האַרץ.

— וואַרט אַ ווײַלע, איך מוז מיר פריער אַרומוואַשן. דו זעסט, אַז איך האָב געוויינט. איך האָב כּריין געריבן, און מיר איז אַריין די ביטערקייט אין די אויגן. אַנטשולדיקט, יוסף, וואָס איך לאָז אייך וואַרטן. עס וועט ניט פיל געווערן, — האָט ראָזע געזאָגט צו יוסעפן אַוועקגייענדיק.

— יוסף, איך דאַרף אייך עפּעס זאָגן, — האָט געזאָגט רוחמה שטילערהייט, אָנעמענדיק יוסעפן פאַרן האַנט און אים אָפּפירנדיק אָן אַ זייט, — זאָגן אייך עפּעס? נאַט אייך אַ האַנט, אַז ראָזע האָט געוויינט מיט אַן אמת. ביי אונז אין גאַנצן שטוב איז ניטאָ אַ האָר כּריין — דאָס איז אַ תּירוץ. און ווי מיר דוכט, ווייס איך וואָס זי האָט געוויינט, אַז איר וועט מיר פאַרשפּרעכן, מיר פאָרצולייענען אייער מעשה, וועל איך אייך דערציילן און איר וועט מיר אַליין מודה זיין, אַז איך פאַרשטיי אַ אינטערעס.

— די מעשה וועל איך דיר דערציילן, — האָט געענטפערט יוסף — אָבער וואָס דו ווילסט מיר זאָגן, וועל איך ניט הערן. האָב איך דיר ניט געזאָגט, אַז עס איז ניט גוט, ווען מען האָט אַן אָפן מויל, און בפרט אַזאַ יונגע ווי דו. עס איז פאַר אַ יונג קינד אַ חסרון, אַז מען ווייס גאָר צופיל, און נאָך מערער, אַז מען קאָן זיך ניט איינהאַלטן פאַרשווייגן דאָס, וואָס מען ווייס.

— יוסעפקע, טייערער, — האָט געזאָגט רוחמקע, — נאַט אייך אַ האַנט, אַז איך זאָג קיינעם ניט, אַ מוטער־מענטש ניט אַרויס, וואָס איך ווייס. אָבער דאָס מוז איך אייך נאָר אייך אַליין זאָגן, איך קאָן דיר אַ האָר ניט באַהאַלטן. מיר איז בעסער צו זאָגן „פון דיר", פי „פון אייך". — האָט זי זיך פאַרענטפערט. אין דעם זי האָט פון ווינדערישער ריינער פאַרטרוילעכקייט אַליין ניט געפילט, ווי איר האָט זיך אַרויסגערעדט: „פון דיר".

— גוט, רוחמקע, — האָט זיך אָפּגערופן יוסף — פון היינט אָן זענען מיר אַ ברודער מיט אַ שוועסטער, און אויס אירצן זיך. אָבער זע, ליבע שוועסטער, זאָלסט אָקאָרשט כבוד אָפּגעבן דיין עלטערן ברודער,—האָט יוסף צוגעגעבן, איר די האַנט דריקנדיק.

— מיין עלטערן ברודער יוספקען! — האָט אַ געשריי געטון רוחמה און האָט זיך אַ וואָרף געטון צו שנייאורקען אויפן האַלז, און האָט אים אַזוי שטאַרק געקושט, ווי עס האָט נאָך קיינמאָל ניט געטראָפן.

— מיך קושט זי, — האָט שנייאורקע געזאָגט יוספן אָפּקושנדיק,

— מיך קושט זי און דיך מיינט זי, ניט אמת, רוחמקע?

— זאָלסטו אַזוי געזונט זיין! — האָט געזאָגט רוחמה, פון יוספן אָן אויג ניט אַראָפּנעמענדיק.

— הלוואי זאָל איך אַזוי געזונט זיין! — האָט געענטפערט שנייאורקע, — און דו אויך, יוסף!

— און איך אויך! — האָט געזאָגט רוחמה שטילערהייט.

— זעסטו, רוחמקע, —האָט געזאָגט יוסף, — זעסטו, ווי ניט גוט עס איז, אַז מען האָט ניט אַן איינגעהאַלטענע צונג, אָט האָט דיר גאָט באַצאָלט.

— הלוואי ביז מיין לעבן ניט מיט קיין ערגערער שטראָף, — האָט געענטפערט רוחמקע מיט אַ קלוגן שמייכל, — מיינסטו, איך שעם זיך דערמיט? נאַרולע, באַלד וואָלט איך דיר דאָס אַליין געזאָגט, וואָס האָב איך מורא?

אין דעם איז ראָזע אַרויסגעגאַנגען פון איר צימער, אָנגעצויגן אין אירע געוויינלעכע קליידער, אירע לאָקן צוגעקליבן און אין האַנט האָט זי געהאַלטן אַ זונען־שירם. אירע איינפאַכע קליידונג צו איר יונג אָפּנהאַרציק געזיכט האָט איר צוגעגעבן אַזאַ ליבקייט און שיינ־קייט, דערצו איר אָנגענעמער שמייכל אויף אירע צאַרט־רויטע ליפּן, איר ליבער קוק פון אונטער אירע האַלב־אַרונטערגעלאָזענע ברעמען האָבן יוסף צעמישט, ער האָט זיך געפילט ווי פון מאַגנעט געצויגן.

— וואָס איז דאָס פאַראַ וועזן די שיינקייט, דאָס זי ווירקט אויף אונז אַזוי עלעקטריש? — האָט ער צו זיך געזאָגט, דאָס איז ניט קיין ליידנשאַפט, דאָס וואָס איך פיל איצט, און דאָך דאַרף איך

זיך ניט פאַרלירן. אָ, ווי נעם איך אַזוי פיל פאַרשטאַנד זיך פאַר־שטענדיק צו האַלטן? אָבער איך מוז, און אַזוי וויל איך — זי אַכטן נאָר ווי אַ ברודער, זי ליבן ווי אַ טרייער ברודער, און מיין האַרץ פאַר דער וועלט פאַרשלאָסן האַלטן. דען איך דאַרף אַ מענטש, אַ טרייער מענטש זיין — און מוז די געפילן זען אויסצורייסן, כאָטש מיט שמערצן, איידער זיי אַנטוויקלען זיך נאָך אין מיר.

— וואָס האָט איר זיך אַזוי פאַרטראַכט? — האָט ראָזע געפרעגט.

— אַ מאָלע וואָס עס טראַכט זיך, ניט אַלעמאָל קאָן מען זיך רעכענונג געבן אויף דאָס, וואָס עס טראַכט זיך, איך ווייס איצט אַליין ניט, וואָס איך האָב געטראַכט.

אין דעם איז אַריינגעלאָפן רוחמקע, און אַז זי האָט דערזען, אַז ראָזע איז שוין אָנגעטון, האָט זי געזאָגט:

— גיך און גוט, דו ביזט אַ טייער קינד, ערשט געוויינט און שוין ווידער שטיל, דאָס איז אַ דימענטענע באַטור, ניט אמת, יוסף?

— מיר גייען, — האָט געזאָגט יוסף, אָנשטאָט רוחמקען עטוואָס צו ענטפערן.

— אידיאָם! — האָט געזאָגט שנייאורקע.

— מאַרש! — האָט אויסגעקאָמאַנדעוועט רוחמקע, און זיי זענען אַרויס פון טיר.

דורכן פענצטער האָבן די פיר גליקלעכע קינדער באַגלייט די ברכות פון זייער אפשר אַלע פירס מוטער גאָלדע.

— אָ, וואָס פאַרא לעבעדיקע, בליענדיקע פּאָר דאָס איז! — האָט געזאָגט די ליבע מוטער, אין דעם זי האָט זיך פון פענצטער ניט געקאָנט אָפרייסן און נאָכגעקוקט, ווי שנייאורקע מיט רוחמקען זענען געגאַנגען פאָרויס, און יוסף מיט ראָזען נאָך זיי.

— בענטש מיך גאָט מיט אַזאַ איידעם, מיט אַזאַ ליכט, אַזאַ בריליאַנט!.. און פאַרוואָס דען ניט מיט אים גופא? פאַרוואָס זאָל איך זוכן אַנדערש וווּ, ווען גאָט האָט מיר אים פון הימל אין שטוב צו־געשיקט?.. וואָס אַרט מיך, אַז איך קען ניט זיינע עלטערן, אַז ראָזע וועט ניט האָבן אַ שוויגער אין שטאָט? נישקשה, ראָזע איז אַ גוט קינד, זי דאַרף גאָרניט, ווער עס זאָל זי לערנען, ווי לאַנג מיינע אויגן זענען נאָך אָפן, וועל איך זי לערנען זיין אַ מוטער, ווער

האָט מיך געלערנט? גאָט גיט שכל יעדער מוטער, צו וואָס גראָד די שוויגער? עפּעס גוט איז לייקען מיינע, אַז זי האָט דאָ אַ שוויגער! זי קומט איר נאָר אַ שטיק האַרץ אויסעסן, דאָ איז איר דאָס ניט געפעלן, דאָ יענץ, און באַווייזט נאָר דערמיט, אַז זי איז אַ שוויגער, וואָס זי קומט דאָ פּלאַנדירן, אַ דעה זאָגן, און איבער מיין קינד, מיין בלוט און פלייש אַ דעה זאָגן! — ווער זאָגט עס ווידער, אַז יוסף איז פון אַ שטיין געבוירן, ער האָט עלטערן, ער דערמאָנט זיין מוטער זייער אָפט, און אַז זי איז פון וויטן, איז וואָס? וואָס הייסט פאַר אַ מוטערס האַרץ וויט? ער האָט אין זיין היים אַ פאָטער, הלוואי זאָלן מיינע קינדער, ווען ניט כאָטש מיינע אייניקלעך האָבן אַזאַ נאָמען, פירן אַזוי שיין אַ וועלט ווי ער! — מיר ווילט זיך אין יחוס איינקויפן, וואָס איז דער יחוס? שיינע יחוסים זענען זיי, אַז פאַר געלט איז רעכט דעם גאַנצן יחוס צו פאַרקויפן, אַז מען גיט טויזנט רובל, איז ער אַ יחסן, און אַז צוויי בין איך דער יחסן. אומשטיינס געזאָגט, יחוס הקברות איז אל די צרות, וואָס דאַרף איך אַ יחסן? בענטש מיך, גאָט, מיט אַזאַ קינד, מיט אַזאַ איידעם, בענטש מיך גאָט מיט יוספקען פאַר אַן איידים!

אַ לאַנגע צייט נאָך איז די מוטער אַזוי געזעסן פאַרטראַכט און האָט נאָכגעקוקט אירע אין האַרצן איינגעבאַקענע קינדער, ווי זיי גייען אַזוי פאַרגניגנד, אַזוי געניסנד פון דעם זומער, פון זייערע יונגע טעג. און זי האָט זיך פּלוצלונג אַוועקגעלאָזן אין אַלטע דער־מאָנונגען, ווי זי איז געווען אַ מיידל, ווי זי פלעגט זיך שעמען פאַר אַ בחור די אויגן צו ווייזן, ווי זי איז אין איר לעבן ניט שפּאַצירן געגאַנגען, ווי זי פלעגט זיך מיט אירע ברידער און שוועסטער שטענ־דיק קריגן, שטענדיק זיין אין קריג מיט אירע עלטערן, ווי זי איז אַ כלה געווען, ווי איר האַרץ האָט זיך געוואָלט זעען דעם חתן, כאָטש איין מאָל מיט אים אַ וואָרט אויסרעדן, ווי זי האָט שטי־לערהייט געוויינט און געיאָמערט, אַז מען האָט איר גערעדט מיט אַ גראָבן יונג פון איר שטעטל, וואָס זי האָט אים גוט געקענט און ווי זי האָט געציטערט אַרויסצורעדן אַ וואָרט קעגן די עלטערן, וואָס האָבן אים געוואָלט, ווייל ער שטאַמט פון פאַמיליע און געלט. ווי עלנט און אומגליקלעך וואָלט זי פאַר אים געווען, ווען ניט גאָט וואָטל

זיך דאָ אַריינגעמישט און זיי אָרעם געמאַכט דורך אַ פלוצלינגדיקע שרפה, אַז זיי האָבן שוין ניט געקאָנט לייגן דעם נדן, וואָס דעם חתנס עלטערן האָבן געבעטן. זי האָט זיך אַליין פאַרשעמט, אַז זי האָט אַזוי טראַכטנדיק זיך דערמאָנט, ווי זי האָט אַלס קינד האָלט באַקומען אירן אַ פעטערס אַ יונגל, וואָס זי איז מיט אים געצויגן און געוואַקסן געוואָרן איניינעם. אָ, ווי האָט זי דאַמאָלס געלעבט? ווי האָט דאָס דאַמאָלס איר האַרץ געקלאַפט, אַזוי אָנגענעם, אַזוי זיס. און וועלכע שמערצן פלעגט זי פאַרטראָגן, אַז זי האָט ניט געקאָנט אַרויפוואַרפן זיך אויף איר ליבן לייבקעס האַלז, און וויינען און קושן אים אָן אַן אויפהער! — אַ שוידער איז איר אַריבער איבערן גאַנצן לייב, אַז זי האָט זיך דערמאָנט דעם טאָג, אַז זי האָט געמוזט גיין אויף איר ליבן, אַזוי הייס־געליבטן לייבקעס חתונה, טאַנצן מיט זיין כלה, וועלכע עס גזלת אים פון איר אויף אייביק, ווי זי האָט דאַ־מאָלס געחלשט אין מיטן טאַנצן, און וואָס אַלע האָבן געשריען, אַז זי האָט דעם קאָפּ פאַרדרייט, און דאָס אַלץ האָט זי געמוזט באַהאַלטן אין איר דאַמאָלס ריינעם אומשולדיקן קינדישן האַרצן, וואָס נאָר מיט וויינען, מיט זיך וויקן אין טרערן יאָרן־לאַנג יעדע נאַכט אין איר בעט, האָט זי זיך געהיילט פון די וווּנדן, וואָס האָט איר אָנגעמאַכט יענער טאָג, און וואָס נאָך עד־היום ווייס דאָס ניט מער ווי גאָט אין זיבעטן הימל און איר טיף באַגראָבן האַרץ.

— איך בין מודה, — האָט זי אין זיך גערעדט, — איך בין מודה, אַז מיר זענען דאַמאָלס גאָר נארן געווען, וואָס האָבן מיר געוווּסט פון אַ לעבן? ווידער אין צייכן שפּילן, ווידער געזונגען די לידלעך מיט משהלען און רחלען, און אַז עס פלעגט זיך אַמאָל אין אַ יאָר טרעפן אַ חתונה, פלעגט מען זיך אַ האָטשקע טון און — אַהיים, וואָרום מען האָט דאָך געציטערט ווי אַ בלאַט פאַר די עלטערן, וואָס האָבן קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו בייזערן זיך. און וואָס אַרט מיך אַז מיינע קינדער זענען ניט אַזוי איינגעפרעסט, אַז זיי האָבן אַ פרייע באַרוטע רגע? זענען זיי דען ניט די אייגענע ווירטינס, ווי מיר זע־נען געווען? אָדער זענען זיי חלילה אומאָרנטלעכע? איז נאָך גאָר דאָ, דאַכט זיך, אַז מען זאָל אויספאָרן זוכן וועלטן, אַזעלכע קינדער, אַזעלכע ריינע אומשולדיקע גוטע, ליבע און טרייע קינדער? פאַרוואָס

זאָלן מיר זיי מאַכן זייער גאַנצן לעבן אַן אָסטראָג? אומשטיינס געזאָגט, ווען לעבן מיר, ווייבער, אויף דער וועלט? צי דען דאַמאָלס, אַז מיר זענען ווי די געבונדענע בשעת טראָגן, בעת זייגן? אָדער, אַז די קליינע פּופּקעס שלעפּן זיך נאָך אונזער פאַרטוך? געניסט, ליבהאַרציקע קינדער, און אייער מוטער פרייט זיך דערמיט! איך שטים מיט מיט אייך, די נייע זענען קלוגער, עס איז אַ בעסערע וועלט, מען קען זיין גוט, קלוג און דערצו נאָך ערלעך און פרום אויך.

אַזוי האָט די מוטער געטראַכט און געזאָגט אין פענצטער זיצנדיק, כל זמן זי האָט נאָך אירע קינדער געקאָנט זען פון ווייטן. באַלד אָבער האָבן זיי זיך אָפּגעקערט, און זי איז מיט אַ באַרואיקט האַרץ אַוועק פון פענצטער, און עפּעס געוואָרן אַזוי צופרידן, ווי אין איר גופא וואָלט זיך באַוויזן אַ ניי ליבעס-געפיל און האָפענונג.

און אין אמתן, קען דען זיין אַ גרעסער גליק פאַר אַ מוטער ווי דאָס גליק, וואָס זי איז צופרידן, העכסט צופרידן פון אירע קינדער, וועלכע עס זענען שיין און גוט און פאַר גאָט און פאַר לייטן, און וועלכע עס האָפט נאָך, נאָך אַ גרעסערן גליק אָן זיי צו דערלעבן? זי איז גליקלעך געווען, ווייל זי האָט געפילט איר גליק. אַנדערע מוטערס קאָנען אויך אַזוי גליקלעך זיין, זיי פילן אָבער ניט, זיי האָבן ניט קיין שכל אַזוי שיין צו טראַכטן, ווי אונזער גאָלדע, וועלכע איז געווען אַן אמת טרייע מוטער, און דערצו כאָטשבי פון דער אַלטער וועלט, אָבער מיט אַ געפיל.

אַזוי האָט מען באַגלייט אונזער שפּאַצירנדע קאָמפּאַניע פון זייער מוטערס הויז. ווי אַנדערש אָבער האָט מען אויף זיי געקוקט פון אַנדערע פרעמדע פענצטער, און כאָטש די גוטע קינדער האָבן נאָך אין זייער לעבן געוויס קיינעם קיין שלעכטס ניט געטון, און נאָך פאַרקערט, דאַכט זיך, האָבן אַלע מאָל באַמיט זיך מיט יעדן איינציקן גוט צו זיין, און ניט צו באַליידיקן אפילו אַ קינד אין וויג, פונדעסטוועגן זענען זיי אויך ניט ריין געווען פון שונאים... פון שונאים, זאָג איך, זיי זענען זיי אייגנטלעך גאָר קיין שונאים ניט געווען, וואָרום עס איז גאָר קיין אורזאַכן ניט געווען דערויף? נאָר ניט פאַרגינער האָבן זיי געהאַט. אָ, ניט פאַרגינער! דאָס איז אַ שרעקלעך וואָרט, דער גרעסטער טייל מענטשן זענען דאָס כמעט, מיר

קריגן פיינט דעם אַנדערן איבער גאָרניט, איבער דעם נאַר, וואָס מיר מיינען, אַז יענער איז גליקלעך, אונז איז גלייך, ווי מיט יע־נעמס גליק מאַכט ער אונז אומגליקלעך, מען באַרעכנט זיך דאָס גאָרניט, אַז עס איז גאָרניט אַזוי, מען האָט ניט גאָר קיין גאָט אין האַרצן, קיין געוויסן, און מען קאָן זיך ערלויבן אַרויסלאָזן אַ בייזן וואָרט אויף יעדן, וואָס ער איז גליקלעך ניט פון אונז, און נאָך ווען וואָרטן, אַז יענעמס גליק זאָל, פאַרקערט, ווערן צו אומגליק!

ה

די גאטספארכטיקע פרויען

וואָס אַרט, דאַכט זיך, די ווייבער, וואָס האָבן געזען די גליק־לעכע קינדער שפּאַצירנדיק, אַז זיי זענען גליקלעך, און דער גליק איז זיי פאַרגינט? וואָס איז דאָס זיי פּאַר אַ דאגה, ווען שוין אפילו, ווי זיי זאָגן, עס איז ניט רעכט אַ בחור מיט אַ מיידל זאָלן שפּאַ־צירן גיין, וואָס מאַכט דאָס אָבער זיי קאַליע? וואָס נעמט מען דער־מיט ביי זיי אָפּ? ווייסן זיי דען ניט, אַז זיי אַליין טוען גרעסערע עברות און קליינע קינדער שטאַרבן נאָך פונדעסטוועגן ניט? ווייטן זיי דען ניט פון דאָס און יענץ... אָדער וואָלטן זיי זיך אָפּגעזאָגט פון דעם, לויט אויס פרומקייט אין דער יידישער מחנה קיין שאָדן ניט צו ברענגען, ווען זיי וואָלט אָנגעלעגן און פאַרגינט זיין דער פאַרגניגן, ווי די אומשולדיקע קינדער? זיי ווייסן דאָס טאַקע גאַנץ גוט, נאָר „איך מעג, דער אַנדערער טאָר ניט" — קלינגט זיי אין די אויערן, זייער האַרץ איז פאַרדאָרבן, און דער שכל איז צו קליין דאָס רעכט צו אורטיילן. אויף זיי איז אַ רחמנות, זיי מוזן באַרעדן, דען זיי קענען ניט פאַרגינען!...

— וואָס זאָגט איר צו זייער קאָפּ, — האָט געזאָגט דבורה באַ־סע די שענקערין, וואָס איז באַקאַנט געווען, פון יענעם סאָרט גאָטס־פּאָרכטיקע פרויען, וואָס ביי זיי איז שוואַרץ אַרום מויל, — וואָס זאָגט איר צו זייערע יאָרן, — האָט זי געזאָגט אויפהאַלטנדיק סטערנע גוטען, די קהלשע מומע, אָדער גאָטסשטראפציכע, וואָס זי איז אייגנט־לעך געווען פון יענע נעבעכדיקע באַשעפענישן, וואָס ווייסן ווי זיך צו צולאַשטשען אַפּריער און דערנאָך גיבן זיי אַ ביס, אַז עס פאַר־גייט ביזן פלייש און ביין.

— עס איז אַקציעס, ווי איך בין אַ יידישע טאָכטער! ווי אַ

מענטש פֿאַרגעסט גאָר ווער ער איז. ווילאַנג איז ער אַ קבצן געווען, ווילאַנג פֿלעגט גאָלדע קומען צו מיר לייען אויף שבת, און איצט וואָס זאָגט איר, האַרצעלע, קרוינעלע, איז דאָס אַ גאַנג פֿון יידישע קינדער? די ראָזקע, זאָל זי די קאָפּ אונטערברעכן, זי קאָן אַ יידן ניט געדאַכטן, און די רוחמקע, זאָל זי ניט גרעסער ווערן. גוואַלד, זאָגט מיר, סטערבנע גיטעלע, פֿאַרוואָס פֿאַרגעסן מענטשן דעם וואָס איך האָב די הענט ניט געוואַשן, אַז ער העלפֿט זיי? נו זאָגט, ווי ווערט עס ביי אַ מוטער רעכֿט לאָזן גיין מיידלעך מיט אַ דערוואַקסענעם בחור שפּאַצירן? עפּעס מיט אַ טייטשל, די שדים ווייסן אים, פֿון וואַנען ער האָט זיך דאָ געבראַכט צו שלעפּן. אייז'ער אַזעלכע קינדער — בעסער שטיינער האָבן, האַרציקער פּאָטער!

— וואָס דען מיינט איר, דבורה באַסע טייערע, עס וועט עפּעס גוט זיין פֿון די בייעס? אָט קוקט נאָר אויף שבייאורקען, כּל זמן ער האָט געלערנט ביי מיין מאַן, איז ער געווען אַ זיידן קינד. איצט? ווו איז די חרפּה, די בושה? ווי שעמט מען זיך דאָס גאָרניט פֿאַר לייטן, איך רעד שוין נישט פֿאַר גאָט? ווי ווערט רעכט צו נעמען אַזאַ יונגן שנעק פֿאַר אַ רבין, אָדער ווי די הייניטיקע וועלט רופֿט דאָס אָן — אַ לערער־שמערער. דער שוואַרציאָר ווייס זיי, ווי זיי רופֿן דאָס אָן? אַוועקוואַרפֿן אַזאַ יידן, גוואַלד, אַזאַ יידן ווי מיין מאַן, ראובן האָרישקער! — עפּעס אַפֿולע אַזעלכע יידן געפֿינט איר אין אונזער שטאָט? נו זעט איר דאָך, די טומאה האָט דאָס מזל, אַזאַ אַכבראָש, אַזאַ הולטיי דאַרף זיין גליקלעך, און מיין מאַן, אַזאַ ייד דאַרף קיין ברויט ניט האָבן! פֿרעג גאָט אַ קשיא, פֿאַרוואָס פֿירט ער אַזוי זיין וועלט? דאַכט זיך, נאָך אונזער ווייבערשן שכל, קומט עס ניט אויס, אָבער ער, בישקשה, ער האָט אַ יידיש קעפּל, און נאַרט אַריין די אַלע יונגאַטשעס אין זאַק אַריין און פֿאַרבינדט דעם כּאכאל. אָי ווי מען דאַרף אים ניט לערנען; ער גיט זיי אָפּ אויף דער וועלט, אָבער דערפֿאַר אויף יענער וועלט — ניט אַ שמיר, ניט אַ לעק, יסורים אין די זייטן וועט מען דאָרטן זיי געבן; ניט לויתן, ניט גן עדן, אפֿילו פֿאַר דינסטן וועלן מיר זיי אויך ניט וועלן נעמען. אַזעלכע חצופֿות, וואָס נאָר להכעיס צו טון גייען זיי מיט בחורים, האָב זיי אַ שוואַרץ יאָר. ווי וועלן זיי גאָר דאָרטן די אויגן ווייזן?

און מיין מאַן, טאַקע אַ ייד, אַ ייד, איך האָב מורא צו זאָגן ווי פון
די אבות, און מיין שווער, איז ער גאָר אין זיין לעבן פון בית
המדרש ניט אַרויסגעגאַנגען? ער האָט טאַקע ממש אין מויל אַ עברי
מינע חיע 1) ניט אַריינגענומען. גאָר אַ קלייניקייט, כ׳לעבן, אַז ער
פלעגט דאַרפן אַרבעס קלויבן, פלעגט ער פריער גוט אויסוואַשן די
הענט און די אויגן, און פלעגט איבערקוקן איטלעכן מינדסטן אַרבעסל
באַזונדער, און דערנאָך, אחרי קיכלעסאקל 2), פלעגט ער ערשט נע־
מען מיט אַ שפילקע־נאָדל און פלעגט איינשטעכן דריי אַרבעס אין
רוקן, און אַזוי לאַנג קלויבן ביז ער פלעגט זיי געפינען. וואָס זאָל
איך אייך ווייטער זאָגן, עס פלעגט קיין העלפט ניט בלייבן, די
שוויגער פלעגט מייקערן, אָבער ער פלעגט זיך טון זיינס. מיין מאַן,
צו לאַנגע יאָר אים, עסט גאָר קיין אַרבעס ניט. דער שווער אָבער
זיכרענע ליוורא'כע 3), פלעגט זאָגן, נישקשה, אַ מצוה דאַרף ניט
שווער זיין, לאָז ער פרובן געבן יורקען אַ מצוה קלויבן אַרבעס, דאַכט
זיך, ער וואָלט אַ וואָרף טון די שיסל און אויסשיטן די אַרבעס, ווי
דער פעפער וואַקסט, ווי עס שטייט אין טייטש־חומש: לא מוקצעך ולא
דוקצעך 4), — ניט זיי מיר קיין פעטער און ניט ניי מיר קיין שיך"!
פונדעסטוועגן האָט יורקע פאָרט, אָבער ער איז אַ כאַלימאַן אַן עשיו,
און מיין מאַן אַזאַ ייד, אוי גוואַלד, אַזאַ ייד דאַרף אַוועקגעבן זיי־
נע תלמידים אַזאַ יונגאַטש? נו וואָס זאָגט איר דערצו, דבורה באַ־
סינקע, איז ניט קורע צו זיין?

— אָבער אַז אייער מאַן וואָלט אָפשערן די פאות, אויסטון דאָס
יידישקייט, אָנטון זיך מיט אַ ווייסע מאַנישקע, מיט פוצאַסקעס, מיט
הענטשקעס און קאָנען שפילן מיט מיידלעך, זיין אַ שייניקער, ווי
זער טייטשל, וואָס ביי גאָלדען איז, וואָלט ער אויך האָבן ברויט,
דעט איר. וואָלט ער אויך זיך אַזוי אומפירן אונטער די הענט מיט
הולטייקעס, ווי ער.

— זאָלן בעסער ביי זיי אָפגעקירצט און אונטערגעשאָרן ווערן

---

1) אבר מן החי — 2) אחרי כלות הכל (נאָך אלעמען) 3) זכרונו לברכה
4) לא מדובשך ולא מעוקצך — ניט דיין האָניק און ניט דיין ביס.

זייערע יאָרן, איידער, איידער ער, מיין ראובן, וועט זיך גאָר צורירן צו אַ האָר פון אַ פאה! נישקשה, מיך אַרט דאָס גאָרניש, אַז מיין מאַן איז נית אַזוי שיין! תורה מאַכט קלוג, תורה מאַכט שיין און תורה איז פאָרט די בעסטע סחורה. איך געדענק נאָך כּלה־ווייז פלעגט מען מיר אויפוואַרטן: „ע, סטערנע גוטע, דו נעמסט אַ שוואַרצן חתן! ע, סטערנע, דו נעמסט אַ שוואַרצן חתן”! — וואָס פלעג איך אָבער ענטפערן? — גישקשה, באָקסער איז שוואַרץ און פונדעסטוועגן איז עס ווי צוקער־זיס. מיין חתן איז אַ באָקסער!... זאָגט קרוינעלע, וועלן גאָר היינטיקע מיידלעך שׂכל האָבן אַזוי צו ענטפערן? — וואָס האָב איך אייך געוואָלט פרעגן? עס ליגט מיר אויפן שפּיץ צונג, אַך, זאָלן זיי אָן גוטס פאַרגעסן, ווי איך האָב איבער זיי פאַרגעסן, ווו איך בין אין דער וועלט. האָסטו געזען, זיך באַרעדט אויף צוויי זייגער שעה, און פאַרגעסן, אַז איך גיי אין אַפּטייק. זאָל מען אַזוי גיין נאָך זייער לויה, רבונו של עולם;

– ווער איז ביי אייך קראַנק? — האָט געפרעגט דבורה באַסע.

– ביי מיר קראַנק? — האָט זיך אַ כאַפּ געטון די שטראַפּטשי־כע, — זאָלען מיינע שונאים, מיינע בילער קרענקען און חולהן. מיין ישראליק איז געזונט, אַ דאַנק זיין ליבן האַרציקן נאָמען. נאָר גאָט איז מיט אייך, ווייסט איר דען ניט, אַז איך בין, ברוך השם, פול אומעטום? דער אמתן, ווער וואָלט שרה די אַלמנה געבעך ברענגען אַ רעצעפּט, אַז ניט איך? כּ׳לעבען קיין עולה ניט, גיט עפּעס צו־שטייער אויפן רעצעפּט, מיר פעלט נאָך, איך ווייס אַליין ניט, ווייסן זיי די שדים, וויפיל זיי וועלען אויסבעטן ביי מיר, אין מהשבותן, וואָס הערט זיך מיט אייער פייגען?

דבורה באַסע האָט דערווייל געטרייסלט די קעשענעס און קוים דערטאַפּט אַ קליינעם גראָשן און האָט איהר אין האַנט אַריינגערוקט און געזאָגט:

— אויף מער האָט קיין פּאַראיבל ניט, מער ניטאָ קיין צער, איך וואָלט אייך ניט זשאַלעווען.

— אַך, צו וואָס, זאָלט איר געזונט זיין, וואָס דאַרפט איר שווערן, נישקשה, מען קוקט גאָרניט אויף דער נדבה, אַבי די מחשבה איז אַ גוטע, — האָט געענטפערט די שטראַפּטשיכע — גוואַלד, איך זאָג

נאָר, וואָס אַ שטאָט איז, מען רעדט, אַז אייער פייגע וויל דעם חתן ניט, און אַנדערע זאָגן נאָך, אַז ער וויל זי ניט, ווייל ביי איר, זאָגט מען, איז עפּעס דאָס מויל ניט גלייך. אַן אקט, איך בין שטענדיק ביי אייך אין שטוב, און האָב דאָס קיינמאָל ניט באַמערקט.

— יאָ, אמת, „ער וויל", „זי ניט", — האָט איבערגעזאָגט די שענקערין. — אַך, זאָכן און קרענקען זאָלן מיינע שונאים, זאָלן ביי זיי אַזוי פאַרקרימט ווערן זייערע טעג און יאָרן, ווי ביי פייגעלען איז דאָס מויל גלייך ווי אַ סטרונע, ווייסט...

— דעם אמת זאָגנדיק, — האָט זיך אַריינגעמישט סטערנע, — איך פאַל אייך אַריין אין די רייד, מיר דוכט, אַז עס איז גאָר ניטאָ זיך וואָס אַזוי נאָכצוזאָגן נאָך אים. איר מיינט אין אמתן, אַז ער איז אַן אַי יאַי יאַי: איך קען בעסערע און ערלעכע קינדער פאַר אים! מען האָט אויף אים אַ סך אָנגערעדט. עפּעס די פלימעניצע, וואָס ביי זיי אין שטוב איז, איז אויך ניט אַזאַ צנועה ווי אונזערע אמהות שרה רבקה רחל לאה, וואָס מען דערציילט זיך אַן אויף איר... נאָר וואָס זאָל מען רעדן, עס איז משיח צייטן, בחורים מיט מיידלעך, אָט ווי אין דער תורה שטייט: בחורים וגם בתולות זקנים, — דאָס איז אַלץ אויף היינטיקע דורות געזאָגט.

—דאַכט זיך, דאָס שטייט אין דאַוונען, — האָט געענטפערט דבורה באַסע, באַווייזנדיק, אַז זי איז אויך אַ וואויל-געלערנטע.

— יאָ, אין דאַוונען טאַקע, — האָט זיך אַ כאַפּ געטון די קהלשע מומע, — אָט דאָס בעטן מיר טאַקע ביי דעם רבונו של עולם, אַז אונזערע בחורים און בתולות זאָלן זיך ניט קענען, ווי אונזערע זקנים, ווי אונזערע עלטערן. פון דעסטוועגן זאָג איך, אַז דאָס וועגדט זיך נאָר אָן די מוטערס, אַז דאָס וואָלט געווען אויף מיין קינד, מיין איך, איך וואָלט אים אַ לעבעדיקן ניט געלאָזן, אַז ער וואָלט אַזוי געווען ווי ער, אייער חתן. ווייסט איר, מיר ווינען אַ שטוב נעבן אַ שטוב, זאָג איך דאָך אַליין מיט מיינע אויגן געזען, איך זאָל אַזוי זען וואָמען מיר איז ליב, ווי איך האָב געזען, ווי ער האָט געפוצט די שטיוול אום שבת, און ווי ער האָט איר... אָבער איך וויל ניט זאָגן קיין רכילות, דאָס איז דאָך די גרעסטע עבירה, אַ קלייניגקייט לשון הרע. מען זאָגט, עס איז גלייך ווי מען וואָלט הרגענען

דריי מענטשן. איך רעד, חלילה, קיין רשעות ניט אויף אים, ער איז פונדעסטוועגן אַ טייער קינד, עס האָט ניט דערצו. נאָר איך זאָג, וואָס פאַר אַ שטיל קינד מיין ישראליק איז, אַז ער דערזעט אַ מיידל, אַנטלויפט ער ווו דער פעפער וואַקסט. זיין לערנען איז איינציק, אַז איך זאָג אייך, ווו ווייס ער פון די מאַנישקעס, קישקעס. ער ווייס נאָר דעם בית המדרש, און ווי עס עפנט זיך אויף אַ גמרא. און וואָס דאַרפן מיר ווייטער? און אַז ער איז ניט אַזוי שיין, אָט זעט איר דאָך, האָט פונדעסטוועגן מיין מאַן פאַר מיר די בעסטע מערכה. מיין אַל־טער משל בלייבט אַלעמאָל אַ משל: באָקסער איז שוואַרץ און צוקער זיס! ניט אמת? אָט וועט זיין אַ גליקלעכע כלה, ווען גאָט וועט אים צושיקן פאַר אַ חתן, ער איז אַ זיידנס. מיין ראובן שרייט נאָר: געוואַלד, מאָהילעווער זענען אויף אים קיין מבינים ניט! מען ווייס גאָר ניט, וואָס פאַר אַ פערל עס וואַלגערט זיך דאָ אין פאָרשטעטל! רעכנט איצט, אַז גאָלדע זאָל מיר אפילו געבן מיליאָנען, וועל איך אויך ניט וועלן איר געבן מיין זון פאַר דער חצופה, וואָס איז זיך אַוועקגעגאַנגען מיט אַ בחור אַ טייטשל שפּאַצירן. דאַכט זיך, איך וואָלט שווערן, אַז נאָך אונטער די הענט איז זי מיט אים געגאַנגען. וואָס, איר האָט ניט געזען, ווי זי האָט זיך מיט אים אונטער די הענט געפירט? — האָט געזאָגט די מומע, איינרעדנדיק דער שענקע־רין, זי זאָל אויך מודה זיין, זאָגן דאָס וואָס זי האָט ניט געזען.

— אונטער די הענט גראָד, האָב איך ניט געזען; וואָס איז איר דער קאָפּ אויסגעדאַרט, גיין אין מיטן העלן טאָג אויפן שאָסיי מיט אים אונטער די הענט? וואַרט, אונטערן שטאָט וועלן זיי שוין וויסן, וואָס צו טון, אונטער די הענט און איבער די הענט, זאָל זי אַזוי לעבן ווי זי איז שוין אַ... פטור, ווער פאַרשטייט דאָס ניט? — האָט געענטפערט די שטראָפּטשיכע, — איבער ווען דען קומט משיח ניט? איבער ווען דען הערן זיך אַזעטיקע גזרות? זאָל גאָט מציל און משמר זיין. ביי גרונע איצע יודע יענטעס איז נעכטן אַוועק אַ קינד פון אַ וואָך. נו, וואָס איז דאָס פייגעלע נעבעך שולדיק, וואָס נאָלדע האָט אַריינגענומען אַ טייטשל אין שטוב און מאַכט די קינדער אירע פאַר איך ווייס ניט וואָס? ס'טייטש, וואָס זאָל נעבעך אַזאַ אומ־שולדיק נשמהלע דאַרפן יונגערהייד אַוועקגיין פון דער וועלט, אַלץ

איבער אַזעלכע אפּיקורסים? זאָל נאָר, האַרציקער פאָטער, אויסגיין צו זייער קאָפּ אַליין און וואָס עס האָט געזאָלט זיין מיר און מיין אַלטן און מיין ישראליקען, און אייך די אַלדי יידישע קינדער, און דאָס וואָס מיר און אויך אין גאַנצן בית המדרש ווייבער, וואָס האָט זיך געחלומט היינטיקע נאַכט און אַלע די נעכט, און אַלע בייזע חלומות פון איטלעכן מינדעסטן יידישן קינד, זאָל אויסגעבאַטלט ווערן צו זייער קאָפּ, לייב און לעבן, געזונט און הענט און פיס, און אונז זאָל אַ האָר ניט שאַטן! — דאַכט זיך עס בליצט, האַ, ניט אמת?

די אונטערשטע קללה האָט סטערנע גוטע אַרויסגערעדט מיט איין אָטעם אַזוי קונציק, ווי אַ גוטער בעל קורא די עשרת בני המן, אַז דבורה באַסע, וואָס האָט געקאָנט די ביידע תּוכחות אויסווייניק און קלאָר געווען אין אַלע די קללות פון בלעמען און פון זרשן און פון די אַלע מכשפות, אַזוי ווי אַ ייד איז קלאָר אין אשרי, האָט זיך ריין פאַרוווּנדערט איבער איר קונציקן געשליפענעם צינגל, וואָס זי, דבורה באַסע, איז דאָס ווייט אין שטאַנד ניט געווען דאָס נאָכצו־זאָגן אָדער כמעט גאָר איינצוהערן.

אין דעם האָט אַ שרעקלעכער בליץ געטון, און באַלד דערויף האָט אַ קלאַפּ געטון אַ דונער, אַז די ביידע שטילע גאָטספאָרכטיקע פרויען איז שיר דאָס האַרץ ניט איינגעפאַלן פאַר שרעק. סטערנע גוטע, וואָס אין האַלז איז איר טרוקן געוואָרן פון איר לאַנגן שמועס, האָט אַ גוטן כראַק געגעבן אין האַנט, און דערמיט די הענט געוואַשן, און פאַרגלאָצט די אויגן און געמאַכט אַ ברכה אויפן דונער, און דערנאָך געזאָגט:

— גאָט, דער ערשטער דונער דיינער זאָל טרעפן די אפּיקורסים, וואָס האָבן ביי מיין מאַן זיין ברויט אָפּגענומען! איך האָב מורא — מיך וועט כאַפּן דער רעגן, און איך דאַרף גיין אין אַפּטייק. האָט אייך אַ גוטן טאָג, דבורה באַסינקע! איר וועט דאָך זיין מסתמא אין בית המדרש מאָרגן הערן דעם נייעם רב? איך האָב נאָך עפּעס צו דערציילן, אַ גוטן טאָג!

— אַ גוטן יאָר! גייט געזונטערהייט, — האָט געענטפערט דבורה באַסע, זיך פון רעגן באַהאַלטנדיק.

— נו אַ יידענע? — האָט געזאָגט די שענקערין, אין דעם זי

האָט געזען די מומען אַוועקגייענדיק, — אַך, שטום זאָל זי ווערן, וואָס פֿאַראַ בריטאַנסקע מויל זי האָט. שטום און קרום זאָל זי ווערן. גאָר זאָגן אויף מיין פֿייגען, אַז זי האָט אַ קרום מויל? וואָס אַזאַ קאָן נור. כּ'לעבן, זי מיינט, איך פֿאַרשטיי גאָרניט, אוי, ווי איר אין דער קאָפּ ניט אויסגעטריקנט. זי מיינט, אַז זי וועט מיר געבן אָנצוהערנס, אַז זי וואָלט מיט מיין פֿייגען ניט בראַקירן פֿאַר איר שרוליקן דעם אַביזיאַנע, וועל איך זיך מסתמא אָנכאַפּן ווי פֿאַר אַן אוצר, אָבער ניט זוכה — מאַכט רש״י, אַזוי לאַנג קרענקט זי ווי לאַנג מיין פֿייגע וועט אפילו וועלן אים...

אין דער אייגענער מינוט, וואָס דבורה באַסע האָט אָפּגעהאַלטן סטערנע גוטען, איז געשטאַנען פֿייגע אירע אין פֿענסטער און געזען פֿאַרבייגייענדיק די גליקלעכע קינדער. איר זענען טרערן אַרויס פֿון די אויגן, ווי זי האָט דאָס דערזען. — פֿאַרוואָס לעבט די גאַנצע וועלט? — האָט זי געזאָגט שטילערהייט, — פֿאַרוואָס לעבן אַלע? איטלעכע גייט שפּאַצירן, דער מיט דעם, דער מיט יענעם, זיי ווייסן טאַקע, וואָס זיי לעבן אויף אַ וועלט. איך? איך האָב קיין טאָג ניט, קיין נאַכט ניט, שטענדיק מוז איך גיין מיט מיין פֿאַרשמאָלצן קליידל, און ניטאָ אַ באַרוטע מינוט און רגע, ניטאָ מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן. אַ גאַנצן טאָג הערן אַלץ פֿינטעלעמאָנס שיכורן געזאַנג, אַנדריי ליעליקס געשריי, זיך פֿון איטלעכן גראָבן־יונג אָנצוהערן זיינע גראָבע רייד, און קללות פֿון דער מאַמען. גוואַלד, וואָס איז מיין לעבן! מיינע יונגע יאָרן? אוי, איידער ביי אַזעלכע עלטערן געבוירן צו ווערן, בעסער אין אַ פּוסטן וואַלד! אַ קלייניגקייט, איך האָב פֿאַרזינדיקט, אַז איך האָב פֿון מויל אַרויסגערעדט, אַז גיין שפּאַצירן איז ניט אַזאַ עוולה, און אַז עס קאָן זיין, אַז יוסף, וואָס איז ביי גאָלדען, איז ערלעכער אפשר פֿאַר מיין חתן, דערפֿאַר האָב איך געהאַט שלעג און קללות און האַרץ אויטעסעניש, ווי איך וואָלט, חלילה, מי יודע וואָס געטון. זיי זענען אין העמדלעך געבוירן, ראָזע מיט רוחמקען. זיי לאָזן די עלטערן זיך אָנטון אין מיטן וואָך אויך ווי שבת, און איך! אפילו אום שבת און יום טוב מוז איך זיצן און היטן די שענקערין, וואָס מען נעמט כּלומרשט פֿון לייטנס וועגן. פֿאַר איטלעכן קעלעשיקל (גלעזל) בראָנפֿן, וואָס די מאַמע פֿאַרקויפֿט אַליין, זאָל

17054
Jewish Public Library
Montreal

מיר, רבונו של עולם, גאָט אַזוי פיל געזונטע מזלדיקע יאָרן געבן. דאָס איז ביי איר קיין עבירה ניט, און אַז מען פרעגלט די פישלעך אום שבת, גייט זי ניט איבערקערן? נעמט זי אַליין ניט מיטן האַנט אַרונטער פון פייער? דאָס מעג מען אַלץ? נאָר גיין שפּאַצירן, אָדער, עס זאָל די בייזע שעה ורגע ניט זיין, אויסרעדן אַ וואָרט מיט אַ בחור, איז די גרעסטע עבירה? דאַכט זיך, אַרויסנעמען פון אַן אָרעמען אויסגעדינטן סאָלדאַטס קעשענע זיין ביטעלע מיט געלט, מיט זיינע פינף און צוואַנציק בלוטיקע רובלס, וואָס ער האָט צוזאַמענגעקליבן, ווי איז צו מיר, אַז פון אַזעלכע גערויבטע געגזלטע געלט לייגט מען מיר מיין נדן!

ניין, מאַמינקע! איך האָב זיך ניט פון וועמען צו לערנען. אָבער וואָס זאָל איך טון, דערוויייל האַלטסטו די וואָסקעס מיטן בייטש אין האַנט און קירעוועסט און טרייבסט מיך און אַלע דיינע קינדער, ווי דיין האַרץ גלוסט. איך האָב אָבער מורא, דאָס וועט ניט לאַנג געווערן. עפּעס די לעצטע צייט האָט זי אַזוי פיל אָנגעצויגן די סטרונע, אַז עס מוז באַלד פּלאַצן. איך גיי נאָך היינט אין שטאָט און לאָז זיך מאַכן אַ פּאַסטערקע און קויף זיך האַנטשו און אַ זאָנטיק, און אויך ווערן אַ מענטש מיט מענטשן גלייך. אַי וואָס, באַלד די חתונה מיינע? נאָך ניט אַזוי גיך נעמט ער מיך, וואַרט אָקאָרשט אַ ווייילע! נאָך ניט איין וואַסער וועט אַריבער, ביז וואַנען איך וועל נעמען אַזאַ גראָבן יונג, אַזאַ אביר. האָב איך דען ניט געהערט, ווי ער האָט די ברכה ניט געקאָנט, אַז מען האָט אים אָויפגערופן פסח ביי גאָלדען אין מנין? אָבער יוספקע, ווי שיין האָט ער געלייענט מפטיר, אַז עס איז טאַקע געווען אַ חיות צו הערן. ראָזע האָט געקוואָלן און רוחמקע — דאָס איז עפּעס אַ קלוג קינד, ווי ניט נאָך אירע יאָרן נאָך — זי האָט פון מיר אַן אויג ניט אַראָפּגענומען, אַזוי ווי זי וואָלט געוואָלט זאָגן: זעסט, דיין חתן קאָן אפילו די ברכה אויך ניט מאַכן, און אונזער יוספקע לייענט אַזוי שיין מפטיר, אַז אַלע חידושן זיך. איך ווייס טאַקע, אַז איין גאָט האָט מיר געמעגט ענטפערן דאַמאָלס אין מיינע ליידן! — ווי גליקלעך בין איך געווען פסח, אַז איך פלעג אַמאָל קאָנען זיך אָפּרייסן פון שענק, און קומען הערן יוספס רייד, וואָס פלעגט שטענדיק רעדן פון טויזנט פאַרשיידענע

זאַכן, אַז עס איז אַ פאַרגעניגן צו הערן. זי אָבער האָט זיך באַדאַרפט אַ קער טון און אָנפירן אַ גאַנצע רכילות, וואָס ניט געשטויגן און ניט געפלויגן, און מיר איבערגוואַלד ברוגז געמאַכט מיט אַזאַ טייער געזינד. וואָס האָט זי צו זיי? זאָל איך קיין בייז ניט וויסן, ווי איך ווייס ניט, וואָס טראַכט זי זיך פאָרט? ניין, איך מוז זיי שרייבן אַ בריוועלע, אַז איך בין ניט שולדיק און ווייס ניט פון וואָס צו זאָגן, פון דעם גאַנצן קריג, וואָס די מאַמע האָט אָנגעמאַכט, און זיי באַווייזן, אַז איך און די מאַמע זענען גאָר צוויי באַזונדערע נאַטורן, איך ווייס אפילו ניט, ווי וועל איך דאָס שרייבן, ביי וועמען בעט מען אַן אופיר אויף שרייבן? איך ווייס, אַז עס וועט זיין אין מיין בריוו מער גרייזן ווי ווערטער, אָבער נישקשה, זיי וועלן דערפון ניט לאַכן, זיי זענען ניט אַזעלכע מענטשן אָפּצומאַכן חוזק פון דעם אַנדערן. און יוסף פאַרשטייט, אַז איך קאָן ניט בעסער קאָנען, ווער ווייס, ער האַלט מיך אפשר גאָר פאַר אַ קוכאַרקע? פינסטער איז מיר מיינע טעג און יאָרן! אָט וואָס אַ מאַמע קאָן מאַכן פון אירס אַ קינד! פאַר דיר נאָר, ראָזע טייערע, וואָלט איך וועלן אויסגיסן מיין האַרץ, באַווייזן דיר אַלע מיינע ווונדן, וואָס איך טראָג פון מיין אייגענער מאַמען, וואָס האָט מיך געטראָגן און געזויגן, מיך אויסצוהאָדעווען פאַר אַ דינסט. אָט אויף וואָס מאַמעס האָבן קינדער!

פייגע איז נאָך אַלץ געשטאַנען ביים פענסטער און געקלערט און געטראַכט אַזעלכע און נאָך אַנדערע פאַרשיידענע געדאַנקען, און צום סוף זיך אַזוי פאַרטראַכט, אַז זי האָט אַליין ניט גוט געפילט, וואָס זי האָט געטראַכט, ביז דער ערשטער בליץ האָט זי אויפגעוועקט פון איר חלומען און זי האָט נאָך באַוויזן צוצולויפן צום פרילאַוועק, איידער די מוטער איז אַריין צוריק אין שטוב.

סטערנע גוטע האָט פאַרקאַשערט דאָס קלייד איבערן קאָפּ און זיך געלאָזט לויפן, עס זאָל איר ניט כאַפּן דער רעגן, אָבער איר ניט־געשיקטקייט צום לויפן, און איר כוונה אפשר, האָט זי גראָד מיד געמאַכט, ווי זי איז צוגעקומען צו גאָלדעס שטוב. די שטראַפּטשיכע האָט אַרונטערגעמאַכט דאָס קלייד פון קאָפּ און אַריינגעגאַנגען צו גאָלדען אין שטוב, און האָט אַ געשריי געטון אויפן פישן:

— גוט מאָרגן אייך, גאָלדינקע, וואָס זאָגט איר צו אַזאַ שלאַקס־רעגן! אַי, כ׳לעבן, גאָט איז אויך אַ צו להכעיסניק. אָט גראָד איצט, ווען מען האָט קיין צייט ניט, ווען מען דאַרף לויפן אין אַפטייק פאַר אַ חולה מסוכן, מאַכט ער אַ רעגן, און טו זיך עפּעס וואָס. דאָרטן ליגט אַ טויטע למותע אויפן בעט, וואָס יעדע מינוט איז ביי איר אַ יאָר, און העלף זיך! אַ פייער איז מיר, איז גאָר מעגלעך צו גיין אין אַזאַ שטראָם־רעגן? עס גיסט דאָך ווי מיט עמער, און וואָסערע דונערן און בליצן. עס פאַלט איין דאָס האַרץ פאַר שרעק! אויף פוסטע פעלדער, אויף וויסטע וועלדער, הייליקער פאָטער! — האָט סטערבנע גוטע אַ געשריי געטאָן, אַז עס האָט געטון פלוצלונג אַ דונער און עס האָבן די פענסטער געציטערט.

— מיינע קינדער, מיינע קינדער! — האָט געשריען גאָלדע מיט שמערצן, — גאָט ווייס, ווו זיי זענען איצט! רבונו של עולם, טו חסד מיט זיי, באַהיט זיי פון אַלע שלעכטע באַגעגענישן, פון אַלע שלעכטע מענטשן, פון בייזע הינט, פון שטורם־ווינטן, און פון רעגן!

— דאָס זענען אייערע קינדער געווען, גאָלדינקע, אָט וואָס איך האָב דאָ ניט לאַנג באַגעגנט. איך האָב אייער ראָזקען און רוחמקען שיר ניט דערקענט. זיי לויכטן, ווי די ליכטיקע זון אין הימל, אָן עין הרע, אָן אַ בייז אויג, אין אַ גוטע שעה צו רעדן, אין אַ בייזע שעה צו שווייגן, איך האָב שוין פאַר זיך אַליין איבערגערעדט. אָט זענען בריליאַנטן, ווי שיין, ווי גוט, אַ כלל — אין אַלץ, טאַקע אין אַלץ געראָטן. געפינט מען גאָר אין דער גאַנצער מדינה אַזאַ בילד־שיינע ווי אייער ראָזקע איז? זאָל איר קיין בייז אויג ניט שאַטן, וואָס דאָס איז פאַר אַ טייער קינד, מען דאַרף נאָר אויף איר אַ מבין זיין. כ׳לעבען, איר וועט דאָך קיין פּאַראיבל ניט האָבן, דאָס איז אפילו ניט מיין זאַך, אָבער פאָרט זענען מיר דאָך אייגענע, און בלוט איז פאָרט קיין וואַסער ניט. איר ווייסט, אַז אייער פאָטערס שוויגערס שוועסטערס ברודער איז געווען מיט מיין עלטער זיידנס מחותנם אַ שוועסטער, לייבלעכע שיינע באשיינס 1), נאָך דער

---

1) שני בשני

רעכענונג קומט אויס, אַז מיר זענען גאָר נאָענטע קרובים, איך קאָן
אייך ניט זאָגן צי שוועסטער־קינדער צי גליד־שוועסטער־קינדער. מיין
ישראל ווייס אָט אַזעלכע קרובים צוזאַמענצורעכענען אין אַ מינוט
קערעפּאַיען 1). אַז איך זאָג אייך, זיין קאָפּ איז אַ גאונעשע קאָפּ, ער
איז נאָך מער לייט פאַר דעם גרעסטן עלוי. איך שעם זיך גאָר אויס־
צוזאָגן, אָבער אַ חרפּה אָן אַ זייט, ווייסט איר, ער קאָן מיין אַלטן
אַ פרעג טון אַ קשיא, אַז ער בלייבט שטיין, און ווייס אַנטקעגן אים
ניט ווער עס האָט אים באַטערכעט. אָט ווער עס האָט גאָט בענטשט מיט
גדולה און וועמען מיט תורה, און אַז דורך זיין רצון טוט ער דאָס
אַלעס, פאַרוואָס טאַקע זאָל ער דאָס ניט צוזאַמענפירן אינאיינעם?
נאָר וואָס האָב איך אייך געוואָלט זאָגן, וועט איר מיר גלויבן, מען
ווערט גאָר אויף דער עלטער אויסגעוועפּט, דער זכרון ווערט שוואַ־
כער, און מען ווייס צייטנווייז אַליין ניט, וואָס מען רעדט. יאָ,
כ׳לעבן, איך האָב זיך דערמאָנט. ווייסט איר, אַז עס איז מיר
אַ וווּנדער אויף אייך, אַז איר ווילט טון פאַר אייער ראָזקען מיט אַ
דאָקטאָרס אַ זון, דער פאָטער איז אפילו זייער אַ ערלעכער ייד,
אָבער ווייסט איר, וואָס מיין אַלטער האָט געזאָגט, אַז ער האָט דער־
הערט, אַז מען רעדט אייך מיט שלמה דעם דאָקטאָרס זון, דאָך מיט
דעם אַלעמען דאַכט זיך, אַז די גמרא זאָגט, אַז טאָף שעבאַראָפים
לגיהנם 2) דאָס מיינט מען, אַז דער בעסטער אפילו פון די דאָקטוי־
רים וועלן אויך פאַרפאַלן ווערן אין גיהנם, און קיין אויסלייטערניש
ניט האָבן. אָט גראָד היינט בין איך ביי אים געוועזן. איך האָב אים
באַדאַרפט רופן צו שרה די אלמנה, וואָס ליגט קראַנק, ניט דאָ געד־
דאַכט, ניט אין קיין יידישע שטוב גערעכט, שוין די דריטע וואָך,
ניט פאַר גאָט אויסגערעדט, וואָס איך האָב צו טון פאַר איר, קלייב
צוזאַמען עטלעכע קאָפּיקעס און ברענג איר אין שטוב, אַ ביסעלע
היינערשע יויך, לויף פון אירטוועגן אין אַפּטייק, אין רעגן און אין
דונערן. — איך טענה נאָר, ווי קאָן אַזאַ גבירה, וואָס איז אָנגעשלאָגן
מיט געלט, אַרויסנעמען אַ צעבראָכענעם צווייערל און געבן אויף אַזאַ

1) כּהרף עין (אויגנבליק). 2) טוב שברופאים לגיהנם.

גרויסע זאַך? גוואַלד, פרעג ביי גאָט קשיות, וואָס גיט ער געלט אָט אַזעלכע, וואָס ווייסן זיך גאָרניט ווי צו באַגיין מיט זיין האָב און גוטס, וואָס פאַרגעסן גאָר, אַז זיי זענען ביי גאָט ניט מער ווי גבאים? אָט איר דאַרפט גאָר ניט ווייט זוכן: דבורה באַסע, איך קום צו איר אַ נדבה בעטן נעבעך פאַר אירע אַ קרובה, וואָס ליגט אויף אַ טויט־קראַנקן בעט און פאָכעט מיט דער נשמה, ווי האָט מען דאָס גאָר קיין גאָט אין האַרצן ניט און מען רוקט מיר אין האַנט אַריין אַ צעבראָכענעם גראָשן. איך בין אייך שוין מוחל אויף מיין כבוד; ווי שעמט מען זיך דאָס גאָרניט פאַר לייטן? ווי הייסט, אַז אברהמקע דער קבצן וואָלט קומען צו איר בעטן אַ נדבה, האָט זי זיך דאָך אויך באַדאַרפט שעמען אים אַזאַ נדבה צו געבן, און בפרט מיר, ס׳טייטש, מיר, ראובן דעם האָרישקערס ווייב. זאָגט, גאָלדינקע, איר שטאַמט דאָך אויך עפעס ניט פון פראָסטאַקעס, געפינט מען גאָר אַזאַ יידן אין היינטיקע דורות, ווי מיין מאַן איז, אָדער ווי זיין שווער איז? זאָל ער האָבן אַ ליכטיקן גן עדן, צו לאַנגע יאָר אונז, אָט געגאָסן ביי דעם אמת. זעט איר, איך זאָג קיין ליגן. לייבקע, קום אַהער, איך וועל דיר אָפּציען פאַרן אויערל, מען האָט דאָך גערעדט פון אַ שאָכנאָפּער 1). נאָר צווישן אונז רעדנדיק, איך ווייס דאָך, אַז איר וועט ניט דערציילן קיינעם, עס איז אַלץ רעכט, גוואַלד, אַ עולם איז ניט קיין גולם, מען ווייס גאַנץ גוט פון וואַנען דבורה באַסע איז אויפגעקומען, עס זאָל דאָס נאָר צווישן אונז בלייבן. מען זאָגט, אַז נאָך עד־היום האָט זי צו טון מיט די וואַרינאַקעס, און זיי שלעפן איר איבער אַלץ, וואָס עס מאַכט זיך זיי נאָר צו גנבענען. אָט איז אייך גבאיטעס אין בתי מדרשים. אַן אמת מעג מען דאָך זאָגן כאָטשבע אויף אַן אייגענעם טאַטן, איך זאָג אייך, אַז איך האָב איר ערשט אַוועקגעגעבן איר גאָב, אַז זי האָט פאַר מיר אייערע קינדער באַרעדט, אַזוי לאַנג קרענקט זי, ווי לאַנג איר חתן איז אייער שנייאורקעס און זיין רבינס פאָדמיאָטיק ווערט! וואָס זאָל איך אייך לייקענען, מיין ראובן האָט געזאָגט, אַז

1) שוכן עפר (זעליגער).

מען וואָלט אָפּגענומען שנייאורקען ביי אים און אַוועקגעגעבן אַן אַנ־דערן, וואָס קאָן ניט, וואָלט אים פאַרדריסן, אָבער אויף דעם יונגנ־מאַן איז ער אויך מסכים, ער זאָגט, אַז ער האָט אַ צאַצקעדיק קעפּל, און עס וואָלט אים ניט אַרן, אַז ער זאָל לערנען אינאיינעם מיט מיין ישראליקען, עס מאַכט ניט אויס, וואָס אַ ביסל אַן ערגערער חבר, דערוויל ווערט ער דאָך קלערער אין דער גמרא. מיין ישראלן וואָלט ניט אַרן, אַז ער וואָלט מיט אים דאַרפן אַ ביסל צוהאָרעווען, אינמיטן איז דאָך דאָס אַ גמילות חסד אויך. נאָר וואָס זאָל איך אייך זאָגן, עפּעס מיר געפעלן ניט זיינע גאַנגען, אָט דאָס ווייסע האַרץ, זיין קורצער סורדוקל, און וואָס מיינט איר, לייטישע ציגנער — זאָלן זיי אָפּגעדאַרט ווערן, מיינט איר, מען וועט ניט באַרעדן, וואָס ער גייט שפּאַצירן אינאיינעם מיט אייער ראָזקען? לייט האָבן דאָך ניט וואָס צו טון, אָט גאָר די שכנטע אייערע, איך מיין דבורה באַסען, זי האָט שוין געזאָגט, אַז עס וואָלט געווען אויף איר קינד, וואָלט זי אים די פיס אונטערגעבראָכן. איך, כדומה למשל, ווייס גאַנץ גוט, אַז אייערע קינדער זענען ערלעכע, אָבער פונדעסטוועגן זאָגט מען, אַז מען דאַרף זיין אָפּגעהיט פון גאָט און פון לייטן. אָט גאָר שלומהס זון, איך מיין ראָזעס חתן, וואָס מען רעדט איר, ער איז דער אמתן דאָך אַ זיידנס, פונדעסטוועגן וואָלט איך אים מיין קינד פאַר אַ ווייב ניט געבן. וואָרום אַ דאָקטאָר, ווער ווייס וואָס ער איז, הגם דער רבי אַליין, זאָגט מען, האָט אים געהייסן ווערן אַ דאָקטאָר, און זיין ברכה איז אים נאָך מער מצליח פאַר די געשטודירטע, געצירטע, פונדעסטוועגן איז פאָרט בעסער אַ יונגל, וואָס זיצט און לערנט. נישקשה, גאָט האָט אייך געהאָלפן, ניט זשאַלעוועט נאָך עטלעכע הונ־דערט רובל און נעמט טאַקע פאַר איר אַ חתן אַ לייט. פאַרוואָס ניט, זי איז דאָס ניט ווערט?

— מיינע קינדער! מיינע קינדער! — האָט געשריען די טרייע מוטער, וועלכע האָט כמעט אַ וואָרט ניט געהערט פון דעם גאַנצן לאַנגן שמועס, וואָס די קהלשע מומע האָט איר דאָ געדורעט, — באַ־היט זיי גאָט אין דיין הייליקן הימל, ניט נעם דיין חסד אַרונטער פון מיינע ריינע פרומע קינדער!

די שטראַפּטשיכע האָט נאָך ווייטער געוואָלט רעדן, און אָנפירן

אַ שמועס פון דאָסניי, אָבער גאָלדע האָט שוין נישט געקאָנט איינ־זיצן און איז אַרויסגעלאָפן צו דער טיר, טאָמער וועט זי זיי דער־זען, אירע הערצלעכע ליבע קינדער. זי איז צוריק אַריין אין שטוב און אָנגעגרייט קליידער, טאָמער וועלן זיי קומען פאַרנעצטע אַהיים און האָט ממש ניט געוווּסט וואָס צו טון. די שטראַפּטשיכע האָט דער־וויל גענומען לייבקען אויף דער האַנט און געפרעגט:

— לייביצקע, די מאַמע האָט עפּעס האָלט דעם טאַטן

— יאָ, — האָט געענטפערט דאָס קינד.

— זי שילט אים עפּעס?

— יאָ, — האָט ער איר ווידער געענטפערט.

— און יוסף קושט עפּעס ראָזען?

— יאָ, — האָט ווידער געענטפערט דאָס קינד, אָפּלעקנדיק די סמעטענע פון זיין בייגל.

— מיך האָסטו האָלט?

— יאָ, — האָט ער ווידער אַלץ אַזוי קאַלט געענטפערט.

— דער טאַטע האָט עפּעס האָלט ראָזען?

— יאָ, — האָט ער אַלץ ווידער געענטפערט.

און אַזעלכע שאלות האָט די יידענע ביי אים איבערגעפרעגט, אַז עס איז אַ שרעק געווען צו הערן, וואָס דאָס אומוויסנדע קינד האָט אויף אַלץ געענטפערט זיין אומבאַוווּסטן „יאָ". איר אָבער איז דאָס צוגעקומען גענוג שטאָף און מאַטעריאַל צו רעדן וואָכן־לאַנג. מיר ווילן אייך ניט מיד מאַכן, אונזערע טייערע געפילפולע לע־זער, וואָס אייך איז שוין געוויס איבערדריסיק געוואָרן אונזער דער־ציילן פון איר שמועס, און דערפאַר זיך וועלן מיר בעסער אומקערן צו אונזער געשיכטע, און גאָר אין קורצן דערציילן, אַז סטערנע גוטע האָט אַרויסגעטראָגן פון דאַנען אַ היפּשע מטבע, וואָס איטלעכער פון שטוב האָט איר געגעבן פאַר איר נוטה למותדיקע אלמנה. מיר בעטן אונזער גוטן לעזער אום פאַרצייונג, וואָס מיר האָבן אים פּילייכט פון געדולד אַרויסגעפירט מיט דעם לאַנגן שמועס, וואָס אַנטהאַלט פאַר אים, פּילייכט, ניט מער ווי אַ יענטישעס געשפּרעך. יאָ, פריינד, סטערנע גוטע איז ניט קיין העלדין אין דעם ראָמאַן, און נאָך אַ קלענערע ראָלע פאַר איר שפּילט דבורה באַסע. מיר קאָנען

זיי אָבער ניט אויסן לאָזן, ווייל אַרום אונזערע געליבטע ראשי־המדברים דרייען זיי זיך אויך, און ווען אַלע מאָל ווייסן אַזעלכע ניט צו פאַררייכטן, האָפן מיר דערנאָך וועלן זיי דעם צוועק פון אונזער שרייבן ניט קאַליע מאַכן. דען, ליידער, זענען סטערנע גר־טעס דאָ אומעטום און וואָדיען זיך אָפּט אפילו אין די הויכע פענסטער. פיליכט וועלן זיי זיך דערקענען און זיך פאַרשעמען פאַר זייער אייגענער צורה — פיליכט.

פיליכט... נאָר גענוג. צוריק צום ספור!

ו

יוסף און משה שנייאור

כאָטש יוסף האָט זיך מי געגעבן אַרויסצוטרייבן אַלע ביטערע געדאַנקען און איינדרוקן, וואָס משה שנייאור האָט אויף אים געמאַכט, האָט ער פונדעסטוועגן זיך געשראָקן פאַר אים, זיך זייער באַאומרואיקט. דען ער האָט באַמערקט, אַז יענער גראָבט עפּעס: אַזוי פלעגט ער אים רופן „בטלן" און יוסף פלעגט זיך קוים דערפון באַליידיקן, היינט רופט ער אים „יוספּקע", „מיין יוספּקע", און יוסף פילט מער גיפט אין דעם נאָמען, ווי ווען עס איז.

„אָ, איך וואָלט וועלן, איך וואָלט זיך גליקלעך שעצן, אַז איך וואָלט קאָנען איצט צוריקקערן זיך צו מיין פריערדיקן שטאַנד, צו דער רואיקייט און גלייכגילטיקייט צו דעם, צו יענע... און כאָטש ווערן צוריק אַ בטלן! — האָט יוסף צו זיך געזאָגט.

„כאָטש, בין איך דאַמאָלס אויך ניט רואיק געווען. אין מיר האָבן געשטריטן פאַרשיידענע געדאַנקען. מיך האָט פאַרדראָסן, פאַרוואָס זאָל איך זען, ווי מיינע יונגע יאָרן גייען אין ניוועטש, ווי איך ווער פאַרזונקען אין גמרא, און קאָן זיך קיין עצה ניט געבן, ווי זיך אַרויסצוכאַפּן פון דער לאַגע, ווי צו באַפרידיקן מיינע עלטערן, וואָס ווילן דורכויס איך זאָל זיין אַ רב? — מיך האָבן נאָך געדאַנקען געפּלאָגט און באַאונרואיקט. איך האָב געוויינט פאַר יעדן, פאַרוואָס פאַרשטייט דער אַנדערער ניט דאָס וואָס רעכט איז, וואָס גוט און פרום איז אַזוי ווי איך פאַרשטיי, און פאַרוואָס מוז איך נאָך מיט דער פאַרשטענדעניש זיך באַהאַלטן און קאָן ניט טון, וואָס ביי מיר קומט אויס? און מוז זיך זעלבסט און לייטן נאַרן און גיין מיט זיי אין איין וועג, כאָטש עס איז פאַר מיר פינסטער און גלי־

טשיק, צו ענג און קרום — איך לעב ווי אין קייטן איינגעשמידט, האַנדל אונטער אַ מאַסקע, און בין פאַרקויפט ביי לייטן, ביי דעם „וואָס וועלן לייטן זאָגן". — יאָ, דאָס האָט געדריקט מיין האַרץ, און דריקט נאָך איצט מער אפשר ווי ווען עס איז. דען, ווען ניט די קייטן, וואָס דריקן מיך, וואָלט איך איצט, — אָ, גאָט — איך וואָלט וויסן ווי אָנצונעמען דיין מתנה, וואָס דו ווינקסט מיר אָנצונעמען, איך וואָלט קאָנען זיין גליקלעך, טאָפּלט גליקלעך. — יאָ, דער מענטש מוז זיך בייגן לאָזן — צי מיטן ווילן, צי ווייל ער האָט קיין ברירה ניט — אונטער דעם יאָך, וואָס עס ליגט אויף דער גאַנצער מענטש־הייט. דעם מענטשנס נאַטור איז צו גיין אַנטקעגן דער נאַטור, און אים איז בעסער צו גיין אין שטיוול מיט קאַלאָשן און זיין אויסגע־שטעלט פאַר יעדער געפאַר פון פאַרקילן זיך און דאָסגלייכן, איידער צו גיין באָרוויס ווי די נאַטור האָט אים באַשאַפן און זיין באַפרייט פון אַזעלכע געפאַרן. און איך בין אויך איינער פון די, וואָס ווערן געטריבן — כאָטש ניט פון אייגענעם ווילן — צו האַנדלען קעגן דער נאַטור. דאָס איז אַ וועלט־זאַך, און איך טראָג נאָר די שווער־קייט דערפון אַ קליינע טייל — דאָס האָט מיר געטרייסט. אָ, אָבער איצט! איצט טראָג איך די ווונד, וואָס דאָס איז נאָר מיין ווונד אַליין איך לייד, איך האָב קיין רו ניט, איך שלאָף ניט ביינאַכט, מיינע געדאַנקען מישן זיך אין מיר — איך קאָן ניט וואַך זיין ביי־טאָג. איין זאַך איז מיין געדאַנק, און וואָס? ניין! איך קאָן זיך דאָס אַליין ניט דערקלערן, דען איך בין ערלעך מיט זיך און וויים ווו איך האַלט. ווו זענען מיינע ביכער? צוריק צו דער התמדה, איך האָב נאָך מיט וואָס זיך צו היילן, היינט איז נאָך צייט!...

נאָך די רייד איז יוסף געוואָרן אַנדערש, מען האָט אין אים געפילט אַ ענדערונג, ער האָט זייער פיל און מיט ערנסט געלערנט, און האָט זיך מיט דעם געזינד נור געזען צום עסן, אָדער ווען־ניט־ווען אַרויסגיין אין סאָד, וואָס איז געווען פרידמאַנס אַן אייגענער, און כאָטש ניט שיין באַפּוצט, אָבער גענוג גרויס און געדיכט, פון הויכע צווייגהאַפטע בוימער. דאָרט פלעגט ער פאַרלעזן עטוואָס, — כדי זיין באַפרעמדאַרטיקן זיך זאָל ניט אויפפאַלענד זיין אין שטוב,

אָבער דאָס איז אויך געווען קאַלט און ווייניק. צי מען האָט עס שוין באַמערקט צי ניט, אים איז דאָס אָבער אַ רפואה געווען. משה שנייאור האָט דאָס גאַנץ גוט באַמערקט, און ווי ער האָט יוספן רעכט געקענט, האָט ער אַלץ פאַרשטאַנען, וואָס מיט אים טוט זיך. ער האָט באַזונדערס געזען, דאָס יוסף נעענט זיך צו אים צוטרוילעכער ווי פריער, און מיהעט זיך צו ערווערבן זיין ערשטע פריינטשאַפט, ער האָט איבערהויפט רחמנות געהאַט אויף אים, און האָט אים אָנגע־הויבן גוט צו ווערן.

יוסף איז אַמאָל געזעסן און געלערנט אין זיין חדר, און ווי האָט ער זיך דערשראָקן, אַז ער האָט אין גמרא געפונען אַ צעטע־לע, אויפגעשריבן מיט די ווערטער: „דו ווייסט ניט, אַז ווענט האָבן אויערן, און הימל און ערד האָבן אויגן, דו מיינסט, אַז קיינער ווייס ניט, עס ווייסן אַלע. איך שרייב דיר אין שווערס נאָמען, ער האָט געוואָלט דיך מיט בזיונות אַרויסטרייבן, נאָר איין גאָט ווייס מיין אמת און טרייהייט צו דיר, צו מיין שוועסטערקינד, און איך האָב נישט דערלאָזן צו לייטישע רייד. מיין עצה איז, יוסף, דו געדענק נאָר די רייד, מאַך זיך ווי ניט וויסנדיק, זיי אָפּגעהיט, דאָס מען זאָל אין דיר קיין השתנות ניט באַמערקן, און זע ביסלעכווייז אַרויס־צוקלויבן זיך פון שווערס שטוב. אַזאַ מענטש ווי דו קאָן האָבן אַ שטעלע אין שטאָט, און וואָס דאַרפסטו זיך וואַלגערן אין אַ שטוב, ווי דו ביזט איבעריק, שווער און ניט פאַסיק, און וואַרטן ביז מען וועט דיך הייסן אַרויס?... זיי זענען פון דער אַלטער וועלט און האַלטן דאָס געפיל פאַר הולטייסטווע און פאַר אַ גרויסע באַליידיקונג. איך דאַרף דיר ווייטער ניט שרייבן, יוסף, דו בלאָנדזעסט. גאָט איז מיין עדות אין מיין טרייהייט —

משה שנייאור

אויב דו ווילסט, קאָנסטו אַריינקומען צו מיר היינט אָוונט. איך וועל דיר אַלץ דערקלערן. ד׳ ז׳.

יוספן איז פינסטער געוואָרן אין די אויגן, אַז ער האָט דאָס איבערגעלעזן. ער האָט געמיינט צו חלשן אויפן אָרט „ווער איז שולדיק דערין? איך? יאָ, איך אַליין! „נון, גוט, איך אַנטלויף היינט ווי מיינע אויגן וועלן מיך פירן”!

אַ לאַנגע צייט איז ער געזעסן, דעם קאָפּ אויף דער האַנט געלענקט, געטראַכט, געבאָרעט זיך מיט שווערע געדאַנקען, און געווען אין איין פאַרצווייפלונג, ניט געוווסט צו וואָס זיך צו באַשליסן. ער האָט געוואָלט שוין גיין צוזאַמענבעמען זיין ביסל זאַכן, און אַוועקגיין, אָבער דאָ האָט אים אַ בליץ געטון אין קאָפּ דער סקאַנדאַל. — גאָט, ווו וועל איך קאָנען מיינע אויגן ווייזן? מען וועט דאָך רעכט האָבן צו מיינען, וואָס מען וועט זיך נאָר פאָרשטעלן. דאַרף איך דאָס איר טון? דעם אומשולדיקן מלאך, דעם ריינסטן און שענסטן נאָמען אירן באַפלעקן? איז זי שולדיק, אַז איך האָב מיין מאַסקע שלעכט אָנגעטון, און מיינע אינערלעכע ליידן האָבן דורכגעקוקט דורך מיינע אויגן? דאַרף איך דאָס די גוטע מענטשן טון? אָ, גאָט, אויף וועלכע פאַלשע שריט האָסטו מיך דאָ אַרויפגעשטויסן? — מיר הייבט זיך מיין מוח, אַז די טרייע פרוי, וואָס איז מיר אַזוי טריי, אַזוי גוט, זאָל רעכענען, אַז איך האָב זי באַליידיקט, איר מיט שאַנד און אומערע באַצאָלט פאַר איר גוטסקייט.

עס איז שפּעט געוואָרן, גאָלדע האָט אים אַריינגעטראָגן אַ גלאָז טיי, ווי זי איז געוויינט ביז איצט און האָט אים געפונען פאַרטראַכט.

— יוסף, די גמרא וועט ניט אַנטלויפן, טרינק! דיין טיי ווערט קאַלט, — האָט גאָלדע געזאָגט און איז אַרויסגעגאַנגען.

„און זי איז מיר נאָך אַלץ גוט ווי געווען. וועלכע טרייהייט קלינגט אין איר שטימע — און איר דאַרף איך אַזוי אומדאַנקבאַר זיין? גאָט, גאָט, לאָז כאָטש די טרייע פרוי וויסן מיין אמת!” — ער האָט דעם טיי ניט געטרונקען, ער האָט אָבער געטרונקען זיינע טרערן, וועלכע זענען אים אָנגעלאָפן פולע אויגן.

עס איז שוין רעכט טונקל געווען, און יוסף איז נאָך אַלץ געזעסן ווי אַ צוגעשמידטער, און זיך געפּלאָגט מיט זיינע געדאַנקען. ער האָט ניט באַמערקט, ווי ראָזע איז אריין אין חדר, און געבליבן שטייענדיק ביים טיר, האָט זי אים באַטראַכט מיט ליבע, מיט אַ פריילעכן קוק.

— יוסף, — האָט ראָזע זאַנפט אַרויסגערעדט — וואָס זענט איר אַזוי פאַרטראַכט. ניט זאָרגט, אייערע שיפן גייען ניט אונטער!

— ראָזע, אַנטשולדיקט, איך האָב אייך ניט באַמערקט.

— אימער קומט מיר אויס אייך צו פרעגן, וואָס איר טראַכט, אַנטשולדיקט, יוסף, איך וועל פון איצט אָן זיך לערנען ניט נייגעריק צו זיין, אָדער אַליין צו טרעפן, וואָס איר טראַכט, ניט פרעגנדיק אייך.

— ראָזע, ראָזע, — האָט יוסף געזאָגט, — איך האָב אייך עפּעס וואָס צו זאָגן.

— יוסף, ניט איצט, איך בין איצט איינגעלאַדן אויף א חתונה, עס שטייט שוין אַ דראָזשקע נעבן טיר. מען האָט מיר אַ בריוו דערלאַנגט, איך זאָל אייך אייגנהענטיק אָפּגעבן נאַט, יוסף, ניט נעמט פאַר אומגוט, אַדיע!

זי האָט יוספן איר האַנט געגעבן און אַרויס. יוסף האָט געזען, ווי זי האָט זיך געזעצט אויף דער דראָזשקע, און אַוועקגעפאָרן צוזאַמען מיט דער מוטער.

„און דיר, געטלעך וועזן, דאַרף איך דאָס אַזוי אומדאַנקבאַר זיין! פון דיר, אומשולדיקער מלאך, ליכטיק קינד, דאַרף איך אַנטלויפן?... אַנטלויפן. וווהין אַנטלויפן? ווו וועלן מיך דיינע ליכטיקע שטראַלן ניט דערגרייכן? ווו וועלן מיך ניט באַגעגענען דיינע ליבע, זיסע שמייכלעך, דיין אָנגענעמער קול. אָ, ראָזע! אין מיין הארצן ביסטו, און איך וועל אַנטלויפן, ווי אַ געשאָסענער הירש מיט דעם פייל אין זיך!...“

„דו ווילסט זיך לערנען זעלבסט צו טרעפן, וואָס איך טראַכט? נו, טרעף איצט און ווייס וואָס אין מיר קומט איצט פאָר, און קום און זאָג מיר דיין ראַט.“

יוסף האָט זיך כמעט פאַרגעסן, אַז ראָזע האָט אים אַ בריוו דערלאַנגט, און האָט אים ניט געלעזן ביז רעכט פינסטער. ער האָט אָנגעצונדן אַ ליכט און דערזען דעם בריוו, איבערגעלעזן דעם קאָנווערט. עס איז צו אים. ניט אַ פאָסט־בריוו. ער האָט געעפנט דעם קאָנווערט און גענומען לייענען:

„בעסטער פריינד יוסף!

אַלס פאַרשטענדיקער מענטש וועט איר אַריין אין מיין לאַגע, און פילן מיט וואָס פאַר אַ האַרץ איך שרייב דאָס אייך. מען איז

אָבער ניט אין אייגענעם ווילן, און ניט אַלץ וואָס עס פֿאַלט איין פֿאַר רעכֿט אויף אַ קליינע צייט געפֿינט זיך פֿאַר גוטס אויף אימער...

גלויבט מיר, איך האָב צו אייך די גרעסטע צוטרויליכֿקייט, און זאָג אייך אָפֿן, אַז דעם גרעסטן טייל אין מיין האַרצן פֿולט איר אויס, די מייסטע גערדאַנקען מיינע זענען וועגן אייך, און זיי עס אין מיין האַנט און ווילן, וואָלט איך זיך קיין עצה ניט דאַרפֿן האַלטן ווי עס צו אַנטשיידן. יוסף, דען איך האָב אויך אַ האַרץ און געפֿיל און קען די ליבע...

איך בין אָבער אין דעם ווילן פֿון מיינע עלטערן, וועלכֿע האָבן קלערערע אויגן צו אונטערשיידן און אויסצוקלויבן פֿאַר מיר, פֿאַר מיין צוקונפֿטיקן לעבן, און איך מוז און וויל זיי געהאָרכֿזאַם זיין! איר זייט געטרייסט מיט אייער אָרנטלעכקייט, די טרייהייט פֿון מיינע עלטערן האָט איר ניט פֿאַרלאָרן, און מיין פֿריינדשאַפֿט צו אייך בלייבט ווי געוועזן!...

וואָס איך וויל, — און איז, אייגנטלעך, מיר זייער שווער צו בעטן פֿון אייך, — איז דאָס: אויב איר געפֿינט פֿאַר זיך אַ שטעלע ערגעץ, אָדער זאָגנסט וואָס פֿאַר אַ מיטל, דאָס איר זאָלט זיך ניט ענטבערן דאַרפֿן, בעט איך זייער אונזער הויז פֿאַרלאָזן און פֿאַרשפּאָרן אונז ביידן פֿיל פֿאַרדרוס און שמערצן. פֿאַרהיטן אונזער נאָמען — פֿאַר וועלכֿן איך באַזונדערס דאַרף אַלץ אָפּפֿערן, — פֿון שלעכֿטע מיילער.

יוסף, דאַרף איך אייך דערמאָנען, אַז מיר געפֿעלט איבערהויפּט ניט אייער צוועק, צו וועלכֿן איר קאָנט קומען פֿון דעם לערנען ביי אונז אין שטוב?

איר זענט יונג און פֿעהיק, געניג! אַנטלויפֿט, ווערט אַ מענטש, איר זעט, אַז מען קאָן זיך באַמייסטערן, אַז מען וויל נאָר — און איך, אַ פֿאַרשטעטלדיק מיידל, וויין אייך דעם ביישפּיל.

זייט געזונט און גליקלעך. איך בעט אייך פֿון מיר אייער פֿריינדשאַפֿט ניט צוריקצוציען, און צו וואָס איר וועט זיך באַשליסן, זאָל עס זיין געלאַסן, ניט איבעראייליק, עס זאָל צו קיין לייטישע רייד ניט ברענגען, פֿאַרהיט מיין טייערן נאָמען ראָזע”.

„וואָס איז דאָס פֿאַר אַ טאָג — האָט יוסף צו זיך געזאָגט. —

ברעכט זיך דער וואָלקן מיט זיין גאַנצן אומגעוויטער, וואָס ער טראָגט אין זיך און הענגט שווער איבער מיר — אויף איינמאָל מיך אינ־גאַנצן צו צעשטערן? איז דאָס שוין גאָר, אָדער איך האָב נאָך וואָס צו ערוואַרטן?

„זי איז ניט קלוג, ראָזע, זי האָט מיר ניט באַדאַרפט שרייבן אַזאַ מגילה. און ניט באַדאַרפט ווייזן מיר, אַז זי האָט מיך געליבט אין דער מינוט, וואָס זי זאָגט זיך אָפּ פון מיר. איך האָב אירע גע־דאַנקען ניט געזוכט, איך האָב נאָר מיט זיך אַליין געהאַט וואָס צו טון! ווער האָט איר דאָס געבעטן די אַנטדעקונג אין דער מינוט? פאַרצייַ איר, גאָט, פאַר דער נאַרישקייט, פאַר מיינע אומזיסטע ווונדן! גוט, גוט, איך בין איבעריקנס צופרידן דערמיט, עס מאַכט מיך שטאַרק. איצט פאַרשטיי איך אירע רייד: „איך וועל זיך לערנען ניט נייגיריק צו זיין און טרעפן אַליין וואָס איר טראַכט." — איך פאַרשטיי, וואָס זי האָט געצילט. זי האָט געזאָגט: ניט איצט וויל זי הערן, וואָס איך האָב איר צו זאָגן געהאַט.

„די קאַלטקייט, די טרוקנהייט וואָס ווייעט פון איר בריוו מאַכט מיך שוידערן, זי וויל איך זאָל ביסלעכווייז אויסרייסן מיין האַרץ, זיך מוטשען אַ לאַנגע צייט ביז איך וועל אויסגעלייזט ווערן. ניין! איך קאָן עס ניט — מיט איין מאָל קאָן אָפּטון און אויס! מיט די ווערטער האָט ער זיך אַ הייב געטון און מיט האַסט אַריין צו משה שנייאורן. זיינע באַקן האָבן אים געברענט, זיינע אויגן זענען פול געווען און נאָך פולער — זיין האַרץ.

לייקע, ראָזעס שוועסטער, האָט אים מיט פריינטשאַפט און ליב־קייט אויפגענומען.

— אַך יוסף, איך האָב שוין לאַנג די ערע ניט געהאַט אייך צו זען ביי מיר אין שטוב. גלויבט מיר, איך בין העכסט צופרידן, וואָס איך בין אויף דער חתונה ניט געפאָרן, ווו איך בין איינגע־לאַדן. ווי דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז איך וועל האָבן אַ גוטן גאַסט. איר מוזט מיר געוויס זיין אַן אמתער גוטער פריינד, דען דאָס האַרץ זאָגט מיר אַזוי, כאָטש מיין מאַן ווייס ניט ווי אייך צו שעצן.

— איך דאַנק אייך טויזנט מאָל, — האָט יוסף געזאָגט, — אַ האַרץ

איז אַ זייגער, און זאָגט פריער עפּעס אָן. פילט איר, אַז איך בין אייך אַ פריינד, מעגט איר זיין איבערצייגט דערין, דען איך פיל דאָס זעלבע צו אייך. אייער מאַן אָבער איז מיר אויך אַן אמתער פריינד, נאָר איך פאַרשטיי ניט אַלעמאָל, ווי זיין פריינדשאַפט אָנ־צונעמען. ווי דאָס איז, קיין פיינט איז ער מיר געוויס ניט.

— יוסף, זייט איר קראַנק? אייער קול ציטערט עפּעס, און איר רעדט עפּעס ווי פון שמערצן.

— איך בין עס געווען ביז איצט, איצט הייב איך שוין אָן צו זיך צו קומען.

אין דעם האָט משה שנייאור, וועלכער האָט געהאַלטן אין וועטשערע עסן, דערהערט יוספס רייד. האָט ער געעפנט די טיר און האָט אים אַריינגערופן צו זיך.

— זעצט זיך, יוסף, — האָט משה שנייאור געזאָגט. אין דעם האָט ער פאַר אים אַ שטול צוגעשטעלט נעבן זיך ביים טיש. — אַ לאַנגע צייט, יוסף, האָב איך דיך ביי מיר אין שטוב ניט געזען אָנשטאָט וואָס אַמאָל פלעגסטו טאָג און נאַכט ביי מיר זיין!

— עס איז שוין אַזוי, ליבער פריינד, — האָט יוסף געענט־פערט. — פון גוטס פאַרגעסט מען אַלטע פריינד, און פון שלעכטס דערמאָנט מען זיי. מיר איז צו גוט געווען, אַ דאַנק גאָט, אַז איך האָב צייט צוריק צו לויפן צו מיינע אַלטע פריינד, איידער מיר איז נאָך שלעכט געוואָרן.

— אַ דאַנק דיר, ליבער יוסף, אַז דו האַלסט מיך נאָך פאַר אַ פריינד, און דו האָסט זיך כאָטש איצט דערמאָנט צו קומען צו מיר. אָבער זאָג דעם אמת, האַלסטו מיך ווירקליך פאַר אַ פריינד און דו גלויבסט מיר, אָדער דו רעדסט דאָס גלאַט פון אָנשטענדי־קייט אַזוי?

— לייקע, — האָט משה שנייאור געזאָגט מיט אַ קול ווי אַ באַ־לעבאָס אויף זיין דינסט — גיי אַרויס אַ ווײַלע, איך דאַרף מיט יוספן רעדן עפּעס.

— יוסף איז מיין גאַסט אַזוי ווי דיינער, — האָט זי געענט־פערט — וואָס פאַר אַ סודות האָסטו מיט אים?

— גיי אַרויס, זאָג איך דיר! — האָט ער אַ געשריי געטון און אָנגעשטעלט זיינע אויגן.

לייקע האָט פאַרשטאַנען, אַז זי וועט ניט אויספירן און איז אַרויסגעגאַנגען. משה שנייאור האָט פאַרשלאָסן די טיר און איז געבליבן מיט יוספן אַליין.

— איך פרעג דיך, יוסף, האָלסטו מיך פאַר אַ פריינד אָדער ניט?

— משה שנייאור, איך בין אַן אָפענער מענטש, און זאָג אייך וואָס אויפן לונג! איך קען אייך ניט! זאָגט איר מיר, איך גלויב אייך, זאָגט איר מיר, וואָס זייט איר מיר? וואָס טוט זיך מיט מיר? אַז איך שרעק זיך פאַר אייך, משה שנייאור, ניט נעמט פאַר אומגוט, איך ווייס עס אַליין ניט פאַרוואָס. האָט רחמנות, איך בין דאָ עלנט, איך זע דאָ טוט זיך עטוואָס אַרום מיר, וועגן מיר — און איך ווייס ניט, איך געפין זיך אין קיין זאַך ניט שולדיק. גאָט איז מיין עדות!

— דער גנב שרעקט זיך, ווען ער איז ניט שולדיק אויך, און ניט אַ געניטער גנב שרעקט זיך פאַר דער מחשבה גנבה אַליין. וועלכער פון די צוויי ביזטו, יוסף?

— קיינער ניט פון דיביידע! — האָט יוסף געענטפערט — איך האָב ווידער געטראַכט, נאָך געטון עטוואָס אומרעכט. וואָס וויל מען פון מיר? פאַר וועמען האַלט מען מיך דאָ?

— יוסף, גלויב מיר, איך שווער דיר ביי מיין ווייב און קינד, ביי אַלץ, וואָס מיר איז טייער, אַז איך בין דיר טריי ווי אַ ברודער. מען האַלט דיך דאָ, חלילה, ניט פאַר אומערלעך, איך וועל ניט זאָגן אויף אַלעמען, איך האַלט דאָס געוויס ניט פאַר אַ עוולה, איך האָב אין מיין לעבן אויך געליבט, און ווייס, אַז עס איז גאַנץ לייכט און נאַטירלעך זיך אין ראָזען צו פאַרליבן... ווי ווייט האַלטסטו מיט איר? דעם אמת זאָג, האָסטו זי ניט געפאַנגען, אין געפענגעניש גענומען?

— משה שנייאור, איך זאָג אייך די וואָרהייט, איך האָב ראָזען גאַנץ ליב, אָבער מיר איז ניט אַרויפגעקומען אויפן זינען עפּעס וואָס...

— דו זאָגסט ליגן, ראָזע האָט מיט דיר קיינמאָל ניט גערעדט, און דו האָסט איר ניט דערקלערט, אַז דו ליבסט זי? יוסף, ווי אַ גו־טער פריינד בין איך דיר נאָכגעגאַנגען טריט אין טריט, און ווייס גאַנץ גוט, ווי דו האַלטסט. איר זענט ביידע פאַרליבט, דו ווייסט דאָס, און זי ווייס דאָס, פאַר מיר דאַרפסטו זיך ניט פאַרשטעלן, איך ווייס פון אַלץ! און דאָס האָט אָנגעמאַכט דעם גאַנצן שטורם, דאָס האָט מיך געבראַכט שרייבן צו דיר דעם צעטל, ווי אַ ברודער דיך אַרויספירן פאַרן האַנט פון דעם אומגליק, וואָס דיר דראָעט.

— משה שנייאור, איר גלויבט, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אין דער וועלט? ביי אים שווער איך, אַז איך בין ריין פון דעם גאַנצן פאַרדאַכט, און בין ווייט דערפון. איך האָב פון ראָזען קיין האַלבע זילבע ניט געהערט וועגן ליבע, אָדער גאָט ווייס, וואָס איר זענט מיר חושד, און נאָך ווייניקער האָב איך מיט ראָזען גערעדט, אָדער חלילה מערקן געלאָזט!

— איך ווייס פון אַלץ! איך ווייס פון אַלץ! — האָט משה שנייאור געזאָגט.

— איך ווייס ניט!

— און די בריוועלעך, וואָס איר שרייבט זיך איינע די אַנדע־רע? קאָנסטו מיר דאָס פאַרלייקענען?

— משה שנייאור, איך זע, איר מיינט מיך אויסצופרעגן, איך בין ניט אַזוי דום, נאָר ווייל עס קאָן זיין, אַז אייער שווער און שוויגער זענען פון אייך אָדער פון אַן אַנדערן אויף עפּעס אַ פאַר־דאַכט אויף מיר געפירט — איך וויל אייך נאָר זאָגן, אַז איך בין אומשולדיק — און קיין זאַך פאַרדריסט מיך מער ניט, ווי דאָס, וואָס איך רעכן, אַז איך ווייז אויס ביי זיי פאַר אַן אומדאַנקבאַרן.

— וואָס טויגן די קונצן, — האָט משה שנייאור געזאָגט. — דו דערקענסט די האַנט? ווער האָט דאָס געשריבן? איז דאָס ניט ראָזעס אַ בריוו צו דיר, וועלכן מען האָט פון דיין קעשענע אַרויסגענומען, ווייל איר זענט שוין געוואָרן צו לייטישע רייד. גלויב מיר, איך האָב דיך ליב, איך אייגער, איך וועל דיר נאָך דערציילן!

יוסף האָט גענומען לייענען דעם בריוו, דאָס איז געווען אַ צע־

ריסן בלאט פאפיר, וואס משה שנייאור האט צוזאמענגעשטוקעוועט און געגעבן יוספן לעזן.

„ליבער יוסף!

נעם דאך, ליבער יוסף, דעם בריוו, אזוי ווי דו האסט מיין הארץ גענומען. יוסף, איך קאן ניט שרייבן, איך שעם זיך פאר זיך אליין, אז איך שרייב דיר דאס — אבער איך קען ניט רוען, איך מוז דיר זאגן, איך ליב דיך. דיינע רייד, דיינע ליבע זיסע פארלעזונגען זענען מיר ליכטיקע שטערן אין מיין ריינעם הימל. יוסף, דו אליין ביזט מיין זון. א, גוואלד, וואס דארף איך די מליצה? וואס שרייב איך דיר פרעמדע ווערטער? יוסף, דו ביזט מיין גאנצער געדאנק. איך ליב דיך? — — — צען מאל האב איך דיר שוין אזעלכע בריוועלעך געשריבן, און צען מאל האב איך זיי צעריסן. איך שרייב גאט ווייס וואס פאר א משוגענע ווערטער, איך בין ניט ביי זיך, ווען איך שרייב. איך בין א ווילדע, און קאן ניט רעדן, וואס איך וויל — איך וואלט וועלן קריגן אזא ווארט דיר דערמיט מיין גאנץ געפיל איבערגעבן. יוסף, איך בין נייגעבוירן צייט איך קען דיך, יוסף, נעם מיין בריוו ווי דו האסט מיין הארץ גענומען!

איך פיל, דער בריוו באפרידיקט מיך אויך ניט! איך ווינטש זיך, אז א ווינט זאל דעם בריוו פון מיין האנט ארויסכאפן און אים ברענגען צו דיר און דו זאלסט אים צונעמען און אים לעזן, און מיר פארשפארן די ערשטע שווערע באקענטניש־ווערטער. פארוואס טוען זיך היינט קיין נסים ניט? ווי נעמט מען איינעם, וואס זאל מיט גוואלד פון מיין האנט ארויסכאפן דעם בריוו, דען איין מינוט, אז איך קער זיך אפ, ווערט ער מיר קאלט, און אין הארצן קוועלן און שטויסן זיך נייע ווערטער ווי דיר מיין ליבע צו באקענען.

גוואלד, וואס פאר א משוגענע בין איך, וואס האב איך דא אנגערעדט?"

מער האט יוסף ניט געקאנט לעזן, דאס פאפיר איז געווען אין שטיקלעך צעריסן, און מ'האט נאר געקאנט באמערקן, אז דארטן האט זיך גערעדט וועגן משה שנייאורן. אים זענען טרערן ארויס פון די אויגן. ער האט משה שנייאורן פארוואונדערט אנגעקוקט.

— משה שנייאור, — האט ער געזאגט מיט א ציטערדיקע שטי־

מע, — זענט איר דאָס ניט אפשר דער ווינט, וואָס ראָזע ווינטשט זיך מיט אים איר בריוו צו מיר איבערצושיקן. דאָס האָט זי געשריבן, זי איז דאָ מיט איר כאַראַקטער, אָבער איך ווייס ניט דערפון, גאָט איז מיין עדות.

— דער בריוו ליגט שוין פיר וואָכן ביי מיר, עס איז ניט מעגלעך, אַז זי האָט פון יענער צייט ניט געשריבן. שווער זיך, האָסטו גאָרניט דערהאַלטן פון איר קיין בריוו ניט נעכטן, ניט היינט?

— היינט האָב איך דערהאַלטן, אָבער אַ גאַנץ אַנדער אינהאַלט. ניט אירע ווערטער און ניט איין מינע פון איר.

יוסף האָט אים דעם בריוו געוויזן, משה שנייאור האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— אָט נאַ דיר! — האָט ער געזאָגט — פאַר אַ קייטל, פאַר אַ זייגערל אַ שיינעם וואָלטן זיי זיך אויפגעהאָנגען. עס איז רעכט, דעם בריוו פאַרשטיי איך, דו מיינסט—זי איז געכאַפּט מיט דער שוויגער אויף חתונה, דאָס איז מען געפאָרן זיך זען מיט אַ חתן, מען רעדט איר מיט אַ פּשוטן יונג, ער האָט אָבער דרייסיק טויזנט רובל. הער און פאַרשטיי, וואָס דאָ טוט זיך, — האָט משה שנייאור געזאָגט אים אָננעמענדיק פאַרן האַנט. — ראָזע איז אַ האַלבע אַ משוגענע. דו קענסט זי עטלעכע וואָכן, און איך קען זי שוין ברוך השם פיר יאָר. דו ווייסט, אַז מען רעדט איר שדוכים און עס ווערט ניט אויס־געפירט. די שוויגער האָט איר געפרעגט, האָט זי געענטפערט: זי דאַרף ניט קיין שדכנים, זי האָט שוין אַ חתן, און האָט זיך פונאַנ־דערגעוויינט. די שוויגער האָט דאָס מיר דערציילט און פרעגט מיין עצה. איך האָב — זאָל מיר אַזוי גאָט ענטפערן, ווען איך ווער רופן צו אים — ווי איך האָב געענטפערט, אַז דאָס איז זייער אַ גלייכער שדוך און האָב צוגערעדט, אַז די זאַך זאָל אויסגעפירט ווערן. מיט ראָזען האָב איך צו טון געהאַט זי זאָל זיך האַלטן און עס מעג זיין וואָס עס וויל, איך מיט דער שוויגער האָבן דאָס דערציילט דעם שווער, מיר האָבן ניט געזאָגט, אַז ראָזע ליבט דיך, מיר האָבן גלאַט געזאָגט, וואָס דאַרפן מיר זוכן ווייטע שדוכים, אַז מיר האָבן נאָענט דעם בעסטן. — ער איז משוגע געוואָרן און האָט גע־שריען, ווי קאָן מען אים דאָס גאָר זאָגן. דו קאָנסט דאָך דעם שווער,

אַז ער קומט אַריין אין כעס. „גיכער וועט הימל צו ערד קומען, איי־דער דאָס וועט אויסגעפירט ווערן!" — האָט ער געשריען. עס האָבן שוין צו טון געהאַט מיט אים אַ סך מענטשן, אַלע אורחים, און די גאַנצע פאַמיליע דעם שווערס,—איך מוז דיר אין די אויגן זאָגן, דו האָסט, אָן אַן עין הרע, מזל נושא חן צו זיין ביי אַלעמען.—ער האָט אָבער געשוווירן, אַז אַזוי לאַנג ווי ער לעבט און האָט נאָך אַ דעה צו זאָגן אויף זיין קינד, וועט דאָס ניט זיין. האָט מען אויפגעהערט. איצט האָט מען פאַרגעשלאָגן אַ שדוך מיט ברוך בלשנס אַ זון, דו מוזט אים קענען, וואָס פאַר אַ גאָרניט דאָס איז. ער האָט דרייסיק טויזנט רובל, און איז דערצו אַ פּוסטער פּראַנט. ראָזע קען אים און איז גאָר אויסער זיך פון שדוך, דו וועסט מיר גלויבן, אַז זי שעמט זיך שוין, אַז מען דערמאָנט אירע ערשטע רייד, זי איז אַ פּוסטע און אָפּגעפּאָלירטע ווינט־מיל, אַנטהאַלט אין זיך איין האָר ערנסט ניט. דאַנק גאָט דערפאַר, יוסף, וואָס ער האָט דיך אויסגעלייזט פון דער צרה. מיין עצה איז, דו זאָלסט מאָרגן געבן משקה אין בית המדרש און מאַכן אַ ברכה ברוך שפטרני.

— און איך האָב דאָס אַלץ ניט געוווּסט? וואָס עס פּאַסירט אין אַ גאַנצער וועלט, ווען אין דער שטוב, ווו מיר האָבן געגעסן, גע־טרונקען אינאיינעם, זאָל אַזוי פיל פאַרגיין און איך זאָל די קלענסטע מערקונג דערפון ניט האָבן. הייַנט וואָס וויסן מיר פון די אינטרי־גען, וואָס עס טוען זיך אין דער ברייטער גרויסער וועלט. איצט איז ביי מיר דער „מסתרי פּאַריז", „מאָנטע קריסטאָ" *) און נאָך פון דעם מין ראָמאַנען אויך גלויבלעך און ניט איבערטריבן, אַז ראָזע, אַז אַזאַ שטיל אומשולדיק ווען ווי זי שיינט מיר צו זיין, זאָל אונטער אירע ווי זיידן פּיינע מאַסקען קאָנען אַזוי האַנדלען, מיר קאָנען ווייזן פריינדלעכע מינעס, אומשולדיקע טרייהייט צו מיר. מיר גלויבט זיך דאָס ניט!

— אַ באַווייז האָסטו איר הייַנטיקן ברויז. זי איז יעדן טאָג אַן אַנדערע. דו ביזט גליקלעך און איך דאַנק גאָט, וואָס ער האָט

*) בערימטע פראַנצויזישע ראָמאַנען רייך מיט שפּאַנונג און אינטריגעס. — רעד.

דעם שווער אַזאַ דעה געגעבן ניט צו פֿאָלגן מיין עצה. איך וואָלט פֿאַר מיין געוויסן ניט יוצא זיין, אַז איך וואָלט זען, ווי דו ווערסט אויסגעריסן פֿון איר. איך האָף נאָך אי"ה אָן דיר נחת צו זען און דערמאָנען אָן היינטיקן טאָג מיט פֿריידן. איצט איז מיין עצה: דו זאָלסט אַראָפּשלינגען אַלץ וואָס דו ווייסט, די שוויגער ליבט דיך ווי אַן אייגן קינד, דו דערציייל איר גאָרניט. זי האָט מיך פֿאַרשוואָרן, דיר דערפֿון נישט צו דערציילן. דו זע זיך אָן אַ שטעלע ערגעץ אין שטאָט און פֿאַרגעס ראָזען, זי איז ניט ווערט דו זאָלסט זי דערמאָנען. איך האָב דיר אין צעטל מיט אַ כּיון געשריבן, דער שווער איז אויף דיר אין כּעס, ווייל איך האָב געמיינט, דו וועסט מיך האַלטן פֿאַר מיין ערגסטן שונא און ניט וועלן קומען צו מיר, איך זאָל דיר דאָס קאָנען דערקלערן. איצט ווייס, אַז דער שווער ווייס פֿון דעם בריוו ניט, איך האָב אַלץ באַהאַלטן ביי זיך, מען האָט ביי דיר ניט געזוכט, דעם בריוו האָט מען געפֿונען און מען האָט אים פֿאַר געלט מיר אָוועקגעגעבן. פֿאָלג מיך, יוסף, צו קיין תּכלית וועט דיך דאָס ראָמאַנסירן ניט ברענגען. זוך אַן אָרט און אַרבייט אויס פֿון זיך אַ טעטיקן מענטשן.

— וואַרט, שטיי! — האָט משה שנייאור געזאָגט נאָך אַ היפּשע ווייל‌ע שטילשווייגן — וואַרט! מיר איז ערשט אייגנגעפֿאַלן פֿאַר דיר אַן אָרט. איז ניט מיין נאָמען משה שנייאור, אויב דאָס וועט ניט אויסגעפֿירט זיין. מאָרגן גיי איך אין שטאָט, ניט באַאומרואיק זיך, יוסף, ניט זיי קיין קינד.

אונטערן פֿענסטער האָט זיך געהערט ווי מ'איז צוגעפֿאָרן.

— די שוויגער איז געקומען, צייט אַהיים. לאָזן זיי ניט וויסן, אַז דו ביזט געוועזן ביי מיר.

— אַ גוטע נאַכט, איך דאַנק אייך פֿאַר אייערע נייעס. פֿאַרצייט, איך ווייס אייך איצט ניט ווי צו דאַנקען. אַ גוטע נאַכט, בעסטער פֿריינד!

ז

יוסף און ראָזע

יוסף איז צוגעקומען צום קאָרידאָר און דאָ איז גאָלדע גע־שטאַנען און אָפּגעצאָלט פאַרן לאַמטער, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר, דעם פורמאַן.

— דו, יוסף? — האָט גאָלדע געזאָגט, ווי זי וזאָט אים דערזען — אזוי שפּעט און דו שלאָפסט נאָך ניט —

— ווי שפּעט איז דען? — האָט יוסף געפרעגט.

— באַלד איינס אַ זייגער, מיך האָבן דאָרט די מחותּנים אָפּגע־האַלטן, מיך ווי עס איז, ראָזען האָבן זיי גאָרניט געוואָלט אַוועק־לאָזן.

— גוטן אָוונט, יוסף, — האָט ראָזע געזאָגט פון קאָרידאָר, וואַרטנ־דיק אויף דער מוטער — גיט אַ האַנט, עס איז פינסטער.

— איך קאָן זיך אַליין ניט ליכטיק מאַכן, בפרט דעם אַנדערן — האָט יוסף געזאָגט, און האָט איר פונדעסטוועגן זיין האַנט געגעבן, זי אַריינגעפירט אין שטוב און ׳מער אַ וואָרט ניט גערעדט. גאָלדע האָט דערציילט פרידמאַנען, וואָס פאַר נחת זי האָט געהאַט פון ראָ־זען, ווי זי האָט ביי אַלעם אויסגענומען, און כאָטש דאָרט זענען געווען געשטודירטע און פיינע לייט, האָט זי זיך מיט איטלעכן אונ־טערהאַלטן און מען האָט זיך פון איר אַנטציקט.

„דאַרף איך דאָס נאָך אַלץ הערן? האָבן די מענטשן גאָר קיין מענטשן־געפיל, אַז זיי ווייסן וואָס דאָ האָט זיך געטון מיט ראָזען און אירע אויפפירונגען מיט מיר, און רעדן דאָס און לויבן יענעם, מיינע ווונדן צו פאַרברייטערן?״

יוסף וואָלט נאָך ווייטער געטראַכט, אָבער באַלד איז אַרויס

ראָזע פון איר צימער און מיט אַן עכט מונטערע צופרידענע און פריילעכע מינע, האָט זי געזאָגט:

— איצט נאָכאַמאָל גוטן אָוונט! פון וואָס דערציילן איך פריער? פון חתן אָדער פון די מחותנים?

— מיר איז אַלץ איינס, ניט מיין חתן, ניט מיין כלה. אַ גוטע נאַכט, ראָזע. לאָזט מיך, איך האָב נייטיקערעס צו טון איך מיין נאָענטערעס פאַר זיך.

— יוסף, איך לאָז אייך ניט אַוועק. איר מוזט אויסהערן, וואָס פאַר אַ מענטש דער חתן איז: ער איז אַ געבילדעטער מענטש, ער האָט מיט מיר פיל גערעדט, ער געפעלט מיר אויסעראָרדענטלעך. אַ קלוגער, אַ שיינער, יוסף, ער איז ענלעך אויף אייך, זייער ענלעך! און וואָסערע מחותנים, עס איז אַ פאַרגניגן אין זייער געזעלשאַפט. איך האָב געהאַט פיל פאַרגניגן. איצט, הערט וואָס פאַר אַ ליבע כלה עס איז. אַ פאַר, אמת, איינע פאַר די אַנדערע געבוירן —

— גענוג, ראָזע, מאַכט מיך ניט מיד מיט איבריקע פרעמדאַרטיקע רייד, וואָס איך דאַרף דאָס גאָרניט הערן.

— ניין, איך לאָז אייך ניט, איך מוז אייך אָפּמאָלן די כלה, ווי זי איז, און איר זאָלט מיר זאָגן, אויף וועמען זי איז ענלעך.

— איר דאַרפט מיר זי ניט פאָרשטעלן, איך קען זי, ראָזע, איך קען זי פיללייכט בעסער פאַר אייך, לאָזט מיך צופרידן.

— פון וואַנען קענט איר זי? — האָט ראָזע געבעטן, — יוסף, איר קענט זי פון קורלאַנד אָדער פון הי? איר האָט אַ טעות, איר קענט ניט איינע די אַנדערע.

— איך קען זי, זאָג איך אייך, לאָזט מיך, ראָזע, וואָס שטייט איר היינט אַזוי צו צו מיר?

— וואָס זענט איר היינט אַזוי ניט אין מוט? איך לאָז אייך פון אָרט ניט, איר מוזט מיר זאָגן, פונוואַנען איר קענט די כלה.

— אַז אייך ווילט זיך, וועל איך אייך זאָגן, איך בין אַמאָל ביי זיי אין שטוב געווען, איך ווייס ניט ווי און וואָס, מיטאַמאָל קומען מיר אָן עטלעכע בריוו פון איר. גאָט, וואָס פאַר אַ אינהאַלט! ווי זיס און ווי ליב עס איז איר בריוו געווען, וואָס זי האָט מיר געשיקט דורך אירן אַ שונא, אַזוי קאַלט און ביטער איז געווען דער

בריוו, וואָס זי האָט מיר אַליין דערלאַנגט. איך האָב זי פריער ניט געקענט, איר בריוו האָט מיר די אויגן געעפנט, אַז דער פאַרמיינטער שונא איז מיר דער בעסטער גוטער פריינד. ער האָט מיר די אויגן געעפנט. ניין! איך האָב צו איר ניט, זי איז אַן אָרנטלעך קינד, כאָטש ניט קלוג, וואָס זי האָט אַזאַ מגילה אָנגעשריבן, איך וואָלט איר ביטע דערפילט מיט איין ווונק, און וואָס האָט זי מיר באַדאַרפט דערביי דערציילן אַ לאַנגע געשיכטע, וועלכע איך האָב ניט געוווסט? גענוג אייך, ראָזע! איר האָט דאָך מיר פריינדשאַפט פאַרשפּראָכן, האַלט אייער וואָרט און לאָזט מיך לויז.

— ווען האָב איך אייך פאַרשפּראָכן? ווען האָב איך מיט אייך וועגן פריינדשאַפט גערעדט, יוסף? איר מוזט מיינען, איר רעדט מיט דער כלה... וואָס רעד איך? מוטער, זע, יוסף איז עפּעס אויסער זיך און וויל ניט רעדן. וואַרט. איר וועט מיך נאָך פאַר היינטיקן אָוונט געדענקען! — האָט ראָזע געזאָגט אַוועקגייענדיק.

— אַ גוטע נאַכט! — האָט זי געזאָגט פון ווייטן.

יוסף האָט געענטפערט:

— אַדיע!

— וואָס איז דיר, יוסף? — האָט גאָלדע געפרעגט, — וואָס ביזטו היינט אַזוי פאַרזאָרגט, דו האָסט אפנים געמוזט שלאָפן, און זיך אויפגעכאַפּט. איך ווייס דאָס געפיל, אַז מען שלאָפט זיך דורך אַ פּאָר שעה אין אָוונט, און מען כאַפּט זיך אויף שפּעט, עס פילט זיך עפּעס קאַלט און זויער. טרינק דיין טיי, עס ווערט קאַלט דער סאַמאָוואַר. קוזמא איז פויל געוואָרן, וויפיל מען בעט אים ניט, עס העלפט ניט.

— איך האָב געשלאָפן, אָבער זיך אויפגעכאַפּט און כאָטש ניט אַזוי שפּעט. אָבער מיך שוידערט אַלץ, ניט נעמט פאַר אומגוט, איך מוז ווידער גיין צו רו, איך האָב נאָך אפילו אויפצושרייבן היינט עפּעס.

— איך בין דאָך ניט ראָזע, — האָט די מוטער געזאָגט, — ראָזע וועט זיך שוין מיט דיר אָפּרעכענען, אַ שאָד, וואָס רוחמקע שלאָפט שוין, זי וואָלט דיך, דאַכט זיך, פריילעך מאַכן. איבריקנס איז ראָזע אויך די אייגענע רוחמקע, נאָר מיט אַן אַנדער שטאַט. וואָס קאָן מען האָבן צו אַ יונג קינד, אַז עס איז אויסער זיך פון פרייד. פון

דעם פֿאַרגניגן און די ערע, וואָס עס האָט געהאַט אין אַן אָרנטלעכער געזעלשאַפֿט? — ניט זיי אין כּעס, יוסף, — האָט די מוטער געזאָגט, — און ראָזען פֿאַרענטפֿערט.

יוסף איז געגאַנגען שלאָפֿן. גאָלדע האָט נאָך אַרומגעקליבן אירע זיבן זאַכן, ווי אַ גוטע ווירטין, אָפּגעלייענט קריאת שמע און זיך אויך געלייגט שלאָפֿן. עס איז שטיל געוואָרן אין שטוב, נאָר אין יוספֿן האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער טומל. אַ היפּשע צייט איז ער געזעסן אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די הענט, אַרויסגענומען דעם בריוו, וואָס ראָזע האָט אים דערלאַנגט און אים געלייענט עטלעכע מאָל. „איז דאָס ראָזע אין דעם בריוו די זעלבע, וועלכע האָט געשריבן יענעם בריוו? עס קאָן זיין, ווי מיר דוכט, אַז דאָס איז ניט איר האַנטשריפֿט, אָבער יעדנפֿאַלס ווייס זי פֿון דעם בריוו, וואָרום זי האָט מיר אים אַליין דערלאַנגט, און מען האָט איר דאָס אויפֿגעשריבן. דאָס גלויבט זיך מיר זייער, דען איך צווייפֿל זייער אין דער האַנטשריפֿט, נאָך מער אין דעם קאַלטן אינהאַלט פֿון בריוו, דאָס איז ניט ראָזעס אַרט ריידן.

אָבער איז זי ניט נאַריש, אָדער שלעכט דערצו, דאָס זי דערלויבט זיך מיט מיר אַזאַ שפּיל צו טרייבן, מיר שיטן זאַלץ אויף די וווּנדן? איז דאָס זיטלעך, מיר אויסדערציילן פֿון איר גליק אַזאַ חתן צו קריגן, זיך רייצן מיט מיר, מיר אָפּלייקענען, פֿרעגן ביי מיר, פֿון וואַנען קען איך זי? איך וויל ניט זאָגן, וואָס דו ביזט, ראָזע, דו ביזט אַן אָרנטלעך קינד, אַ גוטע, אַן אָפֿנהאַרציק ווען, דו הייסט מיך זיך לערנען פֿון אַ פֿאָרשטעטלדיק מיידל קאַלטבלוטיקייט, רואיקייט און גלייכגילטיקייט צו אַלטע געפֿילן, צו פֿריערדיקע ערינערונגען, צעשטרייען מיין דאגה מיט פֿלייס און טעטיקייט. אָ, איך גלויב ניט, אַז דו באַגרייפֿסט אַזוי פֿיל, וואָס אין מיר קומט פֿאָר! זיי דיר גליקלעך. איך וויל עס, איך פֿאַרגין דיר דאָס פֿון האַרצן, איך בין אַ נאַר. וואָס האָב איך אייגנטלעך, צו דיר? ביזטו מיר פֿאַרקויפֿט, אָדער ביזטו מיר געשאָנקען — דו ביזט פֿריי, און איך בין נידערטרעכטיק פֿאַר דעם פֿאַרדראָס, פֿאַר מיין היינטיקן רעדן מיט דיר. איך האָב קיין רעכט ניט געהאַט דערויף, איך בין אין סך הכּל אַ לערער ביי אייך אין שטוב, אַ בטלן געווען דאָ

אין פאָרשטעטל, נו, וואָס קומט דיר דערפאַר, אַז דו ציסט פאַר אַ געבילדעטן מענטשן, אַ רייכן מיט דרייסיק טויזנט רובל פאַר מיר?

ווי אַ קלוגע מיט אַ העלדנמוט האָסטו גערעדט מיט מיר, ווי אַן ערפאַרענע, פאַרשטענדיקטע האָסטו מיך אינגאַנצן באַגריפן און געשריבן דיין בריוו. דיין ראַט וועל איך פאָלגן, זען ווירקלעך פון זיך אַ טעטיקן רעכטן מענטשן צו מאַכן. דיר געפעלט ניט מיין צוועק, וואָס איך קאָן דערגרייכן ביי אייך אין הויז — דאַרפסטו מיר דאָס זאָגן. געפעלט עס מיר דען? דו ווייסט נאָר איינס, מיין פריינד. איך ווייס אָבער צוויי. איך ווייס, אַז מיינע פליגלען זענען אונטערגעשאָרן, אָדער נאָך ניט אַזוי לאַנג געוואַקסן אין יענע רוימען, אין יענע גליקלעכע אויסזיכטן צו פליען. איך בין נאָך דערצו געבונדן מיט ליבע צו עלטערן, און מער פאַר אַלץ מיט אַ שוואַכן כאַראַקטער.

איך בין ווירקלעך אַ שמאַטע. וואָס איז דאָס פאַר אַ מענטש? געניג די געדאַנקען, ראָזע, מאָרגן וועל איך ביי דיר מחילה בעטן, און דיר דאַנקען פאַר דיין עצה, — איך וועל דיר ריכטיק בלייבן אַ ברודער, ווי איך האָב פון אָנהייב זיך פאָרגענומען."

מיטן טאָג ערשט איז יוסף אַנטשלאָפן געוואָרן, אים האָבן זיך טרערן געגאָסן פון די אויגן. ער האָט ניט געפילט, זיין האַרץ האָט מער געליטן, וויפיל ער האָט אַליין געוווסט. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז עס וועט קומען אַ טאָג, וואָס ער וועט זען ראָזען אין פרעמדע הענט. ער האָט אָבער געזאָגט צו זיך: „ער ליבט זי ניט מער ווי אַ ברודער, ער האָט דעם געפיל ביז איצט ניט געקענט און האָט זיך זעלבסט גענאַרט, און ווי אַ בלינדער געקראָכן אין דעם געפערלעכן גאָרטן אַלץ טיפער און ווייטער. ער וואָלט פיליכט דאָס בעסער אַראָפגעשלונגען, אַז עס וואָלט זיך אויסגעלאָזן, ווי ער האָט געוואָלט, און זיך פאָרגעשטעלט, אַז קיינער זאָל ניט וויסן, אַז ער טראַכט וועגן איר — און אַז ער ווערגט זיך איצטער דעם האַרטן ביסן אַראָפצושלינגען. איצט אָבער ווייסן שוין אַלע. ראָזע ווייס נאָך מער פאַר אַלעמען, און אים איז שווער,

זייער שווער זיך פאָרצושטעלן צו האַלטן זיך ווי אַ מענטש. עס חעלפט אָבער ניט, איך בין אַליין שולדיק, איך האָב מסתמא שלעכט די מאַסקע אָנגעטון לכתחלה און מען האָט מיך דערקענט!"

מיט די רייד איז יוסף אויפגעשטאַנען אויף מאָרגן מיט רויטע אויגן פון טרערן און פון ניט שלאָפן אַ גאַנצע נאַכט.

צווייטער טייל

א

ראָזע

פרייליך און צופרידן פון זיך זעלבסט און פון דער גאַנצער וועלט איז ראָזע געווען אין דעם אָוונט, ווען יוסף איז געווען אומ־צופרידן פון זיך, פון דער וועלט, וואָס שטעלט זיך אים אַנטקעגן אין זיין וועג, וואָס איבער איר דאַרף ער שמידן זיין האַרץ, צוימען זיינע געפילן, וועלכע זענען שטאַרקער פאַר זיין קראַפט. ראָזע פון איר זייט האָט זיך מיט אַזעלכע געדאַנקען ניט אָפּגעגעבן, זי איז פון האַרצן אויס גוט און גרייט געווען די גאַנצע וועלט צו ליבן. אויף דער חתונה, ווו זי איז היינט געווען, האָט זי אַ נייע אַרט מענטשן קענען געלערנט. זי האָט ביז איצט נאָר געקענט פאָרשטעטל־דיקע יוגנט, אין וועלכע זי האָט אפשר קיין שלעכטס ניט געזען, אָבער גוטס נאָך ווייניקער. היינט איז זי אין שטאָט געווען אויף אַ חתונה ביי איינעם אַ רייכן קורלאַנדער סוחר, וועלכער איז מיט פרידמאַנען גוט באַקענט געווען פון מסחר, און ראָזע האָט דערזען מענטשן, זי האָט געטאַנצט מיט זיי, זי האָט זיך אונטערגעהאַלטן מיט זיי און האָט אינערליך יוספן דערמאָנט. אין פילן האָט זי באַ־מערקט אַ פוסטקייט. „ער איז צו העפליך, ער קען גיך ניט מער פון צורה, מיין פנים געפעלט אים, און ער דרייט זיך אַרום מיר, און זאָגט מיר קאָמפּלימענטן, שעמט זיך ניט מיר אין די אויגן צו זאָגן: מיי־נע לאָקן זענען די שענסטע, וועלכע ער האָט געזען, מיינע אויגן זענען צוויי שענסטע שטערן אין טונקעלן נאַכט־הימל, מיינע פינגער, מיין טאַליע. גאָט, וואָס די מענטשן קלערן ניט אויס דעם אַנדערן צו חנפהנען! ניין, מיט אַזאַ מענטשן וואָלט יוסף ניט וועלן צוויי ווער־טער אויסרעדן! און דאָרטן לויפן און דרייען זיך הערן אַרום דאַ־מען, שטייען פאַר זיי ווי סאָלדאַטן פאַר אַ גענעראַל, און די דאַמען

זענען אָפּגעמאָלטע ליאַלקעס, אָן הענט צו באַדינען זיך זעלבסט, זע־נען זייער פאַראייטעלטע מענטשן. אַזעלכע וואָלט יוסף באַדויערט און געזאָגט: זיי זענען עלנטע, ניט פעאיק פאַר זיך אַ גלאָז טיי אָנצו־גיסן. אַ גליק, וואָס זיי קאָנען די אָנגעגאָסענע אַליין טרינקען, זיי וואָלטן מיר פאָלגן, וואָלטן זיי זיך לאָזן לעפעלעך־ווייז אַריינגיסן אין מויל, פון זייערע פוסטע הערן. רעכט האָט מיר יוסף געזאָגט: „אַ שיינע דאַמע אַז מען גייט נאָך, איז נאַטירלעך, ווייל זי איז שיין, אַ גוטע — ווייל זי איז ווערט מען זאָל זי ערן, איבער איר גוטסקייט;—אַ מאוסע אַז מען שמייכלט צו איר און מען גיט אָפּ דאַ מען־רעכט—איז ניט מער, ווי פאַר דער טובה, וואָס זי איז ניט קיין הער, און די טובה, וואָס אַזאַ טוט זיי דערמיט קאָנען זיי ניט פאַר־געסן. אָ, פוסטע הערן, פוסטע דאַמען, אייך קאָן יוסף ניט ליבן, איר זענט ניט ווערט, ער זאָל אייך ליבן”! אַז זי פלעגט דאָרט זיך אונטערהאַלטן מיט אַן ערנסטן מענטשן, וועלכער איז איר געפעלן, פלעגט זי זאָגן אינערלעך: „יוסף האָט עס אויך געזאָגט”, „איך וועל עס פרעגן ביי יוספן”, — „ער איז אַזוי שיין ווי יוסף, ער רעדט אַזוי ווי יוסף, און דאָך איז ער ניט יוסף” יוסף איז הער, זיין שיינקייט איז פאָרנעמער, זיינע רייד זענען ערהאַבענער, יוסף האָט צו זיך קיין צווייטן עקזעמפלאַר ניט”!

„ער הייסט מאָריץ – האָט ער מיר געזאָגט, דער אַנדערער הייסט פעטער, ווי הייסן זיי אין יידישן? וואָלט איך שווערן „מרדכי” אָדער „מאָטיע”, דער אַנדערער געוויס „פנחס” אָדער „פרץ”. אָ, מיך פאַר־דריסט, אַז אַזעלכע מענטשן זאָלן דאָס האַלטן פאַר אַ זאַך. וואָס איז פנחס ערגער ווי פעטר? נאַריש, זייער נאַריש, מיין יוסף הייסט יוסף און וועט הייסן יוסף ווילאַנג איך וועל הייסן ראָזע. ער איז ערנס־טער, קלוגער פאַר זיי אַלע. יוסף, דו פעלסט דאָ, זיי וואָלטן זיך שעמען, אַז דו וואָלסט מיט זיי רעדן, אַז דו וואָלסט ווייזן יענע נאַרישע דאַמען, וואָס שעמען זיך צו זאָגן, אַז זיי זענען יידישע, ווי דו האָסט מיר באַוויזן, אַז עס איז פאַרקערט – פיל מער זיך צו ערן דערמיט. זיי וואָלטן זיך אין דיר פאַרליבן און וואָלטן אַמאָל וויסן, וואָס אַ ייד איז, וואָלטן וויסן, אַז זייערע פאַרגעטערטע הערן זענען פוסט, אַז זיי וואָלטן זען, איז עס זענען דאָ אַנדערע בעסערע און

קלוגערע מענטשן. דו פעלסט מיר דאָ, און אָן דיר איז מיין פאַר־גניגן האַלב!"

ראָזע איז מיט די געדאַנקען אויף דער חתונה אומגעגאַנגען, און מיט זיי אַהיים געקומען און געוואָלט יוספן איבערגעבן אַלע אירע געדאַנקען און איינדרוקן, וואָס זי האָט דאָרט געהאַט, און מיט אַמאָל האָט איר יוסף אַזוי קאַלט, אַזוי פרעמד צוגענומען. — ראָזע איז היינט אַנטציקט געווען פון זיך זעלבסט, די גוטע געזעל־שאַפט און דער פריילעכער געשפּרעך האָבן איר האַרץ געעפנט, עס איז געווען פול מיט גוט געמיט, און זעלבסט יוספס באַנעמען איצט אַזוי האַרט האָט זי אויך ניט באַליידיקט, זי האָט אין די ווערטער קיין באַהאַלטענעם מיין ניט געפילט, זי האָט זיי אָנגענומען ווי זיי זענען. אגב, האָט זי ניט געוווּסט און גאָרניט געקאָנט טרעפן, וואָס עס באַהאַלט זיך אין די רייד. ווי עס איז נאַטירלעך, דאָס דער אַלעמאָל זאַטער גלויבט ניט דעם הונגעריקן, אַזוי איז נאַטירלעך דאָס דער אָפּנהאַרציקער, דער אמת גוטער מענטש קאָן ניט פאַרדאַכטן דעם אומערלעכן און ניט טרעפן די כוונה פון יענעם, אַזוי פילט ניט אויך דער גוטמוטיקער, דער פריילעכער, וואָס פאַר אים לייכט נאָר זון אין זיין הימל, אַלע מאָל דעם אונמוטיקן, דעם, וואָס זאָרג און פאַרדראָס פולן אָן זיין האַרץ.

יוסף איז היינט צו באַטריבט געווען, און ראָזע צו צופרידן, צו גוט געשטימט, און זיי האָבן זיך איינע די אַנדערע ניט פאַרשטאַנען ווי קיינמאָל ניט. באַלד אָבער, ווי ראָזע איז צו בעט געגאַנגען און ניט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן פון פיל אויפרעגונג און אַז איר הייס געמיט האָט זיך אָנגעהויבן אָפּצוקילן, האָט זי אָנגעהויבן איבער־צוטראַכטן יוספס רייד, איבערטראַכטן איטלעך וואָרט, און דאַן האָט זי ערשט געפילט, אַז יוסף האָט עס ניט אויס גלייכגילטיקייט גע־רעדט, דאָס יוסף איז אונמוטיק און האָט געליטן, אינערלעך געליטן, ווען ער האָט דאָס גערעדט.

„ער האָט נעענטערס און בילכערס מיט וואָס זיך צו באַשעפטיקן, ווי מיינע רייד אויסצוהערן, האָט ער מיר געזאָגט", האָט ראָזע גע־נומען איבערטראַכטן זיינע רייד פון אָנהויב. פאַרוואָס האָב איך קיין בילכערס און נעענטערס ניט ווי זיינע רייד צו הערן? פאַרוואָס האָט

מיר דאָס יוסף ביז איצט ניט געמאָלדן? מיט ביידע הענט האָט ער מיר דאָך איצט פון זיך אָפּגעשטויסן, ווי איך וואָלט אים אַ שווערע משא געווען, ווי ער וואָלט מיך געהאַלטן. איך פאַרשטיי זיינע רייד ניט, ווי איך וואָלט זיין אַ לייכטזיניק מיידל. ניין, יוסף, ביז איצט האָסטו פון מיר, איך ווייס עס, אַ גאַנץ אַנדערע מיינונג געהאַט. האָסטו נאָר זיך היינט אין מיין אייטעלקייט איבערצייגט? יוסף, וואָס איז מיט דיר? שוין לאַנג זע איך אַ טונקעלן וואָלקן ווייעט און פלאַטערט איבער דיין זון־ליכטיקן געזיכט, שוין מערערע מאָל האָב איך באַמערקט זעלבסט אין דיין פריינדלעכן שמייכל אַ שמערצלעכן קרעמפּן אין דיינע זיסע ליפּן. דו אַנטלויפסט פון מיר, וואָס איז די סיבה, וואָס הייסט דיך לויפן, בין איך עס? אָדער!...

אָ, יוסף, איך קען דיך, איך ווייס, אַז דו ליידסט, און דו ווילסט מיר עס ניט אַנטדעקן און וועסט מיר דאָס ניט אַנטדעקן, אָבער נאַריש אָדער אפשר פאַרשטיי איך ניט די קלוגהייט דערפון, אַז דו מיינסט מיט גוואַלד מיך אָפּצושטויסן פון זיך!

דו האָסט מיר היינט געזאָגט, דו האָסט מיר וואָס צו זאָגן, און איך האָב ניט געוואָלט אויסהערן, אויף חתונה האָב איך געאיילט. וואָס האָסטו מיר געהאַט צו זאָגן? ווי איבעראיילק בין איך, יוסף האָט מיר געוואָלט זאָגן, מיר געוויס געוואָלט זאָגן: „ראָזע, איך ליב דיך"! „איך לייד און ליב דאָך!" און איך האָב עס ניט געוואָלט הערן, דערפאַר איז ער ברוגז און קאַלט צו מיר. וואָלט מיר דאָס פריער אויפן זינען אַרויפגעקומען, ווי גליקלעך וואָלט איך שוין ביז איצט געווען, ווי רייך וואָלטן מיר די עטלעכע ווערטער געמאַכט, אַז איך וואָלט זיי שוין געהערט פון דיר, ליבער יוסף! דו האָסט רעכט, איך בין ווערט די שטראָף, און מוז ליגן אַ גאַנצע נאַכט ניט שלאָפן, זיך קוועלן אין דעם צווייפל: וואָס האָסטו מיר געקאָנט וועלן זאָגן? צוויי מענטשן כאָטש זיי האָבן איין האַרץ און זעלע, כאָטש זיי קאָנען איינע אָן די אַנדערע ניט לעבן, זענען, ליידער, דאָך צוויי באַזונדערע פערזאָנען, און עס פאַלט צווישן זיי אַ מיס־פאַרשטענדניש, זיך צו קוועלן, זיך צו פייניקן אומזיסט! אָ, גאָט, דו האָסט אונזערע הערצער פאַרבונדן — דען איך ווייס און פאַרשטיי, אַז יוסף ליבט מיך אויך — פאַרוואָס האָסטו אונז אַ פאַרשטאַנד ניט

געגעבן צו פילן און פאַרשטיין איינע די אַנדערע אונזער געדאַנק אויך? – וואָלט יוסף וויסן, וואָס איך טראַכט איצט, וואָלט ער דאָך ניט קאָנען אַזוי שלעכט זיין, ניט וועלן מיך טרייסטן – ער וואָלט דאָך מיך באַרואיקט. וואָלט איך ווידער וויסן, וואָס עס פייניקט אים, וואָלט איך, אָ, יוסף, איך וואָלט דיך ניט לאָזן ליידן, איך וואָלט דיך היילן, יוסף!

ראָזען האָבן זיך טרערן אָנגעהויבן צו גיסן פון די אויגן. זי האָט נאָר געפילט, ווי איר איז קאַלט געוואָרן אַרום האַלז, און נאַס געוואָרן די קישנס. זי האָט געשווידערט, איר איז רעכט קאַלט גע־וואָרן, זי האָט זיך געמיט אַנטשלאָפן צו ווערן און ניט געקאָנט. זי האָט זיך פלוצים דערמאָנט, אַז יוסף האָט איר געזאָגט, אַז ער קען די כלה, ער איז ביי זיי אין שטוב געוועזן. ווען איז עס? מיט־אַמאָל, ער ווייס אַליין ניט ווי אַזוי איז אים אָנגעקומען בריוו פון איר, פון דער כלה, וועלכע איך האָב אים געוואָלט. פאָרשטעלן, אין איינעם איז געוועזן אַ זיסער אינהאַלט, און דעם האָט זי אים געשיקט דורך אַ פאַרשטעלטן שונא, דעם אַנדערן האָט זי אים אַליין אין האַנט דערלאַנגט, און דער האָט אים די אויגן געעפנט צו זען, אַז דער שונא איז אים דער בעסטער גוטער פריינד, און דאָס זי איז אַן אָרנטלעך קינד. נאָר נאַריש, וואָס זי האָט אים דערציילט אַ גאַנ־צע מעשה, בעת זי וואָלט איר ביטע מיט צוויי ווערטער געקאָנט דערציילן, און צו וואָס האָט זי אים דערציילט דאָס, וואָס ער האָט גאָר ניט געוווּסט. — איז דאָס געמיינט און געשען ווי ער דערציילט, אָדער דאָס איז אַ רעטעניש, וואָס ער גיט מיר אויף, איך זאָל דאָס טרעפן? איז דאָס אַן אמת? פאַרוואָס האָב איך אים ניט געפרעגט, ווען איז דאָס געוועזן? וואָס האָט זי צו אים געשריבן? און וואָס האָט ער איר געענטפערט? האָט זי אים ליבע געגעבעטן, און ער וואָלט איר ביטע דערפילט? וועלכע מעשה האָט זי אים דערציילט, וואָס ער האָט ניט געוווּסט און ניט באַדאַרפט וויסן? איז דאָס די אומרואיקייט זיינע, ליידט ער דעריבער, וואָס היינט איז ביי איר חתונה מיט אַן אַנדערן? — גאָט, איז דאָס דער יוסף, וואָס איך מיין: איך קען אים ווי זיך זעלבסט? אַנטהאַלט נאָך זיין האַרץ נאָך עט־וואָס, וואָס איך דאַרף ניט וויסן

„ניין, ניין, דאָס קאָן ניט זיין! יוסף קען די כלה ניט. פאַר־וואָס האָב איך ניט געפרעגט קיין סימן, ווי הייסט זי, ווי הייסט איר חתן, איר פאַמיליע? ניין! ער מיינט עפּעס דערמיט, איך קען עס ניט טרעפן! אָ, מיין קאָפּ טוט מיר וויי! ווען וועט שוין טאָג ווערן? די נאַכט איז מיר היינט אַ יאָר. עס איז אַלץ אויף צו להכעיס!

וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ בריוו, וואָס איך האָב אים אי־בערגעגעבן? פאַרוואָס בין איך אַזוי איבעראײַליק געווען און אפילו ניט געפרעגט, וואָס שרייבט מען אים און פון וועמען דאָס איז? פאַרוואָס האָב איך וויניקסטן ניט געפרעגט ביי דעם יידן, ווער האָט אים דעם בריוו געגעבן? צי איז ניט דאָס די גאַנצע סיבה פון זיין פרעמדאַרטיקן באַנעמען?

אָ, יוסף, איך ליייד, איך האָב פּילייכט אויך דיר ליידן גע־בראַכט, פּילייכט אַ שלעכטע בשורה פון דיינע עלטערן. אָ, גאָט! פאַרוואָס זאָל איך די סיבה זיין פון דיינע ליידן? יוסף, איך בין ניט שולדיק, וואָס איך האָב זיך פריילעך געמאַכט, ווען דו ביסט אומעטיק. פאַרצייי מיר, יוסף, ליבער יוסף! גענוג די קוועלערייי, דאָס פּייניקן זיך, שוין צען מאָל האָב איך דיר אָנגעהויבן שרייבן און דיר דערקלערן, אַז איך ליב דיך, איך קאָן דאָס אָבער ניט מיט מיין פעדער, זי איז שטום מיינע געפילן דיר איבערצוגעבן. יוסף, איך שווער דיר, איך זאָל נאָר דערהאַרן די לאַנגע נאַכט איבערצודולדן, דעם טאָג נאָר צו דערלעבן און איך וועל דיר אַלץ דערקלערן, אַלץ אויסזאָגן. לאָמיר וויסן, און ניט דאַרפן ליידן און רעטעניש טרעפן. אָ, ווען וועט אַמאָל טאָג ווערן?! ווי דערהאַרט מען דעם טאָג!"

ראָזע איז געלעגן, איר קאָפּ האָט געברענט ווי פייער און איר קערפּער האָט געשווידערט אין קעלט. זי איז איינגעשלאָפן אַביסל, באַלד אָבער איז עפּעס אַראָפּגעפאַלן, און זי האָט זיך ווידער אויפ־געכאַפּט.

„נאָך אַלץ קיין טאָג ניט! — האָט זי געזאָגט.—אָ, מיין קאָפּ טוט מיר וויי! ווי דערלעב איך דעם טאָג? איך מוז יוספן זעען און אים אַלץ זאָגן, איך דאַרף זיך ניט שעמען, יוסף געפעלט דער מו־טער און דעם פאָטער, איך וועל זיי אויך זאָגן. איך ליב אים, און לאָז זיין אַ סוף פון מיינע ליידן! אָבער, משה שנייאור? פאַרוואָס

שטייט מיר דער מענטש ווי אַ שוואַרצער וואָלקן פאַר מיין זונען־ליכטיקע צוקונפט, אַז יוסף וועט זיין מיינער? וואָס האָבן מיר ביידע אים געטון? ווי דערהאַרט מען דעם טאָג?״

ראָזע האָט געליטן, איר האָט געפיבערט. רעכט מיטן טאָג, אַז די מוטער איז שוין אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צו ראָזעס בעט אַ קוק טון, ווי זי שלאָפט, האָט זי באַמערקט, ווי ראָזע שלאָפט מיט האַלב־אָפענע אויגן, אָטעמט זייער שווער, דער קאָפּ ברענט איר ווי פייער און זי שלאָפט זייער אַן אומרואיקן שלאָף.

גאָלדע האָט זיך דערשראָקן, זי גוט איינגעדעקט און געגאַנגען טון איר אַרבייט. ערשט שפּעט אויפן טאָג האָט זיך ראָזע אויפגע־כאַפּט און צוגערופן די מוטער:

— אָ, מאַמינקע, זע איך בין ניט געזונט, מיר איז שרעקלעך דער קאָפּ טוט וויי, — האָט ראָזע געזאָגט, דער מוטערס האַנט האַלטנדיק.

— מיין קינד, דו האָסט זיך געוויס פאַרקילט נעכטן, האָב ניט קיין מורא, דו וועסט געזונט זיין.

ראָזע האָט איר געוואָלט דערציילן אין וואָס און ווי זי האָט פאַרבראַכט די נאַכט, זי האָט אָבער קיין מוט און ווערטער דערצו ניט געפונען און האָט נאָר דער מוטערס הענט מיט הייסע קושן און טרערן באַגאָסן.

— זיי רואיק, מיין ליבע טאָכטער, דו וועסט געזונט זיין, עס טרעפט אַמאָל. וואָס איז דאָ זיך צו שרעקן? — האָט זי ראָזען באַ־רואיקט.

— דו ביסט מיר טריי, אמת, אמת טריי, ליבע מוטער? — האָט ראָזע געפרעגט.

— ראָזע, וואָס פאַר אַ פראַגע איז דאָס? איך פאַרשטיי ניט, וואָס דו מיינסט דערמיט, קענסטו דען מיך ניט, מיין ליבע טאָכטער?

— איך קען דיך, און דערפאַר פרעג איך, צי ווילסטו מיט אַן אמת נאָר מיין גליק, מיך גליקלעך מאַכן?

— מיין קינד, מער ווי זיך זעלבסט, — האָט די מוטער געענט־פערט, — וואָס איז דען מיין לעבן אויב ניט פון אייערטוועגן, מיי־נע ליבע קינדער?

— ווילסטו הערן, וועל איך דיר דערציילן, מיין ליבע טרייע מוטער, פון וואָס איך קוועל זיך שוין לאנג... אָ, ניין! — האָט ראָזע געזאָגט, — איצט קאָן איך ניט, פארצייי מוטער. איך קאָן איצט ניט.

— זע, מיין טאָכטער, איך בעט דיך גאָרניט, ווער אָקאָרשט געזונט פריער, איך וועל נאָך צייט האָבן צו הערן.

ראָזע איז שטיל געלעגן און ווידער אנטשלאָפן געוואָרן. גאָלדע, אוועקגייענדיק פון איר, האָט געזאָגט: „זי וויל מיר דערציילן, איך וויים עס אליין, מיין קינד. זיי געזונט און גליקלעך, דיין מוטער וועט דיר דיין גליק געוויס ניט שטערן".

כאָטש גאָלדע האָט פון אן עין הרע-אָפּשפּרעכן ניט געהאלטן, פונדעסטוועגן, אז סטערנע גוטע איז אריינגעקומען מיטן גראָבן קרבן־מנחה אונטערן אָרעם און געפרעגט אויף ראָזען, האָט גאָלדע געזאָגט, זי איז ניט איינגאנצן. סטערנע גוטע האָט געזאָגט, דאָס איז געוויס אן עין-הרע, און געשאָלטן די בייזע אויגן, אָדער די יידישע עין־הרע, וואָס איז ערגער ווי דער גויעשקער כשוף, און איז אריין צו ראָזען אין חדר, איר ארויפגעלייגט די האנט אויפן קאָפּ און גע־שעפּטשעט מיט די ליפּן. וואָס זי האָט גערעדט, ווייס סטערנע גוטע אויך ניט, נאָר ראָזען האָט זי געהערט רעדנדיק פון שלאָף: „יוסף, קום שוין אמאָל, איך בין אין ברייוו ניט שולדיק! ניט אויף מיר זיי אין כעס! משה שנייאור, גוואלד!"

— ניט אויפשטיין זאָל זי, די הולטייקע. אין שלאָף ליגט איר אויך דער ממזר אין זינען! — האָט סטערנע גוטע געזאָגט, אז זי האָט דאָס דערהערט! — דער חצופה איז ווייניק דער טאָג, פון זינען גייט ער איר גאָרניט ארויס!

ארויסגייענדיק, האָט זי געזאָגט:

— גאָלדע, זאָל גאָט געבן צו א רפואה. מ׳זעט דאָך, אז דאָס איז אן עין-הרע, מיר געגעצט זיך, ביי איר זענען האלבע אויגן אָפן, אז איר וואָלט מיך פאָלגן, וואָלט איר נעמען ראָזעס פאטשיילקע אוועק־שיקן צו „כל בו" דעם שמש, ער שפּרעכט אָפּ א פארשלאָפענע עין-הרע אויך גאנץ גוט, אז ניט, שיקט נאָך שמעיה דעם בטלן, ער האָט א האנט, זאָל אים גאָט געזונט געבן, עס האָט נאָך ניט גע־

טראָפּן, ווו שמעיה זאָל אָפּשפּרעכן, עס זאָל חלילה עפּעס טרעפן, זאָל די בייזע שעה ורגע ניט זיין. וואָס דאָס איז פאַר אַ צדיק? מען רעדט אויף אים, ער איז אַ למד־וואָווניק. שיקן אים אייך, גאָלדינקע, זי ווערט אם ירצה השם אַזוי אויך געזונט זיין, גיב גאָט אויף ווייטער קיין בייז! הערט איר, גאָלדע, איר ווייסט אפילו מער פאַר מיר, האָט ניט קיין פאַראיבל, זאָלט איר געזונט זיין, איך גיי אָבער דאָך עפּעס פּאָרט אַרום הולאים, ווער רעדט צו קליינע קינדער בין איך אַ מומחהטע, ווי מיט דער האַנט נעם איך אַרונטער זייער עין־הרע, ביי גרעסערע קען איך אפילו אויך פאַררעדן, נאָר איך וויל אַליין ניט. מיין מאַן זאָגט: די גמרא זאָגט, אַז ניינאונניינציק שטאַרבן פון עין־הרע, נאָר צדקה תציל ממות. גיט עפּעס, איך קלייב היינט פאַר חיים דעם שניידערס טאָכטער אַ מויד אַ בילעט אוודאי, איך האָב מורא זי איז שוין אַ יאָר דרייסיק.

גאָלדע האָט איר געגעבן איר נדבה און האָט אַריינגעשיקט צו טוביה דעם בעקער, ער זאָל געבן אַ פּוד ברויט אויף לחם־אביונים און האָט זיך אַ ביסל באַרואיקט. סטערנע גוטע האָט געוואָלט דערציילן אַ בייעס און ענדיקן וועגן חיים דעם שניידערס פינפאונצוואַנציק יאָריקער מויד, פאַר וועלכע זי גייט איצט קלייבן אויף הכנסת כלה, נאָר גאָלדע איז שוין ניט מער אַרויסגעקומען צו איר. דערווייל איז זי צוגעגאַנגען צו יוספן און געזאָגט:

— יוסף, דו קענסט גאָר קיין עין־הרע ניט אָפּשפּרעכן? מען האַלט דיך דאָך פאַר אַ מושלם, גיי פּרוב זיך. מיין ישראל, זאָל מיר אים גאָט אויף לאַנגע יאָר דערהאַלטן, ער איז טאַקע אַן אמתער מושלם, ווער רעדט וועגן אַן עין־הרע אָפּשפּרעכן, אפילו פאַררעדן אַ לונק קדחת, ניט פאַר אייך געדאַכט, איך האָב עס גאָרניט געוווּסט. הערט נאָר וואָס ער איז. פאַר שבת, איך זאָל אַזוי זען אָן אים נחת, ווי איך האָב געזען ביי אונזער שכנטע האָבן זיך, רעספּעקט צו זאָגן, פאַרפירט ווערים אין אַ בהמה. מען האָט אַלע סגולות איבערגעטון, איר קאָסט שוין דאָס אָפּ, מען האָט שוין געקאָנט קויפן אַ בהמה פאַר די רפואות. עס האָט אָבער ניט געהאָלפן. אמת, די בהמה איז אַ לייטישע בהמה, זי גיט אַוודאי זעקס אָדער זיבן טעפּ מילך, מען פלעגט זי מעלקן דריי מאָל טעגלעך. מיין ישראל האָט

דערזען די בהמה, איז ער אַריין אין שטוב און זאָגט צו מיר: „אָט וואָס זיי זענען, זיי מיינען ביי איר איז ווערים, דאָס איז אַן עין־הרע". און האָט גענומען אַ שטריקעלע און האָט עפּעס געזאָגט אַ פּסוק, און זאָגט צו מיר: „גיי טו דאָס אָן דער בהמה אויפן לינקן האָרן!" איך האָב דאָס אַזוי געטון, און ווי מיינט איר, ווי מיט דער האַנט האָט ער אָפּגענומען. זי איז איצט געזונט און פריש. דאָס ווייבל האָט אים געוואָלט אַלע גלידער אויסקושן. ער האָט אפילו אַ דאַנק ניט צוגענומען. נעכטן האָט ער אויפגעשריבן אַ שיר המעלות. שלמה דעם מילנערס ווייב האָט מוליד געווען אַ יונגל, דרייצן יאָר האָט זי קיין קינדער ניט געהאַט, דער רבי האָט איר געהאָלפן, מען האָט אפילו גערעדט מיידלוויז אויף איר, נאָר דער רב איז דאָך אַ כהן און זאָגט, עס דאַרף זיין אַ פּדיון־הבן אויך. ישראל מיינער האָט די שיר המעלותן געשריבן. ביי אַ מיל — אַ סכנה, אין אַ שכנותע זאַך — מען האָט זיך געחידושט, מיר אַליין איז אַ וווּנדער, פון וואַנען קאָן ער דאָס? פאָלג מיך, יוסף, אויב דו ביזט ראָזען אַ גוטער פריינט, ווי זי איז דיר, נעם איר פּאַטשיילקע און טראָג אַוועק צו מיין ישראליקען, זי וועט געזונט און פריש ווערן.

— פון וואַנען ווייסט איר, אַז זי איז מיר אַ גוטער פריינד?

— פּטור, איך האָב ערשט געהערט, וואָס זי האָט גערעדט פון שלאָף! „איך האָב דיך האָלט, מיין יוסף"! — האָט זי געזאָגט, דו ווייסט, אַז וואָס מען טראַכט בייטאָג חלומט זיך ביינאַכט!

— איך האָב קיין צייט ניט, מיר וועלן זיך נאָך זען, יוסף, איך וועל דיר דערציילן, וואָס מען זאָגט אויף איר אין שטאָט. דו ביסט מיינער אַ קרוב. איך ווייס אפילו איצט ניט ווי אַזוי. ווייסטו, איך בין אין הלכות קרובהשאַפט גאָר אַן עם הארץ. האָב דיר אַ גוטן טאָג. גיב אַ נדבה, היינט קלייב איך אויף צוויי בייטיקע זאַכן און ביידע איז שייך צו דיר. איין זאַך: חיים דעם שניידערס טאָכטער מאַך איך חתונה מיט גבריאל דעם בטלן. צווייטנס, איז היינט דאָנערשטאָג און דאָס איז שוין מיין מצוה צוזאַמענצוקלייבן באָד־געלט פאַר די בטלנים.

יוסף האָט איר זיין נדבה געגעבן און איז זיך אַוועקגעגאַנגען.

„מוז איך דאָס אַלץ אויסהערן, מוז מיך דאָס אַלץ באַגעגענען.

מיינע פריערדיקע יאָרן, ווי נעם איך צוריק מיין מוטער און פאַ־טערס הויז, איך האָב דאָרט אַזעלכע ווייבער ניט געקענט. אַזעלכע רייד האָבן מיין האַרץ ניט פאַרוואונדעט!" — האָט יוסף געזאָגט — „ראָזע איז קראַנק און איך הער, אַז מיר איז שווער אפילו איצט זיך גלייכגילטיק צו האַלטן, לאָמיר זי האָט מיר אַליין געשריבן און בעט מיך, איך זאָל אַרויס פון זייער הויז, איך דאַרף איר אפילו ניט גיין געוואָר ווערן!"

אין דעם זענען אַרייגעקומען גד דער זעכצאַרניק מיט יוסף גאַסאַנס איידעם און האָבן גאָלדען געזאָגט אַ סוד. גאָלדע האָט זיך שטאַרק דערשראָקן. „גאָט זאָל חסד טון! — האָט זי געזאָגט — ווי־דער ניט שטיל, קוים אַ יאָר אַריבערגעגאַנגען".

— היינטיקע נאַכט האָט אויפגעכאַפּט שמואל יאָסע דעם מלמד, — האָט גד געזאָגט — ביז טאָג האָט געטראָפן זעקס מענטשן, מיר מאַכן אַ לייסטער אויף שפּירעט מיט טערקישן פעפער. ווי איז אייער אַלטער?

— ער איז פאַרנומען! — גאָלדע האָט איר נדבה געגעבן און זיך פאַרשריבן, — גאָט זאָל געבן, מען זאָל ניט דאַרפן, און מען זאָל אויסטרינקען דעם שפּירעט אויף אָרעמע שמחות!

— זי האָט געטראָפן, וואָס אונז צו בענטשן, — האָט גד געזאָגט צו גאַסאַנס איידים, — אַ האָפנונג, איר ברכה וועט מקוים ווערן.

— זאָל גאָט מציל ומשמר זיין, וואָס עס טוט זיך איצט ביי אונז, — האָט סטערנע גוטע געזאָגט, — אַ חידוש, אַז עס ניט שטיל, עס איז געוואָרן הולטייסטווע. בחורים מיט מיידלעך, זאָל עס ניט צוגעקומען ווערן! מיין מאַן האָט מיך ממש דריי יאָר נאָך דער חתונה ניט געקענט, און נאָך עד־היום רופט ער מיך מיט קיין אַנ־דער נאָמען ניט ווי „הערסטו". עס איז משיח צייטן, מען זאָגט, אַז מען טאַנצט אויף אַ חתונה אויך מיט בחורים, איך גלויב דאָס גאָר־ניט, אַ כשרער גוי וועט דאָך דאָס אויך ניט טון. רבונו של עולם, זאָל עס נאָר זיי אַליין שאַטן! און דיינע קינדער, ישראל, זאָלן אויס־געלייזט זיין דערפון!

גאָלדע האָט געהערט און זיך אָפּגעקערט. סטערנע גוטע, וואָס האָט זיך געמאָסטן זי צו שטעכן, איז אויך אַוועקגעגאַנגען. אַרויס־

גייענדיק האָט זי נאָר געזאָגט: „פון דער שטוב איז דאָך אַרויס די כאַלערע און אין דער שטוב זאָל זי בלייבן אַ חוץ מיין שאָדן, אַ חוץ מיין היזק!“

יוסף האָט זיך זייער דערשראָקן, און האָט געמוזט זאָגן גאָל־דען, זי זאָל זיך ניט פאַרלאָזן אויף די עין־הרעס אָפּשפּרעכן, און מען זאָל שוין רופן אַ דאָקטאָר. גאָלדע האָט ניט געוואַרט, און אין אַ האַלבע שעה אַרום איז דער דאָקטאָר געקומען. אַז גאָלדע האָט אים ביים אַרויסגיין געפרעגט, וואָס איז איר, האָט דער דאָקטאָר איר איינגערוימט אַ סוד, אַז זי איז ניט מער ווי אויפגערעגט צי פון ליבע, צי פון פאַרבענקען זיך נאָך ווער עס איז, זאָל זי גאַנץ רואיק זיין, זי איז רעכט געזונט.

גאָלדע האָט געבעטן יוספן אַריינגיין בייטאָג צו איר, איר אַביסל פריילעך מאַכן. יוסף האָט געמוזט זיך אויך דעם ווייטאָק אָנטון און האָט גאָלדען געפאָלגט, ער איז אָבער ניט געגאַנגען אַליין, נאָר מיט זיין גאַנצער סוויטע, שנייאורקע און רוחמקע, און דאָרט איז געווען פריילעך און לוסטיק

ב

אַ מאָדנער רעצעפּט

כאָטש ראָזע האָט געשוואוירן און באַשלאָסן ביי זיך צו דערקלערן יוספן, באַלד ווי זי וועט אים נאָר דערזען, וואָס זי ליידט, און וואָס ער ליידט, אים זאָגן די עטלעכע ווערטער, וואָס אַנטהאַלטן אירע אַלע געדאַנקען, וואָס אַנטהאַלטן איר גאַנץ גליק און ווונטש, די עטלעכע ווערטער: „יוסף איך ליב דיך!״ — דאָך זענען אַריבערגעגאַנגען טעג און וואָכן און די ווערטער זענען נאָך ניט אַריבער איבער אירע ליפּן. ניט ווייל זי איז קעלטער געוואָרן אין דער ליבע, און ניט ווייל די ווערטער זענען נאָך ניט גענוג רייף געווען, און איר אַנטשידנקייט זיי אַרויסצורעדן איז נאָך ניט גענוג שטאַרק געווען. ניין, ראָזע איז באַשלאָסן געווען דאָס אים צו זאָגן, מיט קושן און טרערן אים דאָס זאָגן, אויסבעטן זיין קעגנליבע מיט רירנדע ווערטער, וועלכע זי האָט זיך נאָר פאָרגעשטעלט. עס האָט איר דאָ אָבער די צייט געשטערט. עטלעכע טעג איז זי צו בעט געלעגן, און אַז יוסף איז צו איר אַריינגעקומען פאָרלעזן עטוואָס, ווי גאָלדע האָט פאַרלאַנגט, איז ער אַליין ניט געבליבן מיט איר. מיט אים זענען שטענדיק געווען שנייאורקע מיט רוחמקען, און ער פלעגט אַליין פאַרברענגען זייער ווייניק. ווידער האָט אויף יוספן געווירקט די פאָריקע נאַכט, ער האָט זיך אַליין פאָרוואורפן געמאַכט פאַר זיין ברוגז זיין אויף ראָזען איבער איר בריוו. „זי האָט דאָך דאָס רעכט אויף זיך, זי האָט מיר פריער אַ וואָרט ניט געזאָגט וועגן איר ליבע צו מיר, זי האָט ניט געוווסט, אַז איך וועל לעזן איר בריוול, וואָס זי האָט אַליין צעריסן. וואָס האָט זי דאָ קעגן מיר פאַרבראָכן, איך זאָל איר ניט פריינדלעך זיין אָדער ניט וועלן אָננעמען די פריינדשאַפט, וואָס זי באָט מיר אָן? זי איז בעסער און קלוגער פאַר מיר, איך

מוז איר באַווייזן אַלע אַרט טרייהייט און דערפילן איר ביטע, ווי ס׳זענען ניט געווען צווישן אונז קיין צוויי ווערטער, כאָטש איך וועל ליידן און מיר וועט עס שווער זיין. עס קאָן זיין, אַז זי זעלבסט ליידט איצט אויך דערפון און האַלט זיך פונדעסטוועגן און ווייזט מיר טרייהייט. פאַרוואָס זאָל איך איר אַנדערש טון?״

די געדאַנקען האָבן יוספן פאַרנומען, און אַז ער איז צו ראָזען אַריינגעקומען, האָט ער אַ ליבע און פריינדלעכע מינע געוויזן, ביי איר מחילה געבעטן פאַר זיין נעכטיקן קאַלטן באַנעמען, און ראָזעס שווע־רע געדאַנקען זענען צוריק צעפלויגן ווי אַ טוי פאַר די ליכט פון דער זון. — „איך בין ווידער גליקלעך, מיר האָט זיך נאָר אַ שווע־רער חלום געחלומט. איך וויל פאַרגעסן אַלץ, דעם נעכטן פאַר דעם היינט! וואָס מאַכט מיר איצט קאַלט דער נעכטיקער קאַלטער ווינט און וואָלקן, אַבי היינט איז ליכטיק און העל״! — האָט ראָזע געזאָגט און האָט קיין איין וואָרט ניט גערעדט און אַזוי איז געווען יעדעס מאָל, ווען זי האָט נאָר יוספן געקריגן צו זען. זי האָט אפילו אים אַמאָל געפרעגט, פון וועמען איז דער בריוו געווען, וואָס זי האָט אים דערלאַנגט, אָבער ער האָט נאָר מיט אַ שמייכל געענט־פערט:

— איר האָט מיר פאַרשפּראָכן ניט מער נייגיריק צו זיין און זיך מיען אַליין צו טרעפן. נאָר היינט האָט איר ניט געטראָפן מיין ווונטש, מוז איך אייך זאָגן, אַז איך בעט אייך די רייד אויסצו־מיידן.

זי האָט עפעס געוואָלט ענטפערן, און יוסף האָט אַ קוק געטון אויפן זייגער און געזאָגט, אַז עס איז שוין שפּעט און ער קאָן דאָ מער ניט בלייבן.

— זייט געזונט, ראָזע!

ראָזע האָט ניט געקאָנט ענטפערן, איר האַרץ איז איר פאַר־קלעמט געוואָרן פון דעם ענטפער, זי האָט געוואָלט אַ געשריי טון. „יוסף, האָב רחמנות אויף מיר!״ ער איז שוין אָבער ניט געווען, און נאָר שנייאורקע אַליין האָט געזען אירע טרערן. ער האָט זי ליב געהאַט און זיך באַמיט זי צו באַרואיקן.

— וואָס וויינסטו, ראָזע, — האָט ער געפרעגט מיט מיטלייד —

זע, ראָזע, דו קענסט מיך, אַז דו מעגסט מיר דיין גאַנץ האַרץ אַנטפּלעקן.

— אָ, מיין ליבער ברודער! — האָט ראָזע געזאָגט און איס אַרומגענומען, — מיין האַרץ איז פול, מיר איז, ווי יוסף וואָלט זיך מיט מיר געזעגנט אויף אייביק, מיר איז, ווי איך וועל שוין ניט אויפשטיין פון בעט! מיר ווילט זיך נאָך זייער לעבן, איך בין נאָך יונג!

— ניט רעד קיין נאַרישקייט! — האָט שנייאורקע געזאָגט מיט אַ געמאַכטן שמייכל, כאָטש זיין האַרץ איז אים צעגאַנגען געוואָרן פון אירע רייד. — וואָס פּילסטו דען, דער דאָקטאָר זאָגט, עס איז גאָרניט, בילד זיך ניט איין קיין נאַרישקייט!

— אַז מען האָט קיין לונגען ניט, קאָן מען ניט לעבן, זאָגט מען, און אָן אַ האַרץ—איז נאָך ערגער! אָ, ליבער ברודער, וואָלסטו קאָנען אַריינקוקן איצט אין מיין האַרצן און זען, וואָס אין אים לאָזט מיך ניט רוען, וואָלסטו זאָגן, אַז איך בילד זיך ניט איין!

שנייאורקע האָט זיך דערשראָקן, און האָט עס דערציילט דער מוטער. די מוטער האָט אָנגעהויבן זי חושד צו זיין, אַז זי האָט זיך פאַרליבט אין וועמען אַן אַנדערן, און האָט געזאָגט דעם דאָקטאָר, אַז זי מיינט זי איז פאַרליבט.

דער דאָקטאָר איז געווען אַן אַלטער דייטש, אַ גוטער מענטש, וועלכער האָט גאָלדעס קינדער געקענט און ליב געהאַט. ער איז אַריינגעקומען אַמאָל צו ראָזען, אין צימער איז געזעסן די גאַנצע געזעלשאַפט, שנייאורקע און רוחמקע און יוסף.

— דאָס פרייט מיך! — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, דאָס זע איך מיט פאַרגעניגען, דאָס מיינע פּאַציענטין זאָלכע היפּשע יונגע לייט בעזוכען, דאָס איז זייער שיין! נו, וואָס מיין קינדכען, ווי מערקען זי זיך הויטע?

— איך ריכטע דיזע פראַגע אָן זי, הער דאָקטאָר! ווי מיינען זיי, ווערדע איך שטאַרבען?

— יאַ, מיין פריילין, זי ווערדין נאַטירליך שטאַרבען, זינד יאַ, ווי איין ענגעל שיין און גוט און דעננאָך פון דעם רייך דער שטערב-ליכען. יאַ, מיינע טאָכטער, און מוסין ליידער ווי אַלע שטערבליכע

די פּליכטע דעם מענטשן לייסטען, זי זאָלן הייראַטען, זיך ליבען און אַלט ווערען, דאַן ווערדן זי אויך שטאַרבען. וואָצו דיזע נאַרהייט זאָ פרי צו טאָן? זינד זי שוין ברויט?

— ניין! — האָט געענטפערט שנייאור.

— נו ווער איז דען דיזער? — האָט דער דאָקטאָר געפרעגט אויף יוספן ווייזנדיק.

— דער איז איין גוטער הויזפריינד!

יוסף און ראָזע האָבןביידע פאַרשטאַנען, וואָס דער דאָקטאָר מיינט מיט זיין פראַגע, זיי זענען אין פאַרלעגנהייט געבליבן. דער דאָקטאָר האָט דאָס באַמערקט און פאַרשטאַנען וואָס דאָ איז, און האָט געזאָגט:

— זעהן זיי, לוינט עס דען צו שטערבין, ווען מאַן איין זעלכע ברייטיגאַם האַבען קען? אַך, מיינע טאָכטער, זי ווערדען אים דאָך פילע שמערצען מאַכען, ווען זי דורכאויס שטערבען ווילען. זען זי מאַל, ווי שיין ער איז, ווי ער ליבט זי. ניין, איך גיב איהנען מער קיינע אַרצניי, איך ווערדע עס ליבערסט איהרען עלטערן פעראָרדנען, איין רעצעפּט דאָס זי דיזען אַלער בעסטע יונגלינג פיר איהנען וואָהלן זאָלען! זעניגן זי זיך ניכט, ליבער זאָהן, דאָס זיי גוט געמיינט ווי געשפּראָכען, און אירע ליבכען איזט רייצענד, אונד ליבענס ווירדיג. יאַ, מיינע קינדער, איך וואַר אויך איינסט איין היפּשער קעריל און מיין ליבכען וואַר עבענזא קראַנק, איך וואַר נאָך דאַמאָלס שטודענט, און קאָנטע די מעדעצין נור ווייניג, דעננאָך האָב איך איר די בעסטע אַרצניי פעראָרדנעט, דאָס הייסט: איך זאַגטע „מאַרי איך ליבע דיך"! און זי פיל מיר אין מיינען אַרמען, און וויר טראַנקען לאַבענד איין דויערענדען לאַנגען קוס, דיזען קוס טראַגע איך נאָך הויטע אויף מיינע לעכצענדע ליפּן. אָ, יענע זעליגקייט! דאָס איזט פּילייכט דאָס געווירץ און לאהן דעם לעבענס — מיינע געשיכטע איזט לאַנג. מיינע קינדער, זייט גליקליך. ווען איהר ליבעט! — מיינע אַרצניי האָט געווירקט און מיינע ליבכען איזט רעכט געזונד!

דער דאָקטאָר האָט איר דערנאָך עטוואָס פאַראָרדנט און זיי

ביידן פריינדלעך מיט אַ באַזונדערע טרייהייט די האַנט געדריקט, און האָט דאָס אַלץ איבערגעגעבן גאָלדען, וואָס ער האָט באַמערקט. יוסף איז טרויעריק געוואָרן פון דער פּאַסירונג.

ראָזע האָט זיך אויך געשעמט די אויגן אויפצוהויבן אויף יוספן. עס האָט ניט פיל געווערט, און אונזער קאָמפּאַניע איז זיך פאַנאַנדער־געגאַנגען, ראָזע איז געבליבן אַליין מיט דער מוטער

ג

יוסף מיט שנייאורקען

„פון היינט אָן קומט מיין פוס איר שוועל נישט אַריבער״! — האָט יוסף באַשלאָסן, איך בין צו שוואַך ביי אַלץ קאַלטבלוטיק צו בלייבן. פאַרוואָס זענען די מענטשן אַזוי, אַז אפילו מיט זייער גוטס, וואָס זיי מיינען דעם אַנדערן צו טון און מיינען גוט, טוען זיי דער־נאָך ניט גוט, און דער דאָקטאָר, דער פריינדלעכער ערלעכער אַל־טער, האָט מיר זאַלץ אויף מיינע וווּנדן געשאָטן. גלייכער וואָלט איך ראָזען ניט געפאָלגט און אַרויס פון זייער שטוב אין דעם זעל־ביקן טאָג. אָ, ראָזע, דו ביסט גוט, קלוג און ערלעך. איך ווייס דאָס אָבער ניט ווי אַ נאָמען צו געבן, וואָס דו ליבסט זיך אַזוי פיל, און קאָנסט פון מיר פאַרלאַנגען אום דיין גוטען נאָמען ניט צו פאַרלירן, אום עס זאָל אויף דיר אַ קליין שטויבעלע לייטישע רייד ניט פאַלן, לאָזטו אויף מיר בערג גאַנצע פאַלן, בעטסטו, איך זאָל ניט איילן אַנטלויפן פון מיין קוועלן און פייניקן זיך ביז... ביז וואַנען, ראָזע? ווען וועלן לייט ניט רעדן? קענסטו די לייט פאַר ווערמען דו האָסט מורא? זיי וועלן זאָ ווי זאָ רעדן, און זיי גערעכט ווי אַ מלאך, ביזטו ניט פריי פון זייערע מיילער. רעדט מען דען איצט ניט? סטערנע גוטע איז דיר געקומען אָפּשפּרעכן פון אַ בייז אויג. ווער וועט דיר אָפּשפּרעכן פון איר בייז מויל?... אָ, ראָזע, פאַרצייי, אומ־שולדיק ווען, דאָס איך קאָן ביז יענער צייט ניט וואַרטן און הייב אָן פון היינט זיך צו דער רייזע צו גרייטן.

דו ווייסט ניט וואָס דו פאַרלאַנגסט, וואָלסטו אָבער וויסן, וואָלסטו קיין האַרץ ניט געהאַט דאָס צו בעטן!

נאָר ווו זאָל איך פאָרן? זאָל איך מיין ליבן ברודער, מיין אָפּנהאַרציקן שנייאורקע, פאַרלאָזן? און די אָנגעהויבענע אַרבעט אין

אים ניט פאַרזעצן? איך מוז מיט אים רעדן!

יוסף האָט מיט שנייאורקען גערעדט. שנייאור האָט אים שפּאַ־צירן גערופן, נאָר יוסף האָט אים געזאָגט:

— היינט בלייבן מיר אין דער היים, איך האָב מיט דיר נייטיקעס, זייער נייטיקעס צו רעדן.

שנייאורקע האָט זיך ניט געוועהרט און אַריין מיט יוספן אין זיין חדר.

— יוסף, — האָט שנייאור אָנגעהויבן, — איידער דו ווילסט מיר זאָגן עטוואָס, בעט איך דיך, דערקלער מיר צוויי זאַכן. דאָס ערשטע: איך זע דיך די לעצטע עטלעכע וואָכן, דו ציסט זיך צוריק פון אונ־זער געזינד, דו ביסט אָפט פאַרזאָרגט, פאַרטראַכט, וואָס איך האָב אין דיין כאַראַקטער פריער קיינמאָל ניט באַמערקט. יוסף, האָסטו חרטה, וואָס דו ביסט ביי אונז? האָט דיר פילייכט ווער עס איז געזאָגט וואָס אויף אונז? ווילסטו מיך אויך פאַרגעסן? ראָזען, רוחמען, די מוטער?

— איך וויל אייך קיינעם ניט פאַרגעסן, און וועל ניט פאַר־געסן, — האָט יוסף קאַלט געענטפערט.

— דו ווילסט דאָס מיר ניט דערקלערן, איך וועל דיר דאָס אַליין זאָגן, דו קענסט מיך, אַז איך מיין דיך ניט צו פאַרשעמען, יוסף, דו אַנטלויפסט פון ראָזען, פון דער, וואָס ליבט דיך, צו דיין שונא, וואָס גראָבט דיר אַ גרוב. יוסף, דאָס פאַרשטיי איך ניט און דאָס איז אויך מיין צווייטע פראַגע. איך ווייס, אַז דיביידע גע־הערן איינע אָן דעם אַנדערן. דערפאַר האָב איך זיי אַריינגעצויגן אינאיינעם און עס קאָן זיין, אַז איך האָב אַ טעות, עס קאָן זיין, דו ווייסט פריער פאַר מיר, אַז ראָזע איז אין דיר פאַרליבט, און דו האַלטסט, זי איז דיך ניט ווערט, דו געפינסט ניט פאַר רעכט זי צו־ריק צו ליבן, זי איז ניט אַזוי געבילדעט ווי דו ווילסט. איך מוז דיר זאָגן, אַז אַזאַ געבילדעטע ווי ראָזע קריגט מען, אַזאַ שיינע אפשר אויך, יוסף, אַזאַ ריינע ערלעכע זעלע,—איך בין אירער אַ ברודער יוסף, און אַז איך רעד וועגן אירע מעלות, וועגן אירע געפילן קאָן דער אַנדערער מיינען איך רעד פון מיין געליבטער. איך זאָג דיר קורץ,—אַזאַ ראָזע ועסטו ניט קריגן. אַזאַ ראָזע ביסטו ווערט

און זי איז ווערט אַזאַ יוספֿן. לאָז מיך אויסרעדן אינגאַנצן, יוסף, פֿילייכט בין איך אויך ווערט דיך פֿאַר אַ שוואָגער צו האָבן. מיין מוטער, מיין איך, איז ווערט דיך פֿאַר אַ זון צו האָבן. יוסף, ליגט דיר ניט פֿאַר דיינע אויגן אַן אַנדער פּראָיעקט, האָסטו ניט אין דיין קאָפּ אַזעלכע געדאַנקען און האָפֿנונגען, וועלכע איך באַגרייף ניט, זאָג איך דיר אַלס פֿריינד, כאָטש עס קאָן זיין, דו ביסט פֿון אַ גרע־סערער פֿאַמיליע, כאָטש דו וועסט אפשר אין דיין אייגענער שטאָט מיט אַ רייכערן אַ שדוך טון, אַזאַ ראָזע וועסטו אין ערגעץ ניט קריגן און דערפֿאַר דאַרפֿסטו ניט ליידן און לויפֿן פֿון אונז.

— שנייאור, אָבער אַז די קאָן איך אויך ניט קריגן. לאָמיר אָננעמען, איך בין מסכּים שוין, ווענדט זיך שוין דאָס נאָר אָן מיר און דיר, מער אָן קיינעם? דעריבער, ליבער פֿריינד, בעט איך פֿון דעם ניט מער צו רעדן. גלויב מיר, אַז מיט דער צייט וועל איך דיר דאָס דערציילן. איבריקנס, איך גלויב דיר ווי זיך אַליין, דו וועסט דאָס ניט איבעררעדן, ניט אויספֿרעגן, דען איך וויל ניט די זאַך צוריק צו רייד ברענגען. ראָזע אַליין האָט מיר דערלאַנגט אַ בריוו, אין וועלכן זי דערציילט מיר, ליידער, דאָס זי האָט מיך געליבט, נאָר די ליבע איז ביי איר ניט ווייט געקומען איבער דעם, וואָס זי זעט, דאָס עס וועט צו גאָרניט ניט ברענגען, און בעט דעריבער, דאָס איך זאָל איר די טובֿה טון און פֿון אייער שטוב אַרויס ביס־לעכווייז. שנייאור, דער בריוו האָט מיך אַזוי צערודערט. איך לייד איצט, אָבער איך בין פֿעסט אַנטשלאָסן איר ביטע צו ערפֿילן און צו גיין, וווהין? דאָס וויל איך איצט מיט דיר רעדן!

— הער איך דאָס פֿון דיין מויל, יוסף? — האָט שנייאור געזאָגט מיט פֿאַרוווּנדערונג — קען איך דיך ניט, מיין ברודער? אָדער קען איך ניט מיין שוועסטער ראָזען? גאָט, אין וועמען האָב איך דעם טעות געהאַט?

— עס קאָן זיין איןביידן! -- האָט יוסף געענטפֿערט געלאַסן — אין מיר האָסטו אַ טעות געהאַט, וואָס דו האָסט מיך פֿאַררעכנט, אפשר פֿאַר אַזאַ, וואָס האַלט זיך גרויס מיט זיין יחוס, און ראָזען, וואָס אַכטעט ניט, אַז זי איז אַ טאָכטער פֿון רייכע עלטערן. איצט זעסטו פֿאַרקערט, ראָזע ליבט מיך, נאָר די לאַגע, די פֿאַרהעלטנישן

צווישן אונז זענען ניט גלייך. איך האָב ביי איר ניט געפרעגט, צי זי ליבט מיך, אויך ניט איר דערציילט, דאָס איך ליב זי. זי האָט עס געטון, אין דער מינוט, וואָס וואָלט פיל קלוגער געווען פון איר זייט מיך אַ ביסל צו שוינען און עס אַלץ צו פאַרדעקן. אַלזאָ, איך האָב צו איר גאָרניט. גלויב מיר, שנייאור, אַז אום איר גליק בין איך נאָך גרייט צו טון. איך ווינטש איר גליק!

— און דאָס ווייסן די עלטערן? — האָט שנייאורקע געפרעגט.

— איך קאָן עס דיר ניט זאָגן, איך בעט דיך אָבער, דאָס אין פאַל, ווען זיי ווייסן ניט, זאָלסטו זיי דאָס ניט דערציילן. זיי קאָנען מיינען אויף מיר גאָט ווייס וואָס!

— איז שוין אַזוי ווייט געקומען, דאָס אַ ברודער, ווי איך, וואָס איך ליב זי מער ווי אַ ברודער קאָן נאָר ליבן אַ שוועסטער, אָ, גאָט, אַז די שוועסטער זאָל אויך פאַלש זיין דעם ברודער! האָב איך דען ניט געוווסט, וואָס און ווען זי טוט און טראַכט? ניין, יוסף, ראָזע איז אַן ערלעך קינד, ראָזע וועט אַזאַ זאַך ניט טון, — דו האָסט דעם בריוו פון איר האַנט ניט דערהאַלטן!

— פון איר האַנט, שנייאור, וואָס ווייסטו, וואָס ביי דעם אַנ־דערן אין האַרצן איז? אין יענער נאַכט איז זי געפאָרן זען אַ חתן, געזאָגט האָט מען, זי פאָרט אויף אַ חתונה, זי האָט מיר אַליין דער־ציילט, ווי שיין, ווי קלוג דער חתן איז, ווי איר געפעלן די מחותּנים, ווי זי האָט אויסגענומען ביי זיי. שנייאור, עס איז וועגן דעם ניטאָ וואָס צו רעדן, איך בעט דיך, לאָמיר רעדן עפּעס וויכטיקערעס!

— אָ, ראָזע, דו בלאָנדזשעסט, דו ביסט פאַרפירט, גאָט ווייס דיר פון וועמען. אויס! יוסף, אָבער דו מוזט מיר דערקלערן: וואָס ביסטו ווידער צוזאַמען געקומען מיט משה שנייאורן, ווייסטו דען ניט, אַז ער איז דיר אַ שונא?

— איך מיין וועניקסטן אַזוי, אָבער צייטנווייז טוט דער שונא מער טובה מיט דעם, וואָס ער מיינט שלעכט, ווי דער גוטער פריינד מיט דעם, וואָס ער מיינט גוט. משה שנייאור האָט מיר פון איצט ניט פאַרוואָס צו זיין אַ שלעכטער פריינד, ער האָט מיר אַ טובה געטון. ער האָט מיך אויפגעוועקט פון מיין חלום, און איך האָב איצט אויגן זיך אַרומצוקוקן ווו איך האַלט. מיינסטו איך וועל און וויל

בלייבן ביי דער גמרא? מיינסטו, אַז מיר איז אפילו אַמאָל אויפן זינען אַרויפגעקומען זיך באַגגיגן מיט דעם גליק, זיין דאָ ביי איי־נעם אַן איידעם אַ מושלם, אַן איידעם מיט אַלע זיבן השלמות, דער גאַנצער כבוד פון בית־המדרש זאָל מיר געהערן? — ניין, שנייאור, דאָס איז ווייט פון מיר, יאָרנלאַנג גראָבט דער איינגעמויערטער אַרעסטאַנט זיין תּפיסה אונטער כדי אַמאָל צו מאַכן די געפערלעכע פּרוב צו אַנטלויפן, זיך אַליין צו באַפרייען פון זיין לאַגע. איך בין, לייי־דער, דער זעלבער אַרעסטאַנט! מיינע הענט זענען לעדיק, מיינע פיס זענען געבונדן. אויף דעם רעכנונג נאָר בין איך אָנגעקומען צו אייך אין שטוב לערנען מיט דיר, איך האָב געהאָפט פיל ווינציק אָנצוקלויבן און צוקומען צו מיין פּלאַן.

— אָבער מיין אייטעלקייט, איך האָב דאָס גאַנצע פּאַרדינסט אויסגעגעבן אויף קליידער, ראָזען וואָלט ניט אָנגעשטאַנען מיט מיר שפּאַצירן צו גיין. נון, איז איצט אָבער דער באַשלוס אין מיר רייפער און איך מוז אים אַדורכפירן. איצט וואָס איך וויל דיר זאָגן, אַלס פריינד, אַלס מענש, אַלס דער וואָס ליבט דיך ווי אַ ברור־דער אַ טרייע ליבע, זאָג איך דיר, דו זאָלסט אַליין אויך זיך אַרומ־קוקן, ווו דו האַלסט!

— יוסף, איך ווייס ניט, וואָס דו מיינסט דערמיט? וואָס פעלט מיר? ברוך השם, מיין פאָטער איז רייך און וועט קאָנען באַשטיין מיך חתונה צו מאַכן.

— אָ, שנייאור, איך מוז מיט דיר אָנהייבן פון א״ב. אַ שאָד, אין אַזאַ צייט איז מיר דאָס ניט איינגעפאַלן דיר צו דערקלערן! הער נאָר מיט קאָפּ, דו קענסט לייזער זעליגס זון, דו ווייסט ווי רייך זיין פאָטער איז, ער האָט צו דער חתונה געהאַט פופצן טויזנט רובל, אים האָבן מקנא געווען אַלע, וואָס האָבן זיין לאַגע געוווסט. הער, וואָס פון אים איז געוואָרן. ער איז אַראָפּ פון קעסט, ער איז אומגעגאַנגען מיט זיין פּאַק בילעטן, ווי איינער וואָס אַנטלויפט פון אַ פאַרפליייצונג מיט זיין האָב און גוטס און געפינט קיין אָרט ניט ווו זיך צו צושלאָגן. צ האַלב יאָר צייט האָט ער געזוכט אַן עסק, מען האָט אים טויזנט עסקים פאָרגעלעגט, ער האָט מורא געהאַט אָן איינעם זיך צוצורירן. ענדלעך איז ביי אים שוין מיט טויזנט רובל

ווייניקער געוואָרן, און ער האָט געזען עס ווערט ווייניקער און ווייניקער, האָט ער באַשלאָסן צו פֿאַרלייען געלט אויף פּראָצענט. דריי יאָר האָט ער זיך געמוטשעט, געמוטשעט מיט דעם, מיט יענעם, גאַנצע טעג פֿלעגט ער ליידיק אומגיין, אים איז דאָס לעבן מיאוס געוואָרן. ער האָט געקריגן אַ שלעכטן נאָמען ביי לייטן, ווארום וואָס האַלט מען פֿון אַ מענטשן, וואָס זיצט אָפּ אַ שעה ביי דער קראָם, אַ שעה ביי אַן אַנדער קראָם. ער פֿלעגט אין דער היים קיין רו ניט געפֿינען, ווייל ער פֿלעגט זיך אין איר צופֿיל געפֿינען, די הוצאה האָט ער געמוזט פֿירן קאַרג, דאָס לעבן איז אים פֿאַרביטערט געוואָרן. ויהי היום, און מען האָט אים אָנגעזעצט זיין געלט, און וואָס איז ער איצט — לעבט פֿון קצבה, וואָס לייט שיקן אים אַריין, טויג ניט צו געשעפֿט, צו אַרבייט, באַפֿאַלן מיט פֿינף קליינע קינדער, ער קאָן זיי ניט דערציען, ער האָט ניט מיט וואָס און ווייס ניט ווי. זאָג, איז ער ניט דער אומגליקלעכסטער מענטש?

— איך ווייס עס, ליבער יוסף!

— דו קענסט זאַלמאַן דעם מעכאַניק?

— איך קען אים!

— ווייסטו, אַז ער האָט חתונה געהאַט אָן אַ קאָפּיקע געלט. זאַלמאַן האָט מיר דערציילט, ער איז אַ זון פֿון גאַנץ רייכע עלטערן, זיין פֿאָטער האָט אים אַוועקגעגעבן לערנען, ער איז דורכגעגאַנגען דריי קלאַסן, און ער האָט אַליין געמאָלדן דעם פֿאָטער, ער וויל ניט און קאָן ניט שטודירן, דער פֿאָטער האָט אים אַוועקגעגעבן צו אַ מאַשינענבויער, ער איז פֿינף יאָר אַלס אַרבייטס־יונגל ביי אים געווען, ער האָט אָבער זיין פֿאַך דערגאַנגען, און פֿאַרדינט היינט גוט, ער האָט חתונה געהאַט און לעבט גליקלעך. ווי ריין, ווי שיין און לעבהאַפֿט איז איטלעכע זאַך ביי אים. ווער פֿון די רייכע ביי אונז דאָ לעבט אַזוי צופֿרידן ווי ער? איך וויל דיר דעם בילד איצט ניט פֿאָרשטעלן, איך וועל דיר צו אים אַריינפֿירן, און אויב דו האָסט אויגן, אויב דו האָסט זינען צו פֿאַרשטיין, וואָס אַן אָרנטלעך לעבן איז, וועסטו פֿילן ווי איך. זאָג מיר, ליבער שנייאור, וואָלט ניט בעסער געטון לייזער זעליגן אָנשטאָט צו געבן זיין זון פֿופֿצן טויזנט רובל, אַז ער וואָלט געטון ווי זאַלמאַנס פֿאָטער האָט געטון? איז

דען דאָס ניט אַזוי אין זיין האַנט ווי אין יענעמס? היינט לאָמיר זיך ניט נאַרן, וואָס וועט זיין פון מיר, פון דיר? פון מיר איז גיטאָ וואָס צו רעדן, וואָס מ׳דאַרף רעד איך זיך זעלבסט, אָבער וואָס וועט מיט דיר זיין? ווילסטו זיך אויף אַ שפעקולאַציע לעבן לאָזן. צו שפעקולאַציע מוז מען אויך אַ פאַך האָבן. דו ביסט יונג, האָסט איצט אייניקער מאַסן קענטנישן, דו קאָנסט נאָך אין אַ שולע אַריין, אַ שטודיום דורכצומאַכן. הייב זיך אויף, ברודער, ניט וואַרט ביז דאָס שווערע לעבן וועט דיך וועקן. הייב אָן מיט זיך אַליין רעכנונגען צו מאַכן, איך לערן מיט דיר דאָס און יענץ, דאָס זענען נאָר פליטערלעך, זיי נעמען אונז אַרויס נאָר פון אונזער שווערער לאַגע, אָבער עס ברענגט אונז ניט צו אַן אַנדער לאַגע, עס לאָזט אונז צווישן הימל און ערד און מיר בלייבן אָן באַשטאַנד. די וויסנשאַפט, וואָס מיר לערנען, היינט היסטאָריע, מאָרגן געאָגראַפיע, אַלע זיבן חכמות אין אַלע שבעה ימי שבתא, איז פאַרזוכט פון עץ הדעת, אָבער פון עץ החיים ניט אָנגערירט. שנייאור, ווייסטו, וואָס הייסט געגעסן פון עץ הדעת אַליין? דעם טויט אויף זיך ברענגען! דאָס ביסל וויסנשאַפט, וואָס איך האָב, האָט מיר די אויגן געעפנט צו זען, אין וואָס פאַר אַ קרייז איך לעב, וועלכע צוקונפט האָב איך צו האָפן. די וויסנשאַפט האָט מיר געמאכט אומצופרידן פון מיין לעבן. איך זע לייט לעבן און זענען צופרידן, זיי האָבן עטוואָס דעת אויך ניט פאַרזוכט. דאָס עטוואָס וויסן פון עץ הדעת און ניט עסן וויפל מען דאַרף, אָט דאָס איז די קללה, וואָס פאַרטרייבט דעם מענטשן פון זיין גן־עדן! עץ החיים הייסט, אַז מען קאָן דעם עץ־הדעת באַאַרבעטן. דאָס איז נאָר אין דעם פאַל, אַז דער וויסענדער ווייס, וואָס ער קאָן, איך קאָן דאָס און דאָס, איך ווייס דאָס און יענץ. פרעג מיך, ווי מאַכט מען נוצן דערפון, ווייס איך ניט. שנייאור, איך בין אומגליקלעך איצט ווי אדם אין דער מינוט, וואָס ער האָט זיך געפונען נאַקעט. איך שעם זיך ניט פאַר די פאָרשטעטלדיקע, פאַר זיי איז ניטאָ וואָס זיך צו שעמען. אדם האָט זיך אויך ניט געשעמט פאַר די חיות און בהמות פון פעלד, ער האָט זיך פאַר זיך זעלבסט געשעמט און איך שעם זיך אויך פאַר זיך זעלבסט, ראָזע ליבט מיך, לאָז זיין זי האָט מיך געליבט, איך וואָלט דאָך זי אומגליקלעך געמאַכט, ווען איך וואָלט

מיט מיין היינטיקן שטאַנד איר מאַן זיין! עס איז אַלץ בלאָטע קעגן אַ שטיקל ברויט! שנייאור, אַלץ לאָז איך פון זינען. איין זאַך וועט זיין מיין שטרעבן: אַן ערלעך פאַרדינטן לעבן! ברויט, וואָס מיינע הענט זאָלן פעאיק זיין גענוג אים צו פאַרדינען! איך וויל מיינע כוחות ניט פאַרשווענדן מער אויף טויזנט זאַכן, אויף דעם אַליין, וואָס מיר וועט טרעפן. וועט מיר געלונגען צו שטודירן, איז מה טוב, ניט ווייל דער געשטודירטער איז נאָך מיין אָנזיכט ווירדי־קער און העכער, נאָר ווייל איך געפין זיך פעאיקער צו דעם מער ווי צו אַן אַנדער זאַך. און ווירדיק ווערט נאָר יענער, וואָס טרעפט, צו וואָס ער האָט אַ כשרון און באַאַרבעט זיינע כשרונות. אָבער ווען דאָס וועט מיר ניט געלונגען בין איך גרייט כאָטש אין אַ קאַנטאָר צו דינען, אַ פּראָפעסיע צו לערנען, און אויס פאַנטאַזיע! איצט, שנייאור, איז מיין עצה, זאָלסט אָנהייבן צו טראַכטן וועגן זיך, ווילאַנג דו האָסט נאָך צייט. מען וועט וועלן דיר באַלד דעם קאָפּ פאַר־דרייען, באַלד נאָך ראָזעס חתונה, ווערסטו אַ חתן, שדכנים זענען ביי יידן דאָ, און אַלע הונגעריקע — עס איז געפערלעך צו זיין אַ בחור פאַר זייערע הונגעריקע ציינער אפילו ביי קלוגע עלטערן. ווילסטו און אויב דו געפינסט זיך גענייגט און פעאיק צו שטודירן, גיב זיך עצות דאָס אויסצופירן. אויב דאָס איז דיר שווער, אָדער צו ווייט — נעם זיך פאַר לעבעדיקע וויסנשאַפטן, לערן אַ פּראָפע־סיע, לערן אַ ספּעציאַלנאָסט, וואָס דו זאָלסט דורך איר דיין ברויט געפינען ווו דו וועסט זיין.

— איך פאַרשטיי, יוסף, דו האָסט רעכט, דו דאַרפסט אָבער ניט פאַרגעסן, אַז מיינע עלטערן וועלן מיר עס ניט לאָזן.

— ניט אין איין טאָג און ניט אין צוויי, שנייאור, דו קאָנסט דיין קלוגער מוטער איבערגעבן מיינע רייד, איך וועל דיר פון מיין טאָגבוך עטלעכע אויסצוגן געבן. דו זאָלסט זיך אין מיינע רייד בע־סער פאַרטיפן, דו זאָלסט זיי פאַר זיך אַליין איבערדענקען, דו זאָלסט זיך אַרומקוקן צווישן וועלכע מענטשן דו לעבסט און דאַרפסט מיט זיי דיין לעבן פאַרברענגען. איצט איז שפעט, איך גיב דיר איבער די עטלעכע בלעטלעך. לייען זיי, עס האָט צייט, דו זאָלסט מיר זאָגן דיין באַשלוס. איך וויל וויסן דאָס פאַר מיין אוועקפאָרן. איך קאָן

דאָ לענגער ניט בלייבן, צום העכסטן -- ביז נאָך שבועות. לאָז דאָס זיין די איין טובה, וואָס איך קאָן דיר אָפּטון, מיין ברודער. פיל גוטס האָסטו מיר געטון און ווילסט נאָך מיר היינט טון, איך קאָן דיר דאָס ניט אויסרעדן, שנייאור, קיינער ליגט מיר איצט ניט אַזוי נאָענט אין האַרצן ווי דו! און גראָד דיר איינעם קאָן איך וואָס טון, איך שטיי פאַר דיר גרייט, שנייאור, מיין האַרץ איז אָפן פאַר דיר!

יוסף האָט אים אַרומגענומען, און זיי האָבן זיך שטאַרק צעקושט. זיי האָבן ביידע געוויינט, און זיך אַזוי צעשיידט.

ד

דאָס טאָגבוך

שנייאור איז אַוועק פון יוספן מיט אַ שווער ביטער האַרץ, מיט אַ שווער ביטער געמיט. אים זענען כמעט זיינע רייד אין קאָפּ ניט געקראָכן, ער האָט אפילו געפ׳לט, אַז יוסף רעדט צו דער זאַך, און מיינט גוט, זיינע געדאַנקען זענען אָבער געריכטעט געווען וועגן ראָזען. האָב איך זיך אין ראָזען אַזוי פיל גענאַרט? — האָט ער אַלץ געזאָגט, — זאָל איך זי דאָס פרעגן, זאָל איך דאָס דער מוטער דערציילן? זי הייסט יוספן אַרויס פון אונזער שטוב און שטעלט זיך איצט נאָך אַזוי גוט אָן און רעדט מיט אים פריינדלעך. אָ, די פאַלשקייט באַגרייף איך ניט, וועלכע מינעס האָט זי היינט באַוויזן ביים דאָקטאָרס רייד, האָט זי שוין חרטה? די מוטער מוז דאָך וויסן עפּעס, ביי איר מוז איך פרעגן, ראָזע איז ניט ווערט דאָס איך זאָל רעדן מיט איר! יוסף, אַרעמער עלנטער יוסף, דו האָסט זיך היינט אַזוי קליין געמאַכט פון זיך און דו זאָגסט, אַז אַלע דיינע געדאַנקען, דיין גאַנץ וויסנשאַפט איז בלאָטע קעגן אַ שטיקל ברויט, — איך באַגרייף עס ניט, ווערט דען די וועלט אַזוי געמיין, דאָס נאָר אויף דעם ברויט אַליין לעבט דער מענטש? ניין, יוסף, דיין איבריקע קענטשאַפט, און וואָס נאָר דו ווייסט, איז טייער, און עס איז ווערט די מי

שנייאור האָט גענומען לעזן דעם טאָגבוך

„ב׳ חשון, תר״ל.

נון, זיץ איך שוין עטלעכע יואָכן, און פיל זיך אַלץ ניט אויף אַן אָרט, מען רופט מיך בטלן, ווי איינער וויל, מאַנכע גיבן מיר אָפּ כבוד, און שעמען זיך פאַר מיר, מען לויבט מיך פאַר מיין התמדה, און איך בין אין דער אמתן אַ מתמיד, ווייל איך האָב ניט

מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן, שלאָפן קאָן איך ניט. וואָס דען זאָל איך טאָן, אויב ניט לערנען פלייסיק?

עס איז אַ גליק, וואָס מען לערנט מיט אַ ניגון. דער ניגון מאַכט מיר אַמאָל דאָס לערנען זיס, און איך פיל, איך האָב אַ הנאה פון לערנען, און באַמערק ניט די צייט. עס איז אַ גליק, וואָס די צייט לויפט מיר איצט, ווי וואָלט חלילה זיין, אַז מען וואָלט דאַרפן גמרא לערנען ווי חסידות, און אַז די צייט וואָלט זיך מיר דער־ביי ציען לאַנג? איך וואָלט דאָך פון געדולד אַרויס, און ניט לאַנג זיך האַלטן דאָ...

מיין קרוב, וואָס גיט מיר ביכער, האָט געפרעגט, וואָס האָב איך פון דעם בוך אַרויסגענומען, וואָס וויל דער מחבר, און וואָס בלייבט פון אים פאַרן לעזער? די פראַגן זענען מיר אפילו פרעמד, אָבער זיי צווינגען מיך דענקען און אַריינדרינגען אין דעם, וואָס איך לייען מיט מער אויפמערקזאַמקייט. ער זאָגט: קיינער שרייבט ניט אַ מעשה גלאַט אין דער וועלט אַריין, עס ווערט געשריבן אי־בער אַגעוויסער אורזאַך, וואָס הייסט דעם מחבר שרייבן בכדי אויפ־צווייזען, ווי דאָס שלעכטס צו באַזייטיקן און דאָס גוטס צו דערגרייכן. דאָס מאַכט מיר, אַז איך הייב זיך אָן צו מעסטן צו וועמען פון די ביכער בין איך גלייך. — איך געפין מאַנכע מאָל, וועלכן עס איז זייער ענליך צו מיר אין אַן אורטייל, אין געדאַנקען, אָבער ניט אין פאַרהעלטנישן. דער איז אַ גראַפס אַ זון, דער איז אַ רייכן קויפמאַנס אַ זון, זייער לעבן איז אַנדערש, איך קאָן פון קיינעם קיין ביישפיל זיך ניט נעמען, איך נעם אַרויס דאָס גאַנצע נוצן פאַר זיך, נאָר דאָס, וואָס איך באַקען זיך אַביסל מיטן רוסישן אָדער דייטשן לעבן און זע, אַז אַחוץ שמואל יאָסע דער מלמד אַ חוץ הלל זבולנס, דור־בינקע, גאסאנס איידעמס, חוץ יודע דעם שמש און פאַרשטעטלדיקן מורה־הוראה דעם שוטה, זענען דאָ מענטשן אין דער וועלט, וועלכע לעבן אַנדערש, וועלכע האָבן אַ בעסערן באַגריף. אָבער יענע מענטשן זענען ווייט, זיי זענען ערשטנס ניט קיין יידן און ווער קאָן זיי נאָכטון? צווייטנס, דערציילט מען אונז אַלץ פון פאַרטיקע מענטשן דער געבילדעטער איז געבילדעט, דער גליקליכער — גליקליך, ווי איז אָבער דער גליקליך געוואָרן און יענער געבילדעט? דאָס דער־

ציילט מען אונז ניט. ווייס דען דאָס, אין דעם טאַט, קיינער ניט?...
אָדער דאָס איז אַזאַ קליינקייט ביי זיי, אַז עס איז ניט כדאי וועגן
דעם צו רעדן?

י"ז חשון, אָוונט.

ערשט קום איך פון מיין קרוב. נאָ, האָט ער געמיינט ווירקליך מיין טובה מיט זיין פאַרשטעלן מיר מיין לעבן, אָדער דער מענטש איז אַליין אומגליקליך און אים פאַרדריסט, וואָס איך זאָג, אַז מיר איז ניט גאָר שלעכט און וויל מיר באַווייזן, אַז איך בין אויך אומגליקליך? וואָס וועט פון מיר זיין, פרעגט ער — ווילסטו זיין דער אומגליקליכער, ווי איך זעלבסט? הלואי וואָלט איך זיין איצט אויף דיין אָרט — זאָגט ער — וואָלט איך נאָך צו וואָס קומען, איך וואָלט ניט דאַרפן ליידן דעם עלנט פון מיינע אָרעמע נאַקעטע קינדער, פון מיין הונגעריק געזינד, גאָט, ניט דאַרפן די געוויסנסביסן, וואָס איך האָב אומגליקליך געמאַכט מיין פרוי! אָבער איצט, קאָן איך זיי לאָזן אין אַ צעבראָכענעם שיפעלע אין מיטן שטורמענדיקן ים און אַליין אַריינשפרינגען אין וואַסער זיך צו אַ ברעג צו ראַטעווען?..

דו פרעגסט מיך, פריינט, פאַרוואָס שרייבט מען נאָר פון לעבן פון פאַרטיקע מענטשן? — דאָס קאָן איך דיר ניט זאָגן. פאַרוואָס שרייבן יידישע שרייבער ניט פון לעבן, ניטאָ אַזאַ אַרט ספר, וואָס זאָל געמאָסטן זיין נאָך דיינע כוחות, נאָך דיין מאָס? פאַרוואָס געפונט מען אָדער געלעכטער אין זייערע ספרים, אָדער תורה, אַ טייטש פון אַ פסוק? דאָס קומט דערפון, ווייל זיי ווייסן ניט, וואָס זיי פעלט און זענען נאַראָנים און ווילן נאָכטון אַנדערע שרייבער. אפילו דער וואָס שרייבט איצט זיין ביאָגראַפיע—דו ווייסט וועמען איך מיין, ער האָט גענומען אַזאַ גאַנג, וואָס שפרינגט נאָר אויף די ברעגן — אַ וווּנדער וועג — אַ וועג מיט אַ לופט־באַלאָן צו פליען, מיט ריטערליכע פאַ־סירונגען און איבערגעטריבענע פאַנטאַזיעס־גוזמאות, וואָס בלייבט נאָר פאַר אים אַליין פאַרשטענדלעך, ווייל ער האָט ביי אַ בעל־שם געשטודירט און אפשר מיט שמות איז ער געקומען צו זיין פוסטן סוף, ווו ער איז געבליבן. נאַ, איך וועל דיר נאָר זאָגן, דער ייד

הויבט אַלע מאָל אָן פון דער אויבערשטער שטופּע און פּאַלט דער־פאַר אַראָפּ און צעקאַלעטשעט זיך. און וואָס איז דער יידישער שריי־בער, מער ווי אַ ייד? ער הויבט אויך אָן צו רעדן וועגן די לעצטע פראַגן, וועגן אונזער רעליגיע, וועגן נאָך אַזעלכע זאַכן, וואָס וואָלטן זיך פון זעלבסט אויפגעלייזט, אַז מען וואָלט קומען צו זיי שטופּנווייז, און וועגן אַ שטיקל ברויט פאַר דעם הונגעריקן, וועגן די ערשטע טריט פאַר די יונגע מענטשן האָט נאָך ביז היינט קיינער ניט גע־רעדט. און וואָס גיט זיי די וויסנשאַפט, די אויפגעריסענע אויגן, אויב ניט פאַרדראָס און צרות, ווען ניט עץ־הדעת און עץ־החיים, און זיי מוזן אין זייער לעבן זען, אַז זיי זענען טויטע געקוילעטע מענטשן ביזן גרוב!

פאַר די בני־עניים, וואָס מהם תצא תורה, טוט קיינער ניט. אין מיין צייט האָב איך שוין געהאַט ביכער צו פאַרשטיין, אַז אַ חוץ די גמרא איז אויך דאָ אַ וועלט. איך האָב דעמאָלס געזוכט עפּעס ענלעך צו דעם, וואָס דו זוכסט היינט, און געווען אין כעס אויף די אַלע יידישע מחברים, וואָס ווייסן ניט וואָס נייטיקער איז. היינט בין איך אַליין געוואָרן אַ בוך, איך שענק זיך דיר אַוועק, לעז וויפל דו ווילסט. קוק אָן מיינע צרות און וויים, אַז גליקלעך האָט מיך די וועלט געהאַלטן אין מיין צייט פאַר מיין השלמה, און היינט בין איך אַ יידישער מלמד. נאַ, יוסף, נאַ דיר מיינע פּאַפּירן, דאָס וועל איך מיט גאָטס הילף אַרויסגעבן, איך האָף דאָס זאָל זיין געמאָסטן נאָך די כחות פון דעם אָרעמען יידן, איך האָב עס ניט ערדיכטעט, דאָס קאָסט מיר בלוט און צרות. דו וועסט דיין גאַנצן דור דאָ גע־פינען און זע צו וואָס מען קאָן קומען".

* *

„איך לעז איצט דאָס בוך*), איך דערקען דאָ מיין פריינט און זיך זעלבסט. ער האָט רעכט, וואָס ער זאָגט, אַז ביכער זענען די־

*) דאָס בוך האַלט איך פאַר זייער נוציק און ווילטיק און האָף אינקורצן אַרויס־צוגעבן.

מענטשן זעלבסט און נוצן האָט יענער לעזער, וואָס טרעפט דעם אָריגינאַל צו לעזן, לעזן דעם מענטשן. נאָר ווייל דער מענטש קאָן ניט נאָכפּאָלגן און נאָכקוקן דעם אַנדערן, דערפאַר דאַרף עס ווייניקסטנס דער מחבר טון און אים געבן אַ ריכטיקן פּאָרטרעט, און דעם פּאָרטרעט גיט מיר מיין פריינד, אַ שפּיגל אַ ריכטיקן, דאָס יעדער דערקענט זיך. ער שטעלט פאַר דעם מענטשן אַלס מענטש, ניט אַלס העלד פון אַ ראָמאַן. איך בין אַנדערש און באַשליס זיך צו אַ צוועק צו קומען" — — —

שנייאור האָט געלעזן עטלעכע אויסצוגן פון יענעמס בוך, און האָט זיך אויך געזען.

מיר קאָנען אונזער לעזער ניט מיד מאַכן מיט זייטיקע רייד, און מוזן פאַרקירצן אום צו קומען באַלד צו אונזער ספּור און נאָר געבן לעזן יוסף לעצטע בלעטלעך, וואָס זענען נעענטער צו אונז.

* *

„האָט עס אויף מיר ר... געווירקט, אָדער צי זענען פון מיין איבערצייגונג די אויגן אָפן צו זען מיין קרייז, אין וועלכן איך דריי זיך. אָ, עס ווערט מיר שלעכט, אַז איך באַטראַכט, ווי מיינע יאָרן גייען מיר פאַרביי. ווי אַ מאַשין אַן אָנגעשטעלטע שטיי איך אויף פון בעט, און לויף אין בית המדרש דאַווענען. געפין איך דען דעם גאָט ניט אין מיר זעלבסט? אָדער זענען מיינע געדאַנקען דען ניט די בעסטע תפלה? מיר איז שווער מענטשן צו חנפענען, און וויפל מער גאָט צו נאַרן מיט צוקער־זיסע ריידעלעך? מיין תפלה הערסטו, גאָט, און מיינע מחשבות צו איטלעכער צייט און מיין דאַווענען איז נאָר צוליב לייטן. איך גיי אין בית המדרש ניט דיך צו זוכן, איך גיי נאָר צו זען ווי מענטשן קענען דיך ניט, ווי מענטשן טוען אַלע עוולות, אַלע אכזריות אין דיין נאָמען, און דאַן בוי איך אַ טעמפּל אין מיין האַרצן!

נעכטן האָט מען ביי מיר דעם „של ראש" צוגענומען אין בית המדרש, ווען איך האָב שוין דעם של יד געהאַט געלייגט, און מען

האָט מיר ניט אַוועקגעגעבן, ביז איך האָב געמוזט געבן אויף משקה. — אַן אָרעמאַן אפילו מוז אויך געבן. ווער זענען די הייסער? רבי גד, רבי שמואל יאָסעס דער מלמד, רבי פנחס דער גלעזער, רבי יעקל דער פרוש און נאָך פון דער חברה. דאָס קומט מען גאָט בעטן".— —

* *

„היינט האָט גד געהייסן אָפּגעוואָרפן דעם גבאי רבי משה העשל, דעם אַלטן, וואָס אַ פּאָר מאָל אין יאָר האָט ער פאַרפעלט צו געבן משקה. צום ערשטן מנין האָט מען אים אַראָפּגעוואָרפן, און מען האָט געטרונקען פון בית־המדרש געלט, ווייל דאָס איז דאָך עפּעס אַ צרכי הצבור. צום אַנדערן מנין האָט משה העשל דער שוטה געגעבן משקה, מען זאָל אים מאַכן צוריק, און צום דריטן מנין האָט מען אים געמאַכט ווידער פאַר אַ גבאי און מען האָט ווי־דער געטרונקען פון בית המדרש געלט, ווייל דאָס איז דאָך ווידער אַ צרכי הצבור" — —

* *

„ברוך דער שמיד האָט יאָרצייט. ווי איך ווייס, האָט מען נעכטן ביי ברוך דעם שמיד קיין אָוונט־ברויט ניט געקאָכט, ווייל ער דאַרף די פינף און צוואַנציק קאָפּיקעס אויף משקה, ער האָט היינט גע־בראַכט אַ האַלבן שטאָף. און מען האָט נאָך ביי אים צוגענומען זיין טלית. ער האָט געמוזט געבן נאָך אַ שטאָף און דערפאַר פאַרריכטן פאַר פאַרכיוועצקע דעם שענקער זיין האַק, זיין גראָב־אייזן און נאָך אַזעלכע קלייניגקייטן אויף אַ גאַנצן טאָג אַרבעט. יידן האָבן אַ ברכה געמאַכט אויף דער משקה און מעלה געווען די נשמה"!...

* *

„מען האָט היינט געפונען ביי אַן אָרעמען בטלן אַן אַריפמעטי־קע אין קעסטל, מען האָט דאָס דעם רב באַוויזן, דער רב האָט אים טאַקע אויסגעפּאַטשט און אַרויסגעטריבן פון בית־המדרש. אָבער די אַריפמעטיקע האָט מען פאַרקויפט פאַר צוואָנציק קאָפּיקעס און דער רב און רבי גד האָבן געהאַט אַ ברכה צו מאַכן נאָך „אשרי ובא לציון" —

* *

„לייבקע גרשונס האָט אומגערן אַרויסגעוואָרפן אַ צעטעלע פון קעשענע, דאָס איז געווען אַ בריוועלע פון פייגע דבורה באַסעס. מען האָט אויף צופלייסן דעם בחור אויפגערופן און אים פאָרגעלייענט דאָס בריוועלע אויף דער בימה פאַרן גאַנצן בית המדרש מענטשן. יאָ, דבורה באַסע האָט טאַקע געמוסרט דעם בעל קורא, און ער זיצט איצט. לייבקע איז טאַקע קראַנק פון בזיונות און געוואָלט גיין זיך טרינקען, אָבער מען האָט בעת מעשה אַרויסגעריסן אַ רובל אויף משקה און מען האָט אים אַוועקגעלאָזט אָן שמיץ, און גד האָט געטרונקען און נאָך געלאָזן אַביסל אויף מאָרגן" —

* *

„יקותיאל דער שניידער האָט אַרויסגענומען גאָר פשוט דעם גאָלדענעם זייגער, וואָס די כלה האָט געשיקט דעם חתן אהרן שרה דער עגונהס אַ זון. ער האָט אים געגעבן זיין וועסטל פאַרריכטן, און דער זייגער איז געווען דאָרט. יקותיאל האָט אים אין צען מינוט אַרום דערלאַנגט דעס וועסטל אָן דעם זייגער, דער חתן האָט אָנגע־הויבן שרייען: „ווו איז מיין זייגער?" — „יונגאַטש, אפיקורס! — האָט יקותיאל אַ געשריי געטון, דו האָסט געלאָזן דיין זייגער אין די פיינע ערטער און צו מיר קומסטו זיך בינדן! ער האָט אים נאָך אָנגעפּאַטשט. אויף מאָרגן האָט יקותיאל פון העלער הויט געגעבן משקה, מען האָט גערעדט וועגן דעם בחור אומעטום, די כלה האָט געקענט דעם חתן, אַז ער איז אַן אָרנטלעכער מענטש און האָט אים ליב געהאַט. דער פאָטער אירער האָט ניט געוואָלט קיין לייטישע רייד און האָט אָפּגעשיקט די תנאים. היינט האָט זיך דערגאַנגען דער אמת, יקותיאל האָט דעם זייגער פאַרקויפט, און מען ווייס אַקוראַט. יקותיאל איז שוין אָבער לאַנג אַ חסיד, ביי חסידים איז, ברוך השם, אחדות און מען האָט געשווירן, אַז יקותיאל איז גאָר אין יענער צייט ניט הי געווען. דער רב האָט אפילו געזאָגט, אַז דאָס וועט זיין „בוצע ברך" — אָבער אַכציק גראַדאָווער פסחדיקער שפירעט מיט איינגע־מאַכטס איז דוחה זיבעצן בוצע ברך און מעז האָט דעם רב אונטער די הענט אַוועקגעפירט אַהיים" — —

*

„אַן אומגליקלעכער חודש איז געווען פאַראַיאָריקער שבט, קיין איין יאָרצייט איז ניטאָ ביי אונז אין בית המדרש. גד גייט אַרום מיט פאַרטריקנטע ליפּן. כּאילו תערוג על אפיקי מים. „וואָס איז דער מלאך המות משוגע געווען פאַראַיאָרן״? — פרעגט גד. גאָט אָבער פאַרלאָזט ניט, און אין נויט קריגט מען שׂכל. רבי גד האָט אַרויפּ־געשיקט יודע דעם שמש, ער זאָל אַריינוואַרפן ציגל אין קוימען, יודע האָט געפאָלגט און מען האָט צעבראָכן דעם אויוון, און איצט איז משקה לרוב. משקה ביים רייסטער אויף אַ נייעם אויוון, משקה ביי ציגל־קויפן, משקה ביי אָנהויב מאַכן, משקה די בעלי מלאכות, משקה לרוב. און פון אַלע משקאות האָט רבי גד, רבי דובינקע, רבי שמואל יוסף, רבי לייזער מאָשעס און נאָך — דעם ערשטן און בעסטן טרונק, פאַר די בעלי מלאכות דערגיסט מען מיט וואַסער. איך וואָלט די מעשה ניט געוווּסט, נאָר רבי יוסף משה אַלטשולער, אַן ערלעכער, אמתער און אויפריכטיקער ייד אין גאַנצן בית המדרש, ער ליבט מיך און רעדט זיך אויס זיין הארץ אָפּט פאַר מיר, ער האָט מיט שׂכל דעם אמת אַרויסגעקריגן. יודע דער שמש האָט פאַר אים זיך מודה געווען, ווי די מעשה איז געווען, און ער האָט געזאָגט, ער וועט דערפאַר רבי גדן ניט לאָזן דאַווענען מוספים, ער האָט דעם אויוון אַליין געהייסן פאַרריכטן, און דער קוואַל פון משקה האָט אויפגעהערט אין רעכטן מיטן.

ביי דעם ערלעכן מענטשן זענען דריי לוסטיקע קינדער אין אַ קורצער צייט געשטאָרבן, פרומע און גוטע קינדער, ריינע און אומ־שולדיקע, נו, גאָט האָט אַזוי געוואָלט, דער מענטש האָט זיך ניט וואָס פאַרצעוואַרפן, פאַרוואָס האָט אים גאָט געשטראָפט. די אָרעמע מוטער איז פאַרצווייפלט געווען, זי איז די אַנדערע גאָלדע אין שטעטל. איך האָב געוויינט, אַז איך האָב דערהערט דאָס אין בית המדרש האָבן גד און דער פּתי דער רב געזאָגט: דאָס שטראָפט אים גאָט פאַר די משקה, וואָס ער האָט ביי זיי אַוועקגענומען און זענען אויף אים מצדיק את הדין. אָ, גאָט, קאָנסטו דאָס הערן, וואָס אַ רב, וואָס אַ בעל תפלה און אַ בעל קורא זאָגן אויף דיר?!״

* *

„פון אדר ביז סוף ניסן איז משקה לרוב. אויף המנס מפלה טרינקען יידן און א מצוה אראפצונעמען פון טויטע לאטש די תכריכים אויף משקה. ניסן זענען די נשיאי ישראל, נעכטן האט דער רב געוויזן, אז עס איז מרומז, אז נחשון בן עמינדב האט האלט געהאט א קאפעטשקע. נו, מי לנו גדול — איז טאקע א מצוה, אז מען זאל טרינקען עד דלא ידעי.״ — —

* *

„מכח גמליאל בן פדהצור איז דאך גיטא וואס צו רעדן, אויף אים איז ידוע, אז ער פלעגט זיך באדן אין משקה, און אונזער רב זאגט, אז ער וואלט זוכה זיין צו זען גמליאל בן פדהצור, וואלט ער טרינקען דאס וואסער, וואס ער וואשט די פיס. אזא אהבה האט ער צו אים. גד זאגט גאר פשוט: א גוטע שפירעט פלאש אנטהאלט אין זיך דעם ריח פון שפירעט יארנלאנג, דערפאר ווינטשט ער זיך צו האבן אויף יענער וועלט די וואנגע כאטש פון גמליאל בן פדהצור אויף א כוס של ברכה פון דעם יין המשומר, און בינו לבינו איז געווען משקה, מען האט געטרונקען און צוויי האבן זיך צעפאטשט — און געשווירן זיי וועלן זוכן נקמה!״ — —

* *

„מער ווי אלץ פארדריסט מיך פאר דער ארעמער פרוי. א יונג ווייבל, ביי איר איז דער מאן געשטארבן, זי איז דא עלנט און האט געדינט. זי איז ניט מער ווי א מענטש, זי האט געדינט ביי דוד דעם מילנער, ווי זי זאגט, איז איר קיין אנדער ברירה ניט געבליבן און זי איז מעוברת געווארן. דודס ווייב האט דאס באמערקט, האט זי ארויסגעטריבן דאס עלנטע ווייבל נאך מיט געשלעג. זי האט זיך געשעמט און האט א וואָרט ניט איבערגערעדט און פלעגט זיך פאר־דינען א ביסן ברויט אום טראגן הינער, באב, וואס איר פלעגט זיך טרעפן. קיינער האט פון איר אומגליק ניט געוווסט. מיטאמאל האט מען זי געפינען אין א קעלער מיט איר קינד, זי איז אליין האלב פארפרארן, איר קינד טויטע זי צו זיך מען האט זי אוועקגעפירט אין הקדש, און ווייבער זענען נאכגעלאפן ווי משוגעים, און זי גע־

שאָלטן און געזידלט. אָ, מענטשן און איר, ווייבער, פאַרוואָס פילט איר ניט יענעמס שמערץ? איר זידלט זי נאָך? — האָט זי אַן עברה געטון, איז איר ווייניק איר קינד געבוירן אין אַ קעלער און ליגן אַזוי דריי טעג אַליין. דערמיט קומט זי נאָך ניט אָפּ, זאָגט איר, גאָט וועט נאָך זי שטראָפן, זי קאָן שוין קיין האַרטערע שטראָף ניט האָבן, ווי אין אייערע הענט צו זיין. —

גאָלדע ווייס פון דער מעשה, און וויל דעם ווייבל עפּעס העלפן. זי איז, דוכט מיר, צופיל אָפּגעהיט, זי האָט מורא, זאָגט זי, מען וועט באַרעדן, זי האָט קינדער... און מוז זייער כבוד פאַרהיטן.

מען האָט היינט דאָס ווייבל געפירט איבער אַלע גאַסן, שמואל דער טרעגער מיט אברהמל דעם שומר, ביידע האָבן געפירט דאָס פערד און געשריען: צדקה תציל ממות! זי איז געזעסן אויפן וואָגן מיט דעם קינד אויף די הענט, אַ טויטער קאָן ניט ערגער אויסזען. — ווער עס האָט נאָר פיס געהאַט, איז נאָכגעלאָפן, מען האָט זי אין בית המדרש אַריינגעפירט און דאָרט איז דער ברית געווען, דער בית המדרש איז פול געווען, ווי בעת דער קעלמער מגיד זאָגט, און דער רב איז געווען מוהל, דער גבאי פון חברה קדישא — סנדקי און גד איז געווען מציצה. אָ, איר פיאַווקעס, וואָס פאַר אַ טעם האָט דאָס בלוט, וואָס איר האָט אויסגעזויגן ביי דער אומגליקלעכע, אַז איר זענט זיך אַזוי מחיה, אַז פון אייער צורה פינקלט פרייד און פאַרגניגן היינט? איז דען דעם אַנדערנס אומגליק ווירקלעך אַזוי דערקוויקנד פאַר אייך? —

דער גוטער ייד, וואָס איז דאָ דורכגעפאָרן, האָט דאָס קינד געהייסן אַ נאָמען געבן „יקשן". פאַרוואָס יקשן, האָב איך געפרעגט דעם רב. האָט ער מיר געענטפערט, ווייל ער איז אַ בן הפלגש, בכדי יידן זאָלן וויסן, אַז ער איז ניט קיין כשר קינד. ווי ער וועט קומען, אַז ער וועט זאָגן, ער הייסט יקשן, וועט מען אים שוין קיין יידישע טאָכטער ניט געבן. און דערפון זעט מען, וואָס פאַר אַ לייט דער גוטער ייד איז, אַז הוא יושב בדור הזה ומצודתו לדור יבא.

רבי, דאָס קינד איז דאָך חלילה קיין ממזר ניט, ער איז דאָך אַ כשר קינד נאָך דעם דין. מסתמא ווייס דאָך דער רבי, אַז ער איז יאָ אַ ממזר, האָט דער רב מיר געענטפערט, מען טאָר ניט מהרהר זיין נאָך דער מדה פון אַ צדיק! —

אָ, יידן, אַז דאָס קינד וועט אויסוואַקסן און אַז זיין נאָמען

וועט אים זיין לחרפּה ולשנינה, און אַז ער וועט צום שׂכל קומען צו פֿאַרשטיין דעם משפּט, וואָס איר האָט אים און זיין מוטער געמשפּט, פֿאַרוואָס זי איז געווען אַן ערלעכע יידענע און האָט ניט געוואָלט אונטערוואַרפֿן איר קינד אין פֿינדל־הויז, ווי עס טוען פֿיל גוטע און פֿרומע און אפֿילו רייכע אויך, נאָר געוואָלט ליידן די אַלע בזיונות, ליידן אַלע צרות, נאָר איר קינד זאָל בלייבן אַ ייד און בלייבן ביי איר, — אַז ער וועט דאָס פֿילן און זען דעם שטעמפּל, וואָס איר האָט אים געשטעמפּלט, און אַז פֿון כּעס און פֿאַרצווייפֿלונג וועט ער ווערן אייך און זיין פֿאָלק אַ בלינדער שונא, אָ, דאַן זאָלט איר ענטפֿערן פֿאַר גאָט, פֿאַר די פֿאַראומגליקלעכטע און פֿאַר אים אַליין!" —

*

„איך האָב שוין אַ צייט ניט געשריבן, און איך האָב גאָר געוואָלט אויפֿהערן צו שרייבן, איך מאַך נאָר פֿול מיין בוך מיט ביטערקייט, מיט שאַנד פֿאַר זיך אַליין. אָ, אין וועלכן קרייז איך לעב און וואָס מיר בלייבט פֿון דעם פֿאַרגאַנגענעם טאָג צו פֿאַרשרייבן, גלייכער וואָלט איך אַזעלכע זאַכן ניט זען און ניט הערן. אָבער ווו איך קום, באַגעגן איך, ליידער, קיין בעסערע זאַכן ניט און איך מוז זיך זאָגן: „ווען דאָס וואָס איך זע און הער, איז אַזוי פֿיל, אַזוי טרויעריק — ווי טרויעריק מוז זיין, וואָס איך ווייס ניט, וואָס עס טוט זיך אין דער פֿינסטער! נאָר הנסתּרות לה' והנגלות לנו — און וואָס איך זע מוז איך פֿאַרשרייבן. איך ווייס ניט, ווער עס טרייבט מיך דערצו, אָבער איך מוז, איך הער, איך בין געטריבן דערצו" —

* *

„אין שטאָט איז ניט שטיל — האָט היינט גאַסאַנס איידעם געזאָגט. דער רב האָט דערהערט, אַז עס איז ניט שטיל, האָט ער געהייסן זוכן חטאים. וואָס געפֿינט מען ניט, אַז מען זוכט?

מען איז געקומען צום רב אין בית המדרש, איך בין אויך געווען דערביי, און מען האָט אים געזאָגט, מען האָט נעכטן באַגעגנט אַ ווייבל גייענדיק שפּעט אַליין פֿון די לאַגערן, און זי איז בוודאי אַן אשת איש. דער רב האָט זי געהייסן ברענגען. עס זענען אַוועק נאָך איר טעוועלע ביר גיסער, דובינקי, שמואל יוסף מיט יודע דעם

שמש. מען האָט זי געבראַכט אַ האַלב נאַקעטע, זי האָט געשריען און געקלאָגט, מען זאָל איר נאַקעטקייט כאָטש לאָזן צודעקן פאַר די תורות, מען האָט זי ניט געהערט. זי האָט געשריען: וואָס האָט מען צו איר. מען האָט ניט געהערט און איר אַרויפגעצויגן אויפן טיש און געשמיסן אין אַ מקום קדוש. שמואל יאָסע מיט יודע דעם שמש האָבן נאָך צוגענומען אירע לייכטער און מען האָט אויף זיי גענומען ביי פאַרכיוועצקע דעם שענקער אַ טאָפּ בראָנפן מיט פאַר־בייסן, און מען האָט זי כמעט אַ טויטע אַוועקגעפירט אַהיים, און דאָ האָט מען געגעסן און געטרונקען עד שעלה עמוד השחר! —

* *

עלה עמוד השחר, און עס איז אַרויס דער אמת. די שכנים אַרום זענען געקומען און געשריען, גוואַלד זי איז אומשולדיק, ביי איר איז איר בהמה פאַרפאַלן געוואָרן און זי איז געגאַנגען זוכן, זי האָט גאָר קיין מאַן ניט און איז אַן ערלעך קינד. זיי האָבן נאָך עפּעס ניט שיינעס דערציילט אויף גאַסאַנס עלטערן איידים, וואָס פון אים וואַקסט דאָס, דער רב האָט ביי איר מחילה געבעטן, און איז יוצא. איר איז דערוויילי געבליבן אַ פלעק לדורות און קאָן די אויגן ניט ווייזן. זי הייסט: „דאָס ווייבל, וואָס מען האָט געבראַכט צום רב". איך וואָלט גיין אין שטאָט דערציילן די מעשה, לאָזן וויסן, ווער עס איז זייער טעגלעכער דין, און אונזער נעכטלעכער רב, נאָר ווער וועט מיך הערן?

מיין קרוב האָט מיר דערציילט, אַז אין שטאָט איז נאָך ער־גער. דאָרטן איז דאָ איינער, וואָס האָט געהאַלטן די טאַקסע, אַ גוטן יידנס אַן איניקל, ער הייסט שלמה, ברוך, אָדער בעריל, לייבל, ווייס אים דער רוח, ווי ער הייסט, ער טוט כל הנבלות, כל עברות הכתובות ובלתי כתובות. עס זענען אויף אַלץ דאָ עדות, ער אַליין ווייזט זיך אַרויס פאַר אַ חסיד, וואָס זאָגט חסידות, ער האָט פון אָרעמע לייטישע געלט, פון זייער פלייש און ביינער אָנגעקליבן אַ קאַ־פּיטאַל און געוואָרן אַ פּראָצענטניק. איצט האָט מען די טאַקסע ביי אים אַרויסגענומען, און ער ראַבירט על ימין ועל שמאל. ביי אונז אין פאָרשטעטל זענען העלפט הייזער זיינע, וואָס בלייבן ביי אים פאַרן פּראָצענט, וואָרום דעם קערן האָט ער זיבן מאָל איבערגענומען. איינער אַ לערער אין שטאָט האָט געשריבן אַ בריוו צו זיינעם

אַ פריינד וועגן אַ רב, וועגן קהלשע הינט, וואָס פרעסן דאָס געלט פון אָרעמע תּלמוד־תּורה־קינדער, — זיך אויסגערעדט זיין הארץ אַ ביסל. דער פּראָצענטניק, דער צבועק, האָט פון פעטערסבורג דעם בריוו צוריק אַהערצו אָפּגעשיקט און מען האָט דעם אומגליקלעכן מענטשן פאַר־פאָלגט עד להרמה. דער גביר, דער אכזר דער פאַלשער, ווי דער שד אַליין, האָט געזאָגט, עס איז אַ מצוה אים צו טון, וואָס מ׳קאָן נאָר, און כאָטש מ׳איז דערגאַנגען, אַז עס איז אין בריוו גאָר ניט געווען, פונדעסטוועגן האָט מען אים אַלע פון שטונדן אָפּגעזאָגט, און ווער עס איז אים שולדיק געווען געלט, האָט זיך מורה היתּר געווען, אים ניט אָוועקצוגעבן. יאָ, איך האָב אין שטאָט זיך ניט צו וועמען צו ווענדן. דאָ זענען ווילדע מענטשן און דאָרטן יעזואיטן, צבועים, אינקוויזיטאָרן!... —

טרייסט מיך דו כאָטש, אָ, אָרעמע פעדער. מיט ראָזען פלעג איך אַמאָל רעדן, און אין אירע פּראַגן פלעג איך טרייסט געפינען, אין איר מיטלייד — מוט. גאָט, און היינט בין איך צוריק אַליין, אַליין פאַרשלאָסן אין זיך, זאָל איך עס רעדן מיט שנייאורקען? איך קאָן אים די אויגן ניט אויפרייסן צו זען די טרויעריקע סצענעס פאַר דער צייט, ער איז נאָך צו יונג. איך האָב אין דיר אַ פריינד פאַרלאָרן, טייערע ראָזע! און בין אַליין און לייד אַליין!

עס איז כאָטש דאָס אַ גליק, אַז אמת באַווייזט זיך. היינט האָט מען זיך דערוווּסט, פון וואַנען איז עפּעס מיטאַמאָל ניט שטיל גע־וואָרן אין שטאָט. יוסף גאַסאַנס האָט זיך צעקריגט מיט רבי גד, און עס איז אַרויס לאור, אַז דאָס האָט גאַסאַנס איידים אַליין אויס־געטראַכט, בכדי עס זאָל שטיין שפּירט אין בית המדרש און מען זאָל האָבן צו טרינקען. די עוולה, אַזעלכע ליגן! און שמואל יאָסע איז שוין דער ערשטער חולה געווען, וואָס אים האָט דאָס אויפגע־כאַפּט. וויפל שרעק, וויפל בלוטיקע קאָפּיקעס ליגט אין זייער טרונק בראָנפן, און זיי פילן קיין ווירדיקן טעם ניט אין דער משקה. אָ, גאָט, וואָס זענען די מענטשן, אָדער בין איך אַליין דער טשו־דאַק?"

שנייאור האָט נאָך ביז טאָג געלעזן די פּאַקטן, וואָס יוסף האָט פאַרשריבן. ענדלעך איז ער געקומען צו דער שטעלע, וואָס יוסף רעדט וועגן זיך:

„איך האָב דאָס ניט געשריבן פאַר דעם צווייטן, פאַר זיך זיך

צו שפּיגלען מיט דער געזעלשאַפט, וואָס איך האָב דאָ, און וואָס עס קאָן זיין איך זאָל דאַרפן מיט זיי מיין לעבן פאַרברענגען. אָ, גאָט, וואָס וועט אַמאָל דער לעזער זאָגן, אַז ער וועט אַזאַ בוך מיט צרות געפינען? וואָס איך האָב נעכטן געשריבן, ווידערהאָלט זיך מיר היינט ווידער, נו וואָס וועט שוין זיין? דאָס לעבן איז מיר ענג, איך קען אָן אַנדער אַרט, עס לעבן מענטשן אין אַן אַנדער וועלט, איך וועל אַנטלויפן. איך קאָן דאָ לענגער ניט בלייבן, די איינע, וואָס האָט מיך ווי מאַגנעט געהאַלטן, שטויסט מיך אָפּ איצט ווי מאַגנעט צוריק. איך אַנטלויף און פיר־מיט איר בילד אין מיין האַרצן, איר מוטערס ליבע און טרייהייט אין מיין גאַנצער זעלע, און זאָל איך שנייאור־קען אַזוי לאָזן? אָ, שנייאור, זאָג מיר, וואָס זאָל איך מיט דיר טון? און דו, ליבע רוחמקע, דו איינע האַלטסט מיך נאָך פאַר אַ פריינד. אָ, ליכטיק קינד, דיך איינע ליב איך היינט אָן פאַרדראָס און אָן פאָרוווּרפן! — גענוג! איך וויל דאָ ניט בלייבן, אַן אַנדער לעבן ווינקט מיך צו צו זיך! — מיט מיר שנייאורקע, איך, וויל דיר אַ ברודער זיין! אַ לערער!"

מיט דיר יוסף! – האָט שנייאור געזאָגט, – מיר דיר, ליבער יוסף, מיר ווערט אויך אַזאַ לעבן איבערדריסיק!

ה

יוסף מיט ראָזען

עס זענען נאָך פונדעסטוועגן עטלעכע טעג אַריבער איידער שנייאור האָט די רייד געזאָגט יוסף. ער איז פאַרנומען געווען מיט אַנדערע געדאַנקען. ביי אים האָט ניט געקאָנט רעכט ווערן ראָזעס מעשה מיט דעם בריוו. ער האָט מיט דער מוטער גערעדט פאַרשטעלט, און האָט, לײדער, פון אירע רייד פאַרשטאַנען, אַז זי איז ראָזען חושד, אַז זי איז פאַרליבט אין אַן אַנדערן. ער איז געוואָרן אין כעס אויף ראָזען, ער האָט זיך קיין רעכנונג ניט געגעבן — פאַרוואָס, פאַרווען איז ער אין כעס, און וואָס פאַר אַ זינד איז אויב זי האָט ליב ערלעך אַן אַנדערן? ער האָט די געדאַנקען ניט געקאָנט איצט גאָר צולאָזן צו זיך און האָט צייטנווייז געוויינט פון ליבע און כעס צו ראָזען. ער האָט אויפגעהערט מיט איר צו רעדן, יוסף האָט אויך אויפגעהערט זי צו באַזוכן און אָנגעהויבן זיצן גאַנצע אָוונטן ביי משה שנייאורן. צוליב אים פלעגט אויך שנייאורקע זיין מיט אים, און רוחמקע אָן יוספן האָט ניט געגעסן און ניט געטרונקען. ראָזע איז געזונט גע־וואָרן און זיך געפונען אַליין, מען האָט איר אויפן גאַס ניט געהייסן גיין און זי האָט מער יוספן ניט געקאָנט קריגן אים צו דערקלערן. זי האָט אים געשריבן עטלעכע ווערטער און האָט אים אַליין איבער־געגעבן. יוסף האָט געלייענט:

„בעסטער יוסף!

איר האָט מיר אַמאָל געזאָגט, איר האָט מיר וואָס צו זאָגן, איך האָב אַ נאַרישקייט געטאָן און ניט געוואָלט הערן. איך בעט אייך, שענקט מיר אַביסל צייט און הערט אויס, וואָס איך וויל אייך זאָגן. מיין האַרץ איז שוואַך, איך קאָן מער ניט שווייגן, יוסף,

איך ווייס ניט וואָס, און מוז אייך זאָגן, מיר גיסן זיך טרערן פון מיינע אויגן, ווען איך שרייב. ראָזע".

יוסף האָט דעם בריוול געלייענט און איר געענטפערט קאַלט: ער אַנטלויפט נאָך ניט, איר געבעטן אַ טובה טון און אים ווייטער ניט שרייבן און ניט ריידן, וואָס ער וויל ניט הערן. —

דער שוואַרצער פלעגט אויף ראָזען קוקן מיט אַן אויג, וואָס האָט אויסגעדריקט זיין גרויסקייט, אַז ער האָט אויסגעפירט, וואָס ער האָט געוואָלט. ראָזע האָט זיך געפונען פאַרלאָזן פון אַלעמען און האָט געוויינט פאַר זיך אַליין! יוסף האָט איר לאַגע געפילט, אָבער ער האָט ניט געוווסט ווי ווייט ראָזען איז שלעכט. ער האָט געמיינט, אַז זי איז דערפאַר טרויעריק און עלנט, ווייל יענער שידוך, וואָס דער שוואַרצער האָט אים געזאָגט, ציט זיך אַזוי לאַנג. דער שוואַר־צער האָט אים נאָך זאַכן דערקלערט און האָט פאַר יוספן געטון, וואָס ער האָט געקאָנט, אים געלויבט פאַר שווער און שוויגער פאַר ראָזען אויף להכעיס. „וואָס איז פון מיר געוואָרן? וואָס האָט ער מיר אָנגעמאַכט, מיין שוואָגער, אַז אַלע לויפן פון מיר? הייגט מוז ווערן אַ סוף!" האָט ראָזע געזאָגט איינמאָל שבת נאָכן עסן, אַז זי האָט געזען, אַז משה שנייאור מיט רוחמקען מיט שנייאורקען זענען אַוועקגעגאַנגען שפּאַצירן. „יוסף מוז דאָ זיין, איך מוז אים געפינען." האָט זי געזאָגט, און איז אַרויס אין סאָד. יוסף איז געזעסן טיף פאַרטראַכט, די הענט אונטערגעשפּאַרט אונטערן קאָפּ.

„מאָרגן אָדער איבערמאָרגן, איך וויל דאָ אפילו יום־טוב ניט בלייבן, משה שנייאור לייט מיר די ערשטע הוצאה. אָ, ווי שווער ווערט מיר, אַז איך דערמאָן זיך, אַז איך וועל דאָ באַלד ניט זיין. איז מיר דען ניט הייליק איטלעך בלעטעלע, איטלעך ביימעלע? אָ, גאָט, דו אַליין פילסט מיין האַרץ איצט, מיין קוועלן זיך! ווי שווער איז מיר ראָזעס בילד פון האַרצן אַרויסצורייסן, עס פילן ניט אַרום מיר מיינע שמערצן די פייגעלעך אויף די ביימער, זיי זינגען, אָדער וויינען אפשר מיט מיר? זייט אייך געזונט, לעבט וואויל, איר אַלע פאַרגעניגנס־ערטער, איר קענט מיינע זיפצן, איר האָט געזען מיינע טרערן, און עס וואַקסן פילייכט בלומען אויף יענעם אָרט, ווו איך האָב טרערן פאַרגאָסן, כדי ראָזע זאָל פאַרגניגן האָבן אין זיי. אָ, ראָזע, איך פאָר אַוועק פון דאַנען און פיר מיט אַ פול האַרץ מיט ווונדן, אָבער אויך טרייהייט און פריינטשאַפט פאַר דיר אויף

אייביק. דען דו ביסט ניט שולדיק, ווען מיין שיקזאל האט דיך גע־בראכט אין מיין וועג. זייט געזונט איר אלע, איך בין דא היינט דאס לעצטע מאל."

יוסף האט אנגעהויבן צו וויינען ביי די רייד. ראזע איז צו־געגאנגען שטילערהייט. יוסף האט זיך ווי דערשראקן און זיך פלוצים א הייב געטון. ער האט זיין האנט אבער פארטשעפעט אן א צווייג, און האט זיך א ריס געטון אין פלייש, ראזע האט זיך דערשראקן, אז זי האט געזען, ווי אים גיסט בלוט. זי האט אויסגעטון איר טוך און געזאגט:

— יוסף, אנטשולדיקט, איך האב ניט געמיינט אייך צו דער־שרעקן. לאזט, איך וועל אייך אייער האנט פארבינדן.

ראזע האט אים פארבונדן די האנט מיט איר טוך און געזאגט זיך אינערלעך: „א, ליבער מענטש, אז איך וואלט קאנען דיינע אלע וואונדן דיר פארבונדן, דיר היילן אלע דיינע שמערצן, ווי גערן וואלט איך עס טון כאטש מיט מיין גאנצן לעבן!

— דאנקע שיין! — האט יוסף געזאגט און געוואלט אוועקגיין.

— ניין, יוסף, איך נעם אייער דאנק ניט צו. איר מוזט מיך דערפאר היינט אויסהערן אלץ, וואס איך האב אייך צו זאגן.

— ראזע, טאמער קאנט איר דאס לאזן אויף אן אנדערש מאל? — האט יוסף געזאגט.

— ניין, יוסף, איך קאן לענגער ניט דולדן. יוסף, איר ווייסט, ווי געפערלעך איז שפילן מיט א שלאנג, מאכן פריינדשאפט מיט א שלאנג? איך בעט אייך אום אייער גליק, וועלכער איז ביי מיר טייער ווי מיין לעבן, אום דעם לעבן פון אייערע עלטערן, וועלכע לעבן ווילאנג זיי האפן נאך נחת פון אייך צו זען, יוסף, אום מיין געזונט, אויב עס האט ביי אייך כאטש א קליינע ווערדע, בעט איך אייך, אנטלויפט פון משה שנייאורן!

יוסף האט געשוויגן.

— איך בין ניט בלינד און זע, אז עס טוט זיך עפעס ארום מיר, איך זע, אז איר זענט צו מיר אנדערש, גאנץ אנדערש גע־ווארן ווי געווען, א, יוסף, איך האב עס ניט פארדינט! די מיספאר־שטענדניש מאכט מיך אומגליקלעך, יוסף, איך האב צוויי ווערטער אייך צו זאגן, ווערטער, וועלכע איך האב אין ביכער געזוכט ווי אייך זיי ארויסצוגעבן, אין צען בריוו האב איך געוואלט זיי צו־

אייך שרייבן, איך האָב געשריבן און צעריסן די בריוו, איך בין אַ יידיש ניט־געבילדעט מיידל, איך קאָן צו זיך קיין גלייכן ניט געפינען אין ביכער, און בעט אייך–הערט די ווערטער, ווי איך זאָג אייך און ווייסט, אַז אין מיין האַרצן בלייבט היינטער זיי מער גאָר־ניט, וואָס איך קאָן אייך ווייטער זאָגן... איך ליב דיך, יוסף! איך ליב דיך אומשולדיק, אָ, ליבער יוסף!

ראָזע האָט ביי די רייד אָנגעהויבן צו וויינען, יוסף האָט ניט געוווסט וואָס צו טון, ער האָט קיין ווערטער ניט געהאַט, וואָס איר צו ענטפערן. אירע ציטערנדע ווערטער, אירע בעטנדע שטימע האָבן אים באַרויבט אַלע געדאַנקען. אין אָנהויב האָט ער גערעכנט איר צו זאָגן: „שוין צו שפעט"! די טרערן אָבער האָבן אים אויך צו טרערן געבראַכט און ער האָט ניט באַמערקט, ווי ראָזע האָט זיך אויפגעהויבן אַוועקצוגיין.

— זייט געזונט, יוסף, – האָט ראָזע געזאָגט – מיר בלייבט גאָרניט, אַדיע! –

— ראָזע, איך בעט אייך, הערט מיך אויס – האָט ער געזאָגט.

ראָזע האָט זיך צוריק אַנידערגעזעצט.

— ערקלערט מיר, וואָס וועט איצט זיין פון אייער בריוו?

— וועלכער בריוו, יוסף?

— געדענקט איר ניט דעם בריוו, וואָס איר האָט מיר אים אַליין דערלאַנגט אין דעם אָוונט, וואָס איר זענט אויף אַ חתונה געפאָרן, ווי איר האָט געזאָגט, אָדער אויף אַ באַגעגעניש מיט אַ חתן, ווי איך האָב זיך דערנאָך דערוווסט. ראָזע, איר זענט ליבנסווירדיק, און איך זאָג אייך, אַז ווען פון אייך אַליין וואָלט ניט זיין די מניעה, וואָלט איך אייך דאַרפן פרעגן, צי דאַרף איך דאָס טון אייערע עלטערן, איצט, אַז אייער בריוו ווייזט מיר אייער אומבאַשטימטן כאַראַקטער, זאָגט מיר, וואָס זאָל איך אייך ענטפערן אויף אייערע ווערטער, וועלכע איר האָט ערשט גערעדט? צו וואָס קאָן עס מיך און אייך ברענגען?

יוסף האָט איר דעם בריוו דערלאַנגט, זי האָט אים געלעזן מיט טרערן און ניט באַוויזן אים דורכצולעזן, ווי זי האָט אַ געשריי געטון:

— יוסף, דערבאַרמט אייך, נעמט צו דעם שענדלעכן בריוו פון מיין האַנט, מיר איז זייער ניט גוט!...

ראָזע איז בלאַס געוואָרן, אירע הענט האָבן געציטערט, זי האָט זיך אַ וואָרף געטון אויף יוסבן און געוויינט אָן ווערטער.

יוסף האָט געפילט, אַז ער דאַרף זי איצט לאָזן וויינען, און האָט נאָר איר האַנט געהאַלטן און ניט גערעדט.

—מיר ווערט איצט אַלץ קלאָר, ליבער יוסף, איך בין אומשולדיק, איך ווייס ניט פון בריוו וואָס צו זאָגן, מען האָט מיר אים דערלאַנגט און געבעטן אייך איבערגעבן. אָ, משה שנייאור, וואָס האָט ער צו מיר? מיינע טרערן, מיינע זיפצן זעט, יוסף! איך קאָן אייער ליבע ניט אויסבעטן. אָ, דאָס אַליין בעט איך נאָר, אַנטלויפט פון דעם שלאַנג! —

— ליבע ראָזע, — האָט ענדלעך געזאָגט יוסף, — אומשולדיקער מלאך, האָסטו איבער מיין לייכטזיניקייט אַזוי פיל געליטן. אָ ראָזע, איך ווייס, אַז דאָס וואָרט וועט נאָר אַ וואָרט בלייבן. דען די פאַלשקייט, די אינטריגן ברעכן אייזן און צעררייסן קייטן. אָבער איך בין שוין דערפון אַליין גליקלעך: איך ליב דיך, ליבע, זיסע ראָזע, איך לייד און ליב דיך!...

זי איז אים אין זיינע אָרעמס געפאַלן און זיי זענען ווי צוזאַמענגעוואַקסן געוואָרן אין אַ לאַנגן דליערנדן קוש.

— ערשט, ראָזע, בין איך דער אָרעמסטער אין דער וועלט געווען, מיין גאַנצע האָפנונג איז געווען אויף משה שנייאורן, ער האָט מיר עטלעכע רובל פאַרשפּראָכן צו לייען. איצט, גאָט, מיט וואָס זאָל איך דיר דאַנקען? איצט בין איך גליקלעך מיט ראָזען, מיט דיר, מיין ליבע, זיסע ראָזע!

— מיין יוסף, מיין טייערער יוסף, — האָבן געשטאַמלט ראָזעס ליפּן, — מיט טרערן, מיט הייליקן געבעט האָב איך דיך פון גאָט אויסגעבעטן, איך בין די רייכסטע! אונזערע עלטערן שטערן אונז ניט, די מוטער ווייס דיין גרויסע ווערדע, איך בין די גליקלעכסטע, מיין יוסף! פיל, זייער פיל בילדער האָב איך געהאַט דיר פאַרצושטעלן פאַר אונזער קינפטיקן לעבן, זיי זענען איצט צעפלויגן, איך האָב קיין וואָרט ניט דיר צו זאָגן מער ווי: „מיין יוסף! מיין טייערער-ליבער יוסף!"

יוסף האָט זיך פאַרטראַכט. טרערן האָבן זיך געגאָסן פון זיינע אויגן.

— אָ, גאָט, דאַרף איך דעם שוואַרצן וואָלקן, וואָס איז פול-

מיט געוויטער, זען איצט אין מיין ליכטיקסטן טאָג? דאַרף מיר דער נאָמען „משה שנייאור" ליגן ווי אַ שטיין אַ שווערער אין מיין האַרצן? ראָזע, און משה שנייאור וואָס וועט זאָגן?

— איך בין דאָך ניט פאַרקויפט ביי אים, יוסף, — האָט ראָזע געענטפערט — ניין, יוסף, דו דאַרפסט פאַר אינטריגן קיין מורא ניט האָבן, איך בין אַן ערלעכע, זייער אַ פריילעכע, איך האָב נאָר איין האַרץ, פאַר היינט און פאַר אַלע מאָל דאָס האַרץ געהער נאָר דיר. אייזן און קייטן קאָנען פאַלשקייט און אינטריגן ברעכן, אָבער ניט מיין ליבע און טרייהייט. איך בין דיינע, יוסף, דיינע. אָ, גאָט האָט מיך פאַר דיר באַשאַפן!

— גאָט, צי האָסטו זעלבסט דיין גן עדן ניט געוואָלט באַשאַפן אָן שלאַנגען? אָ, דו ראָזע, און דער גליק — און וואָס איז מיר משה שנייאור? איך פאַרשטיי, דו האָסט אונז שכל געגעבן דעם שלאַנג צו הערן. איך האָב אים געהערט און געוועזן פאַרגיפט, פאַרביטערט אין מיין לעבן, און שיר דיך, ליבער, הייליקער מלאך פאַרלאָרן. איצט האָב איך דיך ווידער, איך בין דיינער, ראָזע! מיין האַרץ און לעבן זענען דיינע, איך האָב מער קיין מורא ניט פאַר שלאַנגען, איך וועל וויסן, וואָס די ביבל גיט אַן עצה, מיט די פיס וועל איך אים צע־טרעטן. ראָזע, גיב אַ האַנט, מיר שווערן פאַר גאָט, דו זעסט די טרערן, גאָט, פון אונזער האַרצן, און דו קענסט אונז און ווייסט אונ־זער זינען און געדאַנק, זיי דו אונזער עדות! זיי דו אונזער העלפער!

די ליבע קינדער האָבן זיך נאָכאַמאָל צעקושט און אַוועק פון דעם אָרט. אַריין אין שטוב, האָבן זיי געפונען משה שנייאור און די קינדער זענען געזעסן און טיי געטרונקען. פרידמאַן איז געזעסן איבערן מדרש און ווי ער האָט יוסף דערזען, האָט ער געזאָגט:

— אָן דיר, ליבער יוסף, בין איך ווי אָן ברילן, קום אַקאָרשט אַהערצו, זאָג, וואָס מיינט דער מדרש?

יוסף איז צוגעגאַנגען און האָט פרידמאַנען דערקלערט. פריד־מאַן איז געוועזן העכסט צופרידן. אַלע, וואָס האָבן זיך צו מנחה גע־קליבן, — ווארום ביי פרידמאַנען אין שטוב איז געוועזן פאַר אייגענע לייט אַ מנין — אַלע האָבן זיך איינגעקוקט אין מדרש. יוסף איז גליקלעך אַרויס, ער האָט געהאַט כבוד, פרידמאַן אַליין האָט אים ליבע באַוויזן.

ראָזע איז אויך אַנדערש געוואָרן. זי האָט איצט מיט אַלעמען

געוואָלט שלום מאַכן. שנייאורקע האָט באַמערקט, ווי יוסף רעדט מיט איר, איז ער ניי פֿון באַלעבעט געוואָרן, מיט ראָזען ניט רעדן איז אים שווערער געווען, ווי ניט טרינקען, ווען ער איז דורשטיק.

ער האָט מיט איר גערעדט און זיי האָבן זיך ערקלערט. ראָזע האָט אים דערציילט, וואָס משה שנייאור האָט געטון מיט דעם בריוו, דערלאַנגט איר גיפּט, זי זאָל זיך אַליין פאַרגיפטן. און כאָטש זי האָט אים ניט דערציילט, דאָס זיי האָבן זיך איצט ליבע דערקלערט, האָט שניאור אָבער פאַרשטאַנען, אַז צווישן זיי האָט עפּעס וועגן דעם גע־מוזט דערמאָנט ווערן, און ער איז געווען צופרידן. זיין פריערדיקער שמאַרץ האָט זיך אָבער איצט איבערגעקערט אין אַ כעס און שנאה אויפן שוואַרצן, און ווען ניט ראָזע, וואָס האָט אים געבעטן אים פאַרשווייגן, און ווען ניט יוסף, וואָלט ער אים געטון וואָס ער וואָלט געקאָנט גאָר אומבאַטראַכטערהייד, מען האָט אים אָבער ניט געלאָזן, און ער האָט נאָר מיט די ציינער געקריצט און זיך אָפּגעהאַלטן.

ביינאַכט, אַז משה שנייאור האָט געבעטן יוספן צו זיך, האָט אים יוסף געזאָגט:

— משה שנייאור, איר האָט דאָך ניט פאַרוואָס צו זיין מיר אַ שונא, איך בעט אייך, צופיל גוטער פריינד זייט מיר אויך ניט. איך בין אייך נאָר אַ גוטער פריינד. ניט זאָרגט פאַר מיר, איך בעט אייך, פאָלגט מיך, לאָזט מיך אין מיין וועג, איך בין אַ גראַדער, ער־לעכער מאַן, און אייך לוינט בעסער מיט מיר גראַד צו זיין און ער־לעך, איידער מיט אַזעלכע אינטריגן. דערקלערט זיך זעלבסט, איך דאַרף אייך קיין פּירוש ניט געבן אויף די רייד, געדענקט נאָר, אַז איין גוטער פריינד איז בעסער פאַר צען ניט־גוטע פריינד.

משה שנייאור האָט געוואָלט אָנהייבן מיט נייע פאַלשקייט און געזאָגט:

— אָבער דיין טובה מיין איך!

— איך וויל קיין טובות ניט, — האָט יוסף געענטפערט און אים געגעבן די האַנט — אַדיע!

שפּעט האָט זיך גאָלדע געלייגט שלאָפן די נאַכט, אורחים האָבן באַדאַרפט קומען, און דער גרעסטער אורח—דער יום־טוב שבועות. יוסף האָט אויך ניט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן, ער האָט מיט זיך גע־האַט וואָס צו טון, וועגן זיין פּלאַן, וואָס ער האָט זיך צעשטערט, מיט דער ליבע־ערקלערונג, ביז ער איז ענדלעך געקומען דערצו, אַז

גליקלעך זיין הייסט נור צופרידן זיין און צופרידן קאָן ער זיין, אַז ער וועט האָבן זיין ראָזען צו געבן אירע באַדערפענישן. „זי פאַר־לאַנגט קיין לוקסוס ניט, — האָט ער געזאָגט, — און דאָס וואָס מען דאַרף האָבן פאַר אַ געוויינלעכן לעבן, האָף איך צו מיען זיך און דאָס ערווערבן. אום צו זיין אַ געבילדעטער דאַרף איך פילייכט דעם אוניווערזיטעט, אָבער אום צו זיין אַן ערלעכער צופרידענער מענטש, וועלכער דערנערט זיך פון אייגענער מי, דאַרף איך ניט שטודירן. די וועלט איז פאַר מיר, צייט האָב איך נאָך, איך מוז עפּעס אַ פּראָ־פעסיע דערלערנען. מיט מיין ראָזען וועל איך גליקלעך זיין!” מיט די געדאַנקען איז ער איינגעשלאָפן, אָבער דער שלאָף איז געקומען מיט אַ שווערן טרוים.

די מוטער, וועלכע האָט ליב געהאַט ראָזען, ליב געהאַט מער ווי אַלע קינדער, פלעגט זיך קיינמאָל ניט שלאָפן לייגן אײדער זי פלעגט זען ווי שלאָפט ראָזע, און בפרט איצט, אַז זי איז נאָך ניט רעכט געזונט געווען, זי האָט זיך איצט אויך אַנידערגעזעצט איבער איר בעט, געקוקט אויף אירע בליענדע איידעלע פאַרבן, אויף איר שיין קינד, וואָס איז געווען ווי אַ מלאך שיין. אירע שוואַרצע געקרויזטע לאָקן זענען אויף איר צאַרט־ווייסן שיינעם האַלז געלעגן, דעם אָטעם האָט זי לייכט געצויגן, אויף איר געזיכט האָט געשפּילט אַ ליבער זיסער שמייכל, און אירע ליפּן זענען געווען פאַרשלאָסן און האָבן זיך צייטנווייז באַוועגט, ווי זי וואָלט אין טרוים געקושט ווּעמען. גאָלדע האָט דאָס אַלץ געזען, זיך ניט געקאָנט אָפּרייסן. אַזאַ ליכט, אַזאַ בילד. גאָט, איז זי נאָר אין מיינע אויגן די שענס־טע אין דער וועלט, אָדער וואָלטן אַנדערע אויך אַזוי זאָגן!

ראָזע האָט פון שלאָף זיך אַ קער געטון און מיט אַ זיס שמיי־כעלע געזאָגט: „יוסף, איך ליב דיך — איך ליב דיך, טייערער יוסף”! און אַ ליכטיקער שמייכל האָט באַלויכטן איר גאַנץ געזיכט.

„איך ווייס דעם שמייכל, ליב קינד, — האָט גאָלדע געזאָגט שטילערהייט, — איך געדענק נאָך אַליין די זיסע חלומות, ווען די ליפּן אונזערע באַרירן זיך אָן די ליפּן, וועמעס איז אונז ליב. ווי שיין, ווי זיס איז דאַן די וועלט אונז. אָ, ווען דאָס גאַנץ לעבן אונ־זערס וואָלט נאָר אַזאַ חלום זיין! זיי גליקלעך, ליב קינד! כאָטש ביינאַכט, ווען קיינער, מער ניט ווי דיין מוטער, פילט וואָס דיר טרוימט! לעב כאָטש אין חלום, אין שלאָף, אויב דיר איז דאָס, גע־

בעך, ניט פאַרגינט פון לייטן בייטאָג! אין חלום זענען מיר פריי, און טוען אויס די מאַסקעס, אין חלום רעדן מיר לייכט אַרויס, וואָס מיר ציטערן בייטאָג צו טראַכטן! שלאָף, מיין האַרץ, עס וואַכט דיין מוטערס טריי אויג איבער דיר! דו האָסט שונאים, משה שנייאורקע טראַכט אויף דיר אויס, ער פאַרגינט דיר ניט דיין יוספן און זאָגט, דו ליבסט זיך אין אַן אַנדערן, דיין מוטער ווייס איצט און רופט גאָט צו הילף!

די מוטער האָט נאָך געזאָגט דריי מאָל: „הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל", איר אַ קוש געטון אויפן שטערן, און אַוועק פון איר געוואָר ווערן יוספן. אים האָט זי געפונען פיבערנד, און גע־הערט ווי ער האָט געזאָגט: „משה שנייאור, איך לאָז אייך אַליין, איך בעט נאָר טוט ראָזען קיין בייז ניט, זי איז אומשולדיק ווי אַ מלאך. אָ, ניט רייסט מיר אויס מיין האַרץ! איר האָט ניט צו מיר, צו ראָזען נאָך וויניקער".

דער טרייער מוטער איז מוראדיק געוואָרן דאָס הערנדיק טרערן זענען איר פון די אויגן געלאָפן, זי האָט יוספן אויפגעוועקט, ער האָט קוים דעם אָטעם אָפּגעכאַפּט.

— דיר האָט זיך געוויס געחלומט אַ שווערער חלום! דו האָסט די האַנט געהאַלטן אויפן האַרצן.

— איך דאַנק אייך, טייערע פרוי, נאָר אייך אַליין פאַסט מיך מציל צו זיין ביינאַכט פון אַ שווערן טרוים נאָך דעם גוטס און פריינט־שאַפט, וואָס איר ווייזט מיר אַרויס בייטאָג! איך האָב שרעקלעך געליטן אין חלום און אַזוי געוויינט, אַז איך האָב געמיינט, מיין גאַנץ האַרץ גיסט זיך אויס אין מיינע טרערן. אַן אומזיסטער שונא מיינער האָט מיך געיאָגט און פאַרקוועטשט דאָס האַרץ, אַז ווען איר וואָלט מיך ניט אויפגעוועקט, וואָלט איך אָן כחות געבליבן.

— שפּיי אויס, לייען אָפּ נאָכאַמאָל קריאת שמע. אַ חלום איז גאָרניט, דו זאָגסט אַליין, אַז אַ חלום איז גאָרניט. אַ גוטע נאַכט! זיי רואיק, דיינע שונאים וועלן דיר נאָך אי"ה גוטע פריינד ווערן און זען אָן דיר נחת און גליק!

די פרוי איז אַרויס פון צימער, אַ קוש געטון די מזוזה. „גאָט ווייס, צי זענען דאָ חלילה די מזוזות ניט פסולע, ווי קומען צו אים אַזעלכע חלומות. מאָרגן, בלי נדר לאָז איך רופן דעם סופר, ער זאָל איבערזען אַלע מזוזות"

די מוטער האָט ניט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן, איר האַרץ האָט איר געזאָגט, אַז דער שוואַרצער, וועלכן זי האָט פיינט געהאַט, טראַכט עטוואָס בייז אויף אירע איבעריקע קינדער, און היינט האָט זי געהערט פון יוספן רייד, פון חלום אַרויסגערעדט, דאָס זי האָט וואָס צו פירכטן. ניין, אַ מזוזה וועט ניט העלפן דעם שלאַנג צו פאַרטרייבן, מיט אים מוז מען אַנדערש זיך באַגיין. גאָט, העלף דו מיינע אָרעמע קינדער, באַהיט דו זיי וואַכנד און שלאָפנד, איך בין אַ שוואַכע, אַ קראַנקע פרוי. די מוטער האָט זיך מיט די רייד באַרואיקט און איז אַנטשלאָפן געוואָרן.

ו

גאָט האָט אים צוגעשיקט

שיין, העל און ליכטיק איז די זון אַרויס אויף מאָרגן נאָך דער ערקלערונג פון די ליבע קינדער. דער סאָלאָוויי אין ראָזעס צימער האָט געזונגען, און ראָזע האָט צייט געהאַט צו פאַנטאַזירן. אַלע אירע ווונדן האָבן זיך פאַרהיילט, אַלע אירע ליידן — פאַרגעסן, און זי איז גאָר צופרידן געווען. זי האָט באַשלאָסן דער מוטער דאָס אַלץ צו דערציילן, און זאָגן איר די ריינע וואָרהייט, אַז אָן יוספן קאָן זי ניט לעבן. זי האָט אָבער אַזוי פאַנטאַזירנדיק דערהערט, אַז יוסף גייט שוין אום, און איז אויך באַלד אויפגעשטאַנען.

די מוטער אַרום אירע קינדער האָט זיך געזעצט טיי טרינקען, עס איז געווען גענוג פריילעך, און מען האָט געקאָנט באַמערקן אין ראָזעס און יוספס אויגן, אַז זיי זענען היינט אַנדערש. דער פאָטער איז אויך געזעסן ביים טיש. ער האָט אָבער אין געשפרעך קיין אָנטייל ניט גענומען. ער איז איצט געווען זייער באַשעפטיקט און האָט געטון צוויי מלאכות מיטאַמאָל: אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן די פאַרפורקע טיי, אין דער אַנדערער — זיין חק לישראל, און האָט געזאָגט זיין טעגלעכן פאַיאָק, וואָס אָן דעם האָט ער ניט געקאָנט אָנהויבן צו טון זיין געשעפט.

אַחוץ די נוצן, וואָס ער האָט געהאַט פון יוספן אין געשעפט, זיינע חשבונות אים צו מאַכן, בריוו צו שרייבן, וואָס עס אים איז צו עלטערע יאָרן שווער געפאַלן, פלעגט ער נאָך קווענן פון אים, אַז ער פלעגט אים איינטייטשן גוט אַ פסוק, דערקלערן אים דעם פשט פון ערבי־נחל, יערות־דבש, און נאָך פון דעם מין ספרים, וואָס ער פלעגט זיינע גאַנצע פרייע שטונדן דערויף פאַרברענגען. יוסף פלעגט זיך אָפט צו אַ געלעגענער צייט אַריינלאָזן זיך מיט אים אין חקירה,

און אים פאַרזאָגן חובת הלבבות, אים דערציילן נייעס פון אַ וועלט, פון דער נאַטור, און פון דעם כּלל יידן איבערהויפּט, און פלעגט נאָך וויסן ווי סומך צו זיין אויף אַ פּסוק, בכדי זיין שוואַכע ידיעה זאָל זיך האַבן אויף וואָס צו האַלטן און חלילה ניט אָפּפאַלן פון אמונה. און ער האָט יוספן אַזוי האָלט באַקומען, אַז ער פלעגט אים צו אַן עצה אויך ניצן, און יוסף איז קלאָר געוואָרן אין זיין גאַנצן געשעפט.

אין אָנהויב האָט ביים פאָטער אַפילו מאָדנע אויסגעוויזן, וואָס די קינדער זענען צו יוספן אַזוי צוגעקלעפּט, ער האָט זיך אָבער אויף זייער אָרנטלעכקייט פאַרלאָזן, און פלעגט זאָגן, אַז דער מאַמען איז ליב, דאַרף דעם טאַטן זיין ניחא. אים האָט באַזונדערס געפרייט, וואָס רוחמקע איז מיט אים אַזוי נאָענט און וואָס יוסף לערנט זי. דער שוואַרצער פלעגט אים אפילו אונטערברענגען עפּעס ידיעות, אָבער פרידמאַן האָט אים געקענט פאַר אַ ליגנער, און האָט אים אַמאָל געזאָגט:

— דו פאַרגינסט דאָך ניט, וואָס דער אַנדערער לעבט, אַזוי ערלעך ווי דו זענען מיינע קינדער געוויס, און צו יוספן קומסטו ניט!

— ניט איך זאָג, אָבער עס רעדן שוין לייטן! — האָט דער שוואַרצער געזאָגט.

פרידמאַן איז אין כּעס געוואָרן און אַ געשריי געטון:

— אַוועק פון מיינע אויגן! דו זאָלסט צו מיר נאָך אַמאָל מיט אַזעלכע פּאָטשטן ניט קומען.

פון דאַמאָלס אָן האָט ער אינטריגן אָנגעהויבן צו וועבן, און דעם בריוו האָט ער געלאָזט אָנשרייבן ביי אַ געוויסן שרייבער, וועל־כער איז באַקענט געווען, וואָס קאָן נאָכמאַכן אַ פרעמדע האַנטשריפט און האָט דאָס דורך איינעם געשיקט, אַז יענער זאָל דווקא דערלאַנ־גען ראָזען איבערצוגעבן יוספן.

איצט האָט פרידמאַן אָפּגעזאָגט זיין תהלים און די ערשטע געריכטן פון דאַוונען, און האָט געזאָגט צו יוספן:

— היינט, יוסף, זאָלסטו גיין צו רבי לייזער דעם קרעמער, און זיך נעמען דעם בעסטן אַנצוג אויף יום טוב, דאָס איז פאַר דיין עצה. אי״ה, אַז דער פּאָדראַד וועט בלייבן פאַר מיר, וועל איך מיט גאָטס הילף אַ גאַנץ אַנדער פרייד מאַכן, דו ניט זשאַלעווע אָבער

און נעם דעם בעסטן. גאָלדע, פאָר דו היינט מיט אים אין שטאָט!

ביי די רייד איז אונטערגעפאָרן אַ פאָסט צום טיר, פון פור איז אַראָפגעקראָכן אַ הויכער, אַ דיקער ייד, און איז אַריין אין שטוב מיט אַ פריילעכן „גוט מאָרגן”!

— רבי יצחק, כ'לעבן! — האָט אַ געשריי געטון פרידמאַן, — אָט אַ גאַסט, גאָר ניט געריכט. נאַט אייך אָקאָרשט אַוועק מיין שלום עליכם.

דער אורח האָט זיך איבערגעטון אין דעם אים אָנגעוויזענעם צימער און צו צום סאַמאָוואַר.

— וואַרט, — האָט ער געזאָגט, — מען דאַרף פרובן טרעפן, צי דערקען איך נאָך וועמען פון אייערע קינדער, אַ קשיא אויף אַ מעשה, אין עטלעכע יאָר וואַקסן אויס די חברה, אַז מען קאָן זיי שוין ניט דערקענען! דאָס איז רוחמקע, מיין רוחמקע, גאָלדע, אָן אַן עין-הרע אַ מויד. זי בעט שוין באַלד אַ חתן, קום אָקאָרשט אַהערצו, קענסט מיך, רוחמה?

— פאַרוואָס זאָל איך אייך ניט קענען, איר זענט דער אייגענער, וואָס געווען, די יונגערע ווערן עלטער און קלוגער, די עלטערע ווערן יונגער און נאַרישער, — האָט רוחמה געענטפערט, — איך געדענק נאָך אייערע אַמאָליקע שמיץ, און מוז היינט בקמה בעמען.

— בראַוואָ, — האָט דער אורח אַ געשריי געטון — מיט דיר, טאָכטער, האָב איך ניט געטראָפן. גאָט זאָל געבן וויטער בעסער. דאָס איז שנייאורקע. אמת, אויך נאָך אַ קינד געווען דאַמאָלס. שאַ, אָפגעמאַכט, דאָ אַז איך וועל טרעפן, זאָל מען ניט זאָגן, אַ נאַר איז אַ נביא. חכם עדיף מנביא, און אויף אַ גלייכע זאַך פאַלט איטלעכער מיטן ערשטן בליק. דאָס איז ראָזע, און דער שיינער בחור איז איר חתן, וועלכן איר האָט איינגעלאַדן אויף יום טוב. זעט איר, כאָטש רוחמה זאָגט, די עלטערע ווערן יונגער און נאַרישער, פאַרשטיי איך פונדעסטוועגן, וואָס גוט איז, און זאָג אַרויס גלייך: בראַוואָ, ראָזע, דו האָסט אויסגעקליבן, ווי אַ מבין. און איר, יונגער מענטש-בראַוואָ, איר האָט אויסגעקליבן אַ כלה, וואָס איר וועט צו איר קיין צווייטע ניט געפינען. מזל טוב, חתן! מזל טוב, מחותנים! מזל טוב אונז אַלעמען. איצט, מיין לעקעך!

דיביידע געליבטע האָבן זיך פאַרשעמט. אויף זייער ביידנס געזיכט האָט געשיינט אַ הערלעכע פאַרב. דער אורח האָט פון זייער

פאַרלעגנהייט באַמערקט, וואָס דאָ איז און געפילט דעם איניקסטן דאַנק פאַר זיינע רייד.

— מזל מאַכט קיינמאָל ניט קאַליע! — האָט גאָלדע געזאָגט, וועלכע האָט אויך אַ הנאה געהאַט פון זיינע רייד, און נאָר געוואָלט די קינדער אַרויספירן פון פאַרלעגנהייט:

— קומען קומט מיר מזל־טוב, אָבער נאָר וויל מיין לייקע האָט אַ יונגל געהאַט. איר זענט פאָרט אַ נאַ... מיין איך אַ נביא, כאָטש ניט אינגאַנצן!

— טאָ ווער איז דער בחור דאָ?

— איר קענט מיך, רבי יצחק - האָט יוסף געזאָגט — איך האָב אייך באַלד דערקענט.

דער אורח איז צו נעענטער און האָט אים גענומען אָנקוקן. יוסף האָט אויך גנעפנט שאַרף זיינע צוויי שיינע אויגן, און מיט פאַרביסענע ליפּן אים אָנגעקוקט. ראָזע איז געזעסן אַנטקעגן און האָט אַן אויג ניט געקאָנט אַראָפּלאָזן פון יוספן. פול פון ערוואַרטונג האָט איר האַרץ געקלאַפּט, און זי האָט שיר ניט אַ געשריי געטון: „דאָס איז דאָך מיין ליבער טייערער יוסף, ווער קען אים ניט?!"

— יוספקע, ווי קומסטו אַהערצו, איך צאָל קנס, וויפל איר וועט בעטן. וועלכער גוטער יאָר האָט דיך דאָ געבראַכט? איך זאָל פאַר־געסן מיין יוספקען, פע, כ׳לעבן, אַלט איז פאָרט ניט יונג. רוחמה דו האָסט רעכט.

און ביי די רייד איז ער אים אַרויפגעפאַלן קושן נאָכאַנאַנד, אים צוגעפּרעסט צום האַרצן, אַז יוספן האָט וויי געטון פון זיין צו־פּרעסן אים.

— שוין אַכט יאָר, אַז איך האָב דיך ניט געזען! אַך, ווי אַנ־דערש ביסטו געוואָרן! שוין אַ מענטש מיט מענטשן גלייך, און איצט אויך אַזאַ שיינער, אַזעלכע קלוגע אויגן! ווייסטו, איך וואָלט דיך ניט דערקענט אויף אייביק. אויב דו וואָלסט ניט געמאַכט איצט די אייגענע מינע וואָס אַמאָל, פאַרבייסנדיק די אויבערשטע ליפּ, און אָנקוקנדיק שאַרף, וואָס איך פלעג ווערן אויס מענטש דאַמאָלס דער־פון. אַך! וואָס פאַר אַ שיין ברילײאַנטן קינד דו ביסט געווען! דיין בילד הענגט נאָך ביי מיר אין קאַבינעט שוין צען יאָר, מיין ווייב איז ריין פאַרליבט אין דיר, און דאַכט זיך, אַ גליק וואָס איך בין ניט אַ מיידל, איך וואָלט איצט זיך ריין פאַרליבט אין דיר!

— אַ דאַנק פאַר אַזאַ קאָמפּלימענט! אָבער לויבן אין די אויגן, זאָגט מען וויניקסטן, אַז עס איז ניט אַזאַ מעלה, אַי, רבי יצחק! געדענקט איר, אַז אַמאָל פלעגט איר מיך אַלץ רופן שוואַרצער פּאַס־קודניק, איך פלעג זיך שטענדיק מיט אייך איבער דעם קריגן, אָט היינט האָט איר זיך אַריינגעפּאַקט און דאַרפט צאָלן שטראָף אין פירן.

— איז ער דען ניט אַ פּאַסקודניק? — האָט אַ געשריי געטון דער אורח — זאָגט אדרבה אַלע, איז ער ניט אַ שוואַרצער מוריך, אַ פּאַסקודניק? ראָזע! רוחמקע, דו האָסט דאָך אַלעמאָל האָלט צו זאָגן אין די אויגן דעם אמת. זאָג!

— אַז איר ווילט, וועל איך אייך זאָגן — האָט געענטפערט רוחמה, וואָס זי האָט אַן אויג ניט אַראָפּגענומען פון יוספן און פון ראָזען ביז איצט — אַז אייך ווילט זיך, וועל איך אייך טון צוליב, און זאָגן אין די אויגן: ער איז שענער פאַר אייך — אָבער ניט איין מאָל, טויזנט מאָל.

— אַך דו הולטייקע! — האָט ער אַ געשריי געטון. — נו, דער־פאַר קריגסטו שוין ניט דיין מתּנה, ניט אַ שמיר!

— איך בין אייך מוחל, — האָט געענטפערט רוחמה, — איר האָט דאָך אַליין געבעטן, האָב איך דען געזאָלט שווייגן?

דער אורח האָט אַרויסגענומען צוויי טייערע ווייסע זיידענע טיכער און געשענקט ראָזען און רוחמה, פאַר גאָלדען האָט ער גע־בראַכט סערוועטן און נאָך זאַכן, וואָס איז שייך צו ווירטשאַפט. פרידמאַנען האָט ער געבראַכט אַ קעסטל ציגאַרן, אַ פּאַר ברילן און אַ חוץ פּאַרטוויין.

— שנייאור, פאַר דיר וועל איך שוין קויפן אינאיינעם מיט יוספן, אים מוז איך קנס צאָלן, מיר פאָרן נאָך דעם דאַוונען אין שטאָט אַריין.

די טיר האָט זיך געעפנט און אין שטוב איז אַריין משה שנייאור.

— משה שנייאור! — האָט דער אורח אַ געשריי געטון, — נאָך זיבן מאָל שוואַרצער, ווי איך בין אַ ייד.

— וואָס דען מיינט איר? — האָט רוחמה געזאָגט, — די שיינע ווערן שענער, די מאוסע ווערן נאָך העסלעכער.

דעם שוואַרצן איז דאָס בלוט פאַרקאָכט געוואָרן, ער האָט גע־

זען, ווי ראָזע מיט יוספן זיצן אַזוי נאָענט און זענען בײדע איצט ווי אַ שײנע יונגע פּאָר. ער האָט נאָך פון נעכטן געוווּסט, אַז יוסף ווײס פון אַלץ און האָט אַ קוק געטון מיט זײן גיפטיקער אויג אויף זײ בײדן, אַז ראָזען האָט אַ שטאָך געטון דער קוק. איר איז ניט גוט געוואָרן און זי האָט אַ געשרײ געטון:

— מוטער גיב אַ האַנט! אָ, ראַטעוועט!

דאָס זעלבע האָט געפילט יוסף. ער האָט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך מיט ראָזען, געוואָלט זיך אַ וואָרף טון זי ראַטעווען, אָבער וואָס וועלן לײט זאָגן — האָט אים אַ בליץ געטון — און איז אין זײנע שמערצן געבליבן זיצן אויף זײן אָרט.

—וואָס איז דיר, ראָזע? — האָט די מוטער געפרעגט דער־שראָקן, — זע ווי בלאַס דו ביזט געוואָרן!

— אַנטשולדיקט, ליבע מוטער! אַנטשולדיקט איר אויך, רבי יצחק, איך האָב זיך דערשראָקן, מיר איז אַרויף אַ שפּין אויפן האַלז.

רבי יצחק איז גענוג קלוג געווען צו פאַרשטײן, וואָס דאָ איז און האָט געזאָגט:

— דאָס איז די גאַנצע זאַך? איך האָב געמײנט, מי יודע וואָס. קינדער, וואָס קאָן אײך אַ שפּין טון? ציטערן פאַר אַ פליג, וואָס קאָן זי טון? און פאַר מענטשן, וואָס זענען ערגער פאַר שלאַנגען, עסט מען מיט זײ פון אײן טעלער, און מען טרינקט מיט זײ פון אײן גלאָז! וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן, יוסף?

— ווײל איך האָב אַמאָל אַזאַ שפּין געפילט קריכנדיק אויף מײן האַלז און ווײס ווי גוט דאָס איז, — האָט ער געענטפערט קוקנדיק אויף ראָזען.

— ער איז אַ מלאך, אַ נביא, אָדער מיר האָבן אײן האַרץ? — האָט געזאָגט ראָזעס האַרץ, — ווי ער פילט דאָס, ווער מײן שפּין איז! אָ, יוסף, יוסף, דו לײדסט דאָס זעלבע, וואָס איך, פאַרוואָס זאָלן מיר ניט אײנגאַנצן גליקלעך זײן? גאָט! האָבן מיר דען געזינדיקט קעגן דיר, אַז דו זאָלסט אונז אַרײנוואַרפן אַ שפּין אין אונזער ווײן?

— אָט וואָס קהלת האָט געזאָגט, — האָט זיך אָפּגערופן דער אורח מיט אַ זיפץ, — זבובי מות יבאיש יביע שמן רוקח! אײן טויטע פליג פאַרדאַרבט און פירט איבער דעם בעסטן פאַראַוואָזן בוימל! זעט נאָר ווי דער פאַרשאָלטענער שפּין האָט אַלעמען אַזוי אומעטיק

געמאַכט. אַי! איר נאַרן, אויך מיר אַ זאַך, נעמט דעם שפּין און צעטרעט אים מיט די פיס, און איר בלייבט פרייליך, ווי געווען.

— ניט אַלע מאָל טרעפט דאָס אַזוי, אַז מיר קאָנען אים צע־טרעטן. — האָט געענטפערט יוסף, — זייער אָפט אַנטלויפט ער, איי־דער מיר האָבן נאָך צייט אַ געשריי צו טון, און ווי אָפט פירט ער איבער דעם בעסטן בוימל מיט זיין אָנרירן זיך נאָר, און וואָס קאָן אונז שוין העלפן, אַז מיר נעמען אים אַרויס און צעטרעטן אים מיט די פיס? ווערט דען דער בוימל דורך דעם קלערער, אָדער צי קאָן מען עס שוין נוצן?

— דו האָסט רעכט, ליבער יוסף, אָבער פונדעסטוועגן זיי ניט קיין קינד, און דו, ראָזע, דיך מיין איך. זייט ניט קיין קינדער, האָט פאַר שפּינען גאָר קיין מורא ניט, זייט פרייליך, לוסטיק, לע־בעדיק ווי ניט געווען! — האָט געזאָגט דער אורח.

— שוין צייט דאַוונען, — האָט געזאָגט פרידמאַן. וואָס האָט אָנגעהויבן איצט צו זען, וואָס ער האָט דאָס גאָר פריער ניט געזען.

— איך בין אַן אורח, איך דאַוון היינט אין דער היים, — האָט געזאָגט דער אורח, — און איך האָב נאָך צייט, נישקשה, גאָט אַנט־לויפט נאָך ניט, איך וועל אים שפּעטער אויך געפינען.

— יוסף, ניט פאַרגעס נאָר צו שיקן פון בית המדרש דעם סופר, לאָז ער קומען איבערזען די מזוזות, — האָט געזאָגט גאָלדע.

— גוט, איך וועל ניט פאַרגעסן, — האָט געענטפערט יוסף, — קום, דו גייסט, שנייאורקע? עס איז ווירקליך ניט פרי.

יוסף האָט נאָך אַ קוק געטון אויף ראָזען, ראָזע האָט אים באַגלייט אויך מיט אַ קוק, און איז נאָך צוגעגאַנגען צום פענסטער אים נאָכקוקן, ביז וואַנען ער האָט זיך פאַרקערט אין דעם בית־המדרש געסל.

ראָזע, רוחמקע און משה שנייאור זענען אַוועקגעגאַנגען, פריד־מאַן האָט זיך געשטעלט דאַוונען ביי זיך אין קאַבינעט, גאָלדע און דער אורח זענען אַליין געבליבן ביי דעם סאַמאָוואַר

— ווי קומט ער אַהערצו? — האָט געפרעגט דער אורח ביי גאָלדען, נאָכדעם, אַז ראָזע איז אַרויסגעגאַנגען

— ער איז געקומען, אָדער בעסער גאָט האָט אים צוגעשיקט צו מיר אין שטוב. ער איז געקומען דאַ לערנען, מיר דוכט, אַז ער האָט יאָ קרובים, ער קומט אָבער אויס אָן זיי. עס איז ווי מען

זאָגט: מען איז קרובים ווילאַנג מען איז רייך, חלילה וחס ווערט מען אָרעם, מען דאַרף — זאָל די בייזע שעה ניט זיין — אָנקומען צו רייכערע קרובים, דאַן איז מען אויס קרובים, און ווי איך מיין, איז ער גאַנץ גערעכט, אַז ער האָט בעסער אויסגעקליבן זיך זעצן לער־נען דאָ אין פאָרשטעטל, איידער ביי זיי אין שטאָט, און ווער ווייס, טאָמער איז אים נאָך עפעס דאָ פון גאָט באַשערט? איך קאָן אייך זאָגן, אַז איך שאַץ זיך גליקלעך, אַז גאָט האָט מיר אים אין שטוב צוגעשיקט. איר לאַכט דאָך פון אַלץ, און אַז איך וועל אייך זאָגן, אַז עס איז אַזוי באַשערט, וועט דאָך ביי אייך אויסקומען, אַז איך זאָג דאָס ווי אַ יענטע. אָבער די מעשה איז דאָך אַזוי, עס איז פאָרט באַשערט. אָט דאַרף גאָר מיין שנייאורקע ווערן צו אים צו־געבונדן, און האָט אים כמעט מיט גוואַלד אַריינגעפירט צו אונז אין שטוב. איך האָב שוין לאַנג געזוכט פאַר שנייאורקען אַ חבר, וואָס זאָל מיט אים לערנען, שרייבן צוזאַמען, ער איז מיר באַלד אַזוי געפעלן געוואָרן און איך האָב אים שוין ניט מער געקאָנט אַרויסלאָזן. עס האָט מיר מי געקאָסט, איידער ער האָט מסכים געווען. ער איז שוין ב"ה ביי מיר מער ווי אַ האַלב יאָר אין שטוב, ניט ער, ניט איך און ניט די קינדער קאָנען ניט לעבן איינע אָן די אַנדערע. מיר איז ער איינגעבאַקן אין האַרצן, איך וואונדער מיך אַלץ, ווי קאָן אַ מוטער אַוועקלאָזן אַזאַ ליב קינד, אַזאַ טרייסט פון זיך? איר קענט זיין מוטער, רבי יצחק?

— ווי איך קען זיך! דרייסיק יאָר איז ניט איין טאָג! — האָט געענטפערט דער אורח, — דרייסיק יאָר בין איך ביי זיי אין שטוב איינגעשטאַנען, זיין פאָטער האָט אַמאָל געהאַנדלט גאַנץ גרויס, גע־האַט הייזער און סאָדן, ער איז אָבער פון אַ מסירה אַרונטער, איך ווייס ניט, ווי אים גייט איצט, אָבער עס מוז שוין זיין געגוג, אַז מען דאַרף אַוועקלאָזן אַזאַ טייער קינד אין דער פרעמד זיך וואַל־גערן, ווערן אַן אָרעם בחור. ווו? אין מאַהילעווער פאָרשטעטל. אַ שרעק, ווי איך בין אַ ייד! אַז מען נעמט זיך באַקלערן די שנויים, וואָס עס ווערט אין אַ צייט פון עטלעכע יאָר! ווילאַנג איז ער אַ קינד געווען? ווילאַנג בין איך אויף זיין ברית געווען? אַז מען וואָלט מיר דאַמאָלס געזאָגט, אַז דאָס קינד, וואָס מען האָט געמיינט, אַז עס איז אַ משיח געבוירן געוואָרן, וועט גאָר דאַרפן פאַרוואָגלט ווערן אין דער פרעמד!... איר ווייסט גאָרניט, טייערע גאָלדע, וואָס פאַר

אַ מוטער ער האָט, וואָס פאַר אַ הייסע, טרייע, וואָס פאַר אַ קלוגע דאָס איז! מיר צעגייט דאָס האַרץ, אַז איך דערמאָן זיך אויף זײנע גליקלעכע טעג, אַז ער פלעגט קומען פון חדר. ווי איטלעכער באַזונדער פלעגט אים האַלזן און קושן. און איצט? נאַדיר, מענטש, ווייס אויף דער וועלט וואָס גליקלעך איז.

— אָבער איז ער דען דאָ חלילה אומגליקלעך? — האָט געפרעגט גאָלדע, — בין איך דען אָדער קאָן איך גאָר צו מײנע אײגענע קינדער זיין געטרייער, ווי איך בין צו אים? און, ווי מיר דוכט, שעצט ער זיך אויך אַזוי גליקלעך ווי ביי זיין מוטער, ווער קוקט חלילה זיי נאָך? איז ער דען ניט מיט מײנע קינדער ווי אַ ברודער? שנייאורקע איז דאָך קיין חדוש ניט, אַז ער קאָן אָן אים ניט לעבן, אַפילו רוחמקע רופט אים אויך מיט קיין אַנדער נאָמען ניט, ווי „מיין יוספקע!“ און איך האָב מורא צו זאָגן, אַז ראָזע האָט שוין אויף אים אויך אַן אויג. וואָס זאָגט איר, רבי יצחק, דערצו? איז דאָ, ניט ניבר, אַז עס מוז דאָ עפּעס באַשערט זיין? גאָט, פיר ווי דו, פאַרשטייסט!...

— ביי אייך, הייסט עס, איז נאָך אַ ספק, צי האָט אים ראָזקע ליב אָדער צי ער זי? דאַכט זיך, אַ בלינדער האָט שוין אויך געקאָנט דערזען די סימנים אויף זייער צורה, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין דער מינוט, וואָס גאָר ניט ווייסנדיק האָב איך אַזוי אַרויסגערעדט! נאָט אייך מיין האַנט, אויב ראָזע וועט וועלן גאָר אַ קוק טון אויף אַן אַנדער חתן. נו, וואָס גיט איר מיר, אַז זי וועט אייך דאָס זאָגן אַליין מיט איר אייגענעם מויל? אַ האָפנונג, אַז מיין נסיעה אַהערצו איז ניט גאָר אומזיסט, איך וועל שוין דאַכט זיך האָבן מײנע שדכנות.

— מיר וועלן זען! — האָט געענטפערט גאָלדע צופרידן.

— דער יום־טוב איז נאָך פאַר אונז, — האָט געזאָגט דער אורח, — עס מוז עפּעס נייעס זיין פאַר מיר, איך האָב געטאַנצט אויף אייער זעלדעס חתונה, אויף אייער לייקעס חתונה, און אם ירצה השם זיין אַן אמתער מחותן פון ביידע צדדים ביי אייער ראָזען מיט מיין יוספן! איר זאָלט נאָר ניט זשאַלעווען צו נעמען פון מיר די גרעסטע שענסטע דרשה־געשאַנק, ער האָט זיך כמעט אויף מײנע הענט אויסגעהאָדעוועט, און אַז גאָט האָט מיך לעבן געלאָזט און געהאָלפן, אַז איך קאָן גומל חסד זיין מיט דעם קינד, וואָס זיין פאָטער האָט מיך אַמאָל פון מיין גרעסטן אומגליק אַרויסגעפירט,

פּאַרוואָס זאָל איך פאַרגעסן און שטיין פון ווייטן? גוט, מיר וועלן נאָך רעדן, מען מוז פאָרט זיך שטעלן דאַוונען. וואָס מאַכט אייער לייקע?

— נישקשה, אַ דאַנק פאַר אייער נאָכפרעגן! — האָט געענטפערט גאָלדע, צוקלייבנדיק פון טיש.

דער אורח איז אַריין אין חדר, און זיך געשטעלט דאַוונען.

„גאָט האָט אים דאָ געבראַכט, — האָט געזאָגט גאָלדע שטילערהייט, — דאָס וואָס מיר איז שווער געווען אַרויסצורעדן, האָט ער זיך דאָס אַרויסגערעדט אַזוי לייכט. גוואַלד, וואָס וויל איך נאָך פון גאָט? זאָל ער קומען מיר פון הימל זאָגן, דער איז דער באַשערטער. איך בין ניט אַזאַ צדקניות ווי אברהם, פונדעסטוועגן האָט ער אַליין זיך געמוזט מאַכן אַ סימן, צו טרעפן די באַשערטע, און מייבע אויגן האָבן שוין הונדערט סימנים געזען. גאָט מאַכט אָרעם און רייך און פון קרום גלייך, אַז יוספס עלטערן וואָלטן ניט געפאַלן געווען, וואָלט ער דאָך אונזער שטאָט גאָר ניט געקענט, און אַז גאָט וואָלט אונז ניט אויפגעריכט, וואָלט ער ניט געוווסט אונזער טיר. מ׳זעט, אַז גאָט אַליין איז אונזער שדכן, און די מבינים זענען חתן־כלה אַליין. מזל טוב זאָל זיי גאָט געבן, מזל, אמן!

ז

מחשבות אין שטילער שמונה־עשרה

ווען איז נאָך דאָ אַזוי צייט צו קלערן וועגן עסק, אָדער גאָר וועגן הויזלעכע עסקים, אַזוי ווי אין דער צייט וואָס מען שטייט שמונה־עשרה? און אין דער אמתן, איז די שמונה־עשרה אַ גליק פאַר איטלעכן צעטראָגענעם מענטשן. וואָרום צוליב איר דערמאָנט ער זיך צום וויינקסטן אָן זיך דריי מאָל טעגלעך, און גאָט אין זיבעטן הימל, וואָס האַלט אונז מענטשן, חלילה, ניט ווי די שקלאַפן אונטער זיין יאָך, נאָר ווי ליבע קינדער, וואָס הערן און ליבן זיין נאָמען, וועט ער דאָס געוויס אונז ניט רעכענען פאַר קיין זינד איבער אונזער פאַרטראַכטן זיך, ווען מיר בעטן צו אים! ווער ווייס? עס איז אפשר דאָס גופא, דאָס פאַרטראַכטן זיך פיל מער אַנגענעם ביי גאָט — ווען מען טראַכט נאָר ניט קיין שלעכטע, פאַרדאָרבענע געדאַנקען, ווי די בעסטע תּפלה! וואָס בעטן מיר דען אין אונזער שמונה־עשרה? מיר בעטן געזונט און פרנסה, רחמנות האָבן אויף אונז און אונז מציל זיין פון יעדער שלעכטער האַנט, באַפרייען אונז פון איטלעכן שווערן יאָך, און אונז שפייזן מיט אַלע אונזערע באַדערפנישן בכבוד! און וואָס זשע טראַכטן מיר אין דער מינוט, וואָס פון פאַרטראַכטקייט הערן מיר ניט וואָס מיר בעטן? — מיר טראַכטן וועגן דער פרייד, וואָס מיר האָבן געהאַט, וואָס אונזערע קינדער האָבן פאַר אונז געמאַכט, וועגן אונזערע געשעפטן, וואָס גייען גוט, און וועגן טויזנטער פריילעכע פּאַסירונגען, און דער ליבער גאָט הערט שוין פון אונזער פול האַרץ מיט פרייד זיין הייסן דאַנק, כאָטש אונזערע ליפן זאָגן דאַמאָלס גאָר אַנדערע ווערטער! מיר טראַכטן וועגן אומגליקן חלילה, וועגן הויזלעכע אומאַנגענעמלעכקייטן, וועגן צעו פון קינדער, וועגן אומגליקלעכע געשעפטן, וועגן פרנסה און געזונט

וועגן יעדער שווערער זאַך, וואָס פרעסט אונזער האַרץ, און גאָט מיט זיין אַלוויסן און אַלמעכטיקייט הערט און פילט אונזער האַרץ, ווייס וואָס מיר פאַרלאַנגען פון אים מיט איטלעכן זיפץ, וואָס רייסט זיך אַרויס פון האַרצן, בעת מיר שטייען שמונה עשרה און הערן ניט דורך אונזערע געדאַנקען, וואָס מיר רעדן! גאָט איז בוחן כּליות ולב, ער ווייס גאַנץ גוט, וואָס טוט זיך ביי יעדן אין האַרצן, און איז, חלילה, ניט אַזוי שלעכט, אָדער אַזוי ערע־גיריק צו וואַרטן ביז מיר וועלן אים פאַלן צו די פיס, און זיך אויסציען, אויסבעטנדיק ביי אים יעדן ברעקל ברויט, יעדן טריט און מינוט לעבן! און וואָס פאַר אַן עבירה האָבן יענע, די וואָס שרייען צו גאָט מיט אַזעלכע קולות, אַז עס רייסט זיך דער הימל, ווי קליין האַלטן זיי אים, אַז זיי מיינען, גאָט האָט אַ טעות, און קאָן, חלילה, איינעם צושיקן דעם טויט אָנשטאָט דעם, וואָס יענער האָט גאָר געמיינט צו בעטן לעבן. און האָט געזאָגט אָנשטאָט לחיים״—לעחיים, און דערוויל האָט זיך גאָט פאַרהערט און אויפגעשריבן אויף יענעמס בעטנדן קאָנוועלט: „לא חיים״. אָדער ווי זינדיק זענען יענע, וואָס דערציילן־איבער זייער נאַריש מעשהלע, וואָס שטאַמט אפילו פון אַלטע דורות און בלי שום ספק פון אַ גרויסן אָרט: אַז הושענא רבא ביינאַכט, אין דער מינוט וואָס עס עפנט זיך דער הימל, אַז דאַמאָלס ווערט מקוים יעדער ווונש, וואָס אַ מענטש ווינשט נאָר אין דער מינוט. האָט איינער גע־וואַרט אַ גאַנצע נאַכט און קוים דערהאַרט ווי דער הימל האָט זיך אויפגעשפּאָלטן, האָט ער געוואָלט אַ געשריי טון: כּל טוב! אָבער פון גרויס מהירות האָט ער זיך אויסגערעדט: קאָלטענעס! און אין דער מינוט איז דעם אומגליקלעכן אויסגעוואַקסן לאַנגע קאָלטענעס ביז די פיס, און אַזעלכע מעשות דערציילט מען טויזנט. אַך, ווי קליין איז זייער מחשבה געוועזן פון גאָט! זיי האָבן מיט אים גע־מוזט אָדער אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל מיט אים רעדן ווי מען דער־ציילט, ווי מען דאַרף מיט אַ פּראָסטן מענטש רעדן, ווייל ער האָט קיין שכל ניט, און קאָן נאָר טון, ווי מען הייסט אים, כּאָטשבי די מחשבה קאָן זיין גאָר אַנדערש. ניין! גאָט איז גוט און אַלוויסנד, ער ווייס אונזערע פעלער, אונזערע שוואַכקייטן, אַז מיר, מענטשן, זענען פאָרט קיין מלאכים ניט, און מיר האָבן ניט די שפה ברורה פון זיינע משרתים, און ניט דעם סוד שיח שרפי־קדש, אַז מיר זאָלן אַזוי רעדן מיט אים ווי מלאכים. די שפּראַך פון אונזער מויל האָט

ער נאָר געגעבן פאַר אונז, מענטשן, דאָס מיר מענטשן, וואָס אונ־זער שׂכל און אונזער חכמה זענען אַזוי קורץ, אַז מיר קאָנען נאָר פאַרשטיין וואָס מען רעדט צו אונז, זאָלן זיך איינע די אַנדערע צו פאַרשטיין געבן, וואָס אונז פעלט אָדער וואָס מיר פילן און ווילן. פאַר גאָט אָבער, וואָס ער איז אַ גוטע אוזן, וואָס ער האָט יעדן מענטשן זיינע אויערן באַשאַפן צו הערן, וואָס ער איז אַ בוחן לב וקרב, וואָס פּרובט יעדנס האַרץ און אינגעווייט, דאַרף אונזער צונג־שפּראַך ניט, ער הערט און פאַרשטייט די שפּראַך פון אונזער האַרצן, און הערט אַזוי גוט יענעמס געדאַנקען, וואָס הערט ניט איבער זיין טראַכטן וואָס ער דאַוונט, אַזוי גוט און געוויס נאָך מער ווי דעם אַנדערנס, וואָס צעזעצט די הימל מיט זיינע דבקות און באָמקען און קנאַקן מיט די פינגער בעת ער דאַוונט, און וואָס האָט אויך אַ מחשבה צו נאַרן לייטן און זיך זעלבסט. און דעריבער דאַרפן מיר, חלילה, פאַר קיין עבירה אָדער פאַר אַ מאָדעל ניט אָננעמען, אַז מיר וועלן דערציילן, אַז פרידמאַן, וואָס איז געווען אַן אמתער פרומער ייד אָן כוונות, איז געשטאַנען איצט די שטילע שמונה עשרה און געטראַכט וועגן זיין הויז און קינדער, וועלכע ער האָט אינער־לעך הייס געליבט.

איך האָב יוספן אויך אַזוי האָלט ווי מיין קינד, וואָרום איז ער דען ניט ווערט? איך ווייס גאַנץ גוט, אַז ראָזע וואָלט מיט אים ניט בראַקירן, אָבער צו איצטיקער צייט גראָד פאַסט מיר ניט אַזאַ שידוך צו טון, מיין געשעפט האָט זיך ברוך השם אָנגעהויבן צו הויבן, מיין קרעדיט ווערט אַלץ גרעסער, איך מוז זיך זען אַריינצושלאָגן אין יחוס, וועל איך קריגן אַ העכערן שטאַט. די וועלט איז שוין אַזוי, אַן אָנזעצערס אַ קינד נעמט גאָר די נדן, און מען קוקט גאָר ניט, וואָס זיין פאָטער האָט איבערגעפירט פרעמדע בלוטיקע געלט, מען גלויבט בעסטער דעם נגיד, וואָס טראָגט אויף זיך אַ יחוס בריוו, אַז ער שטאַמט פון דעם און פון דעם, וואָס קויפט ששי און מפטיר פאַר די גרעסטע נדבה, וואָס שטעלט זיך ברייט צו איטלעכער זאַך, כאָטשבי ער טיילט נאָר פרעמדע, ווי דער בעל הבית, וואָס לעבט זיך שטיל און רואיק, און וואָס האָט, חלילה, גאָר ניט בדעה אַ פרעמדן גראָשן אויפצועסן. איך קאָן די וועלט ניט איבערמאַכן, קרעדיט מוז איך האָבן, מיין אייגענער אַזוי ווי קיינעמס קאַפּיטאַל קאָן ניט אַזוי גרויס זיין ווי דער געשעפט. איצט אָבער וואָס וועט מען זאָגן?

„פרידמאַן האָט אַן אָרעם בחור גענומען, דאָס איז אַ סימן, אַז אים גייט עפּעס ניט אַזוי גוט". שרייבן אין די תּנאים פינף טויזנט — איז קיין רפואה ניט. אויף תּנאים וועל איך דאָך דאַרפן רופן באַר איי־גענע פאַמיליע און גוטע פריינד, וואָרום פון זיין צד איז ער דאָך עלנט, און וואָס וועט באַטרעפן, אַז זיי וועלן זאָגן, אַז זיי האָבן אַליין געהערט לייענענדיק דעם נדן פינף טויזנט? די ריידער זענען דאָך הינט, און הינט מוז מען האָבן מיט וואָס דאָס מויל צו פאַר־שטאָפּן. דאָס הייסט, אַז איך וועל טון מיט דעם סטאַרעסטע, איז דאָך פאָרט אַ מופת חותך, אַז לייט זאָלן ניט קענען רעדן. אַ מענטש קאָן ניט לעבן ווי ער וויל. זהאָט מען צו טון מיט לייטן, מוז מען לייטן נאָכגעבן! און וואָס העלפט, וואָס מיר ווילט זיך אַ גוטן איי־דעם? פונדעסטוועגן איז נאָך קיין ראיה ניט, עס קאָן זיין, ווי גאָלדע זאָגט: „וואָס באַשערט דאָס ווערט!" לאָז גאָט בעסערן און איך וועל זיין זייער גערן! ביי מיר קומט אויס, אַז מען זאָל די שדכנים טאַקע דערווייל מדחה זיין, און זיי הייסן אויפּציען אַ פּאָר חדשים, טאָמער וועט זיך דאָ מאַכן עפּעס מיט יוספן, און ווייטער וועלן מיר דאָך זען!"

אין אַזעלכע געדאַנקען איז פרידמאַן אויסגעשטאַנען די גאַנצע שמונה עשרה, אָפּגעזאָגט הלל, געלייענט די פּרשה און געדאַווענט מוסף. אין דער אַנדערער שמונה עשרה האָט ער שוין אַזוי פיל ניט גע־קאָנט טראַכטן, ווייל ער האָט שוין געמוזט האַלטן דעם סדור אין האַנט און דאָס שטערט, הפּנים, צו מחשבות.

ח

דער תּקון שבועות

יוסף איז געווען גליקלעך, ער האָט אין רבי יצחקן אַ פריינד און שטיצונג געפונען און געהאָפט, אַז דורך אים וועט ער קאָנען קומען צו אַ צוועק. געוווּסט האָט ער, אַז זיין ליבע צו ראָזען וועט פון די עלטערן ניט געשטערט זיין. ער האָט דעם ערב שבועות גע־האָט אַרבייט פאַר פרידמאַנען צו פאַררי‍כטן זייער פיל, דער טאָג איז געווען וואָלקנדיק און רעגנדיק, ער איז ביז פאַרנאַכט אין שטוב געזעסן.

דער רעגן האָט נאָך מיט דעם זון־אונטערגאַנג שטאַרקער אָנ־געהויבן צו גיסן, אין די פאָרשטעטל־גאַסן איז שוין געווען קויט און בלאָטע, אין פיל הייזלעך האָט זיך געזען ליכט, און זיך געהערט דער ניגון פון דער קריאה, וואָס פיל האָבן געזאָגט און געזונגען האַלב־שלאָפנדיקע דעם פאַרשלעפערנדיקן ניגון פון די טראָפּ. די אָרעמע, נעבעך, וואָס אַ גאַנצן טאָג זענען זיי אומגעלאָפן צו קריגן וואָס זיי פעלט נאָך, אָדער די שוסטער, שניידער, וואָס נאָך אַ גאַנצע וואָך פאַרן ערב יום־טוב האָבן זיי שוין ניט פאַרזוכט קיין שלאָף, דאַרפן זיי, נעבעך, איצט נאָך דעם, אַז אין שטוב איז שוין ב״ה ליכטיק, ריין, ציכטיק און יום־טובדיק, פאַרגעסן זיך, ווי דאָס איז זיי אָנגע־קומען, און מוזן אויסקרענקען זייער טראָפּן פאַרגעניגן אויף אַ גאַנ־צע נאַכט זאָגעכץ דעם תּקון, וואָס דאָס רוב פון די זאָגער פאַר־שטייען אַ וואָרט ניט. דער ייד האָט אָבער דערפון פאַרגעניגן, און בלענדט די אויגן, ביז ער פאַלט אויפן נאָז און ווערט אַנטשלאָפן און שטייט דערפאַר אויף צום ערשטן מנין, וואָס ווערט שבועות געדאַווּנט גאַנץ פרי. פרייליכער און ליכטיקער, ווי אַלע נידעריקע הייז־לעך איז געווען דער היכער, כמעט נאָך נייער בית המדרש. דאָ

האָט מען שוין ניט געקאָנט אונטערשיידן די קולות, ווייל עס איז געווען צעמישט לאַכן מיט זאָגן מיט רעדן, אַלץ אינאיינעם. אויפן גאַניק איז איצט ארויפגעגאַנגען אַ יונגערמאַן, האָט אָפּגעעפנט די טיר און געשטאַנען און געקוקט דעם שטיב און געלעכטער, וואָס ער האָט דאָ דערזען און געהערט. באָמבעס (דאָס הייסט איינגענעצטע צוזאַמענגעדרייטע האַנטוכער) זענען געפלויגן פון אַלע זייטן. אויפן אויבנאָן זענען געזעסן גד הלל זבולונס, שמואל יוסף דער מלמד, דור־בינקע, גאַסאַנסביידע איידעמס, העשל דער פּאָדוואַלשטשיק, יקותיאל דער שניידער, און עטלעכע איידעמס, דערביי איז געשטאַנען פייוויש דער מילכטרעגער, אַן איינגעשמירטער אין סאַזשע און האָט דער־ציילט בייעס. די אַלע אַרומיקע האָבן געלאַכט און ער, ניט וויסנדיק וואָס זיי לאַכן, האָט אויך מיט זיי מיטגעלאַכט. גד האָט געהאַלטן אַ ישיבה־בחורשע קישעלע אין האַנט אָנשטאָט אַ צונויפגעדרייטן האַנ־טוך, און האָט זי גלייך אַ וואָרף געטון דעם יונגנמאַן, וואָס האָט נאָר וואָס געעפנט די טיר און ניט געוואָלט אַריין אינעווייניק. די באָמבע האָט דעם יונגנמאַן גוט געטראָפן, אָבער ער האָט באַלד אַ כאַפּ געטון און האָט איינגעדרייט אין קישעלע אַ ליימענעם לייכ־טערל און האָט אַ וואָרף געטון צוריק, ער איז אָבער ניט אַזאַ גוט־טער שיסער, און האָט געטראָפן צווייען, אין די, וואָס ער האָט זיך ניט געצילט אָנשטאָט דעם איינעם, צו וועמען ער האָט זיך געמאָסטן, און נאָך דורכן פענסטער און אַרויף ביי דעם גוי אויפן באַרב־בוים. איינער פון די צוויי געטראָפענע איז געווען שמעיה דער בטלן, וועלכער האָט זיך גאָר אָן אַ גלייכוואָרט איינגעשמועסט, אַז ער וועט אַראָפּברענגען משיחן. דער מענטש פלעגט זיך זעצן מיט הוילן באלף מחילות אויפן אייז אין רעכטן פראָסט, און ניט איין מאָל האָט ער זיך אויפגעהויבן מיט די גרעסטע יסורים, וואָרום ער פלעגט נאָכלאָזן שטיקער הויט און פלייש אויפן אייז. זומער, אַז קיין אייז איז ניט געווען, פלעגט ער דינגען דעם פּאָד־שמש, ער זאָל אים איטלעכע נאַכט שמייסן. דער פּאָד־שמש, וואָס האָט געהאַט אויף אים אַ האַרץ, פאַרוואָס ער פלעגט אים ניט לאָזן שלאָפן. בעת רבי שמעיה פלעגט פראַווען חצות, איז געווען זייער צופרידן פון דעם געשעפט, און בפרט, אַז מען האָט אים נאָך צוגעצאָלט, און פלעגט שוין פון ביימאָג אָנגרייטן די בעסטע שפיץ־ריטער אויף ביי־נאַכט, און שמייסן אונזער רבי שמעיהן פאַר זיינע עטלעכע גראָשן,

ווי ער האָט פאַרדינט. שמעיה אָבער פלעגט פאַרבייסן די ציינער און נאָר בורטשען פאַר זיך: „דאָס איז נאָך אַלץ פלא אַנטקעגן דעם שמייסן פון גיהנום". דער פאָד־שמש דאָס דערהערנדיק, פלעגט אַלץ געבן שטאַרקער, און איינמאָל האָט ער אים אַזוי פאַרגעבן, אַז שמעיהן איז נעבעך פאַרגאַנגען דאָס האַרץ, און האָט שוין אַ געשריי געטון: „אוי", דו ביסט אַ מלאך חבלה! און דיינע ריטער זענען געוואַקסן ביי די ברעגן פון נהר דינור*)! און ביי די רייד, איז ער חלש געבליבן. גאַנצע טעג און יאָרן איז דער יונגערמאַן אָפגעזעסן אויפן ספר עץ־חיים און האָט געזאָגט, אַז ער ווייס שוין אַלע סודות, מיט וואָס מען קאָן משיחן אַראָפּברענגען, נאָר אים פעלט נאָך די וואַסער פון גיחון**), וואָרום אַז ער וואָלט קאָנען זיך טובל זיין אין די וואַסער פון דעם טייך, וואָלט ער קאָנען מתקן זיין און אַרונטער־שווענקען די זוהמא של נחש הקדמוני, וואָס ביי אים שטייט „על גחונך תלך", וואָס דאָס וואָרט גחונך איז גלייך צו גיחון, אָבער ער ווייס נאָך דערוויל ניט דעם סוד. ער איז דעריבער די גאַנצע היינטיקע נאַכט פאַרטיק געווען צו זיצן און צו דערגיין דעם סוד. מיטאַמאָל אָבער איז אים אַריבער דאָס קישעלע איבערן קאָפּ, און האָט אים פאַרטשעפעט, און פון אים צו דעם אַנטקעגן־זיצנדיקן מלמד, וואָס האָט געהייסן מרדכי שמואל יאָסע דעם מלמדס אַ פאָטער. ער איז געווען זייער אַ בייזער אַלטמאָדישער ייד, און איז גאָר אייגנט־לעך אַ מתנגד אין דעם בית המדרש, ער איז גראָד אין דער מינוט אַנטשלאָפן געוואָרן, און דער בראַזג פון דעם לייכטערל אין שויב, און די נאַסע אין זאַמד איינגעקייקלטע קישעלע, וואָס איז אים אויפן רעכטן קאָפּ געפאַלן, האָט אים אויפגעוועקט. ער איז געוואָרן אָנגע־צונדן פון כעס, און האָט שוין אָנגעהויבן צו זוכן צו וועמען עס איז דעם כעס אויסצולאָזן. שמעיה, קריגנדיק דעם שטיין אין קאָפּ, האָט זיך אויפגעהויבן און געזאָגט: „יהי רצון, אַז איך זאָל דערמיט אָפּקומען, טאָמער בין איך ווערט געווען סקילה"!

חברה האָט דערזען, אַז שמעיה וויל פון דאַנען אַוועקגיין,

---

*) אַ געווויסער טייך, וועלכער שטראָמט דורך (ווי קאַבאַליסטן זאָגן) דורך דעם גיהנום.

**) אַ טייך, וועלכער פליסט דורך דעם גן עדן.

האָבן זיי אים צוגעבונדן מיט אַ האַנדטוך, און אַז מרדכי האָט זיך אויפגעהויבן און אַ פרעג געטון: ווער האָט אים אַ וואָרף געטון דאָס קישעלע? האָבן אַלע אַ געשריי געטון: שמעיה דער בטלן! מרדכי, וואָס האָט אויף אים אַ כּעס געהאַט, פאַרוואָס ער לערנט קבלה; ווי קומט אַ יונגער שנעק, וואָס קאָן אַן עמוד גמרא ניט אָפּלערנען צו קבלה? דערצו האָט דער אייגענער שמעיה זיינע צוויי תּלמידים צוגענומען — איז ער זייער צופרידן געווען, אַז אים האָט זיך געמאַכט דער צופאַל, ווו ער האָט געקענט זיך אָן אים נוקם זיין, און האָט ניט געוואַרט איין רגע און איז צו צו דעם אָרעמען בטלן און האָט אים צעפּאַטשט די באַקן, און האָט נאָך געהייסן זיין שמואל יאָסען אים אַרויפציען אויפן טיש און אים שינדן די הויט, אָדער ווי מען זאָגט אין חסידות לשון „גוט אָפּקאָרקעווען". עס האָט ניט געדויערט קיין מינוט און שמעיה איז געלעגן אויפן טיש, און דער גאַנצער בית המדרש מענטשן האָבן געפּאַטשט און געקניפּן און געריסן. דער מיט אַ בלעכענעם לייכטערל, דער מיט אַ ברעטל און דער מיט זיין תּקון שבועות. שמעיה האָט זיך ניט שטאַרק געקריגט, און איז בדיעבד זייער צופרידן געווען דערפון, וואָרום אַ הנאה האָט ער געהאַט און קיין געלט האָט אים ניט געקאָסט. ער האָט זיך פונדעסטוועגן קוים אויפגעהויבן, און זיינע פאַרצויגענע ליפּן פון זיין פאַרקלעמט האַרץ האָבן זיך געשיקלט, וואָרום ער האָט געזאָגט זיין געוויינלעכן „יהי רצון". „איך זאָל דערמיט אָפּקומען מכּות מרדות און מלקות אַרבעים"! און מיט די ווערטער איז ער צוגעגאַנגען צו דעם אַנדערן ברעג טיש, וואָס דאָרטן האָט ער געפונען זיין גלייכן: פּיסקלאָניק דעם מלמד. די ביידע האָבן זיך געזעצט שמועסן וועגן דער פּאָליטיק פון די עולמות-עליונים, און דער יונגערמאַן, וואָס איז די גאַנצע סיבה געווען פון דעם עלענדן מענטשנס אומזיסטע קלעפּ, איז צוגעגאַנגען צו טעוועלע ביר גיסער, גאַסאַנס יונגערער איידעם, אים אָנגענומען פאַרן האַנט און געזאָגט:

— נו וואָס, דו גייסט, ברודער?

— קודאַ? — האָט געפרעגט טעוועלע:

— צו רבי לייבן! — האָט געענטפערט דער יונגערמאַן.

— פּאַידו — האָט געענטפערט טעוועלע, — וואָס וועלן מיר דאָרטן טון, עס וועט זיין אַ קערטל? מיין איך אַ תּקון שבועות, אָדער אַ ש"ס קטן?

— עס וועט אַלץ זיין, איך וועל געבן משקה, אַז איר וועט מיר נאָר אַ גוטע עצה געבן.

— כאַראַשאָ! — האָט אַ געשריי געטון טעוועלע, — בלאַגאָדאַריו פּאַקאָרנאָ, וואָס דו פאַרגעסט אָן מיר ניט!

דיביידע האָבן זיך אַוועקגעלאָזט און געלאָזן דעם טומלענדיקן בית־המדרש מיט די באַמבעס, און מיט די קוואַס, וואָס מען האָט געטיילט, און אַוועקגעגאַנגען אין רעגן און אין קויט צו רבי לייבן, וואָס איז באַקאַנט געווען פאַר אַ ביעגלען סאָלדאַט און פאַר אַ פּעטערסבורגער און מאַקאַריער „זשוליק". ניט ווייט פון בית המדרש איז געשטאַנען אַ ביי הויז, דאָ האָבן זיך די פּאָר יונגעלייט אָפּגעשטעלט און אַ קלאַפּ געטון אין לאָדן.

— כטאָ טאַם? — האָט מען געפרעגט פון שטוב.

— אייגענע לייט! — האָט אַ געשריי געטון טעוועלע.

— טעוועלע? ווי איך בין אַ ייד! און ווער נאָך? — האָט געפרעגט דער קול פון שטוב.

— אַ רעכטס! ווי איך בין אַ ייד, אַ רעכטס! אַטוואַריטע!

באַלד האָט מען געעפנט אַ טיר, און אונזערע לייט זענען דורך איר אַריין אין שטוב.

— אָ, ברוך הבא, משה שנייאור! רבי טעוול ביר גיטער! — האָט אַ געשריי געטון רבי לייב.

— גוט יום טוב, שרהקע! — האָבן אַ געשריי געטון די ביידע אורחים צו רבי לייבעס ווייב. דאָס איז אויך געווען איינע פון יענע פרויען, וואָס קיין אָרנטלעכער מענטש קאָן איר נאָמען ניט דערמאָנען אָן פאַראַכטונג. דאָס איז געווען איינע, וואָס אַזאַ מאַן ווי אירער האָט זי אויסגעקליבן אונטער טויזנט, און נאָר זי אַליין געפונען פאַר פעהיק צו זיין געשעפט. ניכר, אַז זי איז אים געווען אַ געהילף, וואָרום, ווי מיר זען, פלעגן שוין גיין צו איר שטאָטישע אויסוואורפן און די פאָרשטעטלדיקע פּאָר. איצט איז זי געזעסן אין אַ ווייסער בלוזע, מיט פאַנאַנדערגעוואָרפענע האָר און געדרויכערט אַ פּאַפּיראָס, ווי איינע פון איר סאָרט.

— גאָר ווי ביי קריסטן, ווי איך בין אַ ייד, — האָט אַ געשריי געטון טעוועלע, — ווו זענען אייערע געבענטשטע ליכט? מיין צדקנית! מיר מוזן טאַקע אונזערע ווייבער לויבן. זיצן איצט אין דער היים ווי די מילינקעס, און בענטשן זיך מיט אונז, וואָס מיר זענען אַזעל־

כע טייערע יידן און זאָגן אין בית־המדרש תּיקון־שבועות אַ גאַנצע נאַכט. ניט אמת?

— אוודאי אוודאי! — האָט געענטפערט משה שנייאור, — ווער נאָך אַזוי ווי מיר זאָגן תּיקון? נישקשה, פונדעסטוועגן בענטשט מען זיך גאָר מיט אונז. אָט זע, אויף דיר זאָגט מען: דאַכט זיך טעווע־לע איז אַ ביסל לופטיק, אָבער פּאָרט טוט ער, קלויבט צוזאַמען מצה פאַר אָרעמע, מאַכט אַ חברה אויף ספרים אין בית המדרש, מאַכט שטיוול אָרעמע תּלמוד תּורה קינדער, וכדומה. וואָלטן זיי אָבער וויסן, רבי לייב, וואָס מיר ביידע ווייסן, אוי, דאַכט זיך, ווי זיי וואָלטן זיך פאַרשילטן פאַרוואָס זיי האָבן זיך געבענשט מיט דיר!

— יסורים ווייסן זיי דאָס! — האָט געענטפערט טעוועלע, — בהמה, מיט וואָס דען נעמט מען אַן עולם? פאַרשטייסטו מיך, דו ביסט זיך אין שטוב ביי דער שוויגער דער גאַנצער מאַכער, און אַז דו טוסט אַפילו אַמאָל וואָס מען טאָר ניט, זאָגן זיי אויך: „אַז ער טוט דאָס — מסתּמא איז רעכט". גאָט האָט דיך געבענטשט מיט אַ יראת־שמים־צורקע, און מען מיינט, אַז דו לעבסט גאָר פון תּהלים און פון חצות. איך אָבער, טשאָרט וואָזמי, האָב צום שלימזל אַ שלעכ־טע צורה און כאָטש צערייס זיך מאַכנדיק זיך פרום — עס העלפט אַלץ ניט! דער שווער קען מיך, וואָס איך בין, דו ווייסט אָבער פאַרוואָס, ווייל ער איז אויך ניט בעסער פאַר מיר, און פאַלט אויף די אַלע המצאות, וואָס איך בין נאָר ממציא, זיין קאָפּ איז אים ניט אויסגעדאַרט, און ווייס אויך, אַז די שנור איז בעסער ווי די שוויגער. אַ דאַנק גאָט דערפאַר! איצט האַלט איך שוין איין וואָסקע אין האַנט, און מיט אים וועל איך זיך שוין איספּראַווען ווען עס איז! אָבער מיט לייטן מוז איך זען צו זיין גוט, אָט קלויב איך אויף תּלמוד תּורה, און אויף נאָך אַזעלכע זאַכן.

— דו ביזט גליקלעך! — האָט אַ געשריי געטון משה שנייאור, — הלוואי וואָלט איך אַזוי מיין שווער געפּאַקט. אָט וואָלט איך גע־מאַכט וואָס איך וויל, אָבער צום שוואַרץ יאָר, האָט ער גאָר קיין שכל ניט דערויף און איז זיך אַ פרומער ייד, וואָס קאָן חלילה זיך ניט אַריינמאַכן אין מיינע הענט. אָ, אַז איך וואָלט כאָטש האָבן דיין מויל, מיט דיין ברייטקייט, מיט וויפל איך וואָלט בעסער געמאַכט פאַר דיר! אָט איז אַ גליק, אַז מען קאָן אַ שווער אין פּאַסטקע אַריינקריגן!

— שאַ! וואָס מײנסטו! — האָט זיך אַ כאַפּ געטון טעוועלע, — דו ווייסט, וואָס פלעגט מיט מיר זײַן אין אָנהויב? באַלד ווי איך בין דאָ אָנגעקומען אויף קעסט, האָט דאָך דער שווער מיך מסתמא געגומען פירן אויף זײַן סטראַי, איך האָב זיך אַלץ געלאָזט, איך האָב נאָר געקוקט, וואָס דאָ וועט זײַן. אײנמאָל, מסתמא, דער שווער האָט מיך עפּעס זייער אין ניט קיין פײַנער לאַגע געטראָפן און האָט מיר אָנגעבאָטן פון די כפול־שמונהדיקע פּעטש, אַז איך האָב זיך דאָס ניט אויפגעהויבן און פּאַדאַוואַי ברעכן די גלעזער, טעלער און דעם גרויסן שפּיגל, וואָס איז געווען דאַמאָלס אין זאַל, און אַ געשריי געטון: „זעט איר, שווער, אָט דערמיט וועל איך אײַך ענטפערן אַלע מאָל, ווען איר וועט מיר נאָר אַ וואָרט אויסרעדן!” דער שווער האָט פּאַרקאַשערט די אַרבל און געמײנט מיר אַרײַנצופּאָרן אין באַק. אָבער איך בין אויך ניט פויל און האָב דאָס נאָכגעמאַכט: עהע! ער האָט אַ קוק געטון, וואָס איך האָב אים דאָ אָנגעמאַכט, ציטערט ער שוין פאַר מיר. און איצט האָב איך גאָר געפונען אַן אוצר, ער ציטערט, אַז נאָך ווער עס איז זאָל זיך ניט דערוויסן, וואָרום אַז ניט קאָן ער אָנווערן זײַנע גבאות אין חברה קדישא. אָבער זאָג מיר, ברודער, וואָס פעלט דיר אַזוי? קלויבסטו דען קיין געלט ניט? וואָס אַרט דיך, אַז דו דאַרפסט זיך אַ ביסל פאַרשטעלן. אַבי דערווייל פירסטו זיי פאַרן נאָז, אָבער ניט זיי דיך!

— ניין, ברודער, — האָט זיך אָפּגערופן משה שנייאור — „ניט אַלע מאָל איז געלד דאָס, וואָס עס לײַכט”! אָבער צו וואָס זענען מיר דאָ געקומען, צי אויף טרוקענעם כבוד צו זיצן? הערט, ברודער, מיר זענען דאָ געקומען זאָגן תיקון, און די באַלעבאָסטע דאַרף קענען אירע אורחים און זיי ניט לאָזן שטאַרבן פון הונגער. הערט אָבער וואָס איך זאָג אײַך, איך גיב אַ האַלב טוץ פּאָרטער, אַז איר וועט אויסהערן גוט מײַן מעשה, וואָס איך האָב אײַך צו דערציילן, און מיר אַן עצה געבן ווי פון איר אַרויסצוקריכן. אָט אַז אײַער עצה וועט מיר געפעלן, דאַמאָלס וועל איך מאַכן אַ נייעם יום־טוב פאַר אונזערע חסידים.

— כאַראַשאָ, טוב מאוד! — האָט געענטפערט די גאַנצע קאָמפּאַניע. עס האָט ניט פיל געוועדט, און אויפן טיש איז געשטאַנען משקה לרוב, אַ קערטל האָט אויך ניט געפעלט. חברה האָט געשפּילט אין שטוקעלקע. טעוועלע, וואָס האָט קיין געלט ניט געהאַט, איז גע־

ווען שותפות מיט משה שנייאורן, און אָפּגעמאַכט — משה שנייאורס געלט און טעווועלעס שׂכל. און אין דער אמתן איז טעווועלע געווען מער ווי קלוג, וואָרום ער האָט פֿאַרשטאַנען אויפֿן ווונק, וואָס רבי לייבעס ווייב האָט אים געטון, און האָט משה שנייאורס געלט ניט געזשאַלעוועט.

— לחיים! לחיים! — האָט מען געהערט פֿון אַלע צדדים, און אַז משה שנייאור האָט שוין געהאַלטן ביים דעק קעשענע, האָט ער אָנגעהויבן צו דערציילן זיין מעשה.

— איר ווייסט, ברידער, די הלכות איידעם?

— מיר ווייסן! — האָבן געענטפֿערט די איבעריקע, — מען דאַרף דאָס ערשטע זאַך קאָנען געפֿעלן ווערן שווער און שוויגער נאָך מער ווי דעם ווייב אַליין.

— און וואָס נאָך? — האָט געפֿרעגט משה שנייאור

— מען דאַרף ווייסן אַלץ, וואָס עס טוט זיך ביי זיי — האָט טעווועלע געזאָגט, — אַז זיי גייט גוט דאַרף מען זיך אַריינצומאַכן אין געשעפֿט מיט אַלע פֿיר, און זיך היטן ניט קאַליע צו מאַכן דעם מאָגן. אויב דער שווער האָט קינדער — זענען דאָס יונגלעך, דאַרף מען זיי צו שיקן לערנען, און זאָלן קוועטשן די בענק אין וואָלאָזין אָדער אין דער מיר, און זאָלן אויסוואַקסן פֿראַים, ווי אַ ישיבה בחור דאַרף צו זיין. זענען דאָס אָבער מיידלעך, דאַרף מען טון ווען מען קאָן נאָר, דאָס הייסט, אַז מען איז אַ לאָווקער יונג, ווי יידל די הירשעליכעס איידעם האָט געטון. איר ווייסט דאָך מסתמא, ווי ער־לעך ער האָט זיין שווער און שוויגער באַצאָלט? אָט ווועמען גאָט העלפֿט, אַז עס גיט זיך איין — איז עס די בעסטע עצה, און מען דאַרף דערנאָך ניט מורא האָבן פֿאַר אַ גוטן שוואָגער. ווער ווועט שוין איצט נעמען לאָהן? אַ רעכטער מענטש וועט שוין אויף אַזוינער ניט קוקן, וואָרום עס ווייסן שוין אַלע, אַז דער אבי־הבן איז רבי יידל, און אַז קוואָטער איז דאָ געווען דער סטרוזש, און האָט דאָס גלייך אין פּראָלובקע אַריינגעהאַקט.

— ע, אַז איך וואָלט דאָס קאָנען, — האָט זיך אָפּגערופֿן משה שנייאור — וואָלט איך דאָס אָן אייך אויך שׂכל האָבן, אָבער ניט דאָ איז דער אָרט. יידל איז געווען אַ שייבינקער, איך אָבער? צו וואָס זאָל זי קוקן אויף מיר? בעסער האָט זי זיך געפֿונען ווועמען... ווידער, איר קענט זי גאַרניט, וואָס דאָס איז פֿאַר אַ צנועה, ימח

שמה זאָל זי ווערן! זי מיינט, אַז פאַר איר ערלעכקייט וועט מען איר דעם גאַנצן לויתן אַוועקגעבן. איך האָב מיר שוין אַמאָל געפּרובט אונטערשיקן אַ פּעטערסבורגער פּראַנטיק צו איר, אָבער ער האָט געהאַט אַן אָפּשניט, אַז ער האָט קוים די אויגן דערנאָך געקאָנט ווייזן.

— הער זשע — האָט טעוועלע ווייטער געזאָגט, — ניט שלאָגט מיר נאָר ניט איבער מיינע רייד. העלפּט גאָט ניט אויף אַזאַ מעשה, ווי ער האָט אונזער יידלען געהאָלפן, דאַרף מען זיך מער ווי באַמיען, קריגן פאַר זיי חתנים — נאַראָנים. אַ שוואָגער אַ נאַר איז פאַר אונזערע ברידער אַ גליק, זיי דאַרפן זיין אונטער אונזער האַנט, און זיי ווען אונז שוין צונויף קומען, מיט זיי אויסצופירן, וואָס מיר וועלן שוין אַליין זיך בעסער ניט ווינטשן. קאָן מען דאָס אויך ניט קריגן, איז די בעסטע זאַך, מ׳זאָל זען, אַז דער שווער זאָל זי, ניט נעמען צו זיך אויף קעסט, און ניט טון פון דער אייגענער שטאָט, וואָרום איר ווייסט גאָר ניט, וואָס פאַר אַן אומגליק דאָס איז, אַז עס געפינען זיך מחותנים און נאָך רבנים ביי אונזער שווער און שוויגער!— דער ערשטער און בעסטער כלל איז דאָס: אַלע מאָל מוז מען זען בלייבן דער פאַר. אָט דאָס זענען די הויפּט־הלכות, וואָס אויף זיי האַלטן מיר זיך ווילאַנג שווער און שוויגער לעבן, און די געטרייסטע דינים לאחר מיתתם, אַז זיי מאַכן די אויגן צו, בלייבן מיר די יורשים! ווייטער—וועגן פירן דעם שווערס בוך, וועגן ציילן און צאָלן געלט, אַז ער גיט, דאָס דאַרף מען ניט לערנען, דאָס ווייס איטלעכער, אַז ביי זיך אין קעשענע איז געטרייער ווי ביי אים אין קאַסטן. אָט דאָס זענען הלכות איידעם בקצרה, די קליינע הלכות. דאָס פאַסט פאַר אַ קליין יינגל צו האַלטן אויף זיי עקזאַמען, אָבער ניט פאַר אונז, און אַזעלכע קלייניקייטן איז אין קיין ספרים ניטאָ, מ׳דאַרף זיין אַ חכם המבין מדעתו, און ווי עס קומט צו האַנט. נו, וואָס זאָגט איר, ווייס איך? — האָט געפרעגט טעוועלע.

— דו ביזט אַ לייט! — האָבן אַלע אַ געשריי געטון, — דו קאָנסט שוין זיין אַן איידעם ביים שוואַרץ יאָר אַליין, דו וואָלסט זיך שוין מיט אים איספּראַוועט, דאַכט זיך.

— זאָגט מיר אָבער, טייערע יועצים מיינע, וואָס טוט מען אָבער, אַז עס מאַכט זיך אַריין אַ שיינינקער, אַ קלוגינקער, קאָן לערנען, שרייבן און דערצו נאָך אַ יחסן, און אַז ניט נאָר שווער

און שוויגער אַליין האָבן אים האָלט, אפילו גאָר די שוועגערין, די כלה, וואָס פאַר איר פּאַסט אייגנטלעך אַזאַ פּסק, ווי לאה די הירשעלעס האָט געהאַט. וואָס טוט מען, זאָגט מיר, אַז אַלע, דער קלענסטער און גרעסטער אין שטוב חלשן נאָך אים, אפילו מיין אייגענע ווייב האָט אויך מיט מיר צוטון, אַז איך זאָל אויך מסכים זיין, אַז ראָזע זאָל ווערן זיין כלה. וואָס טוט מען, אַז מ׳וועט מוזן אַמאָל ענטפערן איבערגוואַלד: „אמן״! און אים אַוועקגעבן די ביכער, אָפּטרעטן אים דאָס שטיבל, און זיין אונטער אים אַ נכנע, וואָרום וואָס זאָלן מיר זיך דאָ נאַרן. די שוויגער און שווער האָבן אים שוין העלטער פאַר מיר, און ראָזע אַליין איז גרייט דאָס לעבן אַוועקצוגעבן פאַר אים. אָט, ברידער, דאָ וועט איר זיין לייט, אַז איר וועט מיר ווייזן אַ דרך, ווי פון אים פּטור צו ווערן און ווי דערנאָך צו טון די הלכות איידעם, ווי עס פּאַסט פאַר אונזערע לייט.

— דו דאַרפסט וויסן, משה שנייאור, — האָט געזאָגט רבי לייב.— אַז עס איז קיין זאַך ניטאָ, וואָס מ׳קאָן ניט קריגן, ווען מ׳איז נאָר אַ מענטש. אַז מ׳האָט מוט און אַז מ׳איז קיין טרוס ניט, קענסטו ניט שפּילן מיט דיין שוועגערין אַזאַ קונץ ווי יידל, טאָ קער דאָס איבער דאָס אייגענע זאַך אויף אים, אויף דעם פאַר וועמען דו האָסט מורא! ביי אייך איז דאָ אַ דינסט מיידל אין שטוב? טאָ איספראַווע זיך, אַז ער זאָל זי מוזן נעמען. דו פאַרשטייסט, וואָס איך מיין?

— איך פאַרשטיי גאַנץ גוט, אָבער דאָס אייגענע מיידל האָט שוין אַ חתן, און איז אַ גאַנצע יחסנתטע. דאָס וועט ניט אָנגיין, ווידער מ׳וועט דאָס גאָר ניט גלויבן, איר קענט אים גאָרניט, ווער ער איז, איר מיינט ניט, אַז ראָזע איז בלינד אָדער משוגע, ער איז אַ לייט, אַ מענטש, וואָס איך מוז ציטערן פאַר אים באַצייטנס, אָט ראַטעוועט, ברידער! — האָט משה שנייאור געזאָגט פון היץ און פון דער משקה, וואָס ער האָט אַריינגעגאָסן אין זיך. — איך זאָג אייך, עס וועלן זיין בזיונות פאַר אונזערע לייט, אַז מיר וועלן אָט דעם יונגל ניט קענען אַרויסשטויסן פון אונזער גבול!

— אָ, טשאָרט! — האָט אַ כאַפּ געטון טעוועלע, — איך פאַרגין אים ניט אַזאַ כלה! איר קענט זי, רבי לייב? זי איז אַ מלכה אייכל! אַזאַ צאַרטע, אַזאַ שיינע, אַן אמתע פרינצעסין! ביין, אַזאַ דאַרף האָבן אַ מאַן אַ פלאַגע, אי טאָגדאַ, פאַרשטייט איר, ווו עס האָלט?...

— אָבער ווי קריגט מען דאָס? — האָט געפרעגט משה שנייאור —

איך וועל ניט זשאַלעווען וואָס איך ווילט, טשאָרט וואַזמי, ער טאָר דאָ ניט זיין!

— הערט מיין עצה! — האָט געזאָגט טעוועלע, — פריער פאַר אַלץ דאַרף מען אָקאָרשט אַ ביסל זיין באָמען פאַרפאַטשקען, און דאָס נעם איך זיך אָן מיט צוויי ווערטער צו טון. איר דאַרפט וויסן זיין, אַז ביי אונז אין שטעטל, גלויבט מען אַלץ וואָס מ׳זאָל נאָר אַרויסלאָזן, און לאָמיר אַפילו אָננעמען, אַז מ׳וועט אויף אים ניט גלויבן, אַז מ׳האָט אים געכאַפּט מיט דעם ווייבל, וואָס מ׳האָט זי לענגער געבראַכט צום רב, אָבער רעדן וועט מען פונדעסטוועגן פאָרט און דאָס מאַכט שוין אונזער פּלאַן ניט קאַליע! אַז איר ווילט, גיב איך אַ בורטש דעם מורא-הוראה אונזערן, דעם שוטה, אַז עס איז אמת וואָס מ׳זאָגט אויף אים, און, ווי מיר ווייסן, איז דער מורה־הוראה אַ בעלן אויף אַזעלכע זאַכן, און ער וועט בלי ספק שיקן נאָך אים אין בית־המדרש און וועט טון, וואָס מיר וועלן אים הייסן. אָדער אַז ניט גאָר, זאָל ער זאָגן מאָרגן אין בית המדרש, און דערמאָנען אין דרוש, אַז משיח קאָן ניט קומען ווילאַנג בחורים וועלן אומגיין שפּאַצירן מיט מיידלעך, אַזוי ווי עס טוען פרײ־מאַנס קינדער, און דאָס וועט שוין דעם שווער אַריינברענגען אין כעס אויף דעם יוספן, וואָס דו זאָגסט!

— עט, דאָס אַלץ איז קאַלטע פאַרפל! — האָט משה שנייאור געזאָגט, — אַז ער וואָלט דאָ דאַרפן בלייבן, בין איך אויך קיין יונגל ניט און וואָלט זיך מיט אים איספּראַווען, מיט אַ שפּענדל וואָלט איך אים אַרויסשאַרן פון דאַנען. איך וואָלט מאַכן בריוועלעך פון הולטייקעס צו אים, וואָס וואָלטן אַריינגעפאַלן צו ראָזען, צום שווער און שוויגער אין די הענט, — ווי איך האָב שוין געמאַכט, און שיר ניט געוווּנען, וואָס איך האָב געוואָלט. די צרה איז דאָס, וואָס עס איז צוגעקומען אַן אורח, וואָס וויל נעמען יוספן צו זיך אין פּעטערסבורג. איך אַליין האָב דערין שולד, איך האָב יוספן אויסגעגעבן, אַז זיין זיצן דאָ וועט אים צו קיין תכלית ניט ברענגען, און ער האָט ביי דעם אורח ווי געפּועלט, דער שווער וועט אים שיקן סחורה אויף קאָמיסיאָן. אָט זעט, אַז עס איז דאָ וואָס מורא צו האָבן און מען מוז האָבן שמשון הגבורס כח איבערצורייסן די קייטן, וואָס ער איז צוגעשמידט צום שווערס הויז!

— עס איז אמת! — האָט געענטפערט רבי לייב, — אָבער

ווייסט איר, אַז שמשון הגבורן האָט אַ נקבה בייגעקומען? אָט דאָס דאַרפֿן מיר האָבן אין זינען, איידער מיר הייבן אָן עפּעס צו טון.

— איך דאַרף אייך עפּעס זאָגן, — האָט געזאָגט רבי לייבס ווייב צו משה שנייאורן שטילערהייט, אים אָפּפירנדיק אָן אַ זייט.

— פֿאַר אַן אורח בין איך אַ סחורה. וואָס איז ער — אַן אַלטער אָדער אַ יונגער, איר קריגט אים נאָר אַריין אַהערצו, אָדער צו שמעון גאַסאַן, דאָרטן וועל איך זיך שוין מיט אים איספּראַווען.

— איך וועל פּרובן, — האָט געענטפֿערט משה שנייאור — אָבער וואָס גיט איר אַן עצה, רבי לייב? — האָט ער ווידער געזאָגט זיך צוריקקערנדיק צו די איבעריקע.

— איך האָב אַן עצה און אַ גוטע, אָבער דאָס וועט ניט געטון ווערן מיט הוילע פֿינגער. דאָ הי וואָלט איך דיר צו ליב געטון פֿאַר אַ דאַנק, אָבער אין פּעטערסבורג קאָסט וואַסער אויך געלט, און בפֿרט אַזאַ זאַך. דאָס וועט געטון ווערן גיך און גוט, און ער וועט אַרויס פֿון כּלאַך, עס וועט אַ האָן ניט אַ קריי טון.

— ווי טייער? — האָט געפֿרעגט משה שנייאור מיט פֿולע אויגן פֿון שמחה.

— דאָס דאַרפֿן מיר רעדן אונטער פֿיר אויגן רבי טעוועלע וועט נעמען פֿאַרן שווייגן און וועט געבן אַ אונטערשריפֿט, אַז ער איז אויך אַ טוער, און דאָס וועט אַרויס כּשר און ישר, ווי ער איז ווערט. מיר וועלן זיך נאָך זען און דאָס אָפּמאַכן אויפֿן כּתב. דו, רבי טעוול, טו זיך דיינס, לאָז אַרויס דיין קלאַנג אויף אים, ווי דו האָסט געזאָגט, איך וועל שיקן מיינע די צדקנית, ניט אַזאַ צנועה אַ מיידל און וועט אַריינגיין צו פֿרידמאַנען אין שטוב און וועט, דאַכט זיך, וויסן וואָס צו רעדן צו יוספֿן. איך וועל דעם מורה הוראה אַליין זען. בקיצור, עס איז שוין האַלב פֿאַרטיק, דאָס אַלץ מאַכט אונזער שדוך ניט קאַליע. איך האָב דיך האַלט, משה שנייאור, וואָס דו ביזט קיין נאַר ניט און שעמסט זיך ניט מיט מיר ווי די אַנדערע! דו דאַרפֿסט וויסן זיין, אַז גנבים און רוצחים זענען אַלע, נאָר עס זענען דאָ אונטער זיי קלוגע און נאַרן, איך בין אַמאָל ניט קלוג געווען און האָב זיך אַריינגעכאַפּט, אָבער גענוג, איצט וועט מיך אַ שד ניט כאַפּן, און וואָס טויגן אונז דאָ די קונצן, מיר קענען זיך אַלע. און דער לערן-יונגל שעמט זיך ניט מיט זיין בעל הבית, וואָס קאָן בעסער פֿאַר אים. וואַרט, איר זענט נאָך יונגעלייט, איר

וועט נאָך דעם רבין אַריבער, אָבער פאַרגעסן זאָלט איר אים ניט, און וואָס דאַרפן מיר די פּאָליטיק־שמיטיקע, אַ טרונק־בראָנפן און אַ גוטן לחיים! לחיים ברידער, הלוואי איבעראַיאָר ווידער דאָ זאָגן לחיים.

— לחיים טובים ולשלום! — האָט געענטפערט משה שנייאור, — הלוואי זאָלן מיר טרינקען, אַז אונזער ראָזע זאָל נעמען אַ בורילע פאַר אַ מאַן!

— הלוואי זאָלן מיר טרינקען, אַז מיין עלקע וועט אַוועקהולכן לעולמה, און איך זאָל נעמען איר שוועסטער, דבורהן.

— ווער עס ווינטשט דאָס דיר ניט, זאָל דאָס אַליין ניט האָבן, — האָט געענטפערט משה שנייאור, — איך וואָלט זיך דאָס אויך פאַרגינען, אָבער ניע טודאַ ײַ דאָראָגאַ! — ראָזע וועט מיך ניט וועלן נעמען, אָ, אַז איך וואָלט געווען אַזאַ שיינער ווי דו, וואָלט איך צו די דאגות ניט דאַרפן אָנקומען.

— לחיים! — האָט אַ געשריי געטון די דאַמע, מיט אַ גרויסן בעכער בראָנפן אין האַנט, — לחיים! זאָג איך פאַר מיינע טייערע געסט, מיר זאָלן טרינקען, אַז אונזערע תפלות וועלן אָנגענומען ווערן! לחיים, איבעראַיאָר אין ירושלים, אָדער אַז ניט, אין מאַקאַריע אויפן יריד!

— אמן! — האָבן געענטפערט דער מאַן מיט די געסט.

פון אונטערן ווענטל האָט זיך געהערט אַ ביטערער שווערער קרעכץ.

— טשאָרט, ווער איז דאָרטן! — האָט געפרעגט טעוועלע. — מען האָט זיך צוגעהערט, ווי איך בין אַ ייד!

— ניע באָיטעס! — האָט געענטפערט רבי לייב, — דאָרטן ליגט די שוויגער, די אַלטע פאַדלע, און האָט געכראָפּעט אויף וואָס די וועלט שטייט; זי איז קראַנק און וועט שוין, דאַכט זיך, דעם מלאך דומה ניכער דערציילן איר סוד, אויב זי האָט עפּעס יאָ געהערט.

— ניט שרעקט זיך פאַר איר! — האָט צוגעגעבן די טאָכטער, — זי איז שוין אַ עובר בטלע, כאָטשבע מאַך איר אָן אויפן קאָפּ, פאַרט איר ניט.

— אויף מיין שוויגער געזאָגט, — האָט זיך אַ כאַפּ געטון משה שנייאור.

— און אויף מיין שווער! — האָט אַ זאָג געטון רבי טעוול פון זיין זייט, — נישקשה, מיר דאַרפן אונזער לערער ניט לערנען, ער

ווייס, אַז ווענט האָבן אויערן, און אַז ער האָט גערעדט, מסתמא ווייס ער, אַז עס איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבן.

— מיר דאַכט, עס באַגינט שוין, — האָט געזאָגט משה שנייאור — עס איז שוין צייט אין בית המדרש גיין! טשאָרט וואָזמי! מיר הויבן זיך די פיס ניט און מיר דרייט דער קאָפּ. צופיל געטרונקען. עס שאַדט ניט, דאָס ווייב וועט ערשט מיינען, אַז איך בין מיד פון זאָגן.

— מיר גייען, - האָט זיך געזאָגט טעוועלע אויפהייבנדיק, — ווען וועלן מיר זיך ווידער זען?

— מאָרגן צו קאַווע מיט פּלעצלעך, — האָט געזאָגט די פרוי.

— איך וועל אויף אייך וואַרטן, איר מוזט קומען, איר הערט, וואָס מען זאָגט אייך?

— אַלץ הייסט מיר הערן! מיר מוזן קומען, — האָט געזאָגט דער שוואַרצער, מיר האָבן נאָך ניט געענדיקט.

— ניין, דאָס גראָד ניט, — האָט געענטפערט רבי לייב, — עס איז שוין אַלץ פאַרטיק, גייט געזונטערהייט אַהיים, צי אין בית המדרש, וווהין איר ווילט, און געדענקט מיין ברכה, גאָט וועט געבן הצלחה, און אייער ראָזע וועט שוין האָבן אַ פינסטערע מערכה!

— אַ וואַרער מאַרשאַלעק! — האָט געזאָגט משה שנייאור.

— וואַרט, מיין זון, איך דאַרף דיר נאָך עפּעס אָנזאָגן, — האָט געזאָגט רבי לייב, — דו זאָלסט מיר אָקאָרשט שיקן דעם בריוו־טרעגער אַהערצו, ער איז אונז נייטיק, ווי דאָס אויג, פאַרשטייסטו וואָס מען רעדט צו דיר? און די בריוו, וואָס דער שווער און ראָזע און אייער גאַנץ געזינד וועלן שיקן, דאַרפסטו אַליין זיך אָננעמען צו זיין דער בריוו־טרעגער, און די פּאָסט זאָל גיין דורך אונזער שטוב, מיר נעמען צו געלט־פּאַקעטן, זאַקאַזנאָיע און דענעזשנאָיע, אַלץ דורך אונזער האַנט, און איצט, אַדיע!

די חברה האָט גענומען נאָך צו קאַפּעטשקעס, זיך פריינדלעך צעקושט און אַוועק אַהיים.

דער רעגן האָט שוין אויפגעהערט, עס האָט שוין באַגינט, די צוויי זענען געגאַנגען זיך ווייגנדיק גלייך צום בית המדרש, כּדי דאַווענען גלייך מיט דעם עולם דעם ערשטן מנין און דערנאָך קאָנען שלאָפן רואיקער ביז נאָך דעם אַנדערן מנין. אַריינקומענדיק אין בית המדרש, האָבן זיי געפונען רבי גד הלל זבולונס כּשכּור בקיאו,

שמואל יוסף האָט געשריען אויפֿן קול פֿאַרן עמוד תּהלים, וואָס דער האַלב־שלאָפֿעדיקער עולם האָט נאָכגעזאָגט פּסוק אום פּסוק, אַ סך זענען געלעגן צעלייגט, נעבן זיי די צוזאַמענגעדרייטע האַנטיכער, האַלב אויסגעשאָטענע קישעלעך, און צעריסענע צעבראָכענע באָמבעס, אַזוי ווי אויפֿן פֿעלד פֿון מלחמה, נאָך דעם אַז עס ווערט אַ שלום. שטיל איז איבערן בית המדרש. קיין באָמבע זעט מען ניט פֿליען, קיין קלונג פֿון פּעטש, קיין געלעכטער, און קיין נייעס דערציילנדיק. די מלחמה האָט אויפֿגעהערט, די מידע העלדן רוען איצט און פֿרייען זיך מיט דער האָפֿנונג באַלד באַלוינט צו ווערן פֿאַר זייער מי אין אַזאַ פֿייער־שטורמדיקער נאַכט און אין אַזאַ שרעקלעכן געפֿעכט. זיי וואַרטן אָבער ניט אויף אַ מעדאַל אָדער אַן אָרדען, נאָר אויף אַ מילכיקן פֿלעצל מיט אַ זיסע גלאָז קאַווע, וואָס אַפֿילו אַ עני שבישראל קאָן אויך אָן דעם שבועות ניט אויסקומען, און ווירקלעך איז זיי דאָס בעסער ווי די בעסטע מעדאַל. נאָך אַ פּאָר מינוט האָט געוועט. און שמואל יוסף האָט געענדיקט זיין תּהלים אויך, און דערמיט האָט זיך געענדיקט דער לעצטער פּולווער, און עס איז שטיל געוואָרן אינגאַנצן, נאָר ביי אַ בּרעג טיש זענען נאָך געשטאַנען צוויי העלדן מיט זייערע בלויזע שטילעטן און געפֿעכט גאָר אָן רחמנות איינער מיט דעם אַנדערן: דאָס זענען געווען די צוויי באַרימטע הימל־פּאָליטיקאַנטן, שמעיה דער בטלן, און פּיסקלאָניק דער מלמד, זיי האָבן געהאַלטן אַ שטאַרקן און זייער אַ וויכטיקן קריג וועגן אַ פּאָליטישן ענין. שמעיה האָט געזאָגט, אַז דער לויתן איז קלענער פֿאַר דעם שור הבר, וואָרום פֿיש גיט אים דאָס ווייב אַ קלע־נערן חלק, ווי פֿלייש, און פּיסקלאָניק האָט געזאָגט: ניין, דער לויתן איז גרעסער, וואָרום דער לויתן רינגלט אַרום די גאַנצע וועלט מיטן עק אַליין, מיינט מען דאָך שוין דעם שור הבר אויך אין כּלל, און ווידער ווייס ער, אַז פֿיש קריגט ער מער ווי פֿלייש, וואָרום עס האָט געטראָפֿן, אַז ער אַליין האָט אויפֿגעגעסן אַ האַלבע שמייקע *), און שמעיה אָבער האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס און ניט מודה געווען אויף אַ האָר, ווייל ער האָט געוווסט דעם סוד פֿון לויתן, וואָס איז דער פּשט — לו יתן, אים וועט ער געבן — לו באַטרעפֿט זעקס און

---

*) אַזאַ סאָרט פּשוטער הערינג.

דרייסיק — און לאה איז דאָך געווען די שנואה, וואָס יעקב האָט זי פיינט געהאַט. הייסט זעלטעס אַנדערש זיין, אַז דער לויתן איז גרע־סער פאַר דעם שור הבר, צי קאָן דען זיין, אַז ער וועט די פאַר־האַסטע גרעסער מאַכן פאַר די געליבטע? אָט דערפון איז די ראיה, אַז דער לויתן איז ניט אַזוי געשמאַק ווי דער שור הבר.

— דו ביזט אַ גרויסער שוטה! — האָט אַ געשריי געטון פּיס קלאָניק, אַז ער האָט אויסגעהערט שמעיהס תורה וועגן לויתן. — דער לויתן איז גרעסער ווי דער שור הבר, דאָס ווייס אַפילו יעדעס קליין יונגל, וואָרום דער ים איז גרעסער פאַר דער ערד, און ווייל דער לויתן וואָלט זיך ניט האָבן אויף דער ערד וואַהינצוטון, דעריבער האָט אים גאָט אַריינגעלאָזן, און דאָס וואָס דו ברענגסט די ראיה פון לאהן, וועל איך דיר באַווייזן בפירוש אַז לו איז בגמטריא אלה, כלומר. אַז מען וועט טון די אלה החוקים — לו יתן וועט מען אים געבן.

— אָבער שור איז בבחינת דוכרא און בר איז בבחינת רב, און ער איז גרעסער, ווי דער פסוק זאָגט: ורב יעבוד צעיר, — האָט גע־זאָגט שמעיה מיט זיין קבלה.

— לאָז מיך געמאַך מיט דיינע בחינות און מיט דיינע חסידי־שע תורות, איך ווייס נאָר, אַז מען וועט דערלאַנגען אַ שטיק לויתן וועט זיין געשמאַק, און אַ שטיק שור־הבר וועט זיין נאָך געשמאַ־קער — האָט געענטפערט פיסקלאָניק.

— צי וועלן מיר דאָס נאָר זוכה זיין? — האָט געזאָגט שמעיה.

— לאָמיר פרום זיין, גוט זיין, זיך אָנטון סגופים, לאָמיר פאַסטן, לאָמיר וויינען אויף גלות השכינה, אויף די צדיקי הדור אָט וועלן מיר זוכה זיין, — האָט געטרייסט פיסקלאָניק.

און אַזוי האָבן זיי זיך געפּעקלט די גאַנצע נאַכט, און איינער האָט דעם אַנדערן ניט גובר געווען, נאָר אין דעם האָבן ביידע איינגע־שטימט, אַז דעם שור הבר וועט מען קאָכן מיט פאַרפל, און איטלע־כער וועט זיין די גרויס ווי דער באַרג תבור, און אַז דעם יין המשומר וועט מען טרינקען ת"ק שנים נאָכאַנאַנד און מען וועט ניט שכור ווערן.

די ביידע האָבן שוין זיך צוגעגרייט צו גיין זיך טובל זיין אין מקוה, אָבער דאָ זענען אַריינגעקומען טעוועלע מיט משה שניי־אורן און האָבן געכאַפּט רבי שמעיהן פאַר זיינע לאַנגע, איז זיין

לעבן ניט געשאָרענע, פאות, וועלכע ער פלעגט טראָגן אונטערן היטל און וואָס נאָר צוויי מאָל אין יאָר פלעגט ער זיי אַראָפּמאַכן, און דאָס איז געווען שמחת תורה און י״ט כסליו *), צוליב דעם רבין. טעוועלע האָט געצויגן פאַר איינער און משה שנייאור פאַר דער אַנ־דערער און געגייט שמעיהן, ער זאָל רופן פיסקלאָניקען, ווי מען רופט צו פיסקלאַטעס: ציפּ, ציפּ, ציפּ! שמעיה האָט אָבער בעסער געליטן יסורים און ניט מביש געווען זיין בעסטן פריינד!

*) י״ט כסליו איז אַ חסידישער יום־טוב: רבי שניאור זלמן מלאַדי איז דאַן באַפרייט געוואָרן פון תפיסה. — רעד.

י״ח

עטלעכע טעג פאַר דער רייזע

דער יום־טוב שבועות איז געווען פריילעך, ווי מען קאָן זיך נאָר פאָרשטעלן. אין בית־המדרש און אין פיל הייזער, ווו עס איז נאָר געזעסן אַ קאָמפּאַניע חסידים, וואָס טעווועלע האָט דאָרטן אויך ניט געפעלט, האָט מען שוין גערעדט וועגן יוספן מיאוסע זאַכן. אַפילו די ווייבער אין בית־המדרש האָבן אויך געשנאַטערט ווי די גענז און דערציילט, וואָס עס צעטוט זיך מיט גאָלדעס קינדער אין כלל און מיט איר בייעם לערער בפרט. מער ווי אין אַלע בתי־מדרשים און מער ווי אין אַלע ווינקלען האָט געהודזעט דער בית־המדרש אין דעם ווינקל, ווו דבורה באַסע די שענקערין האָט געדאַוונט, און דער גאַנצער בית־המדרש ווייבער האָבן זיך צו איר אַזוי צוגעהערט, אַז זיי האָבן צוליב איר פאַרהערט די הייליקע קדושה, און האָבן נאָר באַוויזן ביי ימלוך דעם לעצטן שפּרונג צו טון. צום לייענען האָט זיך אין דער מענערשער שול געהערט אַזאַ גערויש פון דער ווייבערשער שול, נאָך מער ווי דעם שבת פון ראש חודש בענטשן, און די מאַנסלייט האָבן געפּויקט און געקלאַפּט אין וואַנט, געפּאַטשט די סדורים, זיי זאָלן שטילער ווערן, עס האָט אָבער ניט געהאָלפן. אין בית־המדרש גופא האָבן זיך געקליבן רעדלעך אין אַלע ווינקעלעך, און עס האָט זיך געהערט דער נאָמען גאָלדע, פרידמאַן, גאָלדע און פרידמאַנס מיידל.

ביי חיים אברהם גוטמאַנס איידעם איז געזעסן אַ גאַנצע קאָמפּאַניע האַלב־שכורע חסידים און מען האָט געגעסן און געטרונקען, אויסגעקערט די פּאָמעניצע אין שטוב און זיך אָנגעהויבן צו גליטשן, אויסגעקערט די סורדוקן מיט די היטלען אויף דער לינקער זייט, און געשריען און געטומלט אַ גאַנצן טאָג. אומזיסט האָט חיימס ווייב גע-

שאַלטן און געבעטן דעם מאַן, מען זאָל איר ניט פאַרשטערן איר יום־טוב. עס האָט אָבער ניט געהאָלפן, ווארום דער חיים אַליין איז געווען אַן אויפגעקומענער נגיד, זייער אַן ערלעכער בראַווער ייד, און האָט ניט געקענט אַרויסטרייבן איבערגוואַלד די אומגעבעטענע געסט. דאָס ווייב אָבער האָט געזען, אַז דאָס העלפט ניט, איז זי אַוועקגעלאָפן און געבראַכט איר פאָטער אברהם גוטמאַנס. דאָס איז געווען אַן אַלטער ייד, אַ הויכער און אַ בייזער, אָבער מיט אַ גאַנץ גלייכן און ריינעם כאַראַקטער, ער איז אַפילו אַליין אויך געווען אַ חסיד, אָבער די חסידים מיט זייער באַהאַלטענער תורה האָט ער פיינט געהאַט, ער איז אַריין און געפונען גד דעם זעכצאַרניק, משה שנייאורן, טעוועלען, שמואל יוסף דעם מלמד, יודע דעם שמש, המן דעם שניט־קרעמער, הלל זבולון, לייזער מאַשעס, פייוויש דער מילכ־טרעגער, און נאָך פון זייער חברה. פאַרן אַלטן האָבן זיי ניט אַזוי פיל בושה ווי מורא געהאַט, זיי האָבן זיך צעזעצט ווי די סטאַטקעס און נאָר דערציילט נייעס, און פריער געבעטן מחילה משה שנייאורן, ער זאָל קיין פאַראיבל ניט האָבן, וואָס אין די נייעס וועט אַריינגע־מישט ווערן זיין שווערס אַ קינד.

— נישקשה! — האָט משה שנייאור געענטפערט, — אַן אמת מעג מען זאָגן כאָטש אויף אַן אייגענעם פאָטער, רעדט וואָס איר ווייסט, איך וועל אייך אַליין מודה זיין, וואָס עס וועט נאָר זיין אמת.

טעוועלע האָט אָנגעהויבן צו דערציילן, און מיט טויזנטער חסידישע ווערטלעך, אָדער פראָסטע גראָבע רייד, דערציילט, וואָס ער ווייס פון גאָלדעס יוספן און וואָס נאָך זיין יושר קומט אויס, אַז מען זאָל אַזאַ יונגאַטש, וואָס האָט אויף אַזוי פיל קיין גאָט אין האַרצן ניט, אַרויסטרייבן פון פאַרשטעטל, אָדער לכל הפחות אים שיקן רופן צום מורה הוראה, ער זאָל אויף זיך נעמען אַ תשובה.

דער אַלטער האָט זיך דאָס גוט איינגעהערט מיט פאַרביסענע ליפן, און אַז טעוועלע האָט געענדיקט, האָט ער זיך אויפגעהויבן און אַ געשריי געטון:

— אַך, יונגאַטש! דו אַכבראָש, דו הולטאַיסקע, דו אפיקורוס, דו טרייפנאַק! דו וועסט רעדן אויף דעם יונגנמאַן, אויף יוספן, וואָס איר אַלע זענט די קויט פון אונטער זייגע נעגל ניט ווערט. אַך, איר הולטאַיעס, אַרויס פון דאַנען, אייער פוס זאָל דאָ ניט זיין! אַרויס. איר פּיאַניצעס, איר קאַטאָרזשניקעס, איך וועל אייך ווייזן

רעדן רכילות בײַ מײַן קינד אין שטוב, מוציא לעז זײַן אויף אַ יידישע טאָכטער, אויף אַזאַ ערלעך קינד? איך וועל דעם רב דעם פּתי די באַקן צעפּאַטשן! — און בײַ די רייד האָט ער אַ כאַפּ געטון טעוועלען פאַרן כאַלאַל און אַרויסגעשלעפּט אים דורכן טיר. טעוועלע איז עפּעס אַזוי דערשראָקן געוואָרן, אַז ער האָט אַפילו ניט באַוויזן זיך אָפּצובאָרען און איז נעבעך געבליבן הינטערן טיר. די איבעריקע חסידים זענען דורך דורכן פענסטער און פונדעסטוועגן אַוועק אין אַנדערע ערטער, זינגענדיק און טאַנצנדיק.

— נו אַן אָפּשניט! — האָבן זיי אַלץ איבערגערעדט נאָך דעם, אַז זיי האָבן זיך באַטראַכט דעם פּסק, וואָס זיי האָבן דאָ געהאַט. און אַזוי זענען זיי פאַרבײַגייענדיק אַרײַנגעגאַנגען צו זאַכאַר דעם געטויפטן צוליב המן דעם שניט־קרעמער, וואָס איז געגאַנגען גוט־יום־טוב־ביטן זײַן עלטערן ברודער, כאָטש אַ געטויפטער, אָבער האָט דאָך אַן אָפענע האַנט, און איז פאָרט אַמאָל געווען אַ חסיד, און נאָך עד היום שיקט ער און זײַן ווײַב, די גראָבע העלענע, פּדיונות צום רבין. און פאַרוואָס טאַקע זאָל מען בײַ אַזאַ ניט מאַכן אַ כּוס! און די גאַנצע קאָמפּאַניע איז אַרײַן נאָך רבי המן.

בײַ פרידמאַנען אין שטוב איז אויך געווען שמחה וששון, אָבער דאָרטן איז דאָס געווען אויף אַ גאַנץ אַנדער אופן. די קינדער זענען געווען גליקלעך, און די עלטערן האָבן זיך דערמיט געפרייט. יוסף האָט דעם יום־טוב געהאַט כּבוד פון אַלע אורחים ווי נאָך קיינמאָל. עס טרעפן צייטן, בעת דאָס האַרץ איז צופרידן, בעת מען פילט זיך גליקלעך, איז דאַמאָלס אונזער קול און אונזערע ווערטער רייגער און זיסער. יוסף האָט אויסגענומען אין אַלץ, וואָס ער האָט גערעדט, די אורחים האָבן אים אויף די הענט אומגעטראָגן און אַלע האָבן געטרונקען צו אים לחיים. רבי יצחק האָט געטרונקען לחיים פאַר יוספן און פאַר ראָזען, און גערעדט זייער אַ היפּשן טאָסט פאַר די ביידע יונגע קינדער, און האָט געמאַכט, אַז יוסף האָט געמוזט טרינקען פאַר ראָזען און ראָזע פאַר יוספן, און מיט זיינע וויצן האָט ער זיי ניט איינמאָל געגעבן אָנצוהערעניש, אַז עס איז שוין דער שידוך כּמעט געשלאָסן. פרידמאַן אַליין האָט יוספן אַרומגענומען און אים מיט טרערן געקושט, און דערנאָך דאָס אייגענע געטון זײַן ראָזען. בײַם טיש איז געזעסן פרידמאַן אויבנאָן, דערנאָך יוסף, נאָך יוספן איז געזעסן רוחמקע, וועלכע האָט מיט קיין אַנדערן זיך ניט

געוואָלט זעצן מער ניט ווי מיט יוספן און אויף אים געקוקט, ווי ער נעמט יעדן ביסן אין מויל. וואָס אַלע אורחים האָבן איר ניט געזאָגט, אַז זי איז שוין קיין קליין קינד ניט מער, און פאַר איר פאַסט שוין ניט אַזאַ אָפּנקייט מיט יוספן, זי האָט אָבער קיינעם ניט געהערט, וואָרום זי האָט גאָרניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס פאַסט עס ניט? זי האָט יוספן ליב געהאַט ווי אַ ברודער, און האָט אים גאָר אַנדערש ניט געהאַלטן. פאַרוואָס זשע זאָל זי זיך שעמען צו זאָגן, אָדער צו באַווייזן, אַז זי ליבט איר ברודער?

יוסף מיט ראָזען האָבן צייט געהאַט צו רעדן, דערציילן זיך וואָס זיי האָבן אויסגעליטן ביז זיי זענען ענדלעך געקומען צו דער דערקלערונג. „מיר וואָלט נאָך אָבער בעסער זיין, — האָט יוסף געזאָגט אַמאָל ראָזען, — אַז אונזערע עלטערן זאָלן וויסן פון אַלץ, דען מען מוז פאַלש זיין מיט דאָס באַהאַלטענע, דאָס איז מיר שווערער ווי אַלץ!"

נאָך פאַרנאַכט פון דעם זעלבן טאָג איז יוספס וווּנש דערפילט געוואָרן. פריער האָט אים רבי יצחק צוגערייט, אַז גאָלדע וויל מיט אים וויכטיקעס רעדן, און האָט אים געזאָגט, אין וואָס דאָס באַשטייט. באַלד נאָכדעם איז גאָלדע צו אים צוגעגאַנגען און האָט אים גענו־מען מיט זיך אין סאָד, און האָט אים מיט טרייהייט און קלוגהייט דערציילט, אַז זי ווייס פון אַלץ, און אַז זי האַלט דאָס פאַר דעם גרעסטן גליק, וואָס ראָזע האָט זיך גראָד פאַרליבט אין אים, וועלכן זי וואָלט אַליין אונטער טויזנטער אויסגעקליבן!

— דו ביזט פון היינט אָן מיין קינד! — האָט גאָלדע געזאָגט און אים אַ קוש געטון — זיי מיר אַן ערלעך קינד, ווי איצט אויף דער וועלט און יענער וועלט!

יוסף האָט קיין ווערטער ניט געהאַט. ער האָט נאָר געקאָנט זיינע שיינע אויגן, וועלכע זענען פול געווען מיט טרערן, אויפהייבן צום הימל. גאָלדע האָט דעם איניקסטן דאַנק געפילט און האָט געזאָגט:

— בעט גאָט פאַר מיר, ליב קינד, ער זאָל מיך ערהאַלטן פאַר אייך.

יוסף האָט גענומען דער מוטערס האַנט און האָט [illegible] געטון.

— נאָך עפּעס, מיין קינד, מוז איך דיר זאָגן. אונז געפעלט ווייער, וואָס דו ווילסט פאָרן מיט רבי יצחקן, ווייל עס איי קיין

תּכלית זיך דאָ וואַלגערן אין פאָרשטעטל. וואָס קאָן מען דאָ לער־נען? גלויב מיר, אונז אַלעמען וועט שווער זיין צו שיידן זיך מיט דיר, כאָטש אויף אַ קורצער צייט, און ראָזע וועט דאָך געוויס ליידן. ווי אַ טרייע מוטער וואָלט איך וועלן דעם פאַרגעניגן האָבן אייך גליקלעך זען פאַר מיינע אויגן, אָבער דו ביסט דאָך יונג און קאָנסט דעם ערשטן מאָל אַליין אין פּעטערסבורג ניט פאָרן, איצט מוזטו זיך פאַרטיק מאַכן צו דער רייזע. די טעג וועט רבי יצחק פאָרן. איצט, מיין זון, קאָנסטו גיין צו דיין ראָזען, איר דאָס אָנזאָגן. גיי, איך פאַרגין די בשורה דיר!

יוסף איז אַוועק צו ראָזען, ער האָט זי געפונען טוענדיק אַן אַרבייט.

— גוטן אָוונט, ראָזע, — האָט יוסף געזאָגט.

— גוטן אָוונט, מיין ליבער יוסף, — האָט ראָזע געענטפערט, — וואָס האָסטו מיר געבראַכט. איך זע אויף דיר, דו האָסט עפּעס צו זאָגן.

— זייער פיל, ליבע ראָזע, איך ווייס ניט, וואָס פריער דיר אָנצוזאָגן.

— טאָ רייד אַרויס אַלץ מיטאַמאָל, — האָט ראָזע געזאָגט מיט איר ליבן שמייכל.

— אונזער ליבע איז אומגעשטערט, ראָזע.

— איך האָב דערין ניט געצווייפלט, יוסף, דאָס איז מיר קיין נייעס ניט!

— נו, זעסטו, איך האָב געזאָגט, איך ווייס ניט פון וואָס אָנ־צוהויבן, ראָזע. אָבער דאָס איז אַ נייעס, אונזערע ליבע איז איינגע־וויליקט פון אונזערע עלטערן, אונזער מוטער האָט מיר איצט אַלץ דערקלערט און מיר פאַרגינט, דיר דאָס אָנצוזאָגן.

— אָ, ווער קאָן נאָך מיין מוטער, איר גרויסע ווירדע, ווי איך! — האָט ראָזע געזאָגט, — און ווער האָט נאָך אַזאַ פאַרשטענ־דיקטע טרייע מוטער, ווי מיר האָבן, יוסף! קום, לאָמיר איר דאַנ־קען!

— ראָזע, דעם דאַנק קאָנען מיר איר זאָגן אין אונזער האַרצן. איצט מוז איך דיר איבערגעבן אַ וויכטיקערע נייעס. הער, ביי מיר אין קאָפּ מישט זיך שוין לאַנג אַ געדאַנק וועגן דעם, וואָס איך פאַר־שווענד מיינע גאַנצע כחות אויף ניט וויכטיקס, דאָס הייסט, ניט

אויף אַזאַ וויסנשאַפט, וואָס קאָן מיר מאַכן אַ גוטע קאַריערע אין דער וועלט. איך לערן היסטאָריע, נאַטורוויסנשאַפט, לעז זיך אָן אַריבער און אַריבער פון אַלע וועלט־וויסנשאַפטן, און פרעג ביי זיך, איך זאָל דערפון עפּעס קאָנען באַנוצן, האָב איך גאָרניט. דעריבער איז ביי מיר געבליבן איין מאָל פאַר אַלע מאָל, איך מוז נעמען זיך פאַר עטוואָס ספּעציעלעס, פון וואָס איך זאָל מיין ברויט קאָנען פאַרדינען. איצט האָט זיך מיר געטראָפן, איך קאָן קריגן אַ שטעלע, ווו צו לערנען געשעפט, רבי יצחק וויל מיך נעמען צו זיך אין פּעטערסבורג, און ביי אים אין קאַנטאָר, זאָגט ער, וועל איך אויסלערנען די בוכהאַלטעריע, און פאַר אַ שטעלע איז שוין נאָכהער ניטאָ וואָס צו זאָרגן. איידער איך האָב אים געזאָגט מיין באַשלוס, מעלדע איך עס דיר, און פרעג, וואָס הייסטו מיר?

— יוסף? — האָט ראָזע געזאָגט און אָנגעהויבן צו וויינען.

— זיי דאָך אַ מענטש, ראָזע, דו באַדאַרפסט זיך, אַז איך פרעג ביי דיר ערנסט, ווייל איך דאַרף אָן דיין ווילן קיין זאַך ניט טון.

— יוסף, — האָט ראָזע געזאָגט, זיין האַנט אָננעמענדיק, — יוסף, ווען דו גיסט מיר דאָס רעכט, וועלכע דו האָסט ביז איצט אַליין געהאַט אויף זיך, זאָג איך דיר, דו זאָלסט פון הי ניט פאָרן. איך ציטער פאַר דעם געדאַנק.

— זיי ניט קיין קינד, ראָזע, דו ווייסט, אַז עס וועט שוין באַלד קיין צייט ניט זיין וועגן דעם צו רעדן, מיר מוזן איצט רעדן און אָפּרעדן. רבי יצחק פאָרט די טעג אַוועק, איך מוז מיט אים מיטפאָרן, געווג קינדעריש זיין, ראָזע!

— קינדעריש זאָגסטו, יוסף? איך קאָן מיט דער קאַלטער וועלט ניט צופרידן זיין. איצט, יוסף, וואָלט איך נאָך וועלן זיין אַ קינד, נאָך וועלן, יוסף, כאָטש ניט דערמאָנען יענע פרילינגס־ווינטן און אומוועטערן, וועלכע ברענגען דעם וואַרעמען זומער איצט אין אונזער פרילינג. נאָר, ליידער, גיב איך מיר מי דיך ווערט צו זיין, און זוך ניט נאָר דיר צו געפעלן, נאָר אויך דיינע ניט קינדערשקייט, דיין ערנסט און פילאָזאָפיע זאָל מיר אויך געפעלן ווי דו אַליין. יוסף, אָבער אַלץ האָט דאָך צייט! איך ווייס, מען דאַרף אַמאָל לעבן און אַז מען גרייט ניט אָן פון באַצייטנס, האָט מען ניט. יוסף, אָבער צו אַזאַ ערנסט ווי דיינער, מוז מען צו פרי אַלט ווערן!

— פאַרקערט, ליבע ראָזע, די פריסטע מענטשן זענען געוווען

קינדער ביז דער עלטער, און האָבן ווי קינדער קיין רעכט באַגריף ניט געהאַט קיינמאָל פון לעבן. מיר מוזן אַ ביסל אונזער קינדהייט פאַרקירצן, אום אונזער יוגנט צו פאַרלענגערן. שטעל זיך פאָר: וואָס וועלן מיר טון, אַז מיר וועלן דאַרפן אַליין פירן אונזער וועלט? פאַרלייען דאָס געלט אויף פּראָצענט, וויל איך ניט. ראָזע, האָב איך גאָר דאָס רעכט דיין פרייהייט צו נעמען ווי לאַנג איך בין אַליין ניט אַ זעלבסשטענדיקער מענטש? איך גלויב דיר, דיר איז שווער מיט מיר זיך איצט צו שיידן, אָבער דעם מענטשנס גאַנץ לעבן איז אַ ריי פון אונטערדריקונגען און ענטבערונגען. גיב גאָט, ליבע ראָזע, דאָס די ענטבערונג זאָל אונז זיין די שווערסטע און לעצטע אין אונזער לעבן. וואָס דען מיינסטו, מיר לעבן אין אַזאַ דור, וואָס מיר מוזן אַלט ווערן פאַר דער צייט. מיר לעבן אָבער דאַגעגן אין אַזאַ צייט, וואָס דער מענטש הייבט אָן צו פילן, דאָס מיר דאַרפן אַנדערש האַנדלען ווי אונזערע עלטערן, מען מוז זיך אַ מוז מאַכן, אָן דעם גייט עס ניט, כאָטש מען האָט אַמאָל געזאָגט: „קיין מענטש מוז מוסין”!

— דעם „מוז” טו איך היינט, און בעט דיך, ליבע ראָזע, „מוז” דו אויך אויף אַ קורצער צייט זיין געשיידט מיט מיר, באַנוגן זיך מיט דער גוטער האָפנונג. מען זאָגט: „די ווייטקייט מאַכט נאָך די ליבע שטאַרקער”, זיי געטרייסט כאָטש מיט אַזאַ פּוסטן ווערטשפּרוך. אָ, טייערע, ליבע ראָזע, אונזער ליבע קאָן שוין ניט שטאַרקער זיין ווי זי איז!

ראָזע איז אים אויפן האַלז אַרויפגעפאַלן און ביטער געוויינט.

— אָ, ליבער יוסף, זאָגט זי קוים אַרויסגערעדט. — ווי לייכט מיר וויינט זיך איצט! וויפל טרערן און וויפל זיפצן דו קאָסט מיר. אָ, גאָט, וואָס איז די ליבע, איז זי ווירקלעך אַזאַ בלום, וואָס וואַקסט נאָר אויף טרערן און ליידן? מיין יוסף, טרייסט מיך ניט, איך קאָן דיך ניט לאָזן פאָרן. איך לעב אין אַזאַ צייט, וואָס מען מוז מוזן, וואָס מען מוז זיך אַ כּח אָנטון צו האַנדלען איבער די קרעפטן, כאָטש דאָס האַרץ ראָסטעט און צעברעכט זיך אונטער דער פריילעכער מאַסקע, וואָס מען טוט אָן איבערגוואַלד!... פאָר, ליבער יוסף, דו וועסט דאָך צוריקקומען, צוריקקומען צו מיר, צו דיין ראָזען!...

יוסף האָט אויך אָנגעהויבן וויינען, און ווער קאָן באַשרייבן זייערע לייד אין דער מינוט?

— זאָל איך פאָרן און לאָזן אַזאַ מלאך אָט דאָ אין ליידן, אין טרערן, אָדער איך זאָל דאָ בלייבן, און די טרערן זאָלן מיר פאַר־פלייצן, אַז איך וועל שוין ניט קאָנען זיי טריקענען. אָ, שיקזאַל, וואָס פאַר אַן אויפגאַבע גיסטו מיר היינט? — האָט יוסף געזאָגט שטילערהייט.

— יוסף, — האָט ראָזע געזאָגט, אַז זי האָט אים געזען ווי ער וויינט און ווי זיין האַרץ איז אויפגעוועקט, — אָ, יוסף, דו האָסט מיר אַמאָל אַליין געזאָגט, אַז פאַר די טירן פון גן עדן שטייען ביי־זע מלאכים מיט זייערע שווערדן, דאָס ווייזט, אַז קיין גליק קאָן ניט זיין אָן ביטערניש און שווערער מי און פיין אַפריער.

— יאָ, ליבע ראָזע, — האָט געענטפערט יוסף, — איך האָב גע־זאָגט, אויף דעם וועג פון גליק וואַקסן פיל דערנער, און מיר קענען דעם גליק ניט באַרירן, איידער מיר וועלן זיך די הענט ניט צעשטעכן און האָבן וווּנדן פון אונזער מיען זיך דעם גליק צו קריגן; אָבער דערפאַר איז דער גליק נאָך גרעסער! יעדע גוטע זאַך קומט ניט גרינג. ראָזע, איך האָף מיין וועג וועט ניט אַזוי שרעקלעך זיין ווי אַנדערנס, ווי עס שיינט, איז עס שוין האַלב אויסגעטראָטן. די טייכן, וואָס פליסן נאָך דורך פאַר אונזער גליק זענען ניט אַזוי ברייט און ווילד ווי ביי אַנדערע רייזנדער אין לעבנס־וועג. איך זע דערוויל ניט קיין הויכע בערג און טיפע גריבער פאַר מיר; דער וועג איז קורץ, מיט גאָטס הילף, און באַלד זענען מיר גליקלעך אויפן אָרט! ניט זאָרג, ראָזע, אין מיין וועג ביזטו מיר אַ לייכט־טורם און אַ וועגווייזער, איך וועל אַדאַנק דיר געוויס ניט בלאָנ־דזען, אָ, זאָל דיר גאָט אויך די שטאַרקייט צושיקן, און דו זאָלסט גליקלעך זיין און איבערדולדן די שלעכטע צייט מיט קראַפט און מאַכט! איך ווייס, דיר בלייבט דאָ דער האָרן אין די אויגן, איך מיין משה שנייאורן, וועלכער יאָגט אונז און שטעכט אונז פאַר קיינע זינד. ראָזע, שרעק זיך ניט פאַר אים, גאָט וועט אונז ניט פאַרלאָזן, משה שנייאור וועט זען, ווי רעכט און ריין מיר זענען קעגן אים, וועט ער אונז דאָך אויך גוט ווערן, ער איז גאָרניט אַזוי שלעכט, ווי ער ווייזט זיך אַרויס.

— ניין, ליבער יוסף! ער איז שלעכט, שרעקלעך! מיין האַרץ

קאָן גאָר פון אים ניט טראַכטן עטוואָס גוטס! — האָט געזאָגט ראָ־זע, — יוסף, איך טרייסט זיך נאָך דערמיט, וואָס איך בלייב דאָ צווישן מיינע עלטערן מיט אים. ווי וואָלט, חלילה, געווען, אַז דו וואָלסט דאַרפן פאָרן און זיצן מיט אים צוזאַמען אין פּעטערסבורג? איך נעם אויף זיך אַלץ אַריבערצוטראָגן און זיין מיט אים גוט, נאָר דו זאָלסט פריי זיין פון אים. אָ, עס קאָן ניט זיין קיין גוטס אָן שלעכטס! מיר וועלן נאָך אַמאָל הייגטיקן אָוונט אין פריידן דערמאָנען. גוט נאָך, וואָס אונזער שלעכטס איז ניט אַזוי הארט, ער איז נאָר אונז אַ קליינער וואָלקן־פלעק אין אונזער גאַנצן ריינעם לויטערן הימל־געוועלב! איצט בין איך שוין רואיק, ליבער יוסף, און איך וויל זיך שוין לערנען געוויינען שיידן זיך! דאָס איז ניט קיין שיידן זיך, יוסף! אונזער הארץ איז און בלייבט אַלץ פאַראייגט! גיב אַ האַנט, אַז דו וועסט מיר אַזוי זיין ווי איך דיר, יוסף! אַז דו וועסט מיך איין מינוט ניט פאַרגעסן, ווי איך וועל דיך נישט פאַרגעסן!

יוסף האָט איר די האַנט געגעבן, און אין די רייד איז אַריינ־געקומען די מוטער, וועלכע האָט באַוויזן צו הערן זייערע לעצטע רייד.

— מיינע קינדער! — האָט די מוטער אויסגעשריען, אין דעם האָבן איר אירע געפילן שוין ניט געלאָזט איינהאַלטן זיך, ווי זי האָט געהערט איר ראָזעס, איר ליב קינדס רייד! — מיינע ליבע קינדער! זייט גליקלעך, ווי איצט אויף אייביק, איך פאַרגין דאָס אייך, און וויל איר זאָלט גליקלעך זיין! אָ, בעט גאָט פאַר מיר, ער זאָל נאָר מיר מיין לעבן דערהאַלטן, און מיך מיט מיינע אויגן זען לאָזן, ווי איר זענט גליקלעך! ניט שעמט אייך, בעסטע טרייסטע קינדער, דערמיט! אייער מוטער איז אויך אַמאָל יונג געווען און געוואָלט גליקלעך זיין, אָבער יענע יאָרן זענען אַנדערע געווען. איך האָב ניט געקאָנט מיין גליק אָננעמען, ווייל מיינע עלטערן האָבן ניט פאַרשטאַנען, וואָס איך פאַרשטיי. גאָט צאָלט מיר אָפּ מיט מיינע קינדערס גליק אָנשטאָט מיין דאַמאָלס־געווונטשן גליק, און איך בין איצט מיט אייך גליקלעך, ווי איך האָב מיר בעסער ניט געווונשן!

ביי די רייד האָט זי אַרומגענומען אירע ליבע קינדער, וועל־כע זענען געווען ווי די צעמישטע פון אירע טרייע רייד. זי האָט זיי ביידן שטאַרק געקושט. די קינדער זענען געשטאַנען, ווי די שטו־

מע, זיי האָבן זייער הייסן דאַנק אַרויסצורעדן קיין ווערטער ניט געהאַט.

— פאַרצייַ אונז, ליבע מוטער, — האָט ענדלעך ראָזע געזאָגט, דער מוטערס האַנט קושנדיק — מיר האָבן דייַן טרייַהייט צו אונז אינגאַנצן ניט געקענט, און מיר האָבן פון דיר אַזוי פיל ניט פאַרלאַנגט. גאָט האָט אונז פאַרבונדן, ביי אים האָבן מיר, ביז איצט, אום פאַרצייַונג געבעטן, וואָס מיר מוזן פון דיר אונזער גליק פאַרשווייַגן!

— זעט זשע, ליבע קינדער, אַז אַ מוטערס האַרץ איז אַ נביא, און פילט און ווייס, וואָס אירע קינדער טראַכטן און דאַכטן. איצט, מייַן ליבער יוסף, שעם זיך ניט פאַר דייַן מוטער, און דו קאָנסט איר שווערן טרייַהייט, איך וויל עס אויך.

יוסף האָט געשווירן ראָזען טריי צו זייַן, וויִלאַנג ער וועט לעבן.

— איצט בין איך שוין אינגאַנצן גליקלעך, — האָט געזאָגט די מוטער, — מער פאַרלאַנג איך ניט פון דיר, ליבער גאָט! דו האָסט מיך געווירדיקט, מייַן אַמאָל געווונשטן גליק אָן מייַנע קינדער געוויזן. אָ, איך דאַנק דיר דערפאַר! דו האָסט דאָס נאָר מיר מיט אַ כיון דאַמאָלס דאָס געפיל אין מייַן האַרצן געגעבן, כדי איך זאָל פילן מייַנע ליבע קינדערס גליק. דערהאַלט מיך נאָר פון זייַערטוועגן, הייליקער פאָטער!

—אַך, מוטער טייַערע! — האָט ראָזע געזאָגט, — איך וויל דאָך גיין צום פאָטער, אים דאַנקען פאַר זייַן ברכה, וואָס ער גיט אונז!

— ניין, מייַן ליב קינד! דו דאַרפסט אים נאָר דייַן דאַנק אין דייַן אייגן האַרצן זאָגן, דו קענסט דאָך דייַן פאָטער, ער איז אַלטמאָדיש, און ביי אים קאָן עס אויסקומען מאָדנע, אַז דו וועסט אים זאָגן, דו דאַנקסט אים פאַר יוספן. מיר דאַרפן אויף אים קיין פאַראיבל ניט האָבן, וואָס ער פילט ניט וואָס מיר, איר ווייסט, מייַנע ליבע קינדער, אַז אַזוי ווי ער האָבן אָפּגעלעבט אונזערע עלטערן און אַ סך דורות. נאָך עד היום קריגט איר גאַנצע מיליאָנען מענטשן, וואָס ביי זיי גוייזט דאָס אויס פרעמד און אומפאַרשטענדלעך. עס וועט נאָך איבעריקנס זייַן צייַט אים צו דאַנקען. און דו, יוסף, דו וועסט דאָך אים באַדאַנקען פאַר זייַן חסד, וואָס ער וויל דיר אָנהויבן צו ווייַזן, פאַר זייַן אינטערעסירן זיך ווי דיך פאַר אַ מענטש

צו מאַכן, ער וויל מיר דיר רעדן, גיי צו אים, ליב קינד! מאָרגן ווועסטו דאָך דאַרפן פאָרן, דו ווייסט דאָך, אַז רבי יצחק קאָן אויף דיר ניט וואַרטן.

— אַך, מוטער! פאַרוואָס מוז ער פאָרן אַזוי אומגעריכט? פאַרוואָס האָט מען דאָס אונז פריער ניט געזאָגט? מיר וואָלטן זיך דאָך גרינגער שיידן קאָנען!

— זעסטו, מיין ליב קינד, דאָס איז דאָס אייגענע, וואָס איר האָט מיר פריער ניט געזאָגט, אַז איר זענט גליקלעך, מיר האָבן זיך ניט גוט פאַרשטאַנען! אָבער יוסף פאָרט דאָך ניט אַוועק, מיט גאָטס הילף, אויף טויזנט יאָר, אי״ה אויף סכּות וועט ער קומען! קום, יוסף, קום, ראָזע, דו אויך אין שטוב, זיץ ניט דאָ איצט אַליין, קום, זיי מיט מיר. זע, ראָזע, איך בעט דיך, זיי אַ מענטש און לערן זיך צוריקצוהאַלטן.

די מוטער האָט גענומען ביידע קינדער און אַריינגעפירט אין דער גרויסער שטוב. דאָרטן האָט זי זיי געלאָזן ביים גרויסן רונדן טיש, אַרום וועלכן עס איז איצט געזעסן פרידמאַן מיט זיינע אורחים. רבי יצחק האָט דערציילט גלייכווערטלעך, און דער גאַנצער עולם האָט געקייכט לאַכנדיק, ער האָט דערלאַנגט יוספן אַ גלאָז טיי און אים גענומען צו זיך.

רוחמה איז אונמוטיק געווען איבער יוספס אַוועקפאָרן, שנייאורקע איז אויך פאַרטיק געווען צו דער רייזע, וואָרום יוסף מיט רבי יצחקן האָבן געמאַכט דעם רעכט, אַז מען זאָל שנייאורן אַוועקשיקן אין קאָמערץ שולע, און דערפאַר איז ער צופרידן געווען דערפון. פרידמאַן האָט גענומען יוספן צו זיך אין קאַבינעט, און האָט מיט אים אָפּגערעדט עטלעכע שעה, אים אַרויסגעגעבן אַלע רעגעלן, ווי ער זאָל זיך פירן, און האָט אים געזאָגט, אַז עס וועט אי״ה זיין תּנאים, ווען ער וועט קומען אויף סכּות אַהיים.

גאָלדע האָט זיך געטאָן דאָס איריקע, ווי אַ טרייע מוטער האָט זי אין אָרדנונג געבראַכט יוספס זאַכן. מיט עטליכע טעג פריער האָט זי אים אַ איבעראַשונג געוואָלט מאַכן, און האָט אין סעפּעט איינגעפּאַקט אַ נייעם אַנצוג מיט נאָך קליינינקייטן, וואָס זי האָט פאַר אים געלאָזט מאַכן, בכדי ער זאָל קומען צווישן ליטן ווי אַ לייט. איצט, אַז זי האָט אירע קינדער איבערגעלאָזן אין אַ פריילעכער געזעלשאַפט, איז זי אַליין אַריינגעגאַנגען אין קיך הייסן אָנבאַקן פאַר יוספן און

פֿאַר רבי יצחקן, אויפֿן וועג זיי מיטצוגעבן. און ווי האָט זי זיך דער־שראָקן, אַז זי האָט געפֿונען אין קיך אַ כאַאָס, צעבראָכענע שערבלעך, איבערגעקערטע שטולן און דאָס דינסטמיידל מיט אַ צעדראַפּעטע צורה, מיט צעוואָרפֿענע האָר, און וויינט און שעלט. וויפֿל גאָלדע האָט איר גיט געבעטן, זי זאָל איר דערקלערן, וואָס דאָ האָט זיך פּאַסירט, האָט דאָס מיידל ניט אויפֿגעהערט צו וויינען. ענדלעך האָט גאָלדע פֿועל געווען, און זי האָט איר דערציילט:

דאָ איז געקומען לייקע שרקעס דינסט־מיידל, און האָט צע־רעדט אויף אונזער יוסף כּל בו, איך האָב דאָס ניט מער געקאָנט הערן, וואָס זי האָט געזאָגט, און איך האָט געכאַפּט דעם נייעם טשאָלנט־טאָפּ און איר דערלאַנגט אין קאָפּ, זי האָט זיך ניט גע־נאַרט, נישקשה, איך בין איר נאָך אַריין אין די האָר און האָב איר אַ לעבעדיקע ניט געוואָלט אַרויסלאָזן, און איר גליק, וואָס זי האָט געמאַכט אַ גוואַלד און דאָ איז אַריינגעקומען משה שנייאור און ער האָט אונז פֿאַנאַנדערגענומען, זי וואָלט ביי מיר געווּוסט, די רכילותניצע!

— אָבער וואָס וויינסטו נאָך? — האָט גאָלדע געפֿרעגט, — בהמה, אַמאָלע וואָס הינט בילן, קאָנען מיר זיי אַלעמען די מיילער צומאַכן? לאָזן זיי זיך רעדן וואָס זיי ווילן, זיי וועלן אונז, מיט גאָטס הילף גאָר ניט אָפּרעדן. דאָס שלעכטס, וואָס יוסף האָט זיי געטון, זאָל מיר דאָס דער אויבערשטער טון!

— אָבער מיך פֿאַרדריסט דאָס, — האָט דאָס מיידל געזאָגט מיט אַ כליפּ, — פֿאַרוואָס האָט משה שנייאור נאָך מיך אָנגערופֿן הולטייקע? פֿאַרוואָס האָט ער אַזאַ שטיק ניט נאָר נאָך גערעכט געמאַכט, און מיך פֿאַר מיין טרייקייט, מיך געמאַכט צו קויט און צו בלאָטע, וואָס האָב איך אים געטון?

— דו האָסט אים געוויס איבערגעשראָקן מיט דיינע קולות, און דערפֿאַר איז ער אין כּעס געוואָרן, — האָט געזאָגט גאָלדע.

— ניין, איך ווייס פֿאַרוואָס, — האָט געזאָגט דאָס מיידל, — נישקשה, איר וועט דאָס נאָך אַליין אויך וויסן.

— אָבער איך וויל דאָס גאָר ניט וויסן, וואָס איז דאָס מיר פֿאַר אַ דאגה! — האָט געזאָגט גאָלדע, אַראָפּשלינגענדיק איר צע־מישטקייט, — לאָז זיין גענוג, און ניט רעד דאָס מער איבער, איך בעט דאָס דיך, רישקע! נעם מאַך איין פֿלעצלעך, עטלעכע בוימייל־בולקעס, סוכאַרקעס אויף מאַנדלען, און אַ גוטע באַבקע, אָט ווי דו

האָסט געמאַכט אויף יום טוב.

„אויף שונאימס צו להכעיס וועט מיין טייערער יוסף עסן געזונטערהייט מיט מער אַפּעטיט! — האָט די טרייע מוטער געזאָגט פאַר זיך. איך איז אַרויפגעקומען אויפן זינען, וואָס איך שוואַרצער גראַבט פאַר יוספן. „אָבער נישקשה, האָט זיך די מוטער געטרייסט, — גאָט שיקט אפריער די רפואה פאַר דער מכה! איצט מעגן זיי בילן, די הינט, אַבי ער פאָרט אַוועק, און זיי וועלן סקאַליען אַ ביסל די ציינער און אויפהערן. גאָט וועט אים ברענגען, אי״ה, און שונאים וועלן די אויגן אַרויסקריכן קוקנדיק אויף אונזער גליק!" און מיט די רייד איז גאָלדע צוריק אַריין אין שטוב און האָט צעשיקט די קינדער שלאָפן, איטלעכן אין זיין צימער.

ראָזע האָט די גאַנצע נאַכט ניט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן, דאָס האַרץ האָט איר געקאָכט, זי האָט ניט געוווסט, צו וואָס דאָס אויסצולייגן. „אָ, גאָט! היינט האָב איך נאָך פאַר וועמען זיך מיין האַרץ אויסצורעדן, מאָרגן אין דער צייט בין איך ווידער אַליין, עלנט, אָן יוספן און אָן מיין אייגנעם האַרץ! אָ, ווי שלעכט, ווי טוט וויי איז דאָס שיידן זיך! גוואַלד, וואָס איז די וועלט אַזוי שלעכט? פאַרוואָס מוז מיין יוסף פאָרן? גאָט, פון וואַנען קומען צו מיר איצט אַזעלכע שוואַרצע געדאַנקען? קאָן ער דען זיין ניט מיינער, אָדער איך ניט זיינע? יוסף, שרעק זיך ניט, וואָס ביי אונז איז קיין קנין אָדער תנאים ניט געווען, דער ערשטער קוש דיינער, ליבער יוסף, איז דער שטאַרקסטער קאָנטראַקט פאַר דער ריינער אומבאַפלעקטער זעלע. איך בין דיינע, יוסף, מיר האָבן פאַר גאָט געשווירן, ער איז אונזער עדות, ער האָט אמן געענטפערט אויף אונזער שבועה. איך האָב מער קיין מורא ניט פאַר מיין שוואַרצן שוואָגער, ער קאָן קייטן צערייסן, מויערן צעברעכן, אויף צעשטערן איז ער אַ מלאך חבלה זעלבסט, אָבער צום האַרצן, צו מיין אומשולדיקער זעלע קאָן דער שד ניט צוטרעטן! דאָרט וווינט גאָט, ער איז מיין היטער!" אַזוי איז ראָזע געלעגן אין איינע חלומות, געטראַכט, און זיך אַליין געשטאַרקט ניט צו טראַכטן און אַנטשלאָפן צו ווערן. זי האָט דעם שלאָף זייער באַדאַרפט, איר וואָלט דער שלאָף צוגעגעבן געזונט, און זי האָט דאָס נויטיק באַדאַרפט, וואָרום איר איז פאָרגעשטאַנען מאָרגנדיקע צעשיידן זיך, זי האָט דאָס אַליין זיך איבערגערעדט און פאַרגראָבן דעם קאָפּ אין קישן און אַזוי געלעגן, געטראַכט און ניט געטראַכט,

דאָס הארץ איז איר פול געװען, זי האָט אַליין ניט געפילט, ווי אירע טרערן האָבן זיך געגאָסן טייכנווייס. איר האָט אָנגעהויבן צו שווינדלען, זי איז אויפגעשטאַנען מיטן באַגינען, און זיך געזעצט נייען פאַר יוספן, דאָס הייסט ענדיקן דעם זייגער־האַלטער, וועלכן זי האָט אַמאָל אָנגעהויבן צו נייען פונזיינטוועגן און געלאָזן איבער דעם אָנקומענדיקן יום־טוב אינמיטן. ביז די זון איז אַרויס האָט זי שוין געהאַלטן ביים ענדיקן. אָבער באַלד איז אַריין די מוטער און געזען אירע רויטע אויגן, און אָפּגענומען מיט גוואַלד ביי איר די פיינע אַרבייט. עס האָט ניט פיל געווערט, און יוסף איז אויך צו איר אַריין, און אַז די מוטער האָט אים דערציילט, וואָס זי האָט ביי איר ערשט אַוועקגענומען, האָט יוסף איר אַליין געבעטן, אַז איר זאָל דאָס ניט פאַרדריסן. פאַרקערט, אים טוט דאָס נאָך פאַרגעניגן, וואָס ער ווייס, אַז ראָזע איז אים עטוואָס שולדיק.

— יאָ! — האָט ראָזע געזאָגט, — דו ווייסט דאָך, וואָס פאַר אַ טייערע צאָלערין איך בין, קאָן איך דען רוען, אַז איך ווייס, אַז עס קומט וועמען עפּעס פון מיר?

— גוט, דו בלייבסט מיר אַ בעל־חוב! — האָט יוסף געזאָגט — אָבער זאָג דאָך, טייערע ראָזע, דו ביזט רואיק? קאָן איך דיר אָנזאָגן, אַז נאָך אין אַ האַלבע שעה פאָר איך? מען האָט שוין אַוועקגעשיקט קוזמאַן נאָך פערד!

— איך בין גאַנץ רואיק, ליבער יוסף, היינטיקע נאַכט האָט מיך אַלץ אויסגעלערנט, אַזעלכע נעכט וועל איך נאָך געוויס פיל האָבן! איך מוז זיך באַלד אָנטון און איך וועל פאָרן דיך באַגלייטן. מיר וועלן זיך באַלד צו טיי ווידער זען.

ראָזע איז אַריין אין איר טואַלעט־צימערל און האָט נאָך אַמאָל זיך שטאַרק אויסגעוויינט, אָבער דערמיט איז איר לייכטער געוואָרן און איז אין צען מינוט אַרום געקומען צו טיי. יוסף האָט אויף איר געוואַרט, זיין סעפּעט איז שוין געווען איינגעפּאַקט. אַ געוויסע סומע געלט האָט פרידמאַן געגעבן, און זיין רייזע־זאַק, וועלכן מען האָט אים נאָך געקויפט לויט רבי יצחקס באַפעל, איז געווען אָנגעשטאָפּט מכל טוב. עס האָט ניט פיל געווערט און היגטערן פענצטער האָט זיך געהערט אַ גלעקל, עס איז געקומען די פור! ראָזען האָט זיך אין האַרצן אָפּגעריסן פון דעם קלונג, זי האָט זיך אַ וואָרף געטון צום פענצטער.

„אָ, אָט די פּור וועט מײַן יוספן אַוועקטראָגן פון מיר, — האָט זי געזאָגט שטילערהייט, — אָבער ווי פריילעך וועט זיין די פּור, און ווי אָנגענעם וועט מיר זיין דאָס גליקל, ווען זי וועט אים צוריקברענגען!

— צו דער רייזע! — האָט אויסגעקאָמאַנדעוועט רבי יצחק.

יוסף האָט זיך אָנגעטון מיט דעם רייזע־טאַש און מיט זיין וואַרעמען איבערראָק, וואָרום מאָרגנס איז נאָך די לופט געווען קאַלטלעך, און די טרייע מוטער האָט דורכויס געוואָלט, ער זאָל זיך וואַרעם אָנטון. ער איז אַ ביסל צעהיצט געווען, זיין געזיכט האָט געשיינט, און האָט היינט אויסגעוויזן אַזוי ליב, אַז זעלבסט דער שוואַרצער האָט שיר זיך ניט אַ וואָרף געטון צו יוספן און אים מחילה געבעטן פאַר זיינע שלעכטע געדאַנקען אויף אים. אים האָט אָבער באַלד אַ בליק געטון אין מוח, מיט וויפל וואָלט מיר בעסער געווען, אַז איך וואָלט געווען אַזוי שיין ווי ער! ער האָט זיך גע־מאַכט אַ טאָטערש האַרץ צו טון זיין זאַך ווייטער, שנייאורקע איז געשטאַנען ווי אַ צעמישטער, ער האָט דאָס גאָר ניט געקאָנט באַ־גרייפן, ווי וועט ער זיין פון ווייטן מיט יוספן? רוחמקע איז נאָכ־געגאַנגען נאָך יוספן, ווו ער האָט זיך נאָר אַ קער געטון, זי האָט אויך געוויינט, נאָר איין ראָזע האָט געמוזט אירע טרערן אַראָפּשלינ־גען, זי האָט געקוקט אויף יוספן, ווי שיין, ווי ליב ער איז. זי איז איצט געווען ווי געליימט, זי האָט נאָר געפילט, ווי דאָס האַרץ אירס האָט געקלאַפּט, ווי איר פולס האָט געשלאָגן אַזוי פיבערהאַפּט. אָ, איך בין קראַנק, איך וועל עס ניט איבערטראָגן, האָט זי זיך אינערלעך גערעדט. ענדלעך איז געקומען די אָפּשייד־מינוט.

רבי יצחק האָט דערלאַנגט פרידמאַנען די האַנט און אַ געשריי געטון:

— זייט געזונט!

— געזונטערהייד זיך צו זען! — האָט געענטפערט פרידמאַן.

נאָך אַמאָל האָבן זיך די פּאָר מענטשן צעקושט, ווי עס גייט די מאָדע, דערנאָך איז געקומען יוספס ריי. פרידמאַן האָט אים הייס אַרומגענומען, אים געקושט הייס, און געזאָגט:

—פאָר געזונטערהייט, מיין ליב קינד, און קום געזונטערהייט; ניט פאַרגעס נאָר, ליבער יוסף, אַז דו פאָרסט אין פּעטערסבורג, דאָרטן איז גאָר אַן אַנדער וועלט מיט אַן אַנדער לעבן, זיי דאָרטן

נאָר אַ מענטש, ניט לאָז זיך פאַרפירן, און דיין עולעך האַרץ, וואָס דו פירסט אַוועק פון דאַנען, זאָלסטו אונז צוריקברענגען. ווייטער וועגן געשעפט, האָף איך, דו וועסט וויסן ווי זיך צו באַגיין, איך וועל דיר אַלץ שרייבן.

מיט די רייד האָט ער אים איבערגעגעבן גאָלדען, וועלכע האָט אים מיט טרערן באַגאָסן און צוגעדריקט צו איר האַרץ און מיט אַן אויפגערעגטער שטימע האָט זי נאָר געזאָגט:

— יוסף, אין פעטערסבורג לעבן אויך אָרנטלעכע לייט, און דער גאָט, וואָס הערט און ווייס דאָ יעדנס געדאַנקען, הערט און ווייס יעדנס האַרץ און טראַכטן אויך דאָרטן. געדענק נאָר דיינע היינ־טיקע רייד מיט מיר, מער וויל איך ניט.

— אָבער געצוג שוין אַמאָל! — האָט אַ געשריי געטון רוחמקע, — לאָזט אים דאָך אָפּרוען, איר וועט אים דאָך פאַרמוטשען. יוסף, דו וועסט מיך ניט פאַרגעסן? פאָר מיר געזונטערהייט, זעסט, אַז איצט בין איך שוין אַנדערש ווי פריער.

זיי האָבן זיך הייס צעקושט פאַר די גאַנצע שטוב מענטשן, קיינער האָט אַ וואָרט ניט איבערגערעדט. רוחמקען איז געוואָרן שרעקלעך שווער אויפן האַרצן נאָך דעם, אַז יוסף האָט אָפּגעריסן זיינע ליפּן פון די איריקע. יוסף האָט איר מיט זיין קוש אַ נייעם געפיל געגעבן, און זי איז געוואָרן אין דער מינוט טרויעריקער ווי פריער, אָבער זי האָט שוין געפילט, אַז זי טאָר ניט וויינען.

— ראָזע, זיי געזונט, — האָט יוסף געזאָגט מיט אַ ציטערנדע שטים.

— יוסף, איך פאָר דיך באַגלייטן, מיר וועלן זיך נאָך צייט האָבן צו זעגענען, איך האָב קוזמאַן געהייסן ברענגען אַ בירזע, שנייאור פאָרט אויך מיט מיר.

— זייט געזונט, איר אַלע, ניט פאַרגעסט נאָר מיר צו שרייבן! איך וועל געוויס שרייבן יעדע וואָך אויסער דעפּעשן, אַז עס וועט מיר דער געשעפט הייסן, אַדיע! מיינע טייערע, אַדיע טויזנט מאָל!

אין פור האָבן זיך אַריינגעזעצט רבי יצחק מיט שנייאורן, אויף דער דראָזשקע האָבן זיך צעזעצט ראָזע און רוחמקע פון איין זייט און יוסף אַנטקעגן זיי. נאָך אַ מינוט האָט געוועדט, און דער בעל־עגלה האָט אַ שמיץ געטון די פערד, און די רייזע האָט זיך אָנגע־הויבן. ביים טיר האָבן אים באַגלייט די גאַנצע שטוב מענטשן: פריד־

מאַן, גאָלדע, לייקע, זעלדע, משה שניאור און גבריאל, און אַלע אורחים האָבן נאָכגעמאַכט מיט די הענט און נאָכגעשיקט אים זייער ברכה אויפן וועג.

דורכפאָרנדיק דעם בראָם, זענען זיי אַראָפּ פון דראָזשקע און אומגעגאַנגען אַ ביסל שפּאַצירן. ראָזע האָט געוויינט, זי האָט קיין ווערטער נישט געהאַט, זי האָט אירע טרערן געשלונגען, זי האָט אויסגעטון איר זיידענע ווייסע טוך און אָנגעטון יוספן אויפן האַלז.

— יוסף, פאָר געזונט, ליבער יוסף! איך קאָן ווייטער ניט פאָרן, דו וועסט מיר שרייבן?

יוסף האָט איר מיט טרערן געענטפערט:

— שרייב, ראָזע, דיין טאָג־בוך.

זיי האָבן זיך צעקושט און זייערע טרערן האָבן זיך צעמישט.

— ניט זאָרג, ליבע ראָזע, אַדיע!

און ביי די רייד איז ער אַרויף צו רבי יצחקן אין פור, דער בעל־עגלה האָט אַ טרייב געטון די פערד און דער צווישן־וועג צווישן יוספן און ראָזען האָט אָנגעהויבן שנעל צו וואַקסן.

— פאָר געזונט! — האָבן נאָר געשריען שניאור און רוחמה, ראָזע האָט געשוויגן, אירע ליפן האָבן נאָר נאָכגעזאָגט: אמן!

דריטער טייל

א

די בּריװ

אײנער אַלײן אין זײן צימער איז זיך געזעסן יוסף שפּעט אין דער נאַכט. אים איז אין קאָפּ ניט געװען זיך צו צוהערן דעם פּיאַנאָ שפּילן, װאָס עס האָט זיך געהערט פון דעם אַנדערן צימער, ער האָט ניט געװאָלט גײן הײנט אין טעאַטער, ניט שפּאַצירן און ניט צו גוּטע פרײנד, ער איז נאָר פאַרנומען געװען מיט אײן געדאַנק: פאַרװאָס האָב איך פון ראָזען קײן בריװ ניט? — נײן! ער איז געװען צוגעשמידט צו זײן געשעפט, געטון זײן אַרבײט פלײסיק, און זײנע געדאַנקען װעגן זײן ראָזען זענען אים פון קאָפּ ניט אַרױס. שױן צװײ מאָנאַטן זענען פאַרלאָפן, צײט ער זיצט הי אין שטאָט, ער האָט אין דער צײט שױן אױסגעפירט אַלץ, װאָס פרידמאַן האָט אים איבערגעגעבן, אַלץ איז אים גוט געגאַנגען. דער בוכהאַלטער פון רבי יצחקס קאַנטאָר האָט אים האָלט געהאַט װי אַ ברודער, און האָט אים געגעבן אַרבײט, מער װיפל יוסף האָט אַלײן פאַרלאַנגט. ער האָט דאָס ניט געטון אים צו באַשװערן, אָדער אים אָנצושטרענגען, נאָר װײל ער האָט געזען, אַז יוסף זאָרגט זײער, װאָס ער האָט קײן ידיעה ניט פון ראָזען, און האָט געמײנט מיט דער אַרבײט, װאָס ער

ווער אויף אים אָנלעגן, ווען ער קיין צייט ניט האָבן וועגן דעם צו טראַכטן. דאָס איז אָבער געווען אומזיסט! יוסף האָט זיין אַרבעט געטון, און האָט קיינמאָל ניט געלאָזן אויף מאָרגן. זיינע געדאַנקען אָבער האָבן אים ניט אַוועקגעלאָזט איין מינוט, ער האָט אי דאַמאָלס געטראַכט, אין רעכטן מיטן אַרבייט, און זיין האַרץ האָט אים געפלאָגט אין דער מינוט, וואָס ער פלעגט אַלס מענטש ניט קאָנען אָפזאָגן זיין גוטן לערער צו גיין מיט אים שפּאַצירן; אין די פרייע טומלדיקע פּעטערסבורגער גאַסן האָט ער פונדעסטוועגן דאָס איינפאַכע הויז אין דעם קליינעם פאָרשטעטל ניט געקאָנט פאַרגעסן. אין טעאַטער, אין סאָד, און אין אַלע פאָרנעמע ערטער, וווהין דער בוכהאַלטער פלעגט אים פירן, זענען זיינע געדאַנקען אומעטום מיט אים מיטגעגאַנגען, ראָזעס בילד האָט ער געזען אומעטום. „דאָך שרייבט מיר ראָזע גאָרניט! — פלעגט ער זאָגן צו זיך שטענדיק, — אָ, גאָט ווייס, וואָס דאָרטן איז! עס קאָן דאָך ניט זיין אומזיסט! צוויי חדשים וועט מיר ראָזע ניט שרייבן? דאָס איז אוממעגלעך! דער בוכהאַלטער האָט די רייד פון אים טויזנט מאָל געהערט, און ניט געהאַט מיט וואָס אים צו באַרואיקן. ביינאַכט פלעגט זיך יוסף קוים אַרויסרייסן פון זיינע הענט, און אַוועק צו זיך אויף דער קוואַטיר און שרייבן. און אַזוי איז ער אויך היינטיקע נאַכט געזעסן און געזעסן. ניט דאָס שפּילן פון דעם אַנדערן צימער, ניט דער טומל פון גאַס, און ניט דאָס אָפטע קלאַפּן, וואָס האָט זיך געהערט אין זיין טיר, האָט אים געקאָנט אָפּרייסן פון זיין שרייבן. ער איז געזעסן און געשריבן, און אַז ווער עס איז וואָלט נאָכגעקוקט אויף די מינעס פון זיין געזיכט אין דער מינוט, וואָס ער האָט געשריבן, וואָלט ער אָפט געזען, ווי אים האָבן זיך געגאָסן טייכן טרערן פון די אויגן, ווי זיין גאַנץ ריין האַרץ איז אים אויפן געזיכט געלעגן, און וואָס ער האָט זי ניט־פילנדיק אין בריוו אויסגעגאָסן. נון, איז שטיל געוואָרן די פּיאַנאָ, עס האָט אויפגעהערט דער טומל, און ער שרייבט נאָך אַלץ. ענדלעך האָט ער זיך אויפגעהויבן, צוזאַמענגענומען זיינע געשריבענע בלעטער, זיי פאַנאַנדערגעלייגט נאָך די נומערן און האָט אָנגעהויבן לעזן:

„ליבע מוטער!

איך וואָלט וועלן איצט זיין ביי דיר און דערציילן דיר אַלץ, דיך פרעגן אויף אַלץ, דען איך אַליין ווייס איצט גאָרניט. מיר דוכט,

אַז אַלץ, וואָס אַרום מיר איז, איז ניט מער ווי אַ חלום, און איך זעלבסט בין אויך ניט מער ווי אַ חלום, ווי אַ רעטעניש, אָבער נישט פֿון יענע קינדערשע חלומות און יענע קינדערשע רעטענישן, וועלכע עס פֿלעגן מיר מאַכן פֿאַרגעניגן, מיך ניט לאָזן פֿילן, אַז איך לעב. ניין, מוטער, די איצטיקע חלומות און רעטענישן מיינע האָבן אַ גאַנץ אַנדערע צורה, זיי זענען ניט אַזוי גרינג ווי יענע, זיי לאָזן זיך אַזוי גיך ניט פּותר זיין ווי זיי. איך ווייס, אַז איך חלום, איך ווייס, אַז מיר איז אַ רעטעניש אויפֿגעגעבן געוואָרן, און ווי אָפֿט זוך איך מיר דאָס קלאָר צו מאַכן, צו געפֿינען דעם פּתרון, דעם מיין דערפֿון, און מוז זיך נאָר פּותר זיין מיט נאָך אַזאַ חלום, מיט נאָך אַזאַ רעטעניש! איך וואָלט איצט וועלן זיין בײַ דיר, הערן וואָס קלערסטו איבער מיר? וואָס זאָגסטו דערצו, וואָס מיינע בריוו האָבן אָנגעהויבן זעלטענער צו ווערן און קלענער, און איינפֿאַכער? ליבע מוטער, ווי וואָלט מיר נייטיק געווען צו הערן פֿון דיר דיין אורטייל איבער מיינע נייע וועגן און פּירונגען? עס קאָן זיין, דיינע רייד וואָלטן מיר אויפֿוועקן פֿון מיין טיף פֿאַרזונקענעם שלאָף, דו וואָלסט מיר אפֿשר ווייזן, אַז איך חלום נאָר, און מיך אַרויספֿירן צום ליכט, צום לעבן. אָ, מוטער, פֿאַרוואָס שווייגסטו? דיין קינד בלאָנדזשעט, ליידט און זוכט אַ ליכט, פֿאַרוואָס שטייסטו פֿון ווייטן? וויפֿל מאָל פֿלעגסטו מיר קינדווייז די האַנט אַרונטערנעמען פֿון האַרצן, אַז דו פֿלעגסט באַמערקן, אַז איך חלום עטוואָס שרעקלעכעס! דו האָסט אַן אָפֿן אויג אויף מיר געהאַלטן וואַכענד און שלאָפֿנדיק, איצט, מוטער, ליג איך, און שטיינער שווערע ליגן מיר אויפֿן האַרצן, איך פּייניק זיך אין אַ שווערן, ביטערן חלום, און דו שטייסט פֿון ווייטן!... וויפֿל מאָל האָב איך דיר שוין געווונקען מיט מיינע אויגן, איך האָב ניט געקאָנט שרייען! איך האָב געמאַכט מיט די הענט, דיר באַווייזן, אַז איך לייד, פֿאַרוואָס האָסטו דאָס ניט פֿאַרשטאַנען? ביזטו דען מיר ניט איצט די אייגענע מוטער, אָדער בין איך דען דיר ניט דאָס אייגענע קינד וואָס פֿריער? ניין, מוטער, איך האָב ניט קיין רעכט שוין גאָר אַזוי צו מיינען, איך בין זינדיק קעגן דיר! אין דער פֿריילעכער צייט מיינער, אין מיין רעכטן גליק, האָב איך געשוויגן, דיר ניט דערציילט, ווי גליקלעך איך בין. איצט אַז איך פֿיל זיך עלנט, אָט איצט, אַז מיין האַרץ איז פֿול, לויף איך צוריק צו דיר, און חיל פֿאַלן אויף דיין האַלז און וויינען פֿאַר דיר, זיך מתודה זיין

פאַר דיר. און דו זאָלסט מיר טרייסטן און זאָלסט נאָר זאָגן: דו נעמסט מיך צו צוריק און מיך לאָזן פריי זיין! פאַרוואָס שרייבט זיך שטענדיק ניט דאָס, וואָס מען וויל שרייבן? איך פלעג פריער אַלץ האָבן און האַלטן אויפן קאָפּ, וואָס איך פלעג נאָר וועלן שרייבן, איצט קאָן איך שוין דאָס ניט, די געדאַנקען אַליין אין מיין קאָפּ זענען צעמישט, איך געפין אין זיי אַליין קיין רעכענונג ניט. איך זיץ אָפּט, טו מיין געשעפט, שרייב די ציילן־ציפערן, און דער קאָפּ טראַכט בעת מעשה גאָר גאַנץ אַנדערע זאַכן. עס טרעפט, אַז איך דערמאָן זיך אינמיטן און, ווי פון שלאָף זיך אויפכאַפּנדיק, וואונדער איך מיר, ווי האָב איך דאָס אַלץ אַזוי ריכטיק געשריבן, גערעכנט, אָן א קאָפּ? איך וואָלט וועלן פרעגן ביי אַ קלוגן מענטשן, ער זאָל מיר דערקלערן, ווי דאָס טוט זיך? איך האָב פיל מאָל געהערט און געלעזן פון די נאַכט־וואַנדלער, דאָס זיי גייען אַרונטער פון בעט, און טוען פון שלאָף מיט פאַרמאַכטע אויגן אַלע זאַכן, וואָס עס קאָן נאָר אַ וואַכנדיקער מענטש מיט אַ פולן וואַכנדן פאַרשטאַנד טון, זיי גייען אַריבער איבער קלאָטקעס, איבער אַ טייך, און פאַלן ניט אַריין. דאָס זאָגן די קלוגע, אַז עס איז נאָך דערוויילאַ רעטזל. מען ווייס נאָך ניט, וואָס דאָס איז? ווי קאָן אַ מענטש אַריינציִען אַ פאָדעם מיט פאַרמאַכטע אויגן אין אַ נאָדל? און דאָך, זעט מען אין לעבן, אַז דאָס איז פּאָרט פאַראַן. איך האָב דאָס קיינמאָל ניט געקאָנט גלויבן, איצט איז דאָס מיר צום האַנט געקומען און איך גלויב שוין, ניט ערגער פאַר דעם לונאַטיק טו איך וואָס איך טו, מיינע אויגן זענען פאַרמאַכט פאַר דער גאַנצער אויסערער וועלט, מיין זינען שלאָפט פאַרן געשעפט, פאַרן גאַנצן לעבן. איך לעב איצט אין טרוים, און פונדעסטוועגן טו איך מיין געשעפט אויטאָמאַטיש, אָן פעלער, און וואונדער זיך אַליין, אַז איך כאַפּ זיך אויף פון טרוים, ווי האָב איך דאָס געטון?... אַז איך כאַפּ זיך אויף פון טרוים האָב איך געזאָגט, אָבער איך מיין עס גאָרניט אַזוי, וואָרום איך קאָן זיך שוין גאָר ניט אויפכאַפּן. צי דען איצט, אין דער מינוט, וואָס איך רייד דורך מיין בריוו מיט דיר, שלאָף איך דען ניט? זענען דען אַלע מיינע געדאַנקען ניט ביי יענער? אַך, גאָט, פאַרוואָס קאָן איך פאַר דיר אַליין ניט אויסרעדן זייער נאָמען? צו יענע די, וואָס האָבן מיך אַהערצו פאַרשיקט, ציט דען מיין האַרץ ניט אַהינצו, אויך אין דער מינוט וואָס מיר דוכט, איך וואָלט גליקלעך זיין ביי דיר? בין איך

דען צו דיר צוגעבונדן מיט שוואַכערע קייטן, ווי איך בין צו זיי צוגעבונדן? אָדער האָבן זיי מער רעכט אויף מיר, מיך מער צו צוציען ווי דו? דאָס איז מיר אַלץ פון די פראַגן, וואָס מאַכן מיך זיך זעלבסט פאַרגעסנד, נאָר געצויגן און מיטגעריסן פון אַן אַנדער לעבן, און איך לויף מיט זיי און ווער פאַרפאַלן אין זייער לעבנסלויף. — אָ, דאָס איז שענדלעך פאַר אַ מענטשן, וואָס קען זיך פיל ווינציק באַקלערן, דאָס יעדעס אייניצל ווען לעבט זיין אייגענעם לעבן! אָבער דאָך בין איך ניט ביי זיך, און ווער צוגעצויגן פון אַן אַנדער לעבן.

נעכטן בין איך אַליין אין די גרויסע פעטערסבורגער גאַסן שפּאַצירן געגאַנגען, דאָ זענען אין די מיטן גאַסן טייכן, דאָס הייסט דער גרויסער טייך, די נעוואַ, ווערט אין אָנהויב צעטיילט אויף פאַרשיידענע גאַנגען. גייענדיק אַזוי פאַרטראַכט, האָב איך באַמערקט, ווי אַנדערע קליינע שטראָמען גיסן זיך אַריין אין די גרעסערע און פליסן אַוועק מיט זיי צוזאַמען. דאָס טייכל איז זיך ביז איצט געגאַנגען זיין וועג, עס האָט געלעבט און געהאַט אַ גאַנץ, פאַר זיך באַזונדערן, לעבנסלויף, עס האָט זיך אָבער באַרירט אָן דעם גרעסערן טייך און יענער האָט אים פאַרשלונגען, און פאַרשלעפּט אים וווהין ער שטראָמט אַליין. מוטער, איז דען דאָס ניט דער ביישפּיל פון אונזער לעבן? געפין איך דען דאָ ניט זיך, אין מיינע אייגענע טרעפונגען, אין די טייכן? איך געדענק נאָך יענס שטיל רואיק טייכעלע, וועלכעס איז זיך געגאַנגען מיט זיינע געשפּיגלטע קלאָרע וואַלן צווישן צוויי גרינע, מיט בלומען באַוואַקסענע, פעלדער. ווי אָנגענעם איז מיר דאַמאַלס געווען זיך צו באָדן אין דעם טייכל? ווי פלעג איך טראַכטן און זיך אַוועקלאָזן אין מיינע קינדערשע פאַנטאַזיען, אַזוי קוקנדיק אויף אים! וווהין שטראָמט דאָס טייכל? איין מאָל, דאָס איז געווען אַ פרייער טאָג, אין חדר האָב איך ניט באַדאַרפט גיין, אַלע איבעריקע יונגלעך זענען זיך געגאַנגען באָדן, איך האָב זיך געלאָזט גיין מיט דעם ברעג טייכל, זען ווו ער קומט אַהין? און ווי בין איך געווען פאַרוווּנדערט, אַז איך האָב אין מיטן דערזען אַ פאָראָג,*) וואָס טיילט דעם רואיקן טייכל פאַנאַנדער אין צווייען. עס איז פון דעם טייכל געוואָרן צוויי, איינער איז זיך געגאַנגען זיין גלייכן וועג, דער אַנדערער האָט אָנגענומען אַ גיכערן און אַ שטראָמענדיקן לויף, און גאַנץ ווייט פון דעם טייך, פון וועלכן ער שטאַמט

*) טייך־שוועלן.

אַרויס, פאַלט ער אַריין אין אַ גרויסן שטראָם, וועלכער פאַרשלינגט אים און פירט אים מיט זיך, און קיינמאָל וועט זיך שוין דאָס וואַסער ניט אומקערן צו זיין ערשטן קוואַל! סיידן נאָך זיין אַרומקרייזן צוריק, און אַז עס וועלן זיך טרעפן דורך אַ צופאַל צוריק אַהערצו.

מוטער, שטאַם איך דען ניט פון אַזאַ שטילן טייכעלע? איז דען מיין יוגנט, אַז איך האָב נאָך פון דיר אַליין געלעבט, ניט דאָס זעלבע טייכל, וואָס לויפט פאַרביי אונזער שטאָט, און איז דען ניט דער פּראָג, וואָס טיילט אים פאַנאַנדער, דער אייגענער פּראָג אָדער אומגליק, וואָס האָט מיך אָפּגעריסן פון דיר, וואָס האָט מיך דורכגעגראָבן אַ גאַנץ אַנדער וועג, זיך אַלץ אָפּצוציען ווייטער און ווייטער פון דיר, מוטער, פון מיין ערשטן קוואַל, פון וואַנען איך שטאַם אַרויס? איז דען ניט אָט די מער לעבעדיקערע און גרעסערע פאַמיליע, אין וועלכער איך בין אַריינגעפאַלן, דער שטראָם, וואָס פאַרשלינגט יענעם אָפּגעריסענעם טייכל?... יאָ, טייערע מוטער, איך בין פון דיר אָפּגעריסן, און פאַרשלונגען אין אַן אַנדער פאַמיליע, און מיט זיי שטראָם איך און לויף איין וועג, און איבער זיי בין איך זעלבסט פאַרגעסנד, און קאָן מיין אייגענעם וועג ניט מער גיין? דאָס אַלץ, טייערע, ליבע מוטער, זאָל מיר אַנטשולדיקן פאַר דיר, וואָס איך בין פון דיר אָפּגעריסן און טראַכט אימער און אַלץ וועגן יענער פאַמיליע! גאָט, פאַרוואָס זאָל איך לייקענען? וועגן יענעם לעבעדיקן וועזן, וואָס לעבט איצט געוויס אויך אַזאַ גלייך לעבן ווי איך! מוטער, איך מיין ראָזען, וועלכע פילט אויס מיין גאַנץ האַרץ, און פאַרנעמט מיינע אַלע געדאַנקען, מוטער, איך ליב זי. רבי יצחק ווילנער האָט דיר געוויס דערקלערט, ווי אַזוי איך בין געוואָרן אַ פּעטערסבורגער, איצט דערקלער איך דיר, דאָס זעלבסט די טייערע צווייטע עלטערן מיינע זענען זייער צופרידן מיט מיר, און ווילן, אַז איך מיט זייער ראָזע זאָלן גליקלעך זיין, דערפאַר האָבן זיי מיך געשיקט אַהערצו. איך בין מודה, איך האָב עס אַליין אויפגעטון, דען איך האָב די אויגן געעפנט, און געזען ווי נאַקעט, ווי אומבאַוואָפנט איך בין אין דעם אומענדלעכן מלחמה־פעלד, וווּ מענטשן מיט מענטשן וועגן אַ שטיקל ברויט שטרייטן, איך האָב אָנגעהויבן צו זוכן און געפונען. איצט פאַרציי, ליבע מוטער, דאָס דיין האָפנונג מיך אַ רב צו זען, האָט זיך איבער מיין עקשנות מיט גאָרניט אויסגעלאָזן. מוטער, דו מיינסט

דאָך געוויס נאָר מיין גליק, מיט דעם ווונש גליקלעך אויף דער וועלט — גליקלעך אויף יענער וועלט זאָל מיך גאָט מאַכן — מוז איך און זאָל איך זיך אַליין מאַכן. דער מענטש דאַרף אין גאַנצן זיך ניט אויפאָפּפערן פאַר יענער וועלט, דאָס דאָ זיין האָט אויך עטוואָס געוויכט. און וואָס איז איצט מיין גליק, אויב ניט גליקלעך מאַכן אייך, ליבע עלטערן, און זיין צופריד'ן און גליקלעך מיט מיין ראָזען. זייט אייך געזונט, ליבע, גוטע עלטערן. גריס אַלעמען, בעט גאָט, ליבע מוטער, פאַר מיין ראָזען ווי עס בעט פאַר דיר

דיין יוסף״

יוסף האָט דעם בריוו צוזאַמענגעלעגט, געקוקט מיט טרערן אויף אים און גענומען לייענען אַ גאַנצן פּאַק בריוו, וואָס ער האָט געשריבן אין די לעצטע טעג צו ראָזען.

„ר״ח אב ת״ר...

ליבע, זיסע ראָזע!

מיינע געדאַנקען לאָזן מיך ניט רוען, איך מוז דיר שרייבן, כאָטש איך האָב היינט דיר אַ לאַנגן גרויסן בריוו געשיקט, און האָב פון דיר קיין ענטפער ניט. עס איז נאָך גוט, דאָס פון אונזערע גליקלעכע שטונדן איז מיר כאָטש דאָס שרייבן געבליבן. מען איז אָבער פאַרבונדן זעלבסט ביים שרייבן, מען מוז זיך היטן, עס זאָל ניט זיין קינדעריש, עס זאָל ניט זיין סענטימענטאַל. מען איז פאַרבונדן, ראָזע, און מען פּרעסט דאָס האַרץ, ווערנד עס געפינט די נויטווענדיקייט זיך גוט אויסצורעדן. דו האָסט מיר אַמאָל געזאָגט: איך וואָלט וועלן נאָך אַ קינד זיין, און איצט אין אונזער פרילינג ניט דערמאָנען יענע פרילינגס-אומגעוויטער, יענע שטורמדיקע רעגנס, דונערן און בליצן, וועלכע עס ברענגען דעם זומער!

ווי האָב איך דאַמאָלס אויף די פּילבאַדייטנדע ווערטער אַזוי קיין אַכטונג ניט געגעבן, און ניט געוווסט, אַז איך וועל נאָך אַמאָל זיי ערשט פאַרשטיין! ראָזע, איך האָב זיך מיט גוואַלד אַלט געמאַכט. איך בין ערנסט, און דער ערנסט מאַכט מיר שמערצן. וואָלט איך ניט מורא האָבן, מען זאָל אויף מיר זאָגן: „איך בין נאָך אַ קינד״, וואָלט איך וואַרפן מיין קאַנטאָר, און קומען צו לויפן צו דיר, ליבע ראָזע, איך וואָלט זיך גוט אויסוויינען, אויסליידיקן אַ ביסל מיין פול פאַרביטערט האַרץ, דיך זען, מיט דיר רעדן, און ווערן צוריק אַ מענטש, און קאָנען דערנאָך צוריקפאָרן, טאָן מיין געשעפט ווי אַלע מענטשן.

איך האָב אָבער ערנסט געוואָלט אַרויסציען די ביטערניש פון לעבנס אויף זיך פאַר דער צייט, דערפאַר לייד איך, און קאָן זיך ניט היילן!"

„ב' אב ת"ר...

וועלכער מענטש ווייס ניט צו היינטיקער צייט די נוצן, וואָס דער מענטש האָט פון שרייבן. דאָס שרייבן איז פאַר די מענטשן געוואָרן כמעט אַזוי וויכטיק ווי דאָס רעדן, דאָס שרייבן קאָן נאָר יענער מענטש אויסמיידן, וואָס די רייד אַליין זענען אים ניט אַזוי נויטווענדיק. דער אומוויסנדער מענטש — ער דאַרף ניט שרייבן, ער האָט אויך ניט וואָס צו רעדן, זיין גאַנצע שפּראַך באַשטייט אין זיין ביסן ברויט און אַ טרונק און דאָס גלייכן; פאַר דעם געבילדעטן איז שווער און פאַר דעם אָפּגעזונדערטן ליבענדן איז דאָס אונמעגלעך.

די ליבע מאַכט עמפּינדלעך און איך באַגרייף איצט מער ווי ווען עס איז, אָבער, לײַדער, מאַכט די ליבע דעם מענטשן פאַר אַ קינד, און טראָץ מיין ערנסט קאָן איך דיר קיין רעכטן בריוו ניט שרייבן! דאָס שרייבן אָבער טוט מיר גוט, ווי קרעכצן דעם קראַנקן, און טרערן דעם באַטריבטן. וואָלט איך איצט דיר ניט קאָנען שרייבן און וואָלט דאָס אַלץ דאַרפן אין זיך קלויבן, איז דאָך מיין האַרץ ניט פון קופּער אָדער אייזן, ניט צו צעבערעכן ווערן אונטער דער לאַסט. דו שרייבסט מיר ניט, איז דאָס מעגלעך? דו שרייבסט מיר יאָ, נאָר דיינע בריוו קומען ניט צו מיר, פאַלן אַריין אין בייזע הענט. ווער זשע איז מיר ערב, אַז דאָס זעלבע געשיט ניט מיט מיינע בריוו? — און ווען איך טראַכט אַזוי און הויב אָן צו זוכן אורזאַכן, פאַרוואָס דיין שווייגן קומט, פיל איך מיר אין אַ פינסטערער פאַרווי־רונג, ווו עס לויפן נאָר פראַגן פאַרביי, און קיין ליכטיקער ענטפער! דאַן פאַרכאַפּט מיך אַ פינסטערער צווייפל, און איך פרעג: וואָס טו איך דאָ? ווי קום איך אַהערצו? איז דען דאָס ווירקלעך מיין סיביר, ווו איך זאָל אָפּקומען מיינע שווערע זינד, וואָס איך ליב דיך, ליבע ראָזע? שוין באַלד צוויי חדשים, וואָס קאָן אין צוויי חדשים ניט טרעפן און גאָט ווייס, וואָס צווישן אונז האָט שוין געטראָפן. אָ, ראָ־זע, אַז דו וואָלסט וויסן, וואָס איך לייד דערביי, ווי וואָלסטו קאָנען מיר אַזוי פיל זיך לאָזן פייניקן. איך קאָן דיר מער ניט שרייבן, מיינע אויגן זענען מיר פאַרלאָפן מיט טרערן, מיין האַרץ איז מיר נאָך פולער. בעסטע ראָזע, פיל דו, וואָס איך וויל נאָך שרייבן!"

„ד׳ אב ת״ר...

איך באַגרייף איצט, ווי עס מוז יענעם שווער זיין, ווער עס האָט דורך זיין אומפאָרזיכטיקייט זיינע אויגן פאַרלוירן, און ווייס מער קיין מיטל ניט, ווי ווידער זעענדיק צו ווערן. זיין האַרץ רעדט אים געוויס: „וואָלט מיר גאָט מיינע אויגן עפּענען כאָטש דאָס מאָל, ווי אָפּגעהיט וואָלט איך שוין זיין! ווי טייער וואָלטן מיינע אויגן זיין ביי מיר! מיינע אויגן, וואָס האָבן מיר געוויזן די שיינע וועלט, די ליבע זון מיט אירע מיריאַדן שטערן! פאַרוואָס האָב איך דאָס פריער ניט פאַרשטאַנען?״ פאַרוואָס ווערט מען ערשט קלוג, אַז מען פאַלט שוין אַריין אין גרוב, און אַז מען הייבט אָן צו זוכן פלענער ווי פון גרוב אַרויסצוקריכן? אין אַזויפיל צייט, אין אַזוי פיל פאַרגינגטע שטונדן, וואָס מיר זענען גליקלעך געוועזן צו רעדן פון אַלץ, רעדן אָוונטן גאַנצע פון דעם און פון יענעם, פון דער פאַרגאַנגענער וועלט און קינפטיקער, האָבן מיר קיין צייט ניט געהאַט צו רעדן וועגן זיך, וועגן אונזער געגנוואַרט און צוקונפט. און איך מוז היינט זאָגן מיט דעם געפיל פון יענעם בלינדן: „וואָלט מיך נאָך גאָט באַשערט מיט דיר נאָך איין מאָל צו זען זיך, מיט דיר איין שטונדע נאָך צו שפּרעכן, מיט וויפל וואָלטן איצט מיינע רייד וויכטיקער און ערפאַ־רענער זיין. איך וואָלט שוין געפינען אַ מיטל, אַז אונזערע בריוו זאָלן ניט פאַלן אין מחבלימשע הענט און אַז צווישן אונז זאָל קיין מיספאַרשטענדעניש ניט פאָרקומען. איצט אָבער, אַז איך ליג שוין אין גרוב, אַז מיינע הענט זענען געבונדן, בין איך קלוג געוואָרן, און באַשאַף יעדן טאָג נייע עצות, נייע פלענער, ווי דאָס שלעכטס צו באַזייטיקן. אָבער וואָס העלפן זיי? מיין אייגענע האַנט איז ניט אַזוי לאַנג דיר מיין בריוו צו דערלאַנגען, עס מוז גיין דורך פרעמדע הענט, און קיין פרעמדער קאָן ייט פילן, וויפל גליק און אומגליק עס ליגט אין יעדן בריוו, וואָס ער גיט איבער אָן אַכטונג, ווער עס נעמט צו פון אים, און בפרט, אַז דער צונעמער באַצאָלט אים נאָך עטוואָס דערפאַר. איך הייב ערשט אָן היינט איינצוזען, ווי קורץ איז אונזער מאַכט, ווי באַשרענקט מיר זענען אין אונזער מעכטיקייט, אַלע אונזערע געדאַנקען זענען נאָר טעטיק און אין אַזאַ קליינעם רוים, וואָס איז ניט גרעסער פון אונז זעלבסט!

ווי נאָענט איז אונזער האַרץ און זעלע, ווי גלייך זענען אונ־זערע געפילן און אונזערע ווונטשן, און דאָך ווייסן מיר איצט ניט

איינער פון דעם אַנדערן, וואָס מיר ווילן וויסן און וואָס מיר דאַרפן וויסן. דאָך הייסט דער מענטש „קעניג פון דער ערד!“ אָ, אָרעמער, באַדויערנסווירדיקער קעניג! ווי קליין איז דיין מלוכה און ווי גרויס איז דיין מוט!“

„ר׳ אב ת״ר...

ראָזע, וואָלט איך דיך איצט זען, ווי גליקלעך וואָלט איך זיין, אַז מיר וואָלט נאָך באַשערט זיין דיר אויסצודערציילן מיין גאַנצן לעבנסאַרט און צייט־פאַרברענגען אין פעטערסבורג. פאַרוואָס איז מיר באַשערט מיינע יסורים, וואָס איך מוז שוין ליידן, נאָך זיין מיט זיי אין אַזאַ שטאָט, וואָס מאַכט יעדעס קלענסטע פיל מאָל גרעסער ווי דאָס איז?

וויפל טרערן האָב איך שוין דאָ פאַרגאָסן, וואָס איז געוויס פאַרפאַלן געוואָרן אין אַנדערע טייכן־טרערן, וואָס דעם מענטשנס קורצע ראיה איז ניט אימשטאַנד איינצוזען, ווי זיי שטראָמען דורך אפשר אַלע פעטערסבורגער גאַסן! וויפל זיפצן מיינע זענען פאַרטויבט און פאַרלאָרן געגאַנגען אין דעם אייביקן צעמישטן קלאַנג, טומל און גערויש פון ווייגען און זינגען צוזאַמען, וואָס די שטאָט איז פול מיט זיי ביי טאָג און ביי נאַכט! וויפל עלנטע זע איך זיך אָן אין אַ טאָג, פאַרשטויסענע, פאַרטריבענע מענטשן! — אָ, גאָט, דו האָסט גלייך און גוט דיין וועלט באַשאַפן, נאָר די מענטשן האָבן אין איר עלנטע און אונטערדריקטע געמאַכט!... וואָס באַגרייפט דער אומגליקלעכער פון דעם אומגליק פון זיין פריינד, וואָס ווייס דער, וואָס איז אין תפיסה געבוירן, פון דעם פאַרגעניגן פון דער פרייהייט, און וואָס האָב איך געוווסט פון אַ וועלט, ווען איך בין אין מאָהבילער פאַרשטעטל געווען. איך האָב קיין גרויסע גליקן ניט געקענט. אָבער די אומגליקן זענען מיר אויך ניט אַזוי מוראדיק געווען ווי דאָ, דאָ זע איך מאַנכן ליכטיק ווי די זון, און פיל שוואַרץ ווי די ערד! דאָ לעבט מען פאַרשווענדעריש, רייך, מיט קאַרעטן, מיט פאַרקן, און מיט וואָס מען קאָן נאָר זיך אויסמאָלן, און מען לעבט אויך אָרעם ווי די אָרעמעלייט זעלבסט. אָן שטיוול זע איך מענטשן שלאָגן די פיס אויף די אָנגעברענטע שטיינער, פאַרשמאַכטע, צעטריקנטע, אָן ברויט און וואַסער! אָ, וואָס פאַר אַן אומבאַגרייפלעכע וועלט! ווער

האָט זי אַזוי איינגעאָרדנט און פֿירט זי אַזוי פֿון ערשטן טאָג?

מיר ליגן איצט אויפֿן האַרצן שווערע ביטערע געפֿילן. איך האָב זיי ניט פֿאַר וועמען אויסצורעדן, שרייבן זיי דיר דאַרף איך ניט. ראָזע, ווער ווייס נאָך די ליידן, ווען מען טראָגט זיי נאָך אום מיט זיך, ווו נאָר מען קומט צו זען יענעמס גליק, הערן געזאַנג אין דער מינוט, אַז דאָס האַרץ וויינט און בלוטיקט פֿון פֿאַרדרוס און כעס. חוץ אַלץ טוט מיר נאָך עטוואָס ווײ. איין ווונד לאָזט מאַנכע מאָל אָפּ דאָס ברענען פֿון דער אַנדערער ווונד, און איך קריג יעדן טאָג נײַע ווונדן מײַנע אַלטע צו פֿאַרגעסן, עס פֿאַרגעסט זיך אָבער ניט און איך לייד איצט מער ווי ווען עס איז!"

„ח׳ אב ת״ר...

איך וויל שוין וועגן זיך דיר ניט שרייבן, איך באַטראַכט אַליין, אַז מײַן „איך" נעמט צו אָפּט מײַנע אַלע געדאַנקען. ביין, איך מוז דיר זאָגן אַ ביסל מעניינא דיומא. דו ווייסט, ליבע ראָזע, אַז מײַן ליבע צו מײַן נאַציע איז אָן גרענעצן, און איך פֿריי זיך ווי אַ קליין קינד, אַז איך זע, אַז מען הויבט אָן צו דעם יידן גוט צו זײַן, און מען רופֿט אים צו זיך. איך זע דאָ יידן דאָקטוירים, קויפֿלייטע, געניצן פֿון אַלעראַרט, און איך פֿריי מיך. גיב גאָט, דאָס די שלעכטע מענטשן, די ניט־פֿאַרגינער, זאָלן אויך איינזען און אויפֿהערן ווי שונאים צו רעדן! די ממשלה זעלבסט האָט אַנדערע אויגן און ווייסט דעם אמת און שווייגט ביז אַ צייט. זי וועט איינזען באַלד, אַז נאָר גאַזעטן־שרייבער, איבער איינגנוצן, איבער אַ קליינעם פֿאַרדינסט שרייבן וואָס זיי ווילן, און זייער געוויסן איז אַזוי פֿאַרדאָרבן, אַז זיי פֿילן אַליין ניט, ווי גרויס זייער פֿאַרברעכן איז!

דו געדענקסט, ליבע ראָזע, אַז דו האָסט מיר אַמאָל געפֿרעגט, פֿאַרוואָס זוכן אונזערע שונאים אויף אונז אַזעלכע זאַכן, וואָס איז גאָר ניטאָ בײַ אונז, און זענען מקפּיד אויף דאָס קלענסטע, אָדער אויף דעם גרינגסטן טייל, וואָס איז יאָ דאָ? אַז ווער עס איז טוט אַן אומרעכט, אַ פֿאַלשקייט, גנבה, אָדער דאָס גלייכן, פֿאַרוואָס רעכנט מען ווי עס וואָלטן דאָס אַלע געטון, און מען רעדט וועגן דעם ווי מי יודע וואָס? איך האָב דיר דאַמאָלס געוואָלט ענטפֿערן מיט קושן. דײַן שוואַרצער שוואָגער איז אַרײַנגעקומען און האָט אונזער געשפּרעך אויף אַן אַנדער זאַך איבערגעפֿירט. איצט דערמאָן איך און ענטפֿער דיר מיט דעם תירוץ, וואָס דער רבי מײַנער האָט מיר אַמאָל

געענטפערט אויף מיין קשיא: וואָס ער פלעגט אויף מיינע עבירות מער מקפיד זיין, ווי אויף די פעלער פון די איבריקע חברים, וואָס זענען געווען פיל ערגער און פּראָסטער פאַר מיר און פלעגן מער שטיפן אויך. איך טו דאָך ניט ערגער פאַר זיי, — פלעג איך זאָגן — ווידער איך בין דאָך נאָך ניט קיין גרויסער, איך וועל עלטער ווערן, וועל איך קלוגער ווערן און ניט טון דאָס וואָס היינט! — פלעג איך טענהן.

„פאַרשטייסטו מיך, מיין ליבער יוספּקע, — האָט מיר מיין רבי געענטפערט — זיי זענען גראָבע יונגען און זיי מאַכן זייערע פעלער ניט מיאוס, אָבער דו, מיין קינד, דו ביסט ניט גלייך צו זיי, דו ביסט אַן איידל קינד, האָסט אַ גאַנץ אַנדער געפיל, און פאַר דיר פּאַסט אַפילו אַזאַ קליינער פעלער אויך ניט!" דאָס האָט מיר מיין רבי געענטפערט. דו קאָנסט דאָס היינט פאַר אַ תרוץ אָננעמען אויף דיינע פראַגן, אָבער פאַרגעס ניט, אַז מיין רבי האָט מיר נאָר געענטפערט אויף דערויף, וואָס ער קוקט אויף מיר מער ווי אויף יענע, אָבער ער האָט מיר אַלץ ניט רעכט געמאַכט, דאָס וואָס איך האָב אים געפרעגט, סטייטש איך בין דאָך נאָר אַ קינד, און זינדיק ניט מער ווי אַ קינד, אַז איך וועל עלטער ווערן וועל איך קלוגער ווערן און ניט טון די היינטיקע נאַרישקייטן.

זיי האָבן רעכט, אַז זיי זענען אויף אונז מער מקפיד ווי אויף אַנדערע פעלקער, מען שלאָגט ניט קיין פּראָבע אויף בליי, נאָר אויף גאָלד און זילבער אַליין! וואָס פיינער עס איז פון נאַטור, מוז אַלץ מער געלייטערט ווערן, און אַ גאַנץ קליינע פּראָסטע זאַך, וואָס מישט זיך אַריין, קאָן זיין ריינע פּראָבע ניט באַשטיין, דערפאַר מוזן מיר מער געלייטערט ווערן און אונזערע פעלער זענען מער ניכּר! אָבער די פראַגע, וואָס איך האָב מיין רבין געפרעגט: איך בין נאָך אַ קינד, — דאָס בלייבט ניט פאַרענטפערט! זענען מיר יידן אין אונזער איצטיקער לאַגע ניט ווי די קינדער? מיר זענען שוואַך, ערשט פון אַ קראַנקער בעט אַראָפּ, אונז איז שווער מיטאַמאָל אַ גאַנצער מענטש צו ווערן. ווילאַנג האָבן מיר זיך געוואַלגערט אין מיסט פון דעם געטאָ, וווּ מען האָט קיין ליכט־שטראַל צו אונז ניט צוגעלאָזן? ווילאַנג איז דאָס, אַז מען האָט פאַר אונז שולן געעפנט און אונז אָנגעהויבן צו באַטראַכטן, אַז מיר זענען אויך אדם הראשונס קינדער?

און שוין אין אַזאַ קורצער צייט וויל מען שוין, מיר זאָלן זיין פולי־קאָם אין „אַלץ?"

„תשעה באב ת"ר...

היינט האָב איך צייט צו גיין אויפן בית־עולם, און ווייל איך וויל ניט גיין, וועל איך יוצא זיין, אַז איך וועל דיר באַשרייבן די קברים, די גריבער פון מיין פאָלק, ווו דעם יידנס אומגליק ליגט באַגראָבן, און דאָס איז מיר קינות און פאַסטן. אָ, דער גאַנצער חורבן בית המקדש! ביי דעם המון־עם איז אַ זאַך דער רבי, וועל־כער האָט אים אָראָפּגעפירט פון ריינער יידישקייט און דורך אים בלייבט ער ווילד, ליידן אויך ווייבער און קינדער, ווערן די מענער שכורים, פוילאַקעס, און זייער אָפּט גנבים און גזלנים, אָבער אַז מיר וועלן דאָס נאָכקוקן, זענען מיר דערין אויך נישט שטאַרק שולדיק. וואָלטן יידן געווען אַ זעלבסשטענדיק פאָלק, אָדער וואָלט צום ווי־ניקסטן די רעגירונג אַכטונג געבן אויף אונזער גייסטלעכע, וואָלטן זיך ביי אונז ניט באַוויזן אַלע טאָג קיין נייע סעקטעס מיט נייע תורות, וועלכע פאַרדאַרבן דאָס גאַנצע יידנטום, מען וואָלט ניט דערלאָזן איטלעכן גראָבן יונג, געוויסנלאָזן, אומגעבילדעטן מענטשן ווערן אַ גוטער ייד און קאָמאַנדעווען מיט דעם המון, ווי מיט אַ טשערע־דע שעפּסן. איצט אָבער, אַז די רעגירונג שטייט פון ווייטן, און אַז אונזערע געבילדעטע מענטשן האָבן קיין מאַכט ניט זיי צו פאַרווערן, פאַרברייטערט זיך די גוטע יידנס ממשלה, ווי אַ נגע צרעת אין דעם גאַנצן יידנטום, און פאַרדאַרבן אונזער נאָמען ייד, אונזערע גוטע מדות ראָטן זיי אויס, און ציען אַרויס ביי דעם המון די מאַרך פון די ביינער, און דער ייד, דער געבילדעטער, מוז עס זען, מוז צו־קוקן, ווי דאָס בלוט פון זיין פאָלק טרינקען הינט, ווי זיינע ברידער פאַלן, און קענען זיי ניט העלפן. דער המון איז נאָך ווילד, האָט קיין אייגענעם שכל ניט צו פאַרשטיין וואָס גוט איז, וואָס פרום איז און וועט אים עמעץ זאָגן, אַז דאָס וויל גאָט, דאָס טאָר מען ניט, וועלן אים טויזנט פאָלגן, און אַז צען קלוגע לייט וועלן זיך צערייסן שרייענדיק: דאָס פאַרלאַנגט ניט גאָט, דאָס איז ניט פרומקייט, טוט בעסער דאָס און דאָס און לעבט גליקלעך, וועט זיך אייגער ניט געפינען, וואָס זאָל אים הערן. וויפל פון אונזערע חכמים האָבן זיינ־

גאַנצן לעבן מקריב געווען פאַר זייער פאָלק, וואָס האָבן מיט זייער בלוט פון האַרצן געשריבן און אויפגעקלערט זיי דעם דרך הישר, מלחמה געהאַלטן מיט זייער פעדער קעגן די פאַרדאַרבער, די גוטע יידן, און וואָס האָבן זיי אויסגעפירט? דער המון איז ווילד, איז קנעכטיש, און אַ קנעכט ווערט ניט אויסגעשטראָפט מיט איינע ווערטער, — האָט שוין שלמה המלך געזאָגט. פאַר דעם המון מוז מען האָבן אַ הערשענדע האַנט, וואָס זאָל אים ניט דערלאָזן גיין נאָך יעדן גישטיקן, וואָס פאַרפירט אים, וואָס נאַרט ביי אים אַלץ אויס! אָט דאָס אַליין, ווען די ממשלה וואָלט אויסוואָרצלען, דאַן וואָלטן יידן זיין אַ פאָלק, ווי זיי ווינטשן זיך אַליין, אָבער זי קוקט דערויף ניט און לאָזט דאָס איבער אין טויטע הענט, וועלכע האָבן קיין מאַכט ניט עטוואָס צו טון, אפילו מיט זייער פעדער קאָנען זיי אויך אַ האָר ניט טון! אָ, אַז איך דערמאָן זיך, ווער זענען די יידישע שרייבער, דאַן ווייבט מיר דאָס האַרץ! אָ, וועלכע מענער, וועלכע טאַלאַנטן וואַלגערן זיך אין קויט, וואָטערע פאָעטן גייען נעבעך ביי אונז אום אָן ברייט. פאַרלאָרענע, אומגליקלעכע מענטשן, דאָס איז די גרעסטע שאַנד פאַר אונז. יידן זענען אַ פאָלק, וואָס ווילן אַלע מאָל פאַר דעם קריסט יוצא זיין, אים העלפן, אים אייביק דאַנקבאַר זיין פאַר אַ טובה, וואָס ער האָט זיי געטון, און בלייבן אומדאַנקבאַר פאַר זיך אַליין, פאַר די אייגענע בעלי טובות. פאַר דעם יידישן שרייבער זענען זיי אומדאַנקבאַר, און ניט איינער האָט קיין מיטלייד ניט צו אים! קיינער באַטראַכט גאָרניט זיין אמתע אהבה, און וואָס ער איז חלילה מיט זיין שרייבן גאָרניט אויסן קיין געלט, מער ניט זיין חיות צו האָבן. און וויפל געשריבענע ווערק וואַלגערן זיך איצט נעבעך ביי זייערע שרייבער, וועלכע וויינען איבער זיי, וואָס זיי קאָנען זיי ניט אַרויסברענגען צום ליכט איבער אַ ביסל געלט, און קיינער וויל גאָר פון זיי ניט וויסן! איך רעד דאָס איצט מיט מער פאַרדרוס ווי אַן אַנדערש מאָל, איך האָב דאָ געטראָפן איינע פון די יידישע פאָעטן, ער אַרבעט ניט דעם פרילינג צו באַזינגען, ער אַרבעט פאַר דער געגנוואַרט, פאַר דעם שטיקל־ברויט, איך האָב געוויינט, זיינע ווערטער האָבן מיר גערירט, וואָלט דער מענטש זיינע ווערק אין אַ אייראָפייאישער שפראַך געשריבן, וואָלט ער געווען וועלט־באַרימט, מען וואָלט אים פאַר זיי מיט טויזנטער באַצאָלט. אָבער וואָס איז ער איצט? א טויטער טאַלאַנטפולער פאָעט, אַ מענטש אָן ברויט

און מיטל זיין אָרעמע פאַמיליע צו אויסהאַלטן. שלעפּט זיך אום פאַר־באַנדערטראָגנדיק זיין ווערק על פּתחי נדיבים און ער איז ניט איי־נער, נאָך הונדערטער ווערסטו אַזעלכע געפינען, און מען באַשולדיקט נאָך, דאָס יעדער ייד אַרבעט נאָר פאַר זיך, פאַר זיין אינטערעס. אמת, דער ייד פאַר דעם יידן איז אומדאַנקבאַר, אומדאַנקבאַר פאַר זיין גאַנצער נאַציע!...

די אַלטע ווילן אַזעלכע ווערק ניט זען, ניט הערן, און די נייע, דאָס איז נאָך מער פאַרדרוס, זיי שעמען זיך שוין פאַר זייער אומוויסנהייט, צו האַלטן אַ יידיש בוך אין זייער גבול, דאָס איז די קראַנקהייט פון אונזער צייט.״

„תשעה באב, בערב.

אַז איך הייב אָן צו קלערן, פאַרוואָס דאָס איז אַזוי? פאַרוואָס שעמען זיך אונזערע גבירישע קינדער מיט דעם נאָמען ייד? פאַר־וואָס ווילן זיי ניט ליידן, אַז מען רופט זיי מיט דעם יידישן נאָמען? ווער זאָגט דאָס, אַז קיריל איז שענער ווי עקיבא? אַז אָסיפּ איז שענער ווי יוסף? ווי נאַריש מוזן זיי זיין, אַז ביי זיי האָבן אַ ווער־דע אַזעלכע אויסערלעכע זאַכן! פאַרוואָס ווילן זיי בעסער קענען די גריכישע, עגיפּטישע און רוימישע געשיכטע, ווי די יידישע? פרעג ביי די אַלע מאָהיבילער מיידלעך אָדער אפילו ביי דער גאַנצער יוגנט, צי ווייס ווער אַ האָר פון דער יידישער געשיכטע! מער ניט וואָס זיי האָבן אַ האַלב זייטל געלערנט אין דער אַלגעמיינער גע־שיכטע, וואָס עס ווערט געלערנט פון אויבן! שולדיק זענען דערין די פאַנאַטישע עלטערן, זיי ווילן, אַז זייערע קינדער זאָלן זיין רבנים אָדער דאָקטוירים אָדער אַזעלכע צדיקים, ווי רבי פּנחס בן יאיר, און זיין אַזוי געבילדעט ווי זיין אייזל, אָדער זיין אַזוי קלוג, ווי קהלת און פיינט האָבן אַ יידן ווי המן. דאָס איז די קראַנקהייט פון היינ־טיקער צייט, די כלומרשט געבילדעטע עלטערן, וועלכע ווילן, אַז זייערע קינדער זאָלן געבילדעט זיין ווי זיי, אָדער נאָך מער פאַר זיי. זיי פאַרגעסן, אַז זיי האָבן זיך דערצויגן ביי עלטערן, וועלכע האָבן אין זיי איינגעפלאַנצט די ליבע צו דעם יידן פון קינדווייז אָן, און געבן זיי אַוועק פון קינדווייז אָן אין די קריסטלעכע לערן־שולן, ווו זיי האָדעווען זיך אויס מיט איין וויסנשאַפט, ווי די קריסטלעכע קינ־

דער. דער אונטערשייד איז נאָר, וואָס יענע לערנען „זאַקאָן־באָזשע“ אויך, און זייער אייגענע געשיכטע פון דעם ערשטן ביז דעם לעצטן קלאַס, און אונזערע קינדער, מיידלעך אָדער יונגלעך, זענען שוין פריי דערפון, ווי זיי האָבן נאָר דעם ערשטן טריט געשטעלט אין ערשטן קלאַס. נאָך דעם איז דען אַ וואונדער, אַז זיי האָבן דעם יידן מיט זיין שפּראַך און ביכער פיינט, אַז זיי ווייסן פון אים און פון זיי אַ האָר ניט? איז אַ חידוש, אַז ער איז פריי, פרעמד צו זיין גלויבן, אַז ער געוואוינט זיך פון דעם ערשטן קלאַס אָן צו זען, ווי די קריסט־לעכע קינדער ווערן געצוואונגען צו היטן יעדן קלענסטן מנהג פון זייער אמונה, און זיי, די יידישע קינדער, ווערן געצוואונגען פון ערשטן ביז לעצטן קלאַס צו טון אַלץ, וואָס זייער אמונה פאַרבאָט עס. וואָלטן אָבער יידן קלוגער זיין, זיך אינטערעסירן, אַז זייערע קינדער זאָלן זיין יידן, געבילדעטע מענטשן, ווי עס דאַרף זיין, האָבן זיי באַדאַרפט מער אַכטונג געבן אויף די יידישע אַנשטאַלטן, אויף זייערע לערער, און בעטן ביי דעם מיניסטעריום פון פאָלקס־בילדונג, אַז מען זאָל לערנען אין די גימנאַזיעס יידישע רעליגיע און זייער געשיכ־טע אויספירלעך. קיינעם אָבער ליגט דאָס ניט אין זינען, און די קראַנקהייט פאַרברייטערט זיך צווישן דער יוגנט פון טאָג צו טאָג, קינדער האָבן פיינט די עלטערן, נאָך מער ווי דאָס פרעמדע קריסט־לעך קינד האָט פיינט דעם יידן, און עס וועלן בקרוב קומען אַזעלכע טעג, בעת אָט די פאַרלאָזענע געבילדעטע מיידלעך וועלן דאַרפן הייראַטן. דאַן וועלן די עלטערן פילן, וואָס זיי האָבן זיך מיט זייער אומפאָרזיכטיקייט אָנגעמאַכט. נאָר גענוג! דו ווייסט, ראָזע, מיין האַרץ, איך בין פאַר מיין פאָלק אַ זון, און אַז איך וואָלט ווייסן, אַז איך קאָן זיי העלפן מיט מיין בלוט און פלייש, וואָלט איך זיך לאָזן טראָפּנווייז אויסצאַפּן מיין בלוט, נאָר צו זייער רפואה, אָבער ווער בין איך! ווער וועט מיך הערן? אַז איך וועל זאָגן, אַז איך וואָלט זיי שרייבן נאָך אַ איסור, זיי מאַכן דעם דאַוונען זיבן מאָל גרעסער ווי ער איז, זיי געבן צום זאָגן נאָכן דאַוונען א חק ליעקב, חק לאברהם און אַ חק ליצחק, ווי יענער האָט זיי געגעבן אַ חק לישראל, דאַן וואָלטן זיי מיר פאָלגן. מען וואָלט קויפן מיינע ספרים, וואָס מען דאַרף דערצו קיין קאָפּ און געפיל ניט האָבן צו מאַכן, מער ניט, קאָנען אויפקלייבן טויטעביינער פון אַלטן בית עולם! אָבער אַז גאָט זאָל אויסהיטן, אַז איך זאָל פּרובן אַ וואָרט אויסרעדן, פּרובן

מיין פייערדיק הארץ לעשן מיט מיין שרייבן פאר זיי א ספר, זיי אויפווייזן זייערע פעלער, דאן בין איך אומגליקלעך! מיך וואלט מיין אומגליק ניט ארן, אז איך וואלט נאר האבן א שטיקל האפנונג, אז דאס וואלט כאטש עטלעכע מענטשן נוצן ברענגען. איך ווייס אבער, אז דאס וועט אויך ניט זיין. די דרוקער, וועלכע זענען אפהענגיק פון די קויפער, ניט ווייניקער כמעט פאר דעם מחבר, וועלן דאס ניט קויפן פון מיר, און וועלן דאס ניט דרוקן, און אז יא, וועט מען דאס גיכער פארברענען. די וואס וועלן איבערלעזן, וועלן זאגן: אז ימח שמו זאל ער ווערן, וואס פאר א הינטיש מויל ער האט, וואס פאר אן אפיקורס ער איז! אדער נאך אזעלכע דאנקבארע ווערטער. ניין, ראזע, עס ברענט מיר דאס הארץ, איך קאן עס דערמיט ניט לעשן! נאר פאר דיר, ליבע ראזע, וויל איך שרייבן, דו קענסט מיך און פארשטייסט מיינע רייד! דו פילסט אלץ, דו ליבסט אונזער פאלק, אונזער העברעאישע שפראך ווי איך אליין! גאט האט אונז ביידן איינעם פאר דעם אנדערן באשאפן, מיר וועלן ביידע נוציקע מענטשן זיין פאר אונזער פאלק, פאר אונזער צייט! אבער גאט, פון וואנען קומען צו מיר די ביטערע געפילן? פארוואס הייבן מיר אן צו גיסן פייער־הייסע טרערן פון מיינע אויגן, אז איך דערמאן זיך, אז דו האסט נאך מיר אויף איין בריוו ניט געענטפערט? וואס איז דיר, ראזע? וואס שווייגסטו! איך קאן ווייטער ניט רעדן, דו וועסט דעם בריוו לעזן, מיין הארץ זאגט מיר, אז דו מוזט אים לעזן, עס קאן גאר קיין מענטש אזוי שלעכט ניט זיין און פון דיר דעם בריוו צו באהאלטן!"

„י׳ אב ת״ר...

ראזע, עס ווערט שוין ווידער טאג, ווידער ליכטיק צו זען נייע צרות, נייע קימער. ווידער טאג, ווידער זעכצן אדער אכצן שטונדן וואך זיין, זיך קווען און ווארטן די וואלטעטיקע נאכט. איבריגנס, האב איך היינט געוואכט גאנצע פיר און צוואנציק שטונדן, איך האב געשריבן און ניט געהערט, ווי די צייט איז מיר פארלאפן. איך בין אינגאנצן געווען איבערגעגעבן מיין שרייבן און בין גליקלעך געווען. נון, איז דאס גליק אריבער, און דער טאג רופט מיך צו נייעם פיין! — —

איך בין איצט אַנדערש ווי אַלע מענטשן, ברענגט דען די ליבע זון קיין טרייסט און האָפנונג ניט פאַר די אומגליקלעכע? גיסט זי דען ניט היילענדן באַלזאַם אין די ווונדן פון ליידנדע? און פאַרוואָס נאָר מיר איינעם שטעלט זי ווי מיט שפיזן, און גיסט מיר גיפט אין מיינע ווונדן. איך ציטער פאַר היינטיקן טאָג, איך האָב נאָך נעכטיקע יסורים ניט פאַרגעסן. איך האָב געוואַרט דעם בריוו־טרעגער און מיר איז יעדע מינוט געווען אַן אייביקייט. איך ווייס ניט, ווי בין איך ניט אַלט געוואָרן וואַרטנדיק. ענדלעך איז ער אַריינגעקומען, איך בין געוואָרן בלייך, ווי אַ טויטער, אַז ער האָט אַרויסגערעדט, אַז ער האָט צו מיר אַ בריוו. אַלע מענטשן האָבן מיך אָנגעקוקט דערשראָקן, איך האָב קוים געקענט אים צונעמען, מיינע הענט האָבן געציטערט, איך האָב אים געעפנט, עס איז געווען אַ פּוד טריוואַקס אויף אים און האָב געמוזט איינרייסן אין די גע־שריבענע ווערטער. מיר איז פון אומגעדולד פינסטער געווען אין די אויגן און איך האָב ניט געזען, אַז עס זענען גאַנצע צוויי בויגן פּאַפּיר געווען, אויף איינעם זענען נאָר צוויי שורות געווען, פון פּאָטער דיי־נעם, ראָזע, צו מיר, פאַרפלעקט, אין טינט פאַרגאָסן, איך האָב ניט געקאָנט פאַנאַנדערקלייבן, וואָס ער וויל, און געוואָלט אָנהויבן לעזן דעם אַנדערן בריוו, דער גאַנצער בויגן איז געווען ליידיק! ניט איין וואָרט איז דערויף געשריבן געווען, עס האָט מיר מיין בלוט אין קאָפּ אַריינגעשפּאַרט, די ליפּן האָבן זיך שמערצלעך פאַרצויגן, איך האָב געוואָלט וויינען, איך האָב עס אָבער ניט באַדאַרפט! איך האָב געליטן, מען האָט געקוקט, מיט די פּלייצעס געהויבן, מען האָט מיר עפּעס געפרעגט, איך האָב זייערע רייד ניט געהערט. איך ווייס: איך האָב עפּעס געענטפערט, און ווייס ניט וואָס! ראָזע, וואָס זאָל דיין פּאָטערס פאַרקלעקטער פאַרזוקטער בריוו באַדייטן? וואָס זאָל דער ליידיקער פּאַפּיר ווייזן? דאָס איז טיראַניש, ווען יענער, וועמען איך בין חושד, האָט דאָס געטון מיך צו פּייניקן, ווי קאָן אַ מענטש אַזוי שלעכט זיין! ניין, עס האָט געוויס געמוזט געשען אַ טעות, מען האָט אָנשטאָט דיין בריוו געכאַפּט אַ ליידיקן פּאַפּיר! איך גלויב, עס איז אַזוי! אָט אַזוי, ליבע ראָזע, לעב איך דאָ. איך בין גערן, אַז איך כאַפּ זיך אַרויס פון מיין אָרט, דאָס הייסט, פון קאַנטאָר, דאַן לאָז איך זיך לויפן אין פּעטערסבורגער גאַסן, און מאַטער זיך צו פאַרבלאָנדזען און דערנאָך זיך אַליין אַ וועג צו געפינען אַרויסצוקו־

מען אַהיים, און איך בין גליקלעך, אַז איך געפין זיך אין אַן אָרט, וווּ איך ווייס ניט וווּ איך בין, און גיי אַלץ ווייטער, ביז עס הייבט אָן פינסטער צו ווערן. וויפל מוז שוין מיין האַרץ ליידן, אַז דאָס, קאָן שוין טרייסטן! איך ציטער פאַר היינטיקן טאָג, נאָך מער ווי פאַר נעכטיקן, ראָזע! היינט זאָל איך פון דיר אַ בריוו האָבן! איך באַשווער דיך, דו זאָלסט מיר שוין לענגער ניט לאָזן ליידן! איך בין מיד, די גאַסן הויבן באַלד אָן ווידער צו ליאַרעמען ווי נעכטן, און אין מיין האַרצן זענען שוין וואַך אַלע ווונדן פון דעם נייעם און אַלטע טעג! מיין האַרץ איז צוריק פול און איך האָב גאָר ניט געשריבן. ניט לאָז מיך שוין מער ליידן, אָדער לייד נאָר דו ניט מיינע ווונדן זענען מיר געטריי, ראָזע. ניט לייד, עס ליידט פאַר דיר גערן דיין יוסף!"

יוסף האָט געענדיקט לעזן, עס איז שוין גרויסער טאָג געווען. אין דעם אַנדערן צימער איז מען שוין אויפגעשטאַנען, ער האָט ניט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. „אַז ראָזע וואָלט כאָטש דעם איין בריוו לעזן — האָט יוסף געזאָגט, — אַז זי וואָלט כאָטש ניט ליידן. שטראָף מיר גאָט פאַר איר, מיר שמאַרצט מער, דו ביסט ניט שלעכט, דו האָסט נאָר שליחים שלעכטע". מיט די ווערטער איז יוסף אַנטשלאָפן געוואָרן.

ב

פון באַגינען

— דו האָסט שוין מיט אים גערעדט? — האָט געפרעגט אַ ניד־דעריקער יונגערמאַנטשיק דעם סטרוזש פון רבי יצחקס קאַנטאָר, ווו יוסף האָט געאַרבעט.

— ניין, רבי לייזער, — האָט געענטפערט דער סטרוזש — איך בין ביי אים נעכטן אָוונט געווען. געקלאַפּט געוויס צען מאָל אין טיר. דו פאַרשטייסט דאָך, אַז איך האָב ניט געקאָנט קלאַפּן מיט שטורעם, וואָרום אים וואָלט קשה געוואָרן, וואָס האָב איך אַזוי שטאַרק זיך געריסן צו אים.

— דו האָסט רעכט, ברודער, מען דאַרף זיין פּאָרזיכטיק, און ניט לאָזן קיין זכר, אָפּטון קורץ און גוט און זיך בלייבן ריין, שיין און פיין ווי געווען. נאָר ווייסטו, אַז דאָ מוז צוגיין גיכער; ווייזן דיר די דעפּעשע, וואָס איך האָב היינט דערהאַלטן פון רבי לייבן.

— פּאָזשאַלוי! — האָט געענטפערט דער סטרוזש.

דער נידעריקער האָט אַרויסגענומען אַ פּאַפּיר און האָט אים פאָרגעלעזן: „סטאַרעט זיך די סחורה וואָס גיכער איינצושליסן, אַז ניט היינט איז דער קרן פאַרפאַלן. לייב סאָרקין!”

— נו, וואָס זאָגסטו? — האָט געפרעגט דער קורצער.

— היינט וועט דאָס אויסגעפירט ווערן, — האָט דער סטרוזש געענטפערט. — איך גיי באַלד צו אים, מען דאַרף גאָר אַנדערש מאַכן. ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל קומען אַלט אַ זייגער זיך גיין באָדן מיט אים, איך וועל גיין זיבן אים זאָגן, אַז איך האָב היינט קיין צייט ניט. דו נעם דעם מאַנטל מיט זיך, דער שומר פון די קליידער אין באָד־אַנשטאַלט איז פון אונזער חברה, מיט איין ווונק וועט ער איבערבייטן זיין מאַנטל אויף דיינעם. דו זע, עס זאָל

נאָר גלײַך זײַן, ער זאָל זיך ניט כאַפּן, און דאָס וועט נאָך גיכער אָנגיין ווי אַלץ! דו פֿאַרשטייסט, וואָס מען רעדט מיט דיר? שיק דו אָקאָרשט רבי גרונמען צו סיוויצקען, און מען זאָל זײַן גרייט!

— גוט, עס בלײַבט אַזוי, דאָס געפֿעלט מיר בעסער, ווי איבערבײַטן ביי אים אין שטוב. דו וואָלסט אפשר גאָר ניט באַוויזן! — האָט געזאָגט דער קורצער, — דו גיי מאַך דאָס אָבער גיכער, וויפֿל איז איצט דער זייגער?

— האַלב זיבן, — האָט געענטפֿערט דער סטרוזש, — איך גיי באַלד צו אים. זע, דו זאָלסט נאָר דאָס מאַכן געשיקט.

— דו דאַרפֿסט מיך ניט לערנען, איך האָב שוין אין מײַן לעבן שווערע זאַכן געטון, וועל איך אַזאַ מאַכער ניט בײַקומען? — האָט געענטפֿערט דער קורצער מיט פֿאַראיבל, — דו האָסט בײַ זיך עפּעס קליין געלט? מייגסטו, אַז סיוויצקע וועט זיך וועלן אַ ריר טון אָן דער מטבע? מײַן עצה איז, אַז מען זאָל אויסקומען אָן אים, עס איז גלאַט ניט גוט, אַז ער זאָל דאָס פֿאַרשטיין, נאָר וואָס טוט מען, אַז עס איז אַזוי געאײַלט? און ווידער, זענען מיר דען מחויב צו פֿאַרזאָרגן אויף אײביק? מיט אַ יאָר וועט ער דאָס ניט פּטרן, דערווײַל קומט צו און ניט אָפּ, דער שידוך מעג זײַן אויס שידוך, אַפֿי די תּנאָים זענען געווען, און די שדכנות וועט שוין זײַן בײַ אונז אין קעשענע! וואָס, ניט אמת?

— וואָס אמת איז אמת, איך האָב פֿײַנט צו זאָגן, דו רעדסט דאָ ווי אַ מענטש, — האָט געענטפֿערט דער סטרוזש, — דו פֿאַרגעס נאָר ניט דײַנע טענות!

— האַלט, דאָ ווײַנט ער! — האָט געזאָגט דער סטרוזש — פֿאַרצייכן זיך זײַן נומער, זײַן נאָמען און זײַן געשטאַלט! דו זאָלסט זיך ניט פּלוטען!

יענער איז געבליבן שטיין, און דער סטרוזש איז אַרויפֿגעגאַנגען צו יוספֿן, אַ קלאַפּ געטון שטאַרק אין טיר. די טיר האָט זיך ניט געעפֿנט, ער האָט נאָך אַמאָל אַ שטאַרקערן קלאַפּ געטון און געוואַרט בײַ דער טיר.

יוסף, וואָס איז ניט אַגאַנץ אַנטשלאָפֿן געוואָרן, האָט זיך דערשראָקן פֿון שטאַרקן קלאַפּ, ער האָט זיך אַ וואָרף געטון צום טיר.

— ווער איז דאָ? — האָט ער געפֿרעגט.

— איך! — האָט געענטפֿערט דער סטרוזש.

— רבי חיים, — האָט געפרעגט יוסף, — האָט איר ניט קיין בריוו?

— ניין, ליבער יוסף, איך בין אייך געקומען רופן באָדן זיך, — האָט געענטפערט דער סטרוזש, — איר האָט דאָך מיר געבעטן, און איך האָב האָלט אויסצופירן וואָס איך זאָג צו!

— שוין אַכט דער זייגער? — האָט געפרעגט יוסף דערשראָקן, — איך בין ערשט אַנטשלאָפן געוואָרן.

— וואָס איז אייך, יוסף? — האָט געענטפערט דער סטרוזש — זעט, ווי איר זעט אויס, זענט איר קראַנק? זעט, וואָס פאַר אַ אויגן ביי אייך זענען.

— איך בין ניט געשלאָפן, איך האָב געשריבן כמעט די גאַנצע נאַכט.

— אָט דאָס זענען אייערע בריוו? — האָט געפרעגט דער סטרוזש — ווייזט, איך וועל זיי אַוועקשיקן.

— ניין, איך וועל זיי אַליין אָפּשיקן. איך דאַנק אייך, איר ווייסט דאָך, אַז איך האָב פיינט זיך צו שאַפן מיט דעם אַנדערן דאָס, וואָס איך קאָן אַליין טון. אָבער מיר ווילט זיך עפּעס היינט ניט גיין באָדן. ליבער רבי חיים, ניט נעמט פאַר אומגוט, וואָס איר זענט געגאַנגען אומזיסט!

— פונמיינטוועגן מאַכט דאָס גאָר ניט אויס, — האָט געענטפערט דער סטרוזש. — נאָר מיך פאַרדריסט, פאַרוואָס זאָלט איר דורכלאָזן אַזאַ שענעם טאָג. קומט, דער דאָקטאָר האָט מיר געזאָגט שטילערהייט, אַז איך זאָל אייך טרייבן, איר מוזט גיין!

— האָט דען דער דאָקטאָר מיך געהאַלטן פאַר אַזאַ חולה? ער האָט געזאָגט, אַז פאַר צערייצטע נערוון איז באָדן זיך זייער נוצלעך.

— דאָס האָט ער אייך געזאָגט, מיר אָבער האָט ער געזאָגט, גיט אַכטונג אויף דעם יונגן מענטשן, איר זעט, ער זאָל גיין יעדן טאָג זיך באָדן! ווילט איר גיין, טאָ קומט, די ברירה איז ביי אייך!

— איך וויל נאָך איבערשלאָפן אַ ביסל, — האָט יוסף געבעטן.

— איך וועל אָבער קיין צייט ניט האָבן צו קומען שפּעטער צו אייך, — האָט געענטפערט דער סטרוזש, — קומט, פאָלגט מיך, אַ יונגער מענטש דאַרף זיך ניט נאָכגעבן. לאָז אייך דוכטן, אַז איר מוזט איצט גיין אין אַן עסק, אָדער אויף אייער שטעלע, און בפרט פאַר אייגע־

נעם געזונט! ווידער ניט פֿאַרגעסט, איך האָב זיך דאָך מטריח געווען פֿון אייערטוועגן, לאָז זיין מיין טרחה אָנגעלייגט. קומט, ליבער יוסף!

— איך גיי, — האָט יוסף געזאָגט, — וואַרט נאָר איין מינוט, איך וועל אויפֿשרייבן דעם אַדרעס און פֿאַרבייגייענדיק וועל איך דעם בריוו אַליין אין פּאָסט-קעסטל אַריינוואַרפֿן.

יוסף האָט די ביידע אַדרעסן אויפֿגעשריבן, איינעם צו זיין מוטער און איינעם צו ראָזען. דער סטרוזש האָט דערווייל אָפּגעפּוצט יוספֿס זומערדיקן מאַנטל, אים דערלאַנגט און געזאָגט:

— איצט זענען מיר גרייט, קומט! דערפֿאַר וועט איר מיר היינט געבן „נאַ וואָדקו", אַז איך וועט אָנקומען אַ בריוו!

— לאָז מיר נאָר אָנקומען, ווי איך וועל אייך געבן, וויפֿל איר וועט נאָר בעטן!

— מיר זאָגט דאָס האַרץ, אַז איך וועל אייך ברענגען היינט אַ בריוו, איך וועל גיין אויפֿן פּאָסט פֿרעגן, אָט באַלד ווי מיר וועלן זיך אויסבאָדן. קומט נאָר גיכער! — האָט צוגעאיילט דער סטרוזש.

זיי זענען אַוועקגעגאַנגען. יוסף האָט ביים פּאָסט געוואָלט אַריינוואַרפֿן מיט די אייגענע הענט זיינע בריוו, אָבער אין פּאָסט איז נאָך קיינער ניט געווען, און ער האָט קיין מאַרקעס ניט געקאָנט באַקומען, דעריבער האָט ער די בריוו באַהאַלטן אין מאַנטל־קעשענע, און גערעכנט צוריקגייענדיק אַריינוואַרפֿן די בריוו. דער סטרוזש האָט אין זיך אַ שמייכל געטון, אַז ער האָט דערזען, אַז די בריוו וועלן אויך אין זיין האַנט אַריינפֿאַלן; עס האָט ניט געוועדט אַ שטונדע צייט, ווי זיי האָבן זיך אויסגעבאָדן, דער סטרוזש האָט דערלאַנגט יוספֿן זיין מאַנטל, און יוסף האָט נאָך קיין צייט ניט געהאַט זיך אַרומצוקוקן, צי דאָס איז זיין מאַנטל, צי ניט. אין בוזעם־קעשענע האָבן געשטעקט צוויי בריוו אין קאָנווערטן, און קוים איז ער נאָר אַרויס פֿון באָדאַנשטאַלט, ווי ביים טיר האָט שוין געוואַרט אַ דראָזשקע און דער סטרוזש האָט יוספֿן געזאָגט:

— יוסף, זעצט זיך! נישקשה, איר וועט אים אַ סך ניט דאַרפֿן צאָלן, ער איז מיינער אַ באַקאַנטער, מיר איז ניט אָנגענעם פֿאַר דעם קריסט, ער וואַרט שוין געוויס אַ פֿערטל שעה.

יוסף האָט זיך ניט געוועדט און זיך אַרויפֿגעזעצט אויף דער דראָזשקע. דער פֿורמאַן האָט אָבער פֿאַרקערעוועט אין אַן אַנדער געסל, און

ניט געהערט יוספֿן, וואָס ער האָט געבעטן פֿאָרן פֿאַרביי פּאָסט. יוסף האָט זיך אָבער שטאַרק געוועהרט, און דער פֿורמאַן האָט געמוזט פֿאַר־קערעווען צוריק, און האָט זיך ביים פּאָסט אָפּגעשטעלט. דער סטרוזש איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿון דראָזשקע, און אַריינלויפנדיק אין פּאָסט, האָט ער געזאָגט.

— ווייזט די בריוו, איך וועל צוקלעפּן מאַרקעס און אַריינ־וואַרפֿן אין קעסטל.

— ניין, טראָגט אַרויס מאַרקעס, איך וועל אַליין אַריינוואַרפֿן, — האָט יוסף געענטפֿערט מיט פֿאַרדרוס.

דער סטרוזש איז אַריינגעלאָפֿן און באַלד צוריק אַרויס.

— עס איז נאָך פֿרי, מען זיצט נאָך אין פּאָסט נים, — האָט ער געזאָגט, צוריק אויף דער דראָזשקע זיך אַרויפֿזעצנדיק. דער פֿורמאַן האָט ניט געוואַרט און אַ טרייב געטון די פֿערד. יוסף האָט ניט איבערגערעדט קיין צוויי ווערטער, און איז קוים איינגעזעסן אויפֿן פֿור, ביז ער איז צוגעקומען צו דער טיר. אַריינגייענדיק אין שטוב, האָט דער סטרוזש אים ווידער געוואָלט אַראָפּציען דעם מאַנטל, אָבער ער האָט זיך ניט געלאָזן, און אַליין אויסגעטון, און ווי האָט ער זיך דערשראָקן, אַז ער האָט אַ קוק געטון, אַז דאָס זענען ניט זיינע בריוו! אים איז אין די אויגן פֿינסטער געוואָרן, און ער האָט אַ געשריי געטון: — גאָט, וואָס זענען עס פֿאַר אַ בריוו? איך האָב מיינע בריוו פֿאַרלוירן, מען האָט זיי מיר פֿון קעשענע אַרויסגענומען.

— ניין, טייערער רבי יוסף, — האָט געזאָגט דער סטרוזש, — גנבים זענען אין באָד־אַנשטאַלט ניט געווען, מיר דוכט, אַז איר האָט אייער מאַנטל פֿאַרביטן, קוקט זיך אָקאָרשט אַרום!

— איר זענט גערעכט! — האָט געענטפֿערט יוסף, — איר ווייסט ניט, ווער האָט זיך דאָרטן געבאָדן מיט אונז?

— איך ווייס, איך קען זיי אַלעמען. מיר דוכט, אַז אַלע זע־נען אָרנטלעכע מענטשן. עפֿנט אָקאָרשט די בריוו, איר וועט אַ קוק טון, טאָמער איז ווער עס איז אונטערגעשריבן, וועט איר וויסן, ווו זיי צו מאָנען.

יוסף האָט דאָס אַזוי געטון, אָבער די נעמען זענען אים אומבאַקאַנט געווען, ער איז אַוועקגעלאָפֿן באַלד צוריק צום באָד־אַנשטאַלט, געמאָלדן זיין אַדרעס, טאָמער וועט ווער נאָכפֿרעגן, אים האָט זיך ניט געגלויבט, אַז דאָס איז געטון געוואָרן גערן, און האָט דורכויס געהאָפֿט זיינע בריוו צו קריגן, אים איז אָבער שווער געווען

אויפֿן האַרצן און באַטריבט איז ער געקומען צוריק אַהיים. עס האָבן זיך געמישט טויזנט געדאַנקען אין זיין קאָפּ, ער האָט גישט געקענט נעמען אין מויל קיין עסן, ער האָט נאָר גענומען אַן אַנדער פּאַפּיר און האָט אָנגעהויבן שרייבן:

„ליבע, גוטע ראָזע!

אַז מיר ווערט נאָר שווער אויפֿן האַרצן, און אַז מיינע הענט זענען פֿריי, ניט פֿאַרבונדן מיט קאַנטאָר־עסקים, דאַן זוך איך מיר קיין אַנדער טרייסט ניט, ווי צו דיר צו שרייבן, דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס קאָן נאָך מיין צעבראָכן האַרץ אונטערהאַלטן. די גאַנצע נאַכט האָב איך צו דיר אַ בריוו געשריבן, ווי וואָלט איך גליקלעך געווען, אַז דו וואָלסט אים געלעזן, אָבער גאָט ווייס, וואָס דאָ צעטוט זיך מיט אונז! ווי האָב איך דעם בריוו געהיט, איך האָב אים פֿון האַנט ניט אַרויסגעלאָזן, און וואָס זאָגסטו צו דעם אומגעווייגלעכן צופֿאַל, אָט גראָד איצט, בעת איך האָב די בריוו געדעכנט אָפּצושיקן, אָט גראָד איצט בין איך צו פֿרי אויפֿגעשטאַנען. ניין, אַז איך זאָל ריכטיק זאָגן, האָט מען מיך אויפֿגעוועקט, און אין פּאָסט איז נאָך ניט געווען קיין מאַרקעס, איך האָב דעם בריוו אין קעשענע אַריינגעלייגט, און הער נאָר און ערשטוין, אָט גראָד איצט האָט מען מיט מיר דעם מאַנטל פֿאַרביטן, און מיינע בריוו זענען געווים דאָרטן, ווו מיין מאַנטל איז! איז דאָס צופֿעליק געקומען? איך האָב מורא, טייערע ראָזע, דאָס אונזער פֿיינטס האַנט יאָגט מיך און דערלאַנגט ביז דאַנען, און דאָ איז קיין אַנדער כוונה ניטאָ מער ניט ווי מיינע בריוו אויפֿצוכאַפּן. איך הויב אָן חושד צו זיין דעם סטרוזש פֿון מיין קאַנטאָר, ער פֿלעגט מיך שטענדיק און היינט אויך צופֿיל געבעטן, איך זאָל אים געבן די בריוו אָפּשיקן, ער האָט מיר עפּעס היינט מאָדנע אויסגעזען, איך הייב זיך אָן צו דערמאָנען אַ סך זאַכן, וואָס וואַרפֿן אַ חשד אויף אים, און האָף, אַז איך וועל ביי אים אַרויסקריגן דיינע בריוו, וואָס דו האָסט געשריבן, און איך האָב ניט דערהאַלטן".

יוסף האָט זיך דערשראָקן, וואָרום ער האָט פּלוצים דערהערט שווערע טריט, ווי עטלעכע מענטשן גייען גלייך צו זיין טיר. ער האָט געלאָזן דעם בריוו אויפֿן טיש, געעפֿנט די טיר, און איז פֿאַרשטיינט געוואָרן, אַז ער האָט דערזען דעם פּריוואַט־פּריסטאַוו פּאַנאַטייעס און אַ פּאָר פּאָליציייסקי

— דאָס זענט איר, יוסף ראָזענבערג? — האָט געפרעגט דער פּריוואַט-פּריסטאַוו אויף רוסיש.

— דאָס בין איך! — האָט יוסף שטאָלץ געענטפערט.

— ערלויבן זיי אייערע דאָקומענטן! — האָט געזאָגט דער פּריסטאַוו.

יוסף האָט באַוויזן זיין פּאַספּאָרט און זיין שיין, דאָס עס איז אים ערלויבט צו וווינען אין פּעטערסבורג.

— איז דאָס אייער געלט? — האָט אים געפרעגט דער פּריסטאַוו, באַווייזנדיק אים אַ פּאַפּירענעם רובל.

— ניין! — האָט יוסף געענטפערט.

— איר זענט היינט געפאָרן מיט אַ בירזשעניק?

— יאָ! — האָט ער אים געענטפערט.

— נו, האָט ער געבראַכט דאָס געלט, געזאָגט, אַז איר האָט אים געגעבן דעם רובל, און דאָס איז אַ פאַלשער. ער האָט געבעטן ביי אייך איבערבייטן און איר האָט ניט געוואָלט. נאָך דעם געזעץ דאַרפן מיר מאַכן ביי אייך אַ אונטערזוכונג. אויב ביי אייך וועלן זיך ניט געפינען קיין חשדיקע זאַכן, זענט איר פריי, אַז ניט, מוזן מיר טון לויטן געזעץ.

די פּאָליציייסקע האָבן געזוכט ביי אים אין קאַסטן, און האָבן אַן אָרט ניט איבערגעלאָזן, און גאָרניט געפונען. דערנאָך זענען זיי צוגעגאַנגען אַרונטערנעמען דעם מאַנטל און זוכן אין אים.

— דער מאַנטל איז ניט מיינער, איך האָב אים היינט פאַרביטן אין באָד־אַנשטאַלט, איך האָב דערויף עדות, — האָט געזאָגט יוסף, — וואָס דאָ וועט זיין ווייס איך ניט!

— דאָס איז ניט מיין זאַך — האָט געזאָגט דער פּריסטאַוו — דאָס מאַכט אָבער אויף אייך מער חשד.

און מיט די ווערטער האָט ער אָנגעהויבן צו זוכן אין די קעשענעס. ענדלעך האָט ער דערטאַפּט: אונטערן קראַגן איז געווען איינגענייט אַ פּאַפּיר, מען האָט דאָס באַלד אויפגעטרענט און אַרויסגענומען. דאָס איז געווען אַ פאַרקלעפּטער קאָנווערט, אויפן קאָנווערט איז געווען אויפגעשריבן יוסעפס אַדרעס.

— דאָס איז אייער אַדרעס? — האָט געפרעגט דער פּריסטאַוו.

— מיינער! — האָט געענטפערט יוסף, אַ כאַפּ טוענדיק דעם בריוו. דאָס איז געווען ראָזעס האַנטשריפט. ער האָט געעפנט, אָבער

אינווייניק זענען נאָר געווען עטלעכע זילבער שיינען. דער פּריסטאַוו האָט באַטראַכט דאָס געלט, דאָס זענען געווען פֿאַלשע. יוסף איז צעמישט געוואָרן און געבליבן אין אָנמאַכט, און האָט זיך ערשט דאַמאָלס אויפגעכאַפּט און געפֿילט, וואָס עס האָט זיך דאָ צוטאָן, אַז מען האָט אים געלאָזן אין אַ פֿינסטערן צימער איינעם אַליין, די דיר פֿאַרשלאָסן, און אַרום אים איז געווען טרויעריק און פֿינצטער. דאָ איז אים אַלץ קלאָר געוואָרן. ראָזע האָט צו אים געשריבן, די בריוו פֿלעגט איבערנעמען דער סטרוזש, און ער האָט אים איצט באַגראָבן, אים אַריינגעוואָרפֿן אין דער גרוב פֿאַר זיין גוטסקייט, וואָס ער האָט אים אַרויסבאַוויזן. דאָ האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז דער סטרוזש איז אונטערגעקויפֿט. אַז ער האָט זיך אָנגעהייבן אַרומצוקוקן ווו ער איז, איז אים אַדורך אַ שוידער, ניט מער ווי פֿיר ווענט, אַ בריק, אויבן ליגט אַ טופּיאַק. — „אָ, אויף דעם וועל איך דאַרפֿן דאָ מיינע טעג און נעכט פֿאַרברענגען! אָ, גאָט, דו שטראָפֿסט צופֿיל, דו שטראָפֿסט מיך אומזיסט! איך ווייס, מיין האַרץ, מיינע הענט זענען ריין, און פֿאַר וואָס שטראָפֿסטו מיך אַזוי האַרט? באַהיט נאָר מיין ראָזען, זי זאָל דאָס ניט וויסן, זי זאָל ניט ליידן! איך בין צופֿרידן, גאָט, דו האָסט מיר דיין ליכט אויף איין מינוט געוויזן, איך האָב דאָס גוטס גענאָסן איין אויגנבליק, און איצט באַצאָלסטו מיר מיט אַזוי פֿיל שמערצן, ליידן און צרות, אָבער פֿאַרהיט נאָר מיין ראָזען, אָ, גאָט, אין הימל!” יוסף האָט זיך ביטער פֿאַנאַנדערגעוויינט, און צוגעשפּאַרט דעם הייסן שטערן צו דער קאַלטער נאַסער וואַנט, און זיך פֿאַרלאָרן אין זיינע פֿינצטערע, צעמישטע געדאַנקען!

דער פּריסטאַוו האָט צוגענומען אַלע פּאַפּירן זיינע, און געלייגט אַ זיגל אויף זיי. אַזוי אויך דעם בריוו, וואָס יוסף האָט אָנגעהויבן שרייבן צו זיין ראָזע, און דאָס אָפּגעשיקט מיט אַ ראַפּאָרט צום פּאָליצמייסטער.

אין קאַנטאָר האָט מען זיך געוווּנדערט, וואָס יוסף קומט ניט אַ גאַנצן טאָג. ביינאַכט איז דער בוכהאַלטער געגאַנגען צו אים געוויר ווערן, און איז ביזן טויט דערשראָקן געוואָרן, אַז די ווירטין האָט אים דערציילט, אַז מען האָט אים אין „אוטשאַסטאָק”*) אַוועק-

*) פּאָליצײ-צירקל.

געפירט. און ווי פיל דער מענטש האָט זיך ניט באַמיט צו דערגיין ווו ער איז איצט, האָט ער דאָס פּאַר קיין געלט ניט געקענט דער־גיין. ער האָט באַלד געשריבן רבי יצחקן וועגן דער געשיכטע, דער גאַנצער קאַנטאָר איז געווען גערירט. ביי ווען מען האָט געפרעגט, האָט איטלעכער אָפּגעשיקט צו דעם אַנדערן, און אַז דער בוכהאַל־טער האָט זיך צו איינעם שטאַרק צוגעזעצט, ער זאָל אים אויסזאָגן, ווו יוסף איז, האָט ער אים געענטפערט, אַז ער ראַט אים בעסער, ער זאָל אויפהערן זיך נאָכצופרעגן וועגן אים, וואָרום ער זיצט איבער זייער אַן ערנסטער זאַך, קען פאַלן אַ חשד אויף די, וועלכע עס האָבן מיט אים צו טון געהאַט. אַזוי איז אונזער אומגליקלעכער יוסף גע־זעסן, און קיינער האָט פון אים ניט געוווסט.

ג

ביז שפּעט אין דער נאַכט

אין דעם אָוונט פון דעם זעלבן פרימאָרגן, וואָס מען האָט יוסףן אַריינגעזעצט אין פּעטערסבורגער טורמע, אין דעם אייגענעם אָוונט, וואָס יוסף איז ווי אַ צעמישטער געזעסן אויף דעם בריק אין פינצטערן צימער אַליין און מורא געהאַט צוצולייגן דעם קאָפּ אויפן שטרוי־זאַק, — אין דעם שרעקלעכן אָוונט איז אין מאָהיביל, אין פּאָרשטעטל, פרידמאַנס הויז געווען האַלב אילומינירט. דער פאַרבייגייער האָט געקענט זען דורכן פענסטער ווי ביים טיש איז געזעסן פרידמאַן, געדרויכערט אַ ציגאַר, אַנטקעגן אים איז געזעסן אַ דיקער ייד מיט אַ האַלב-קורצן סורדוק און מיט די פינגער געקלאַפּט אויפן טיש. דערביי זענען געשטאַנען צוויי יידן, איינער אַ נידעריקער מיט אַ גראָבן נאָז, און דער אַנדערער אַ מאָגערער אַן אויסגעוויקטער, און געטופּעט מיט די פיס און געמאַכט מיט די הענט. דער ניט היגער האָט געקענט מיינען, אַז דאָס האָט זיך אָפּגעריסן אַ משוגענער פון קייט און איז אַריין אַהערצו און פלוידערט ווי אַ משוגענער, דער היגער אָבער האָט אים באַלד דערקענט, אַז דאָס איז משהלע דער משוגענער, וועלכער עס רעדט אַ שידוך פאַר די מחותנים. דער געניטער מענטש וואָלט פאַרשטאַנען נאָך זיינע תנועות, וואָס ער האָט גערעדט, וואָרום זיינע ווערטער האָבן אפילו די וואָס האָבן געהערט, אויך ניט פאַרשטאַנען. מען האָט פיל שכל דערויף ניט באַדאַרפט האָבן, נאָר אים איין מאָל באַדאַרפט הערן, ווי ער רעדט אַ שידוך. ביין פענצטער האָט זיך אַנידערגעשטעלט אַ מענטש און געפּרובט הערן. אָבער ער האָט ניט געקענט אונטערשיידן, וואָרום די ביידע שדכנים האָבן זיך געקריגט און גערעדט אינאיינעם, דער מענטש און אומגעגאַנגען הין און צוריק, ביז ער האָט דערזען דעם סטרוזש איז

האָט אים געבעטן, ער זאָל אַרויסשיקן משה שנייאורן. קוזמאַ איז אַריינגעגאַנגען און אים אַרויסגערופן.

— נו, אַז מען וואָלט אַזוי אויף משיחן געוואַרט, וואָלט מען זיך אַמאָל, דאַכט זיך, דערוואַרטן, — האָט געזאָגט דער מענטש.

— וואָס איז נייעס, רבי לייב, — האָט געפרעגט משה שנייאור.

— ווי זיך בעסער ניט געווונשן, — האָט געענטפערט רבי לייב.

— קום צו מיר אינדערהיים, אָדער אין דער ברויערײַ.

— בעסער צו דיר אַהיים, — האָט געזאָגט משה שנייאור.

זיי זענען אַוועק. אַריינקומענדיק, האָט ר׳ לייב אַרויסגענומען אַ טעלעגראַמע און געגעבן משה שנייאורן איבערצולייענען. משה שנייאור האָט זיך אַביסל געמאַטערט אויף די רוסישע בוכשטאַבן, ער איז געווען אַ קנאַפּער קענער, דערנאָך האָט ער קוים פאַנאַנדערגעקליבן: „די סחורה איז פאַרשלאָסן, איבערגעגעבן אין זיכערע הענט, הוצאות איז געפאַלן צוויייהונדערט אייגאונזעכציק רובל. אַרויסצושיקן באַלד דאָס געלט. מען זאָל הלילה ניט דאַרפן אויסלייזן די סחורה פאַר דער צייט — חיים און קאַמפּ״

משה שנייאורן האָט זיך אין האַרצן אָפּגעריסן, אַז מען האָט אים דאָס פאָרגעלייענט און דערקלערט וואָס מען מיינט דערמיט.

— וואָס שרעקסטו דיך, — האָט געפרעגט רבי לייב, — זיי ניט קיין קינד, ווי דען, מיינסטו, וואָלטסטו פון אים פטור געוואָרן!

— איך שרעק זיך ניט, אָבער איך האָב מורא, מען זאָל אים ניט פאַרשיקן אויף אייביק אין קאַטאָרגע, — האָט געענטפערט משה שנייאור.

— דו ביסט נאָך אַ קינד, ניט האָב קיין מורא, די ערשטע זאַך, טוט זיך ניט אַזוי גיך, ווידער וואָס ווען, וועט ער זיצן אַ פּאָר יאָר, און דערנאָך אפילו אויב מען וועט אים פאַרשיקן, וואָס איז דאָ פאַר אַ דאגה? צי ביסט ניט אַ בעלן צו גיין פאַר אים?

— לאָז ער גיין פונמיינטוועגן אין דער ערד, — האָט געענטפערט משה שנייאור, — אָבער וואָס הייסט מען איצט אָן צו טאָן? איצט איז די גאַנצע שוועריקייט!

— זאָג מיר אַקאָרשט, ווי האַלט מיט דיין שווער און שוויגער, — האָט געפרעגט רבי לייב.

— די שוויגער איז קראַנק, דער שווער איז אַ קאַלטע קוזניע. אים האָט ניט געאַרט כאָטשבע אויף מאָרגן, ווי יוסף איז אַוועקגע־

פאָרן, טאָן אַן אנדער שידוך. וואָס זאָל איך דערציילן, ווי ער איז איצט אויף אים אין כעס איבער די טויזנט רובל, וואָס יוסף האָט אים באַדאַרפט אָפּשיקן אויף דער אָנווייזונג, וואָס ער האָט אים געשיקט. איך האָב אים קלאָר געמאַכט, וואָס יוסף איז, און איצט הייבט ער שוין אָן צו גלויבן, וואָס שטאָט צערעדט אויף אים. פון קאַנטאָר האָט ער דערהאַלטן אַ בריוו, אַז מען האָט די אָנווייזונג איינגעצאָלט און פון יוספן האָט ער איין שורה ניט דערהאַלטן. דער בריוו וואָס ער האָט דערהאַלטן פון יוספן, האָט אים אַזוי אויפגעבראַכט, אַז ער האָט פאַר כעס געהייסן עפענען יוספס קעסטל, ווי איך האָב אַן עצה געגעבן. און דאָרטן האָט ער געפונען אָנגעגרייטע שטיקלעך חמץ, וואָס עס האָט אים זיין גאַנצן סדר צעשטערט, אַ בריוו פון זיין מוטער, וואָס זי שרייבט אים, ער זאָל ניט פאַרגעסן, ווער ער איז אינדערהיים, און עצות גוטע, ווי ער זאָל זיך ניט פאַרלאָזן אויפן שווערס יושר, בריוולעך פון ראָזען צו אים און פון אים צו איר, וואָס ער צערעדט דאָרטן וואָס אין אַ קאָרט שטייט, און מאַכט אָפּ חוזק פון שווער און דער שוויגער, פון גאָט און פון רבין. דער שווער איז משוגע געוואָרן לייענענדיק. אַ האָפענונג, דאַכט זיך, אַז מיט אים בין איך שוין פאַרטיק. ווייטער וועגן דער שוויגער איז איצט די בעסטע צייט, זי איז קראַנק, מען טאָר צו איר קיין דאגה ניט צולאָזן, איר וועל איך מאַכן, אַז זי זאָל מיינען, אַז ער איז געשטאָרבן, די גאַנצע זאַך שטייט אויף ראָזען, זי ליבט אים אַזוי הייס ווי געוועז, די בריוולעך האָט זי צעריסן און געשריען, עס זענען פאַלשע, און געשוואָרן, אַז זי וועט בעסער זיך אַ טויט אָנטאָן, איידער אים אויפהערן צו ליבן. וועט איר מיר גלויבן, רבי לייב, אַז צייטנווייז פיל איך, אַז מיר צעגייט דאָס האַרץ, זי איז צו אַלעמען גוט, צו מיר זעלבסט, צו מיינע קינדער, זי גייט אויף דער גאַס קיינמאָל ניט אַרויס, וואָלט שוין גאָט אַ נס טאָן, אַז ער זאָל זי צונעמען פון דער וועלט. איר ווילט לייענען אַ בריוו פון איר?—ביי די רייד האָט ער דערלאַנגט אַ בריוו, און געזאָגט, דאָס קאָסט מיך אויך עטלעכע קאָפּיקעס, מיט צרות האָב איך דאָס פון פּאָסט אַרויסגענומען.

רבי לייב האָט געלייענט, און אַז ער האָט געענדיקט האָט ער געזאָגט:

— איך גלויב, אַז מען קען צעגיין פאַר רחמנות, אָבער אַזאַ רחמנות קען זיין פאַר זיך אַן אכזריות. פאַרפאַלן! וואָלט איך ניט אַנ-

געהויבן, וואָלט איך דאָס ניט טאָן פאַר קיין געלט. אָפּגעטאָן איז אָפּ-געטאָן! קוילן און ניט דערקוילן איז אַן אכזריות, אָבער קוילן אינ־גאַנצן איז נאָר אַ רחמנות און דערויף בין איך שוין אַ בעל רחמים.

— וואָס זאָל מען אָבער איצט טאָן? — האָט געפרעגט משה שנייאור.

— קומט צייט, קומט ראַט! — האָט געענטפערט רבי ליב — פאַר דער הייסער מינוט קען איך דיר גאָרניט זאָגן, לאָמיר מאַכן אַן ענט־פער אויף ראָזעס לעצטן בריוו, און אין דעם בריוו זאָל איר יוסף מחילה בעטן פאַר זיין פרייהייט, וואָס ער האָט געבראָכן. די קריג נאָר איינעם, וואָס זאָל נאָכמאַכן זיין האַנטשריפט.

— אַזעלכן האָב איך. ער האָט מיר אַמאָל שוין געדינט און האָט ראָזעס האַנטשריפט נאָכגעמאַכט. אַז ניט מיין נאַרעשקייט, וואָס איך האָב יוספן געבעטן ער זאָל ניט איילן, וואָלט איך צו דעם גאַנצן עסק ניט אָנגעקומען.

— גוט! — האָט געזאָגט רבי ליב! — זע אַקאָרשט, אַז ביז מאָרגן זאָל פאַרטיק זיין, דו וועסט מיר מיטגעבן און איך וועל דעם בריוו פון פעטערסבורג אָפּשיקן.

— אין מחשבותן, האָסטו ניט די יתר־המעות? איך האָב אַ קאָ־פּיקע אויפן וועג ניט.

— איר וועט מיר גלויבן, איך האָב ביי זיך אַ קאָפּיקע ניט,— האָט געזאָגט משה שנייאור,—איך וועל אייך מן הסתם מאָרגן ברענגען.

— איך מוז אָבער האָבן אָט שוין פאַר מיין פלונית. משה שנייאור, דו זעסט, אַז איך פאַרדין ניט, אָט שרייבט מען מיר פון פעטערסבורג, איך זאָל אַרויסשיקן, אָדער אַז ניט, מוז מען די סחורה אויסלייזן פאַר דער צייט. ברודער, ביסטו אַריינגעקראָכן, סטאַרע זיך אַרויסצוקריכן.

משה שנייאור האָט אַרויסגענומען אַ הונדערטער און אַרויפגע־לייגט אויפן טיש.

— און אויף נאָך דריי וועסטו געבן אַ וועקסל?

— געננג!

— משה שנייאור, איך נעם אַ קאָפּיקע ניט, — שרייב אונטער דעם בלאַנק, אַז ניט גייט עס ניט.

משה שנייאור האָט אונטערגעשריבן, און פון קנאה און שנאה האָט ער קיין רעכענונג זיך ניט געקאָנט געבן, אַז אים וואָלט פיל

נוצלעכער געווען, אַז ער וואָלט מיט יוספן גוט לעבן און דאָס געלט בעסער צו זיך אין קעשענע אַראָפּגעלאָזן, וואָס ער צעטיילט איצט חברה, אָבער קיין גנב, קיין באַטריגער באַטריגט ניט מיט שכל. דער שכל ווייזט, אַז עס לוינט בעסער ערלעך און גוט צו זיין פון אייגן נוצן, איידער אומערלעך און באַטריגעריש, און משה שנייאור איז אויך קיין גרויסער מאַטעמאַטיקער ניט געווען אויסצורעכענען וואָס פאַר אים איז בעסער!

— יעבור עלי מה! — האָט ער געזאָגט, — עס מאָג זיין וואָס עס וויל, איך מוז איר ווייזן, דער פרינצעסין, וואָס פאַר אַ שפּין איך בין! יאָ, אַ מצוה זי צו באַגראָבן און באַשיטן. וועלכע נוצן האָב איך פון איר שיינער צורה? וועלכע נוצן פון איר בילדונג? מיין ווייב איז אַ פּראָסטע יענטע, מיר האָט מען די ערגסטע געגעבן, און קוקן, ווי לייטן גיט מען די בעסטע. ניין! איך מוז איר אַזוי ווייט ברענגען, אַז זי זאָל צו מיר אָנקומען בעטן דעם ביסן ברויט, אַז זי זאָל מיך האַלטן פאַר איר דערנערער, און דאַן וועט מיין לייקע מעגן אַנטשלאָפן ווערן, און דער שפּין וועט זיין איר מאַן, וועלכן זי וועט קושן און מוזן אַכטן. דאָס מוז אויסגעפירט ווערן. איך נעם זיך דאָס פאַר, ווען איך ווייס דעם גאַנצן שווערס געשעפט דורך דעם צעשטערן און זיין גאַנץ הויז צו פטרן, מיר קומען אַרויף טויזנט עצות ווי אים צו באַגראָבן. אַ גוטע נאַכט, ר׳ לייב, טוט וואָס איר קענט, איך וועל ניט אָפּשטיין!

— דו ביסט צופיל צעהיצט. — האָט געענטפערט ר׳ לייב — האָב דעם כלל, אַז אַלעמאָל און ביי יעדע זאַך מוז מען קאַלט בלייבן. וואָס עס האָט זיך אָן מיר געווענדט, האָב איך, דאַנק גאָט, אויסגעפירט, ניט דיין ראָזע וועט שוין דערלעבן צו זען איר יוספן, און ניט יוסף וועט שוין דערלעבן צו זען זיין ראָזען. דו געדענקסט, ברודער, אַז דיין גאַנצער יהי רצון איז נאָר געווען, אַז מען זאָל יוספן מיט ראָזען קענען צעשיידן, נו, איז שוין דאָס ברוך השם אויסגעפירט, טאָ באַסטאַ! ביסטו אַ געשיקטער איידעם, האָסט ביי דיין שווער אַ דעה, און אַז דו ביסט קיין יונג ניט, טאָ מאַך ווי דיר זאָל זיין בעסער, זיי קאַלטבלוטיק און וואַרט. טו באַקלערטערהייט! ביז גאָט וועט איר צושיקן אַ חתן, וואָס זאָל קיין צוויי ניט קענען איבערציילן, דו סטאַרע זיך גוט צו ווערן מיט ראָזען, זיי מפליא איר חתן

וואָס מען וועט איר ריידן דורך דיין מבינות, און דו זיי נאָר אַ מבין אַ גוטער.

— ווו איז שרוהקע? — האָט משה שנייאור געפרעגט.

— זי פרעגט ביי מיר וווהין איך גיי? אַ גוטע נאַכט. איך מוז נאָך היינט ביינאַכט אויפשרייבן די פאָרשריפט פאַר יעקב היימאַן, און זען דעם בריוו צוגרייטן ווי געהעריק.

משה שנייאור איז זיך אַרויסגעגאַנגען אַ צעקאָכטער. זיין שוואַרץ האַרץ איז שוין פול געווען מיט שוואַרצע געדאנקען, ווי צו שרייבן אַ בריוו פאַר יוספן צו ראָזען. קומענדיק אַהיים האָט ער אַרויסגענו־מען אַ גאַנצן פּאַק יוספס, בריוו וואָס ער האָט געשריבן צו ראָזען און זיי זענען אַריינגעפאַלן אין זיין האַנט. ער איז ניי באַלעבט געוואָרן, אַז אים האָט זיך איינגעגעבן אויפצושרייבן אַ בריוו ווי מיט יוספס רייד, און האָט ראָזען דערמאָנט וועגן אַלץ וואָס זיי האָבן גערעדט. דאָס אַלץ האָט דער נידערטרעכטיקער מענטש אַרויסגעשעפּט מיט זיינע בלוט־טיקע הענט און האָט אויף די ליבע זיסע רייד אַרויפגעגאָסן גיפט פאַר ראָזען, אָפּצורייסן איר האַרץ פון יוספן אָנשטאָט דעם, וואָס יוסף האָט זיך גליקלעך געשעצט, אַז ער האָט געקענט ראָזען באַווייזן, ווי הייליק זענען אַזעלכע עראינערונגען. אָפּענדיקנדיק דעם בריוו, האָט ער גענומען אַ גרויסע גלאָז בראַנפן, און האָט אויסגעטרונ־קען ביזן דעק. ער איז נאָך פון קינדוויס אָן געוווינט געווען צו טרינקען ווי דער גרעסטער חסיד, וואָרום דער טאַטע זיינער איז גע־ווען אַ מענטש אין אַ פּאָדוואַל, און אַ פרומער חסיד האָט דאָך מן הסתם גיט געוואַרט ביז אין זיין בן יחיד וועט זיך באַווייזן דער געפיל צו שנאַפּס און האָט אים מחנך געווען פון באַצייטנס. איצט, אַז ער איז שוין געוואָרן אַן איידעם, אַרומגעוויקלט איבערן קאָפּ אַ טלית, איז דאָך טאַקע אַ מצוה צו טרינקען אַוואָס די וועלט שטייט. דאָס ווייב זיינע פלעגט דאָס באַמערקן און זייער אָפּט פלעגט זי אים מיט טרערן בעטן, ער זאָל ניט טרינקען, וואָרום זי קען צו אים ניט צוטרעטן, אַז פון אים שטינקט בראַנפן. ער אָבער פלעגט איר ענט־פערן מיט דעם מי שברך און אַ געשריי טאָן, זי זאָל זיך ניט מישן אין זיינע עסקים, און אים ניט זאָגן קיין מוסר. ער האָט דאָך ניט באַוויזן אַנידערצושטעלן די גלאָז צוריק, ווי דאָס ווייב איז צו אים אַריינגעגאַנגען און אַ געשריי געטאָן:

— משה שנייאור! דו ווייסט שוין?

— וואָס! — האָט געפרעגט משה שנייאור.

— וואָס עס טוט זיך מיט יוספן? גאָט ווייס, וואָס דאָס איז! גזלן, מיר זאָגט דאָס האַרץ, אַז דאָס וואַקסט פון דיר, האָב גאָט אין האַרצן! וואָס האָסטו צו אים?

— וואָס ווילסטו פאָרט?—האָט משה שנייאור געזאָגט, אָנציענדיק אַ יראת שמים פנימל — וואָס ווייסטו, איך שווער דיר, איך ווייס אַ האָר ניט.

— ער זיצט אין פעטערסבורג, עס איז ערשט אַ טעלעגראַמע געווען, מען שרייבט, מען ווייס ניט פאַרוואָס. אָ, וועמען האָט ער נאָך שלעכטס געטאָן, און דאָך אַזוי פיל שונאים! אומעטום, אפילו דאָרטן האָט מען אים אויך באַגראָבן. הער, וועמען דו וועסט איינ־רעדן, אַז דו ווייסט ניט, אָבער מיר ניט. גאָט זאָל מיר נאָך אַזוי מזכה זיין אים צו זען אין פריידן, ווי דאָס וואַקסט פון דיר. דו וועסט קיין אויסלייטערניש ניט האָבן. גענומען אַזאַ ליב קינד און אים אַריינגעוואָרפן אין אַ גרוב, אַזוי ווי די ברידער האָבן אַריינגע־וואָרפן יוספן אין שלאַנגען־גרוב איבער דעם, וואָס דער פאָטער האָט אים ליבער געהאַט. אָ, גזלן, און אַליין וועסטו נאָך אַ האַרץ האָבן צו ברענגען דאָס בלוטיקע העמדל, וואָס דיינע אייגענע הענט האָבן באַפלעקט, ברענגען פאַרן פאָטער, פאַר ראָזען, וועלכע קלאָגט, און יאָמערט נאָך אים באַצייטנס, און זאָגן, אַז אַ ווילדע חיה האָט אים צעריסן! אָ! משה, משה! קיין ווילדע חיה וועט ניט טאָן דאָס וואָס דו! האָב רחמנות אויף אים, אויף ראָזען, אויף דער מוטער, און אויף זיינע עלטערן, וועלכע האָבן דיר געוויס קיין בייז ניט געטאָן, און וועלכע דו קענסט גאָרניט!

— אַלע די בייזע חלומות זאָלן אויסגעפּאַטלט ווערן צו דיין קאָפּ! — האָט זיך אָפּגערופן משה שנייאור אָנגיסנדיק די גלאָז נאָכ־אַמאָל,—ווי געפעלט דיר אַזאַ אַקט, נו, אַ שטראָף, אַ נאַר אַ ווייב, אָבער הער וואָס איך זאָג דיר: וועל איך הערן פון דיר נאָכאַמאָל אַזעלכע רייד, זאָלסטו וויסן זיין, אַז דו וועסט בלייבן אַן אייביקע עגונה.

— עס לעבט אַ גאָט!—האָט לייקע אַ געשריי געטאָן,—ער זעט אַלץ און ווייס, ער וואַרט לאַנג און באַצאָלט גיך. ניט פאַרגעס, אַז איך ווייס, מיט וועמען דו האָסט געשעפטן, מיט לייב סאָרקין. משה שנייאור, אויף דיינע קינדער האָב רחמנות, האָב מורא פאַר גאָט, ער קען דיר חלילה באַצאָלן מדה כנגד מדה!

ד

רחמנות ביי אַ וואָלף

משה שניאור האָט מיט די ציינער געקריצט און געכאַפּט אַ לייכטער און געוואָלט טרעפן זיין ווייב איבערן קאָפּ. אויסלאָזן זיין גיפט צו איר, אָבער אין דער מינוט האָט זיך געעפנט די טיר, און ראָזע איז אַריין בלאַס ווי אַ טוך, רויטע פאַרוויינטע אויגן, אָנצוקוקן זי אין דער מינוט איז געווען שרעקלעך, איר געזיכט, איר ליב עלנט אויסזען האָבן געקענט ווייך מאַכן די האַרטסטע הערצער. נאָכמער וואונדערלעכער איז געווען איר באַווייזן זיך איצט אַזוי שפּעט אין דער נאַכט, נאָכדעם ווי זי איז שוין דאָ כמעט אַ האַלב יאָר ניט געווען. לייקע איז דערשראָקן געוואָרן פון איר צורה, און משה שניאור האָט אַ כאַפּ געטאָן די פאַנאַנדער־געוויקלטע פּאַפּירן.

— איך ווייס שוין פון אַלץ. איר דאַרפט זיך פון מיר ניט היטן! — האָט ראָזע געזאָגט זיך אַרומקוקנדיק.

לייקע האָט זיך פון וויינען ניט געקענט אָפּהאַלטן און איז אַרויס פון צימער, ראָזע איז געבליבן מיט משה שניאורן אַליין.

— משהנקע! האָב רחמנות, ניט אויף מיר, אויף אים! אויף יוספן! טו איבער מיר וואָס דו ווילסט, שנייד מיר דעם קאָפּ אַראָפּ. נאָר אים קוילע ניט! ער איז גאָר אומשולדיק. ער האָט זיך ניט מיט זיין ליבע צו מיר כריער אויסגערופן! איך האָב אים אַזוי ווייט געבראַכט. און אָן מיר זיי זיך נוקם, וואָס איך האָב געמיינט, אַז איך בין אויך פרידמאַנס אַ קינד, און גאָר אומגערן אָן דיין האָב און גוטס צוגערירט, אָבער וואָס האָסטו צו אים? וואָס לאָזטו מיך פריי און אים האָסטו אַזוי אומגליקלעך געמאַכט? משה, משה! ער איז ניט שולדיק! אָ, ער איז ניט שולדיק! איך אַליין בין די גאַנצע פאַרברעכערין, און אָן מיר זיי זיך נוקם!

— ראָזע! — האָט משה שניאור געזאָגט קאַלט, — ראָזע, וואָס ווילסטו, דו ביסט פאַרבלענדט, איך קען מיט דיר ניט ריידן.

— משה שניאור, דו ביסט דאָך אַ מענטש, ניט צווישן ווילדע וועלף געבוירן, דו ווייסט וואָס שולדיק איז און וואָס ניט, דו ביסט דאָך קיין שטיין ניט, דו פילסט אַ ווייטיק, אָ, פיל כאָטש איצט מיינע ליידן און זיינע איין מינוט, און דערבאַרעם זיך!

— ראָזע, באַרויִק זיך, איך וויל מיט דיר ריידן, כל זמן עס איז נאָך צייט דו זאָלסט דערקענען, אַז איך בין דיר קיין שונא ניט, און קיינמאָל קיין שונא ניט געווען. הער מיך נאָר אויס, און דערנאָך רייד וואָס דו ווילסט.

— ניין, משה שניאור, זע מיינע טרערן, איך האָב אַ מענטשן אומגליקלעך געמאַכט, איבער מיר האָסטו אויף אים אַרויפגעוואָרפן, וועד ווייס וואָס פאַר אַ שולד, איבער מיר דאַרף ער נעבעך אָט דער ליבער מענטש פאַרפינצטערט ווערן אין פעטערסבורגער טורמע. אָ, זאָג מיר נאָר וואָס האָסטו אויף אים פאַרמסרט, אויסגעטראַכט. מער פאַרלאַנג איך פון דיר ניט!

— ראָזע, דו ווייסט, אַז איך בין גאָרניט מחויב צו הערן פון דיר אַזעלכע רייד. וואָלט איך ניט געווען איך, וואָלט איך דיך פון מיין שטוב אַרויסגעטריבן פאַר דיינע ווערטער, אויסטראַכטן אויף מיר אַזעלכע זאַכן, וואָס עס דאַרף טאָן אַ הורג נפשות, נאָר ווייל איך אַכט דיך, ראָזע, ווייל דו האָסט אַ געפיל און האָסט ליב געהאַט יוספן, וועלכן איך האָב דאָ אין שטוב אַריינגעפירט, און געסטאַרעט זיך אים גליקלעך צו מאַכן, כל זמן ער איז דאָס נאָך אין אמתן ווערט געווען, דערפאַר אַליין וויל איך דיר איצט ווייזן, אַז איך האָב אויך ניט ווייניקער געפיל פאַר אים און פאַרשטיי דיך צו שעצן טויזנט מאָל מער פאַר אים און דיר באַווייזן, וואָס איך טו פאַר דיר, וואָס פאַר אַ גוטער פריינט איך בין דיר, כאָטש דו שילסט מיך און שפייסט אויף מיינע טריט. דו מיין ניט, חלילה, אַז יוסף זיצט. הלוואי וואָלט ער געזעסן, ווי דו וואָלסט זיך אַזוי אומגליקלעך נישט פילן ווי איצט!

— משה, וואָס איז דען מיט אים? — האָט ראָזע אַ געשריי געטאָן מיט אַ ציטערנדיקע שטימע.

— הער מיך אויס אינגאַנצן, רייס ניט איבער מיינע רייד, זאָג מיר נאָר, וואָס האָט דיר יוסף געשריבן ביז היינט? זוך נאָך אין

זיינע בריוו און דו וועסט שוין אַליין פילן, ווי עס האַלט מיט אים.

— ער האָט מיר נישט געשריבן, אָדער זיינע בריוו זענען ביי דיר, גיב זיי מיר אַוועק, האָב גאָט אין האַרצן, איך קען דיך ווייטער ניט הערן, גיב מיר זיינע בריוו, משה שניאור!

— זיי דאָך ניט ווילד, ראָזע! אַ פרעמדער קען מיינען, דו ביסט פון זינען אַראָפּ, וואָס איז דאָס פאַר אַ קולות?

— אָ, משה שניאור, איך האַלט שוין ניט ווייט דערפון, אָבער איצט בין איך קלאָר, דו זאָגסט, יוסף זיצט ניט אין טורמע, און וואָס איז אָבער די דעפּעשע?

— ראָזע, איך בעט דיך, הער מיך פריער אויס מיינע רייד און דערנאָך וועסטו וויסן, ווי מיט מיר ריידן.

— רייד, רייד, איך וויים מיט וועמען איך רייד, משה שניאור, איך וויל דיר נאָר עטוואָס זאָגן, אַחוץ מיר הערט גאָט אויך דיינע רייד, נאָר דו גלויבסט אפשר ניט אין אים. אָ, גאָט, וועמען זאָל איך דאָ פאַר אַן עדות רופן?

— איך פאַרשטיי ניט, ראָזע, דו ביסט פאַרליבט. ליבע מאַכט דעם קלוגסטן בלינד, און ווען די ליבע ווערט געשטערט, מאַכט זי ווילד און משוגע אויך. ראָזע, איך וויים, וואָס די ליבע איז, און איך האָב מיטלייד מיט דיר, איך פאַרציי דיר, איך וויל דיר נאָר מיין לעצטן און מיין בעסטן וואָרט זאָגן, דו האָסט ניט געזען, ווי יוסף איז דיר פאַלש געווען, אפילו דאָ זייענדיק, ער פלעגט לאַכן פון דיר.

משה שניאור האָט איר דערביי פיל שענדלעכע זאַכן אויף יוספן דערציילט, און דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— איצט פאַרשטיי, אַז די דעפּעשע איז נאָר אַן אָנשטעל. רבי יצחק האָט אים פון קאַנטאָר אַרויסגעטריבן, ער איז אַוועק אין בריטן וועג און וויל איצט הייראַטן אַ קריסטין, ער דאַרף מעטריקעס אום זיך צו קענען טויפן, און וויל אונז איבערשרעקן. ער שרייבט, אַז ער זיצט. ראָזע, איך דאַרף דיר די איבריקע רייד ניט דערקלערן, דיין פאָטער איז דיר געוויס געטריי, פרעג ביי אים, ער וועט דיר דערציילן — ווילסטו הערן, וואָס איך זאָג, בין איך פון דיינטוועגן אויף אַלץ גרייט. איך זאָג זיך ניט אָפּ פאַר דיר נקמה צו נעמען פון אים!

- משה שניאור, דו ביזט אַ מערדער, דו ביזט אַן אַכזר, דו

האָסט ניט קיין מענטשן־געפיל! איך בין געקומען בעטן ביי דיר הילף פאַר אים, און וואָס האָב איך פועל געווען? גאָט, דו האָסט אין דיין וועלט אַלערליי גיפטיקע שלאַנגען באַשאַפן און זיי האָבן געוויס זייער באַשטימונג אין לעבן. דער שלאַנג, דער מענטשן־פרעסער, דער בלוט־זייגער, אָט דער מורין, מיין שוואָגער, איז ניט בעסער פאַר אַ שלאַנג, און האָסט אים גיפט געגעבן, מיר מיין גאַנץ לעבן צו פאַרגיפטן! ער רעדט אויף יוספן! ער פאַרגיפט אונז און פאַר־דאַרבט אונז און פאַרוואָס?

— מיר איז גוט צו הערן דיינע רייד, — האָט זיך אָפּגערופן משה קאַלטבלוטיק, — איך האָב אָבער קיין פאַראיבל ניט אויף דיר, דו ביסט קראַנק, דו רעדסט פון היץ. נאַ דיר אַ האַנט, אַז אין צוויי וואָכן אַרום וועסטו מיט מיר אַנדערש ריידן, דו וועסט דאַמאָלס זאָגן, אַז מורין האָט דיך מציל געווען פון טויט, ער האָט דיר באַוויזן, וואָס איז אמת און וואָס עס איז ליגן, נאָר דו פאַרשטייסט דאָס איצט ניט!

— אָ, ביטער איז מיר, אַז אַזאַ ווילדער וואָלף, ווי דו האָט זיך דערוועקט מיך מציל צו זיין, ער קען אונז דרייען און ווייס אונזער אַלעמענס הארצן. מענטשן ווייסן ניט מער, וואָס זיי זעען און ניט אַלעמאָל פאַרשטייען זיי, וואָס זיי זעען!

— איך זאָג אויך אַזוי, ליב האַרציקער משה שניאור, אין צוויי וואָכן אַרום וועל איך צו דיר אַנדערש ריידן, איך וועל מיט דיר פאַר גאָט אויפטרעטן און דו וועסט אים ענטפערן פאַר אונזער אומרעכט און פאַר דיינע רעכט.

מיט די רייד האָט זיך ראָזע אַ וואָרף געטאָן צום טיר און איז אַרויס. אַריינקומענדיק האָט זי געפונען רוחמקען, זיצנדיק ביים טיש און האָט געשריבן:

- וואָס שרייבסטו? — האָט זי געפרעגט — איך מאג לעזן?

— וואַרט, אָט איך ענדיק באַלד.

ראָזע האָט גענומען דעם בריוו און האָט געלעזן:

„מיין ליבער יוספקע!

איך ווייס געוויס, אַז די דעפעשע, וואָס מיר האָבן איצט „דער־האַלטן, וואָס עס האָט מיך מיט דיין ראָזען קראַנק געמאַכט ביזן טויט, איז אַן אָנגעשטעלטע זאַך פון דיינע שונאים, ווי מיר דוכט זיך, האָבן זיי דאָס געטאָן, ווייל מאָרגן דאַרף קומען אַ מחותן זען דיין ראָזען, דער טאַטע איז אויף דיר אין כעס און האָט געזאָגט: ווי דו ביסט

זוערט, אַזוי באַצאָלט דיר גאָט! די מאַמע איז קראַנק און גאָט זאָל אויסהיטן, אַז זי זאָל זיך דערוויסן. דעריבער, יוסף, אויב דו האָסט דאָס ניט געטאָן מיט אַזאַ אָנשטעל, ווי משה שניאור האָט דערקלערט דעם פאָטער, זאָלסטו באַלד טעלעגראַפירן אונז צו באַרואיקן, און אויב דו האָסט שוין אָן אונז אַלעמען פאַרגעסן, ווי מען זאָגט אויף דיר און ווי מען שרייבט אונז פון פעטערסבורג, טאָ דערמאָן כאָטשבע מיך איינמאָל און געדענק, אַז דו האָסט אומגליקלעך געמאַכט מיין ליבסטע שוועסטער, וועלכע בעט נאָר גאָט פאַר דיר, ער זאָל דיר מוחל זיין. יאָ, גאָט זאָל דיר מוחל זיין, וואָס דו האָסט אָן אונז פאַרגעסן, אָבער דיין גאָט, דיין יידישקייט זאָלסטו ניט פאַרביטן! דערביי בלייב איך דיין טרייע שוועסטער ווי אַלעמאָל, דו ביסט נאָך טריי צו דיין גאָט און צו דיין פאָלק, כאָטש דו ביסט ניט טריי צו די, וואָס בלייבן זייער לעבן־לאַנג אומגליקלעך איבער זייער ליבן דיך. וועסטו אָבער אויסבייטן דיין אמונה, אַזוי ווי מען זאָגט, דו האָסט דיין ראָזען פאַרביטן אויף אַ שיינע קריסטין, דאַן, יוסף, זאָלסטו אויסמעקן פון אלע מיינע בריוו די פאָר ווערטער, וואָס איך האָב זיך אונטערגעשריבן אין זיי: „דיין רוחמקע".

— אָ, ליבע שוועסטער! מיין לעצטער טרייסט אין מיין לעבן,— האָט ראָזע אַ געשריי געטאָן, און זיך אַ וואָרף געטאָן אויף רוחמהס האַלז, זי הייס צוגעדריקט צום האַרצן און יאָמערלעך געוויינט.

— איך ליב יוספן, ראָזע, אַזוי הייס ווי דו! — האָט רוחמקע געזאָגט, — איך האָב דעם טאַטן געבעטן, ער זאָל אַליין פאָרן, ער זאָל טעלעגראַפירן צו רבי יצחקן, ער זאָל דערגיין, וואָס דאָרטן איז, פאַרוואָס ער שרייבט ניט? ער האָט אָבער געענטפערט מיט כעס און געזאָגט, ער ווייס אַלץ און האָט פריער געוווסט, אַז דאָס וועט אַזוי זיין. דו גלויבסט דאָס, ראָזע? ניט גלויב, איך גלויב דאָס אויך ניט, יוסף קען גאָרניט שלעכט זיין! און מיר טאָרן אויף אים ניט גלויבן, וואָס שונאים טראַכטן אויס, אָ, אַז איך דערמאָן זיך טאָמער זיצט ער פאָרט, ווי ווערט מיר דאָס האַרץ טוט וויי!

די גאַנצע צייט, וואָס רוחמה האָט גערעדט, האָט ראָזע זי אַזוי שטאַרק אָנגעקוקט מיט שטאַרע אויגן, אַז רוחמה האָט זיך דערשראָקן:

— וואָס איז דיר שוועסטער? — האָט רוחמה זי געפרעגט, פאַרן האַנט אָנגעמענדיק—וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר? ראָזע, זיי אַ מענטש!

—אָ, שוועסטער, מיר איז דאָס האַרץ פאַרקוועטשט, איך קען ניט דעם אָטעם אָפּציען, מיר טוט ווי דער קאָפּ. האָב רחמנות, גאָט אין הימל, אויף מיר עלנטע! מיין יוסף זיצט אין טורמע, מיר זאָגט דאָס האַרץ, אַז ער זיצט, ער ליידט דאָרטן הונגער, וויינט און קלאָגט וואָס ער ווייס ניט פון מיר, וואָס ער ווייס ניט פאַרוואָס ער זיצט, און איך בין דאָ, איך בין פריי און ערגער ווי געבונדן, און קען אים ניט העלפן. אָ, מיר הייבט אָן דער קאָפּ צו דרייען, אַז איך דערמאָן זיך, וואָסערע שלעכטע מענטשן עס זענען דאָ אין דער וועלט, וואָס ערלויבן זיך דאָס צו טאָן!

— גענוג! ראָזע, ניט וויין, דו זע זיך ביי דיין געזונט צו האַלטן, — האָט רוחמה געזאָגט, — דיר שטייט נאָך פאָר פיל אויסצו־האַלטן, און גאָט ווייס מיט וואָס עס וועט זיך אַלץ ענדיקן? איך שווער דיר, אַז יוסף וועט צוריקקומען, און איז דיר און וועט דיר אויף אייביק בלייבן דערזעלבער, וואָס ער איז דיר געווען בעת ער איז נאָך דאָ געווען. בלייב נאָר דו אים אַזוי טריי. און זיי טריי זיך אַליין.

— אָבער אַז איך וועל אַראָפּ פון זינען? רוחמה טייערע! — האָט געענטפערט ראָזע זי אַרומנעמענדיק, — אָבער אַז איך וועל אויפהערן צו פילן, וואָס עס טוט זיך מיט מיר, דאַן, רוחמה, אָ, דאַן האָב איך מורא, מען זאָל מיך ניט פאַרקויפן! אָט דער געדאַנק אַליין מאַכט מיך משוגע.

רוחמה האָט איר געהאָלפן צום בעט גיין, און ראָזע איז ווי אין אַ צעמישטקייט אָפּגעלעגן ביז טאָג.

ה

די מוטער מיט איר טאכטער

שווער און ביטער האָבן ראָזע מיט רוחמהן איבערגעלעבט אַ פּאָר וואָכן, צייט עס איז די דעפּעשע אָנגעקומען וועגן יוספן. דער שוואַרצער האָט זיך געטאָן זיינס, און פרידמאַנס שטוב האָט זיך ניט אויסגעליידיקט פון שדכנים. איטלעכער האָט דערציילט, וואָס ער ווייס פון יוספן. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז ער האָט זיך שוין געטויפט, און אַנדערע האָבן דערציילט, אַז ער האָט אַ קלויסטער אויסגעגנבעט, און דערפאַר האָט מען אים פאַרשיקט אין סיביר אויף פינף און צוואַנציק יאָר קאַטאָרגע, און וויפיל זיי האָבן אים געשאָלטן און באַ־רעדט, אַזוי פיל מערער האָבן זיי געלויבט זייערע חתנים, וועלכע זיי האָבן גערעדט ראָזען. ראָזע פון איר זייט האָט געטאָן, וואָס איר איז מעגלעך געווען זיך אָפּצובאָרן, און וויפיל פרידמאַן האָט זיך ניט געסטאַרעט, זי זאָל זיך פאַרגעסן אָן יוספן און געזידלט פאַרוואָס זי פּוצט זיך ניט אויס פאַר די מחותּנים, האָט ער דאָך ניט פועל גע־ווען, די מוטער האָט שוין דאָס אַלץ דערוווסט! און ווי שווער איר איז נאָך געווען צו גלויבן אויף יוספן אַזעלכע מיאוסע מעשים, האָט זי אָבער געמוזט גלויבן, אַז עס איז אָנגעקומען רבי יצחקס בריוו, אין וועלכן ער האָט דערציילט, וואָס פאַר אַ גאָרניט יוסף איז געוואָרן, און ווי ער דאַנקט גאָט דערפאַר, וואָס עס איז נאָך קיין תּנאים ניט געווען, און ראָזע איז נאָך פריי. אזן קען נאָך גליקלעך זיין אָב־שטאָט דעם, וואָס מיט יוספן וואָלט זי, חלילה, אומגליקלעך געווען איר גאַנצן לעבן. איצט האָט ער אַן עצה געגעבן, אַז מען זאָל טאָן פאַר ראָזען אַ שידוך, וועט זי ממילא פאַרגעסן יוספן, און דאָס וועט פאַר איר בעסער זיין

דער בריוו איז אָנגעקומען דורך אַ ווילנער אורח, וועלכער

האָט אויך געבראַכט אַ בריוו פון שניאורקען, און קיינער האָט גאָרניט געקענט חושד זיין, אַז דאָס האָט געטאָן דער שוואַרצער. נאָכגעמאַכט אַזאַ בריוו, און דערביי נאָך צוגעלייגט שניאורס אַ בריוו, וועלכן ער האָט פון פאָסט אַרונטערגענומען און אַוועקגעגעבן אַ ווילנער זשוליק, פון רבי סאָרקינס חדר.

אַזויפיל האָט דער בריוו געווירקט, אַז גאָלדע זעלבסט, וואָס איז אַלעמאָל געווען פון יוספס צד, האָט איצט אויפגעהערט צו פאַרענטפערן אים און האָט מסכים געווען צו שרייבן תנאים פאַר איר ראָזען מיט דעם סטאַראָסטעס זון, וואָס מען האָט שוין גערעדט פון צוויי יאָר צייט, און וועלכער איז איר איצט געפעלן געוואָרן, ווייל דער סטאַראָסטע האָט אַמאָל דערציילט, אַז איצט זענען אַלע גבירישע קינדער אין זיין האַנט, וואָרום ווי עס הערט זיך די נייע ליסטעס, וועלן אַלע איין אונצוואַנציק יאָריקע דינען מיליטער־דינסט.

— פאַרקויפן אַ קינד, מיין ליבע ראָזקען, פאַר מיינע איבריקע קינדער וויל איך ניט, — פלעגט גאָלדע זאָגן. — וואָס עס וועט זיין מיט כלל ישראל וועט זיין מיט רבי ישראל. איך גלויב ניט, אַז ישרונס קינדער זאָלן זיין סאָלדאַטן. דער מחותן מאָג צוזאָגן וואָס ער וויל, וועט דער חתן ניט זיין, ווי יוסף איז געווען, וועט ער מיר ניט געפעלן. ווער איך ניט לאָזן. גאָט זאָל נאָר שטאַרקן מיין האַרץ, וואָס אָבער וועט ענטפערן מיין עלנט קינד דערויף?״ דאָס האָט די פרוי זיך ניט איין מאָל, געוויס הונדערט מאָל יעדן טאָג געפרעגט. זי האָט באַמערקט, ווי ראָזע איז טרויעריקער געוואָרן ווי געוויינטלעך, און האָט פיל מאָל געמיינט, אַז זי איז טויב געוואָרן. ווען זי פלעגט דאַרפן ריידן מיט איר, אָדער פרעגן זי עפעס, פלעגט זי איבערזאָגן אירע רייד עטלעכע מאָל, ביז ראָזע פלעגט דאָס פאַרשטיין. זי האָט גאָרניט געקענט באַגרייפן, וואָס איר איז, וואָרום אַזוי האָט זי יוספן די לעצטע צייט גאָר אויפגעהערט צו דערמאָנען, און פלעגט אין כעס ווערן, אַז ווער עס איז פלעגט אָנהויבן צו ריידן פון אים. גאָלדעס האַרץ האָט אינערלעך געוויינט, אַז זי האָט זיך דערמאָנט, וואָס עס האָט זיך מיט איר ליבן יוספן אויסגעלאָזן דורך איר עצה, ער זאָל פאָרן אין פעטערסבורג. איר האַרץ האָט איר געזאָגט, אַז ראָזע ליבט אים נאָך. און זי וואָלט געוויס צופרידן זיין, אַז יוסף זאָל זי נעמען, ווען ער וועט זיך נאָר אומקערן פון זיינע שלעכטע וועגן, וואָס ער איז אין זיי פאַרבלאָנדזשעט

געוואָרן, זי וואָלט אפילו זיך נאָך וועלן לאָזן קאָסטן עפּעס, אַז דאָס זאָל נאָר אויסגעפירט ווערן. אָבער אינמיטן דערמאָנט זי זיך, אַז יוסף זיצט גאָר פאַר זייער אַ קרימינעלע זאַך, אַז אים איז גאָרניט מעגלעך אויסצולייזן, אַז איר מאַן האָט שוין איצט רעכט צו טאָן וואָס ער וויל. פריער האָט זי געפירט און אַ טעות געהאַט, וואָס דאָס האָט אים ניט ווייניק געקאָסט, און איצט מוז זי איבערגעוואַלד אים איבערגעבן די וואָסקעס און ער זאָל קירעווען נאָך זיין פאַרשטאַנד. דערצו נאָך האָט זי אַ ביסל געגלויבט אין באַשערטס, און איר האָט זיך געדאַכט, אַז אפשר צוליב דעם, וואָס זי האָט געוואָלט טאָן מיט יוספן פאַר איר ראָזען און ניט מיט איר אמתן באַשערטן, דעם סטאַרעסטעס זון, דערפאַר האָט איר גאָט געשטראָפט, און זי איז באַלד קראַנק געוואָרן, ווי יוסף איז אַוועקגעפאָרן, און אים אַזוי ווייט געבראַכט. און ווער ווייס, עס קען זיין, אַז יוסף וועט נאָך אויסגעלייזט ווערן, און אָנקומען צו זיין באַשערטער, די אמתע! — אַזוי זעבען שוין די מענטשן, ווו דער פאַרשטאַנד זייערער קומט אין פאַרלעגנהייט און וויסן ניט ווי בעסער צו טאָן, לייגן זיי אַוועק די הענט, און לאָזן איבער עס זאָל זיך אַליין ענדיקן און טרייסטן זיך מיט דעם פוסטן, גאָרניט-באַדייטנדן וואָרט: באַשערט. פריער האָט גאָר גאָלדע אַנדערש ניט געקאָנט מיינען, אַז יוסף איז דער רעכט-באַשערטער, איצט אַז יוסף איז ניטאָ, איז אַן אַנדערער געוואָרן. אַזעלכע באַשערטע קענען מיר האָבן טויזנט! — גאָלדע איז אַריינגעקומען צו ראָזען, מיט איר צו ריידן...

— מוטער! — האָט ראָזע אַ געשריי געגעבן, אַז זי האָט די מוטער האַרט נעבן איר פלייצע דערזען - וועלכע נייעס האָסטו מיר געבראַכט? עס איז אפשר געוועזן אַ בריוו פון פעטערסבורג?

— גענוג דיר, מיין טאָכטער, מיט פעטערסבורג! -- האָט געענטפערט די מוטער, אַרויפלייגנדיק איר האַנט אויף ראָזעס קאָפּ, — בעסער וואָלסטו דעם נאָמען פעטערסבורג ניט געקענט, ווי דיר וואָלט אַסך צרות און ליידן פאַרשפּאָרט געוועזן.

— אַזוי ווייל וואָלט מיר געווען, מאַמינקע, אַז דו וואָלסט מיר נאָר וועגן דעם קיינמאָל ניט דערמאָנט, אַז דיר וואָלט זיך ניט געוואָלט, אַז יוסף זאָל דווקא זיין אַ פעטערסבורגער סוחר. אָ, אויף אונז ליגט די שולד פון זיין אומגליק! ער אַליין איז ניט שולדיק, ער זיצט אין טורמע אומזיסט, מען האָט אויף אים געוויס אַ בלבול גע־

מאַכט, גאָט ווייס וואָס. און איבער מיר זיצט ער נעבעך אין אַ פינצטערער גרוב און ליידט געגוג, וואָס איך האָב אים ליב, וואָס דו, מוטער, האָסט אים פאַר דיין קינד פאַררעכנט. איך גלויב די גאַנ־צע וועלט ניט, ווי לאַנג מיינע אויגן זעען דאָס ניט און מיינע אויערן הערן דאָס ניט פון יוספס אייגענעם מויל!

— ניין, ראָזע, עס איז געגוג. יוסף קען דיר גאָרניט קומען זאָגן, ער זיצט, אָדער דער גוטער יאָר ווייס אים, ווו ער איז. דו זע נאָר, וואָס רבי יצחק שרייבט, אַז ער, וואָס איז דער גאַנצער אויפ־טוער פון דעם גאַנצן פּלאַן, וואָס האָט אים ליבער געהאַט ווי אַן אייגן קינד, קען איצט אַזוי שרייבן, און אונז מזהיר זיין פון אים, ווי פון אַ גיפטיקן שלאַנג. דער ווילנער אורח האָט דעם בריוו פון דער אייגענער האַנט געגומען, וואָס דאַרפסטו נאָך מער אַ ראיה, ווי דאָס איז? ער האָט דיך אומגליקלעך געמאַכט, מיר דאַרפן חלילה ניט בעטן, גאָט זאָל אים באַצאָלן מדה כנגד מדה. מיר דאַרפן נאָר בעטן, מיר זאָלן אים גיכער פאַגעסן, און זאָל אים גאָט אַרויספירן אויפן גלייכן וועג, ער זאָל זיך צוריקקערן צו אים און צו זיינע עלטערן! און ער זאָל דיר צושיקן דיין באַשערטן! זאָלסט מיט אים דיינע יאָרן אויסלעבן אין נחת און אין פריידן.

— אָ, מאַמינקע, הער אויף צו ריידן, איך קען ווייטער ניט אויסהערן, דו זאָגסט מיר פאַרגעסן אָן יוספן! הייסט עס, דו לאָזט זיך אויך נאַרן, און פאַרשטייסט ניט, אַז דאָס איז אַלץ משה שניאורס אַרבעט? און קלערסט גאָרניט איבער, טאָמער מישט זיך דאָ אַריין אַ גאַנצע חברה? ניין! מיין האַרץ איז נענטער צו יוספן און איך פיל, אַז ער איז איבער מיר אומגליקלעך געוואָרן, איך האָב יוספן גע־שוואָרן, און וואָס וועל איך ענטפערן פאַר דער שבועה? מיט וואָס פאַר אַ רעכט קען איך מיין שבועה ברעכן, איידער איך האָב נאָך פון אים איין וואָרט געהערט?

— אָבער, מיין טאָכטער, רייד דאָך ניט אַזוי מיט האַרץ, דיר קאָסט דאָך געזונט. — האָט די מוטער געזאָגט, — יוסף האָט שוין זיין שבועה געבראָכן. גאָט האָט זיך שוין פון אים אָפּגעקערט, ווייל ער האָט אים פון זיין האַרצן פאַרלאָזן. כּלעבן, דו ביז נאָך גאָר אַ קינד, אַז דו קענסט נאָר טראַכטן אויף משה שניאורן אַזעלכע זאַכן, וואָס קיין וואָלד־גזלן וועט דאָס ניט טאָן. ניין, מיין קינד, עס איז שוין צייט, דו זאָלסט זען, ווי ער האָט דיך און מיך פאַרפירט און וויסן

זוו דו האָלסט אין דער וועלט, דו ווייסט דאָך, אַז איך בין ניט אַזאַ מוטער, וואָס איז אויסן איר נצחון אויסצופירן מיט אירע קינדער, אָדער וואָס וויל האָבן אין בית המדרש אַ שיינע מחותנתטע, אָדער זיך איינקויפן אין יחוס. איך וויל ניט מער, אַז דו זאָלסט גליקלעך זיין. אַז איך האָב געזען דו ביזט גליקלעך פאַר יוספן, האָט מיך מיין האַרץ געפרייט און בין געווען העכסט צופרידן, און געטון אַלץ, וואָס מיר איז מעגלעך געווען, געפועלט ביי דעם טאַטן, אַז ביי אים זאָל אויך רעכט ווערן. און עס איז, ברוך השם, געגאַנגען ווי געווונטשן. נו, דאַרף גאָר אַרויפקומען אויף דער דעה, אַז מען זאָל אים אַוועקשיקן אין פעטערסבורג, און דאָרטן זאָל ער זיך גאָר באַקענען מיט זשוליקעס, וואָס האָבן אים פאַרפירט אין אַלדאָס בייז. אָט, וואָס ניט באַשערט, דו מאָגסט מיר גלויבן, אַז איך וואָלט נאָך כאָטש האָבן אַ קליינע האָפענונג אויף אים, וואָלט איך ניט זשאַלעווען ניט מיין געזונט און ניט דיינעם און וואַרטן, זיך פייניקן, ביז גאָט וועט רחמנות האָבן. איצט אָבער, אַז דאָס איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז ער איז שוין פאַרפאַלן אויף אייביק, און דו מיין קינד, דו ביסט נייגצן יאָר געוואָרן, ביז הונדערט יאָר. דער טאַטע קען שוין מער ניט האָרעווען ווי פריער. איך אַליין בין קראַנק, און די זאַך מוז דאָך האָבן אַ סוף. נו, זאָג מיר, אדרבה, מיט וואָס וועט זיך דאָס ענדיקן?

— אָ, מוטער! — האָט אַ געשריי געטאָן ראָזע, — מוטער, מיט מיין לעבן! אָט דאָס וועט זיין דער סוף, וואָס דו ווילסט! ניין, וויילאַנג איך בין נאָך אין מיינע הענט, וועט גאָרנישט זיין, אַז איך וועל שוין זיך אַליין ניט מער געהערן, קענסטו טאָן איבער מיר וואָס דו ווילסט!

און ביי די רייד האָט זיך ראָזע אַרויפגעוואָרפן אויף דער מוטערס האַלז און זיך איינגעקלאַמערט אין איר.

— אָ, מאַמינקע, האַלט מיך, ניט נעם דיין אָפן אויג אַראָפּ פון מיר! איך האָב מער קיין כוח ניט, דו געדענקסט נאָר, אַז איך האָב יוספן געשוואָרן, און יוסף האָט מיר אַמאָל געשוואָרן, און ער האָט זיין שבועה ניט געבראָכן! לאָז מיך רואיק זיין, מוטער, איך דאַרף דאָס, מיין קאָפּ איז מיר שוין פון לאַנג ניט אויף אָן אָרט!..

די לעצטע רייד האָט ראָזע געזאָגט וויינענדיק, די מוטער האָט געפילט אירע הייסע טרערן, און האָט פון באַקלעמונג ניט געקאָנט

ריידן. האָט זי אָנגענומען ראָזען און געזאָגט:

— זיי דיר געזונט, מיין קינד, גאָט זאָל אויף דיר רחמנות האָבן און דיינע ווונדן היילן. ניט געבענטשט זאָל יענער זיין, פון וועמענס הענט דו האָסט זיי!

און מיט דעם איז זי אַרויסגעגאַנגען מיט אַ באַטריבט האַרץ. ראָזע האָט איר טאָגבוך ווייטער געשריבן, עס האָבן זיך אירע טרערן געגאָסן איבער די בלעטלעך, און אַז זי האָט אויפגעהערט צו שרייבן, האָט זי זיך אַליין געפרעגט:

— מיט וואָס וועט זיך דאָס ענדיקן? עס מוז דאָך דאָס אַן ענדע האָבן ווי יעדע זאַך. אָ, ווער קען מיר די ענדע פריער זאָגן! איך קען נאָך ניט שטאַרבן, איך מוז אים זען נאָכאַמאָל, אים באַווייזן, אַז איך בין אים טריי! און ער?...

זי האָט געוואָלט ווייטער שרייבן אירע געדאַנקען, אָבער איר האָט אָנגעהויבן דער קאָפּ צו דרייען, און איז אָנמאַכט געלעגן ביז רוחמה איז אַריין און האָט זי אָפּגעמונטערט.

ו

די לעצטע פּראָבע

ליכֿטיק און העל האָט די זון אַרויסגעשײַנט אויף מאָרגן פֿרי, ראָזע איז געלעגן און געטראַכט:

„אָ, וויפֿיל ליכֿטיקע מאָרגנס האָב איך פֿאַרלוירן, וויפֿיל האָט, געבעך, יוסף אָנגעוואָרן. זעט ער דען די זון אין זײַן גרוב, ווו ער איז איצט? — די זון, דער טאָג, צוויי שרעקלעכע ווערטער פֿאַר מיר, זי ברענגט פֿילײַכט ווערמען ליכט, ווערמען וואַרעמע פֿרײַהייט. וואָס ברענגסטו מיר, דו גרויסע ליכט?"...

רוחמה האָט זיך אָנגעטאָן, און האָט באַלד אַוועקגעשיקט קוזמאַן אויפֿן פּאָסט. דער גוי איז געקומען מיט צוויי בריוו, אָבער ניט פֿון פּעטערסבורג. אין אַ האַלבער שעה אַרום איז אַרײַנגעקומען דער בריוו־טרעגער און האָט געפֿרעגט: ראָזע פֿרידמאַן. רוחמה האָט אים באַלד אַרײַנגעפֿירט צו ראָזען אין צימער. ער האָט איר איבערגעגעבן אַ רעקאָמענדירטן בריוו, אויף וועלכן עס איז געווען איר אַדרעס און אויפֿגעשריבן אָפּצוגעבן אייגנהענטיק.

— דאָס איז פֿון יוספֿן, — האָט אַ געשריי געטאָן רוחמה, — דאָס איז זײַן האַנט.

זי האָט זיך גענומען פֿאַנאַנדערשרײַבן, אַז זי האָט דערהאַלטן, און ראָזע האָט מיט ציטערנדע הענט אויפֿגעריסן דעם קאָנווערט. דאָרט איז נאָך געלעגן אַ קאַרטע, אָבער ראָזע האָט דאַרפֿן ניט געקוקט ווײַל זי האָט געוואָלט לייענען דעם בריוו:

„פּעטערסבורג, דעם 20־טן.... ת"ר...

עלנטע און אומגליקלעכע ראָזע!

שוין די ערשטע ווערטער פֿון מײַן בריוו זאָגן דיר אָן די בייזע בשורה, דאָס דו עלנט און אומגליקלעך ביסט. און איך אַליין,

דער וואָס שרייבט דיר, איז אויך דער וואָס האָט עס דיר געמאַכט! דו ביסט עלנט און אומגליקלעך, ראָזע. אַנטהאַלטן דען די ווערטער ניט דעם גאַנצן גיהנום אין זיך, דאָס איך זאָל דיר נאָך עפּעס שרייבן?

און דאָך מוז איך עס טאָן!

מען פלעגט מיר אַמאָל דערציילן, אָדער איך אַליין האָב ווײַ־ניקסטן אַזוי געמיינט, אַז עס קען קיין זיסערע און בעסערע אַרבעט ניט זיין, ווי דאָס שרייבן צו אַ טרייען פריינט, צו אַזאַ ליבענדע נשמה, אויסצוגיסן דאָס געקרענקטע האַרץ, ווערנד עס איז פול צום צעברעכן, און וועלכער פריינט איז מיר טרייער, וועלכע זעלע איז מיר ליבענדער, ווי די דייניקע, אָרעמע, אומגליקלעכע ראָזע. און דערפאַר איז מיר דאָס שרייבן צו דיר ביטער, ביטער ווי דער טויט. ווען ער וואָלט צו מיר איצט קומען מיך באַפרייען פון דעם שרייבן, וואָלט עס מיר פיל זיסער זיין.

ווי וואָלט איך וועלן איצט שטאַרבן, שטאַרבן ווי עס שטאַרבט אַ ווילטעטיקער מענטש. דער טויט וואָלט מיך פון אַ שרעקלעכער צוקונפט באַפרייען. איך לעב אָבער, און די וועלט האַלט מיך פעסט, מיט קייטן צום לעבן געבונדן, איבערגוואַלד לעבט מען און זעלבסט דעם טויט קריגט מען ניט, ווען ער איז אונז געווונטשן אָן געוואַלד!

ראָזע, וואָס איז די וועלט איבערהויפּט און דער אָרעמער מענטש אין איר באַזונדערס? צי ווירקט די וועלט אויף דעם מענטשן אָדער דער מענטש אויף דער וועלט? ווי וואָלט איך עס גערן וויסן, מיר וואָלט אפשר קלאָר ווערן! צי האָט די וועלט אויף מיר געווירקט, מיך אומגליקלעך צו מאַכן, אָדער צי האָב איך געווירקט אויף דיין שטיל רואיק וועלטל אים פינצטער צו מאַכן אינמיטן טאָג!...

ווער האָט נאָך מיך, מיין געוויסן און אומשולדיק האַרץ גע־קענט, אַזוי ווי דו, אומשולדיקער מלאך? ווער האָט מיך געפילט און אַזוי פאַרשטאַנען, ווי דו, ליבע ראָזע. איך ווייס, אַז ווער עס וואָלט צו דיר געקומען דאַמאָלס, אַז דיינע ליכטיקע טרערן האָבן מיין פינצ־טער האַרץ דורכגעדרינגען, און אַז ביי מיר האָבן זיך אַרויסגעריסן די פּאָר ווערטער: „ראָזע איך ליב דיך!" „איך לייד און ליב דיך!" ראָזע, דאַמאָלס, אַז דיינע זיסע ליפּן האָבן באַרירט די מייניקע צום ערשטן מאָל, ווער עס וואָלט מיר דאַמאָלס געזאָגט: יוסף, דו וועסט אַמאָל אַנדערש ווערן, און די ליבע ראָזע וועט נאָך מיט רעכט אַמאָל

דיין נאָמען פֿאַרשילטן, איך וואָלט דעם מענטשן פֿאַר מיין ערגסטן שונא געהאַלטן און געענטפֿערט: גיכער ווען פֿון מלאכים שדים ווערן, איידער דאָס וועט זיין!” איך וואָלט דעם מענטשן פֿון מיינע אויגן פֿאַרטריבן, און אים געטאָן, וואָס איך וואָלט געקענט. איצונד, אומגליקלעכע, אַז איך בין אַליין דער מענטש, און אַז איך זאָג דיר אַליין: איך בין ווערט, דו זאָלסט מיין נאָמען פֿאַרשילטן, וואָס זאָל איך אויף זיך זאָגן, אָדער פֿאַרוואָס וועסטו מיך האַלטן? פֿאַר אַ שונא! פֿאַר אַ גיפֿטיקן שלאַנג בעסער! אַ שונא בין איך דיר ניט, איך האָב ניט, פֿאַרוואָס דיר אַ שונא צו זיין. אָבער אַ שלאַנג בין איך און איך פֿאַרגיפֿט דיר דיין לעבן. איך וואָלט דיר אָבער מער שונא זיין, אַז אָנשטאָט דעם ביטערן בריוו וואָלט איך דיר שרייבן ליבע ווערטלעך אום דיך צו פֿאַרפֿירן ווייטער, דיך אַראָפּצושלעפּן אין יענעם טיפֿן אָפּגרונט, אין וועלכן איך בין אַליין אַריינגעפֿאַלן, אָ, ראָזע, און האָב מער קיין האָפֿנונג ניט אַרויסצוקריכן!

יאָ, איך בין געפֿאַלן, די וועלט האָט אויף מיר איר גאַנצע בייז אַרויפֿגעקערט. די וועלט האָט צופֿיל אויף מיר געווירקט. אָבער איין פֿונק איז נאָך אין מיין האַרצן ניט פֿאַרלאָשן, און דאָס איז דיין בילד, דיין עלנט, וועלכע לעבט נאָך אין מיר, און נאָך אַלע נידערטרעכטיקייט בין איך צו דיר אַליין נאָך דער זעלבער יוסף!

פֿאַר דיר אַליין טריי און גוט, טרייער און בעסער ווי צו זיך זעלבסט!—דערפֿאַר בעט איך דיר, הער מיך אויס און דערנאָך שילט מיך! איך וויל זיך ניט פֿאַרענטפֿערן, איך וויל דיר נאָר די אויגן עפֿענען, דיר באַווייזן, וואָס עס קען פֿון אַ מענטשן ווערן, ווען ער פֿאַרלירט דאָס געוויכט, ראָזע. דו האָסט געזען אַמאָל אין מאָהיביל, ווי דער אַקראָבאַט איז אויף אַ שטריק געגאַנגען. געדענקסטו, וואָס איך האָב דיר געזאָגט: יעצט גייט דער מענטש זיין לעבנס־וועג אויף אַ דין שטריקעלע מיט אַ באַלאַנס, וועלכן מען רופֿט שכל אָדער יושר. פֿאַרלירט מען, חלילה, דעם באַלאַנס, פֿאַלט מען אַראָפּ. און וואָס מער מען איז געאיבט געווען און העכער אַרויף, אַלץ מער געפֿערלעך איז דער פֿאַל!—איך האָב מיין שכל מיט מיין יושר צוזאַמען פֿאַרלוירן, איך האָב מער קיין באַלאַנס ניט, און איך פֿאַל אויף יעדן טריט!

איך גלויב דיר, אַז דו ביסט ניט שולדיק אין יענעם בריוו, וואָס דו האָסט מיר אין האַנט דערלאַנגט און מיר אין יענער צייט

פיל שמערצן געמאַכט. דאָרט האָט מען מיר דערמאָנט אָן מיין זיצן לײדיק, אָדער אויף פּוסטע וויסנשאַפט מיין צייט צו פאַרברענגען. מען האָט מיר אין דיין נאָמען געשריבן, אַז דיר געפעלט מיין צוועק ניט, צו וועלכן איך קען קומען ביי אייך אין שטוב. היינט הויב איך אָן צופילן, וואָס מען האָט געמיינט דערמיט! דער שטן איז שרעק־לעך קלוג, און וואַרפט זיין גיפטיקן זוימען זעלבסט אין זיין גוטער עצה. אָ, משה שנייאורקע! ווייט האָט ער זיין גיפט געוואָרפן, ער האָט מיך בעסער געמוזט קענען, ווי איך האָב זיך זעלבסט געקענט, ווי אַ בייזער רוח איז מיר דער געדאַנק אַריין אין קאָפּ: וואָס וועט פון מיר ווערן דאָ? וואָס וועל איך אויסזיצן? אין פּעטערסבורג, אין דער גרויסער וועלט האָב איך זיך געריסן, און האָב ניט געוווסט, אַז דאָס ציט מיך דער שד אַהינצו. משה שניאור האָט געקענט מיין כאַראַקטער און האָט געוווסט, וואָס פּעטערסבורג קען פון מיר מאַכן. ער איז דער אויפטוער דערפון געווען און מיין אומגליק האָב איך אים צו פאַרדאַנקען...

ראָזע, איך וויל דיך ניט פירן אין די אַלע שרעקלעכע ער־טער, ווו איך בין געווען ביז היינטיקן טאָג. איך געדענק זיי כמעט אַליין ניט. איך בין ווי באַצויבערט געווען און געקראָכן פון איין גרוב אין דער אַנדערער. אין אָנהויב האָב איך מיר ערלויבט טאָן, וואָס מען טאָר ניט, דערנאָך וואָס מען דאַרף ניט. איך האָב זיך אויפגעהערט צו שעמען און געטאָן לעיני השמש ולעיני העדה. רבי יצחק האָט מיך פון קאַנטאָר אַרויסגעטריבן, מען האָט מיך אויפגע־הערט צו אַכטן, און דאַן האָב איך ערשט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס יענער שכור הערט ניט אויף צו טרינקען, כאָטש דאָס מאַכט אים אומגליק־לעך און פאַרלירט דורך דעם די גאַנצע מענטשן־ווערדע. איך האָב אויך ניט אויפגעהערט, און אַז דער נויט האָט מיך צוגעדריקט, האָב איך ניט געזוכט זיך צו בעסערן, פאַרקערט, זיך צו ערגערן, איך האָב געזוכט רבי יצחקן צו אַסרן אים, אומגליקלעך צו מאַכן. און איך האָב זיך געטרייסט, אַז איך האָב געזונט, דאָס מען האָט פאַר מיר מורא, און דאָ האָט מיר גאָט צוגעשיקט איינע אָן אַקטיאָרין, וועלכע האָט זיך אין מיך פאַרליבט, און ווייל איך בין געווען אין נויט און איבערהויפּט אָן אַן אורטייל, האָב איר אַ האַנט געגעבן, דאָס איך זאָל זיך טויפן און זי הייראַטן.

מיטדערצייט האָט זי מיין ליבע געוווּנען, און איך פיל, אַז זי

איז ווערט, איך זאָל זי ליבן. דו האָסט מיך ליב געהאַט, ווערנד איך בין ווירקלעך ליבנס־ווירדיק געווען, יונג, שיין און אומשולדיק. און דיין ליבע איז אייגנטלעך נור אייגנליבע, דו האָסט געוואָלט האָבן אַ שענערן, אַ קלוגערן פאַר אַנדערע, — אָבער זי, די איצטיקע געליבטע מיינע, האָט מיך ליב באַקומען זעלבסט אין דער מינוט, וואָס איך בין אַן אויסוווּרף, אַ מענטש אַן אַוועקגעלאָזענער אין ברייטן זינד־שטראָם, זי האָט פונמיינטוועגן אַלץ געטאָן, און זי איז ווערט איך זאָל פון איר־טוועגן דעם שפּרונג טאָן און אַריין אין אַן אַנדער געגנט, ראָזע, אין אן אַנדער גלויבן. אָ, גאָט, איך קען ניט! איך קען דאָס ניט! ראָזע, מיין פאָלק איז ביי מיר טייער, ווי מיינע אויגן, ווי מיין לעבן זעלבסט!

אָבער וואָס זאָל איך דען טאָן? מיינע שונאים האָבן זיך ממציא געווען און איידער איך האָב זיי געמסערט, האָבן זיי מיר אונטערגע־וואָרפן פאַלש געלט און איך זיץ איצט אין אַ פינסטערער גרוב, און ווען ניט מיין געליבטע, וואָלט איך שוין דאָ לאַנג פאַר הונגער, פאַר קעלט און אונמוט אויסגעגאַנגען, נאָר זי האָט פונמיינטוועגן געטאָן, וואָס קיין מענטש האָט נאָך פאַר דעם אַנדערן ניט געטאָן, און אויב איך לעב נאָך און וועל נאָך לעבן, זאָל איך פאַר איר אַליין לעבן. איך האָף איר פּלאַן וועט אָנגענומען זיין, און איך וועל זיך בעסער טויפן, איידער דאָ אין גרוב צו זיצן, איידער אין קאַטאָרגע אָפּלעבן דעם גאַנצן לעבן. ראָזע, וואָס איז די וועלט, און דער עלנטער מענטש אין איר? וואָס הייסטו מיר? אָבער וואָס פרעג איך? האָב איך דיר אַליין ניט געזאָגט אַמאָל, אַז איך בין גרייט מיין האַלז אויסצושטרעקן יעדער מינוט צום חלף, ווי עס וועט נאָר האַלטן ביי מיין אמונה צו פאַרלירן, מיין פאָלק צו פאַרלייקענען? יאָ, איך האָב דאָס דיר געזאָגט, אָבער איך האָב דאַמאָלסט ניט געפילט, וואָס הייסט אייביקע קאַטאָרגע! אונזער גמרא זאָגט אונז: אַז מען וואָלט חנניה מישאל ועזריה געפייניקט און ניט אַריינגעוואָרפן אין אַ קאַלך־אויוון, ווו זיי זאָלן זייער טויט קריגן באַלד, וואָלטן זיי אויך געדינט די עבודת כּוכבים, ווייל דער טויט איז ניט אַזוי שרעקלעך, ווי אייביקע צרות, אייביקע שמוץ און הונגער, אייביקע קאַטאָרגע! איך בין נאָך יונג, מיר שטעלט זיך פאַר אַ ביי לעבן, וואָס איך קען נאָך אפשר גליקלעך זיין, און אַז פון דיר איז מיר שוין סיי ווי סיי אַלע האָפנונגען פאַרלאָרן, פאַרוואָס זאָל איך וועלן זיין אַן אייביקער צוגעשמידטער צו אַ וועגל? איך האָב האַלב ווי בּאַשלאָסן: מאָרגן דאַרף איך דעם ענטפער געבן דעם פּראָקוראָר און דו

בײסט פֿרײ. ראָזע, זײ גליקלעך, װי אומגליקלעך עס איז דײַן אַמאָליקער יוסף!

דײַן מוטער גריס און גיב איר אַװעק מײַן תּהלימל, אין װעלכן איך האָב אַמאָל טרערן פֿאַרגאָסן, און צו מײַן פֿולן האַרץ אַ טרײסט געפֿונען, איך האָב דעם תּהלים פֿאַרשעמט, איך בין שױן ניט מער װערט, ער זאָל מיך טרײסטן, מיר גרינגער מאַכן מײַנע לײדן און צרות! גריס דײַן פֿאָטער, אַלעמען, און זײ גליקלעך, זײ געזונט און פֿאַרגעס מיך, װי איך װעל באַלד פֿון מײַן פֿאָלק פֿאַרגעסן װערן, מאָרגן װעל איך שױן הײסן: „אָסיף", הײנט הײס איך נאָך „יוסף"!

ראָזע האָט דעם בריװ איבערגעלײענט, איר איז דאָס האַרץ פֿאַרשטײנערט געװאָרן שױן פֿון דער ערשטער שורה, און זי האָט ניט געפֿילט, װי איר בלוט האָט אָנגעהױבן איר אין צורה אַרײַנצושפּאַרן, װי אירע אױגן האָבן זיך מיט בלוט אָנגעגאָסן, זי האָט אים איבערגעלײענט ביז גאָר, זי האָט אים אַ קוש געטון און געזאָגט:

—אָ, יוסף, יוסף! דאָס איז דײַן בריװ, דו בײסט אומגליקלעך װי עס איז נאָך קײן מענטש אין דער װעלט ניט געװען! אָבער איך בין אומגליקלעכער פֿאַר דיר! איך בין אומגליקלעך, װײַל די ערשטע סיבה פֿון דײַן אומגליק בין איך!

אַרױסנעמענדיק די אױגן פֿון בריװ, האָט ראָזע אַרום זיך גאָרניט געזען, די שטוב מיט די פֿענסטער האָבן זיך געדרײט אַרום איר, זי האָט זיך מער ניט געקאָנט האַלטן און איז אַרונטערגעפֿאַלן פֿון שטול צו דער ערד מיט אַ ביטערן געשרײ.

װיפֿיל רוחמקע האָט זיך ניט געמיט זי אױפֿצושטעלן, זי צו זיך צו ברענגען, האָט ניט געהאָלפֿן, זי האָט דעם בריװ אײַנגעקלעמט געהאַלטן אין האַנט, צוגעדריקט צום האַרצן און געלעגן אין אָנמאַכט. אומזיסט האָט רוחמה געשריגן: „ראָזע, דאָס איז ניט יוספֿס בריװ! איך שװער דיר, אַז יוסף װאָלט מיך ניט פֿאַרגעסן און װאָלט צו מיר כאָטש צװײ װערטער געשריבן, דאָס איז אױך אַ פֿאַלשער װי אַלע פֿאַלשקײטן, װאָס מען האָט אױף אים געמאַכט. ניט גלױב, ראָזע, ניט פֿאַרגעס יוספֿן!" אומזיסט האָט זי געבעטן, זי זאָל אױף יוספֿן רחמנות האָבן און ניט גלױבן, ראָזע האָט ניט געהערט, אָדער בעסער געזאָגט, ניט פֿאַרשטאַנען, װאָס רוחמה רעדט מיט איר. איר זינען, װאָס איז געריכט געװען און פֿאַרשװאַכט געװאָרן פֿון איר שטענדיקן טראַכטן [illegible]יוספֿן, פֿון אירע פֿיל שלאָפֿלאָזע נעכט האָט זיך איצט — דורך דעם

פלוצלעכן בריוו און מיט זיין רירנדן אינהאַלט — אינגאַנצן צעמישט. איר באַוווסטזיין, וועלכער האָט זיך אויף אַ האָר געהאַלטן, האָט זיך אָפּגעריסן און איז פאַרזונקען געוואָרן אין אירע טיפע ליידן.

רוחמה האָט געבראַכט די מוטער, און מען האָט זי אויף דעם בעט אַרויפגעלייגט. די גוטע באַשיידענע פרוי האָט די צרות פון איר קינד ניט געקענט אַריבערטראָגן, און דאָ האָט זי אויסגערעדט איר ערשטע קללה אויף יוספן, דעם פאַרפירער פון אַלץ.

— ניט שילט אים, מאַמינקע! — האָט רוחמקע געבעטן, דער מור־טערס הענט קושנדיק — ער איז ניט שולדיק, וואָס זאָל ער, נעבעך, טאָן, אַז מען טראַכט אויס אויף אים אַלדאָס בייז? איך גלויב איצט, אַז ער זיצט, און קען ניט קומען זאָגן אונז, אונז דערקלערן, אַז מען האָט אויף אים בלבולים אַרויפגעוואָרפן!

— שווייג, זאָג איך דיר! — האָט די מוטער אַ געשריי געטאָן, — דו זאָלסט מיר מער זיין נאָמען ניט דערמאָנען! איך וויל מער פון אים ניט וויסן, און לאָז שוין זיין אַ סוף!

— ניין, ניין! איך קען יוספן ניט פאַרגעסן, — האָט רוחמקע גע־זאָגט שטילערהייט, ווען די מוטער איז אַרויסגעגאַנגען, — ווען אַפילו ראָזע און די גאַנצע וועלט וועלן אים פאַרגעסן, וועל איך איינע זיין נאָמען אַלץ דערמאָנען, דערמאָנען זיין נאָמען מיט טרייהייט און מיט לייד. יוסף! דו ביסט עלנט, אָבער ניט אינגאַנצן, עס לעבט נאָך איי־נע, וואָס איז דיינע ווילאַנג דו לעבסט, און וואָס וועט קיין אַנדערנס ניט זיין נאָך דיין טויט! און די איינע, איז דיין ליבע רוחמקע.

ראָזע איז דעם טאָג אָפּגעלעגן אין בעט, מען האָט אַ דאָקטאָר געבראַכט, ער האָט מעדיצין פאַרשריבן, אָנגעזאָגט פאַרשיידענע מיטלען, געהייסן רופן נאָך אַ דאָקטאָר, ראָזע האָט געהערט, ווי די מוטער רעדט עפּעס שטילערהייט מיט דעם דאָקטאָר און זי האָט געזאָגט פאַר זיך:

— דאָקטוירים ברענגען זיי מיר, אַ, גוואַלד, פאַרוואָס ווילן די על־טערן מיר טרייער זיין ווי איך בין זיך זעלבסט? וואָלט די מוטער פילן מיינע ווונדן, וואָלט זי מיר בעסער ברענגען אַ שוחט, ער זאָל מיך מיט איין מאָל דערקוילן. ביי וועמען זאָל איך מיין טויט אויס־בעטן? מיין מוטער וויל, איך זאָל לעבן, גאָט האָט מיך פאַרגעסן, משה שנייאורקע, שענק מיר דו דעם טויט! האָב דו רחמנות, דו האָסט דאָך אַ ווייך האַרץ, אוז דו ווילסט דאך ניט זען, ווי איך מוטשע זיך אויף דער וועלט!

בײַ די רייד, האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאָפּ און געבליבן זיצן שטיל ווי אַ שטיין.

די מוטער איז צוגעקומען, איר געוואָלט דערלאַנגען די רפואה.

— מאַמינקע, דאָס איז סם? — האָט ראָזע געפרעגט.

— וואָס רעדסטו, מיין קינד? דאָס איז דיר אַ רפואה, דו זאָלסט געזונט זיין, נעם, מיין לעבן, גאָט וועט רחמנות האָבן!

— און מיך צו נעמען פון דער וועלט! — האָט ראָזע צוגעגעבן צו די מוטערס רייד, — וואָס דאַרף איך די רפואות? איך בין געזונט, צו וואָס ווילט איר מיך נאָך געזונטער מאַכן, איך זאָל אייביק לעבן און מוטשען זיך?... איך נעם די רפואה ניט, גיב מיר סם, וועסטו מיר טרייער זיין!

די מוטער האָט אָנגעהויבן צו וויינען, און איז אַרויס פון ראָזעס צימער.

— פאַרסמט זאָל יענער ווערן, — האָט זי געזאָגט אַריינקומענדיק אין איר צימער — ווער עס האָט דיך מיט דעם בריוו פאַרסמט! קיין גוטס זאָל אַזוי יוסף ניט וויסן, ווי דו, ווי קיינער פון אונזער שטוב האָבן אים קיין שלעכטס ניט געטאָן! אָ, גאָט, פאַרוואָס קומט דאָס מיר? ניט שוין זשע בין איך אַזוי זינדיק פאַר דיר?...

די מוטער איז בײַ איר געוועזן נאָך אַמאָל געוואָר ווערן און אַז זי האָט דערזען, אַז זי זיצט שטיל אויף דער בעט, האָט זי גע־מיינט זי שלאָפט, זי האָט איר ניט געוואָלט וועקן און איז אַרויס צוריק.

ראָזע האָט זיך אויפגעהויבן באַלד ווי די מוטער איז אַרויס, גענומען יוסעפקעס בריוו, געלייענט אים נאָך אַמאָל און איז צוגעגאַנגען צו איר שרייבטיש, גענומען אַ בלאַט פּאַפּיר און אָנגעהויבן שרייבן:

„יוסף״ אומגליקלעכער ליבער יוסף!״

אַ קוואַל טרערן איז איר אַרויס פון די אויגן, פאַרגאָסן דעם פּאַ־פּיר. די גאַנצע וועלט, האָט איר זיך געדאַכט, טרינקט זיך אין אַ ים טרערן, איר האַרץ האָט זיך געריסן און פאַרקלעמט געוואָרן פון שמערצן. זי האָט זיך פונדעסטוועגן געוואָלט צוזאַמענגענעמען און שרייבן, דער קאָפּ אָבער האָט זיך איר געמישט, און אירע געדאַנקען האָבן זיך פאַרלאָרן אין איר וויסט האַרץ, און האָט מער ניט געקענט שרייבן.

— אָ, אָט איז די רגע, פאַר וועלכע איך האָב געציטערט — האָט

ראָזע געזאָגט — איך בין שוין ניט ביים זינען, איך קען ניט דענקען און שרייבן. ניט נעם דיין אויג אַרונטער, גאָט! אַז דו האָסט מיין שכל פון מיר צוגענומען, נעם מיך בעסער אינגאַנצן צו און ניט לאָז מיך פאַרקויפן!

דאָס זענען געווען ראָזעס לעצטע רייד, וועלכע זי האָט נאָך געפילט, וואָס זי האָט גערעדט, פון דאַן אָן זעען מיר זי פאַרזונקען אין אַ מרה שחורה, אין אַ שווערן פינסטערן טרויער!

ז

ווי איטלעכער זאָגט

— גוט, נאָך בעסער ווי איך האָב זיך געוווּנטשן, — האָט משה שנייאור געזאָגט, אַז ער האָט דערזען, וואָס זיין בריוו האָט אָנגעמאַכט — מען דאַרף נאָר זען, דער בריוו זאָל ניט בלייבן ביי איר, אַ קשיא אויף אַ מעשה, זי קען נאָך זיך אַרומזען, און זיך באַקלערן, אַז דאָס אַלץ האָב איך איר אָנגעמאַכט, מיר איז אַפילו אַ וווּנדער, ווי אַזוי איז איר גאָר אויפן זינען ניט אַרויפגעקומען, אַז דאָס איז אַ פאַלשער? דאַכט זיך, זי האָט דאָך מיר אַליין געזאָגט, זי ווייס, אַז יוסף האָט געשריבן, נאָר די בריוו זעגען אין מיינע הענט, אָבער איך בין אויך קלוגער ווי פרומער, און זי קען זיך גאָרניט פאָרשטעלן, ווי אַזוי וואָלט איך שרייבן אויף זיך אַליין שלעכטס? זיך אַליין שולדיק מאַכן? אָ, מען דאַרף שכל האָבן צו קענען זיין אַן אָפּנאַרער! מען דאַרף זיך אַליין אויך ניט שוינען, ווו עס פּאַסט, זיך לאָזן טרעטן, כדי יענער, פאַר וועמען מיר האָבן די גרוב געגראָבן, זאָל גיכער קרן מען צו איר און ברעכן האַלז און לעבן! אַדאַנק גאָט! איך בין שוין פון מיין ציל ניט ווייט! איצט דאַרף מען נאָר זען, דער שדוך זאָל ווערן געשלאָסן, דער חתן איז אַ פרא־אָדם, ווי עס דאַרף צו זיין. קען אַן זיין רבין דריי ווערטער ניט אויפשרייבן, אָט וועט זיין אַ סחורה! איך האָב דעם שווער אַזוי ווייט אַריינגעטריבן, אַז ער האָט שוין גאָר מורא וועגן אַן אַנדער שדוך צו קלערן. די צרה איז דאָ, וואָס ראָזע איז קראַנק, אָבער נישקשה, מיאש זיין זיך טאָר מען קיין מאָל ניט, איך האָב נישט געזשאַלעוועט אַזוי פיל מי און געלט, וועל איך איצט מסתמא ניט פאַרלאָזן זיך אויף גאָט, און איך וועל טרייבן ווייטער די ווינטמיל און דאָס מאָל מוז פאַרטיק ווערן באַלד, און דאַן וועל איך האָבן אַ גוטן קילן פאַר מיין מי.

מען דאַרף קריגן פון אונזערע דאָקטוירים, וועלכע עס זאָלן דורכאויס צואיילן, מען זאָל איר חתונה מאַכן; אַז ניט, איז זי אייביק אַ מרה־שחורהדיקע. איך האָב מיט איינעם באַקאַנטשאַפט, שלמה דער דאָקטאָר איז ביי דעם שווער אַ גאַנצע זאַך. און בפרט איצט, אַז דער זון זיינער האָט שוין חתונה געהאַט, וועט ער אים געוויס גלויבן, אָבער דאָס מוז געטאָן ווערן באַלד, באַלד און גוט און פאַרטיק.

אַזוי האָט דער פאָדלער מענטש געטראַכט, און זיך זעלבסט געגרויסט איבער זיין המצאה, אין אַזאַ פאַרדאָרבן האַרץ ווי זיינס איז קיינמאָל קיין שטראַל פון אמת ניט דורכגעדרינגען. אים איז גאָרניט אַרויפגעקומען אויפן זינען, אַז אמת מוז בלייבן אמת. און מען מעג אים איינוויקלען אין די ערגסטע אומווירדיקסטע ליגן און פאַלשקייט, דער אמת אָבער, איז ווי די זון אין הימל, און דער ליגן איז ניט מער ווי אַ וואָלקן, וואָס פאַרשטעלט זי אויף ניט קיין לאַנגע צייט, זי ברעכט זיך דורך אַ וועג אפילו פון אונטער די שווערסטע וואָלקן, וועלכע זיי באַדעקן זי, דער חסרון איז נאָר, אַז ניט אַלעמאָל באַווייזט זי פון איר באַהעלטעניש אַרויסצושיינען, און זייער אָפט רייניקט זיך דער הימל ערשט דאַן אָפּ, אַז די זון האָט שוין איין רגע פאַרן אונטערגיין? — אַזוי איז דער אמת אויך, נאָר פאַרלוירן וועט ער קיינמאָל ניט ווערן. אָבער שלעכט, וואָס ער ערקלערט זיך ניט אין זיין רעכטער צייט!

עס קען זיין, אַז ווער עס איז וואָלט משה שניאורן געזאָגט, „צו וואָס טוסטו דאָס? יוסף איז דאָך, ווי דו ווייסט, אַזוי ריין און אומשולדיק, און דיינע ליגן וועלן געוויס אַמאָל דאַרפן אַנטלויפן פאַר זיין אמת!"—וואָלט דער אומווירדיקער מענטש אפשר חרטה געהאַט, אָדער צום ווייניקסטן געפונען בעסערע און שטאַרקערע עצות, ווי פון זיך אַרונטערצורוקן די גאַנצע שולד, אָדער ער וואָלט זיך אַזוי שטאַרק איינגעוויקלט אין זיינע פאַלשקייטן, אַז דאָס וואָלט זיך ערשט אָפּוויקלען קענען נאָך אַ לאַנגע צייט אַרום, אַז ער, דער שוואַרצער, וועט שוין ניט מער האָבן וואָס מורא צו האָבן, אָדער וואָס אָנצווווערן, אים האָט דאָס אָבער קיינער נאָך ניט געזאָגט, ביכער האָט ער קיינמאָל ניט געלעזן, וועלכע זאָלן אים דעם ביישפיל באַווייזן, און די אַלע פאָדלע זאַכן, וואָס דער יונגער פאַרדאַרבער האָט שוין אָפּגעטאָן, צייט ער איז אַן איידעם אין דער שטוב, האָט אים אַלץ מצליח געווען, אזוי

פֿאַרוואָס האָט ער געזאָלט מורא האָבן? ווי ווייניק ער האָט ביישפּילן געהאַט איינצוזען, אַז אמת בלייבט אמת. אַזוי פֿיל האָט ער געהאַט פֿאַקטן צו זען, ווי פֿאַלשקייט מאַכט גליקלעך, ער האָט פֿאַר זיינע אויגן געזען לייבע סאָרקין, וואָס ער איז געוויס געווען אַ מערדער און אַ זשוליק, וואָס האָט שוין אין זיין לעבן בלוט פֿאַרגאָסן, וואָס האָט קיין עסק אין דער וועלט מער ניט ווי גנבה, רציחה און פּונדעסטוועגן לעבט ער ווי אַ פּירשט, גייט ניט צו פֿוס, נעמט דראָזשקעס און צאָלט צו רובל פֿאַר אַ שעה, פֿאָרט שפּאַצירן, לעבט גוטע טעג, מיט וויין און מיט פֿאַרגניגן, ווי עס ווייס ניט אַ גביר אַזוי צו לעבן. ביי אים אין שטוב איז שטענדיק שמחה וששון, האָט קיין מורא פֿאַר קיינעם ניט, טוט זיך וואָס ער וויל, און קומט ער צווישן מענטשן, גיט מען אים כבוד מער ווי דעם פֿיינסטן בעל־הבית, ווייל אַ רובל איז ביי אים אַ הונט, און שטעלט זיך פֿאָרט ברייטער פֿאַר אַלעמען. אַי וואָס, באַלד ווי ער גייט אַוועק שילט מען אים, און איטלעכער באַווייזט, ווי פֿיינט ער האָט דעם מערדער, וואָס באַנוצט זיך מיט פֿרעמדע, וואָס איטלעכער רובל איז מיט דעם אַנדערנס בלוט באַגאָסן, אָבער וואָס האָט דאָס געקענט אונזער שוואַרצן יונגנמאַן באַווייזן, אַז אַ זשוליק צו זיין איז שלעכט? האָט ער דען אין זיין פֿאָטערס הויז פֿון קינדווייז אָן אָדער דאָ אין בית־המדרש, צייט ער איז אַן איידעם אין פֿאָרשטעטל אויף דעם שענסטן מענטשן בעסערס געהערט נאָכריידן, אַז יענער גייט אַוועק? האָט ער אַפֿילו פֿון זייער פֿאָרשטעטלדיקן קלוגן און פֿרומען רב זעלבסט ניט געהערט נאָכריידנדיק אויף דעם גאון דעם שטאָטישן רב, אַז ער וואָלט פֿון זיין שחיטה ניט עסן, און ניט פֿאַרזוכן עפּעס ביי אים ביים טיש, ווייל ער עסט געוויס ניט קיין געזאָלצענע פֿלייש? — אָדער צי האָט דען משה שנייאור ניט געוווסט, אַז אַלע פֿון זיין חברה זענען צופֿרידן און גליקלעך, און אַז פֿאַר געלט קריגט מען אַלץ, און וואָס האָט ער ווירקלעך געזאָלט מורא האָבן? ביישפּילן האָט ער פֿאַר זיך געהאַט גענוג פֿון וועמען פֿאַר זיך אַ גלייכן צו נעמען, פֿון פֿיל נצחון און קנאה האָט ער זיך אַליין קיין רעכנונג ניט געגעבן. און וואָס זאָל אים אַרן, וואָס אַמאָל נאָך זיין טויט אָדער נאָך ראָזעס טויט, וועט זיך על פּי נס אָדער על דרך הטבע אַרויסווייזן, אַז יוסף איז פֿון זיין האַנט פֿאַראומגליקט געוואָרן, אַבי היינט וועט ער זיין נצחון אויספֿירן, זיך זעטיקן מיט נקמה אָן ראָזען, וואָס זי איז קלוגער פֿאַר זיין ווייב.

באַגראָבן יוסֿפֿן, וואָס ער איז שענער און געליבטער פֿאַר אים. ער האָט אויסגעפֿירט, ער מאָג זיין פֿריילעך!

עס זענען ניט אַריבער קיין פֿאַר וואָכן, און אין פֿרידמאַנס שטוב האָט מען אָנגעהויבן צו פּוצן פֿאַר דעם באַלד־אָנקומענדיקן גאַסט, אויף וועלכן משה שניאור האָט געוואַרט מיט אומגעדולד און מיט פֿרייד, און וואָס גאָלדע האָט געוואַרט מיט ציטער. וויפֿיל זי איז ניט אין כּעס געווען אויף יוסֿפֿן און וויפֿיל מען האָט פֿאַר איר ניט געלויבט איר ראָזעס ביי'עם חתן, האָט זי אָבער דאָך ניט געקאָנט פֿאָרשטעלן זיך אַזאַ יוסף, ווי ער איז פֿריער געווען, אין ערגעץ אַן אַנדערן מענטשן, און דערפֿאַר איז איר דער טאָג פֿון די תּנאים געווען ווי אַ שרעקלעכער גאַסט, וועלכער וועט געוויס פֿון איר אַרויסרייסן אַלע האָפֿענונגען צו קריגן פֿאַר איר ראָזען אַזאַ יוסף! זי האָט איר געפֿיל ניט אַרויסגעוויזן, און כאָטש זי האָט שטרענג פֿאַרזאָגט, אַז קיינער אין שטוב זאָל יוסֿפֿס נאָמען ניט דערמאָנען, זי אַליין אָבער פֿלעגט אים דערמאָנען זייער אָפֿט, פֿאַרגיסן טרערן איבער זיין אומגליק! אַז עס פֿלעגן קומען פֿיינע אורחים, און אַז זיי פֿלעגן עפּעס אָנהויבן צו ריידן וועגן תּורה אָדער חכמה, פֿלעגט די פּרוי פֿילן, אַז איר פֿעלט עפּעס, אין שטוב איז ניט געווען, ווער עס זאָל זיך אַריינמישן אין זייער געשפּרעך, און דאַן פֿלעגט זי אַ ביטערן שווערן זיפֿץ טאָן און איר האַרץ האָט געשריען: יוסף, יוסף! אַז זי פֿלעגט דורך איר פֿענסטער אָפֿט זען פֿאַרבייגייענדיק יונגע קינדער, צי חתן און כּלה, צי ברידער און שוועסטער, פֿלעגט זי זיך דערמאָנען אָן יוסֿפֿן, ווי גליקלעך פֿלעגט זי זיין, אַז זי פֿלעגט איר ראָזען אַזוי מיט יוסֿפֿן זען שפּאַצירנדיק. אַז זי פֿלעגט זיצן ביים טיש, און אַז רוחמקע פֿלעגט זיך פֿאַנאַנדערריידן וועגן עפּעס, און וואָס איר איז יוסף פֿון זינען ניט אַרויס איין מינוט, און אַז ניט וועלנדיק פֿלעגט זי אים דערמאָנען און וועלן אַרויסריידן: יוס... און איינמיטן זיך דערמאָנען, וואָס די מוטער האָט אָנגעזאָגט, פֿלעגט גאָלדע מוזן אָפּטרעטן פֿון טיש, און זיך גוט אויסוויינען ביי זיך אין צימער. נאָר פֿרידמאַן אַליין האָט פֿאַרגעסן יוסֿפֿן, גאָרניט דערמאָנט, אַז עס איז אַמאָל געווען אַ יוסף, און אים האָט מען דאָס ניט געקענט אויפֿוואַרפֿן, ער איז געווען אַן אַלטמאָדישער ווי אַלע אין שטוב, געהאַט ווייקניער געפֿיל פֿאַר זיין ווייב, ביי אים האָט גלאַט קיין צורה ניט געהאַט נאָכגעבן אַ קינד, און מען זאָל גאָר זאָגן, אַז זי האָט זיך פֿאַרליבט,

וואָס איז פֿאַר אַ פֿאַרליבן זיך, פֿלעגט ער צו זיך אַליין ריידן, וועלכע מיידל האָט פֿיינט אַ יינגל, און וועלכער יינגל האָט פֿיינט אַ מיידל? ביי יידן קען גאָר און טאָר גאָר ניט זיין קיין „ליבן זיך!” אָט דאָס איז אַלץ, וואָס די יונגע האָבן האָלט נאָכצוטאַנצן נאָך די קריסטן: די פּריצעס האָבן אָנגעהויבן צוגיין מיט זאָנטיקעס, די יידישע טוען נאָך, די קריסטן האָבן אָנגעהויבן גיין שפּאַצירן נקבות מיט זכרים, יידן טוען דאָס אויך נאָך, טאָמער איז נאָך געווען ביי קריסטן דער מנהג פֿון פֿאַרליבן זיך, דער חתן זאָל אַליין נעמען די כלה גאָר אָן שדכנים און אָן שעמען זיך, נאַ דיר, דאָס פֿעלט אונז שוין, ברוך השם, אויך ניט! און מיין אייגן קינד דאַרף נאָך צום שלימזל זיין די ערשטע, וואָס זאָל ביי אונז די מאָדע אַרויסברענגען! נאָך דאָס האָט מיר געפֿעלט צו עלטערע יאָרן! באַלד וועלן זיי שוין אַרויסברענגען די מאָדע, אַז בחורים מיט מיידלעך זאָלן טאַנצן צוזאַמען אויף אַ חתונה, ווי ביי די קריסטן. נו, רבונו של עולם, וועט עפּעס גוטס אַרויס דערפֿון?...

דערצו נאָך איז פֿרידמאַן געווען ניט אַזוי ווייט פֿון דעם פּוקס, זיין איידעם, און האָט זיך פֿון אים מער אָנגעהערט אויף יוספֿן דערציילדיק מעשים לא יעשו און איז טאַקע אויף אים רעכט אין כעס געווען, פֿאַרוואָס ער האָט גאָר פֿריער אין אים אַזאַ מיאוסן טעות געהאַט און אויף אים, איבער אים אַזויפֿיל געלט פֿאַרלוירן, און דער תנאים-אָוונט האָט אים אויסגעוויזן ווי אַ באַפֿרידיקונג פֿון גאָט פֿאַר די צרות און פֿאַרדרוס, וואָס ער האָט אויסגעליטן אין דער גאַנצער צייט, וואָס מען האָט ראָזען אָנגעהויבן שידוכים ריידן.

וואָס אָבער האָט ראָזע געזאָגט צו דעם אַלץ? ווי האָט זי ערוואַרט דעם טאָג פֿון תנאים! דאָס קענען מיר פֿאַרשטיין דערפֿון, ווי זי האָט איבערהויפּט אירע טעג פֿאַרבראַכט, זי האָט דעם בריוו דערהאַלטן, קאַלט און גלייכגילטיק איז זי געוואָרן צו אַלץ, די מעדיצין און זעלבסט דאָס עסן פֿלעגט זי נעמען, אַז מען פֿלעגט איר דערלאַנגען, אַז ניט, פֿלעגט זי מיט אייגענעם ווילן צו קיין זאַך זיך ניט צורירן. אַז מען פֿלעגט ביי איר עפּעס פֿרעגן, פֿלעגט זי ענטפֿערן „ניין”, „יאָ” ווי ניט זעלבסטוויסנדיק צי דאָ פּאַסט צי ניט, זי פֿלעגט אָפֿט נעמען אַ בוך עפֿענען, און קוקן אומבאַוועגלעך אויף די בלעטער, ניט אויפֿהויבנדיק אַן אויג אויף עטלעכע שעה ביז [illegible] פֿלעגט זי דערפֿון איבערגוואַלד אָפּרייסן. זי האָט אין דער צייט זעלבסט

ניט געוווסט, וואָס מיט איר טוט זיך, און איז געווען אומגליקלעך מער וויפיל מען האָט געקענט פאַרשטיין איר אומגליק! איר פלעגן טרעפן מינוטן, אַז זי פלעגט זיך ווי פון אַ שווערן טרוים אויפכאַפּן, דאַן פלעגט זי זיך אַרומקוקן, ווו זי האַלט אין דער וועלט, און מיט טרערן פרעגן:

— רוחמה, איך בין נאָך ניט קיין כלה? מען האָט מיך נאָך ניט פאַרקויפט? אָ, רוחמינקע, ניט לאָז מיך פאַרקויפן!

זי וואָלט אפשר אָנגעהויבן צו זיך צו קומען און צוריקקערן צו איר געזונטן פאַרשטאַנד, אָבער באַלד ווי זי פלעגט דערזען איר שוואַרצן שוואָגער, פלעגן זיך אירע וונדן ביי אָפּלעבן, און דער קאָפּ פלעגט איר אָנהויבן ווי טאָן. אָדער, אַז זי פלעגט דערזען די פּאָר שדכנים, פלעגט זי זיך דערשרעקן און אַריינפאַלן אין פאַרצווייפלונג און ניט מער פילן איר ביטערן שטאַנד.

גאָלדע האָט מיט איר קינד מיטגעפילט, און האָט געוויינט שטילערהייט, זי איז אָבער אַ מוטער און האָט איר צרה בעסער געקענט פאַר דעם אַנדערן, האָט זיך מי געגעבן, אַז לייט זאָלן ניט וויסן, אַז איר טאָכטער איז פון זינען אַראָפּ. לייט האָבן ראָזען ווירקלעך ניט דערקענט, די הויז-מענטשן זענען איר אַלע טריי געווען און מען האָט פון שטוב דאָס מינדסטע ניט אַרויסגעטראָגן, און ווען ניט דער דאָקטאָר, וואָס האָט געשריען, ער וועט די וועלט פול מאַכן, אויב זיי וועלן זי איינגיכן ניט חתונה מאַכן, וואָרום ער איז געווען אונטערגעקויפט, ווי מיר ווייסן, און ווען ניט דעם שידוך מיט דעם סטאַרעסטעס זון, וואָס זי האָט מורא געהאַט, זי זאָל ניט אָנווערן, וואָלט גאָלדע, דעם שידוך אָפּגעלייגט, און וואָלט געוואַרט ביז זי זאָל ווער געזונט ווערן, זי וואָלט זיך גוט דורכגערעדט מיט דעם חתן, זען צי וועט איר קינד פאַר אים גליקלעך זיין, זי האָט נאָך אפשר גאָר געהאָפט אויף יוספן, אָבער וואָס האָט זי אַליין געקענט טאָן קעגן איר מאַן און איר גאַנצער פאַמיליע, וואָס האָבן געשריען, אַז ראָזע איז דעם סטאַרעסטעס זונס באַשערטע, און דאָס איז אַ גליק-שידוך. ווידער האָט דער שוואַרצער געהאָרעוועט, און ער האָט פאַרדרייט דעם קאָפּ, און גאָלדע האָט ניט געוווסט, ווו עס האַלט, די שדכנים האָבן זייער זאַך אויסגעפירט ווי די בריות. מען האָט דעם נדן-געלט איינגעלייגט פון ביידע צדדים נאָך איידער מען האָט געשריבן די תנאים, און גאָלדע האָט קיין צייט ניט געהאַט זיך צו באַטראַכטן,

און נאָכדעם ווי זי האָט זיך גוט אויסגעוויינט אין איר צימער, אויס־געגאָסן איר פול האַרץ פאַר די פיר ווענט, וואָס האָבן איר שוין אין אַזאַ לאַגע געזען ניט איינמאָל, איז זי אַריינגעקומען צו ראָזען אין צימער. ראָזע איז געזעסן אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף אירע הענט, און אָן ווערטער און אָן געדאַנקען געקוקט, אָן זיך אויף אַ מינוט אָפּצוקערן, רוחמה איז געזעסן אויפן בעט און געגעיט.

— וואָס זיצסטו דאָ אַ גאַנצן טאָג? — האָט די מוטער געזאָגט, אין דעם האָט זי רוחמהן געמיינט אַרויסצושיקן פון דאַנען און בלייבן מיט ראָזען אַליין — אין שטוב האָט קיינער קיין הענט ניט, די מחו־תנים וועלן באַלד קומען, און די שטוב איז נאָך ניט אַזוי אויפגע־ראַמט, ווי עס דאַרף זיין, און זי האָט זיך דאָ אָנידערגעזעצט גאָר בייען! איצט האָט זיך איר פאַרוואָלט, ווי געפעלט אייך אַזאַ עסק! גיי טו זיך אָן און העלף דעם אַנדערן עפּעס אויך טאָן, דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב פיינט די באַרישנעס!

— איך וועל זיך ניט אָנטאָן! — האָט געענטפערט רוחמה, — וועל אויף תנאים ניט זיין, זעען ווי מען מאַכט מיין שוועסטער אומ־גליקלעך!

— וואָס איז דאָס פאַר אַ ווערטער, רוחמה, — האָט אַ געשריי געטאָן די מוטער דערשראָקן — וואָס ביסטו משוגע אָדער חסר דעה, אַז דו זאָגסט אַזעלכע ווערטער אָט איצט און דאָ פאַר ראָזען. — די לעצטע ווערטער האָט די מוטער געזאָגט שטילערהייט, אַז ראָזע זאָל זיי ניט געקאָנט הערן.

— נישקשה, דו מאָגסט זאָגן העכער און ריידן וואָס דו ווילסט, ראָזע פאַרשטייט ניט און ווייס ניט וואָס דו רעדסט. זאָל אַזוי משה שניאור דער מורין ווערן, ווי ראָזע ווייס, וואָס מיט איר צעטוט זיך.

ביי דעם נאָמען משה שניאור האָט ראָזע געעפנט אירע טונקעלע, מעלאַנכאָלישע אויגן, אַ קוק געטאָן אויף דער מוטער און אויף רוחמהן, און אַ בייטערער שווערער זיפץ האָט זיך דורכגעריסן דורך איר פאַרוויסט האַרץ.

— זיי געזונט, ליבע שוועסטער! — האָט רוחמה געזאָגט, מיט טרערן אויף די אויגן, — זיי געזונט, גאָט זאָל דיין עלנט צוזען, און דיר געבן, וואָס ער האָט ביי דיר צוגענומען! האָסטו נאָך עט־וואָס כוח זיך אָפּצובאָרען, ניט לאָז דיך פאַרקויפן, און אויב ניט, זאָל דיר דאָס גאָט צוזען!...

רוחמה האָט איר אַ הייסן קוש אַרויפגעדריקט אויף אירע ליפּן און איז אַרויס, ראָזע האָט איר געוואָלט ענטפערן מיט אַזאַ קוש, עס האָט אָבער ביי איר געוועדט, ביז זי האָט זיך דאָס צוזאַמענגענומען, און רוחמה איז שוין אַוועק. איר זענען נאָר די ליפּן צוזאַמענגעפּרעסט געבליבן, ווי פאַרפּרעסט איר איז געוועזן איר עלנט האַרץ.

— ראָזע, מיין קינד! — האָט די מוטער געזאָגט, זיך באַהערשענדיק, — טו זיך אָן, ליבע ראָזע!

— מוטער, — האָט ראָזע געזאָגט מיט אַ שווערער שטימע.

— ראָזעלע, זע מיין קינד, וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן?

— מוטער!... מוטער! — האָט ראָזע ווידער געענטפערט.

— וואָס איז דיר, מיין לעבן? ראָזע, וואָס איז דיר? — האָט די מוטער אויסגעשריען, און אַ ים טרערן האָט זיך פון אירע אויגן אַרויסגעריסן.

— מאַמינקע! אַך, מאַמינקע! — האָט די אָרעמע ראָזע קוים הערבאַר אַרויסגעזיפצט און די מוטערס הענט באַדעקט מיט הייסע קושן. די טרייע מוטער איז געוועזן גערירט, און האָט שוין דאָ מער ניט געקענט איינשטיין, זי האָט געוואָלט לאָזן ראָזען אַזוי און אַנטלויפן צו זיך אין צימער, זיך ווידער אויסוויינען, אָבער ראָזע האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף איר האַלז, און זיך אָן איר אַזוי שטאַרק צוגעדריקט, ווי זי וואָלט ביי איר הילף געזוכט פון אַ ווילדן בער, וואָס יאָגט איר, און געשריען: אָ, מוטער! מוטער!... גאָלדע האָט זיך קוים באַפרייט, און איז אַריין צו זיך אין צימער, זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן בעט, און געלעגן ווי אַ האַלב צעמישטע.

משה שניאור האָט דאָס באַמערקט און האָט אָנגעהויבן צו צוּאיילן, עס זאָלן ניט אָפּגעלייגט ווערן די תּנאים אויף מאָרגן, אַוועקגעשיקט יודע דעם שמש נאָך דעם רב, נאָך נאַסאַן מיט זיינע איידעמס און נאָך די שענסטע לייט פון פאָרשטעטל, אַ צווייטן שמש האָט ער געשיקט נאָך די מחותּנים, זיי בעטן קומען וואָס פריער, אין האָט געהייסן זאָגן אַ תּרוץ, אַז פרידמאַן דאַרף נאָך היינט אַוועקפאָרן.

ח

די תּנאים

פיר אַ זייגער האָט געשלאָגן, און עס האָבן שוין אָנגעהויבן צו קלויבן זיך געסט, און גאָלדעס בעטן, מען זאָל היינט די תּנאים ניט מאַכן, האָט שוין ניט געהאָלפן, דער זייגער האָט געשלאָגן פינף, און עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו ווייזן מחותּנים. נאָך עטלעכע מינוט און יודע דער שמש האָט אַ געשריי געטאָן:

— סקאָצל קומט, אַ מחותּנתטע! ברוך הבאָ, מחותּן! ברוך הבא, חתן! —

אין שטוב איז אַריין אַ דיקע אָפּגעגעסענע יידענע, נאָך איר איז געגאַנגען דער חתן, אַראָפּגעלאָזן דעם נאָז און די אויגן, און מען האָט אויף אים געקענט מיינען: ער האַלט זיך אָן דער מוטערס פאַר־טעך. משה שניאור האָט זיך צו אים אַנידערגעזעצט אויבנאָן, און די מחותּנתטע האָט אָנגעהויבן זיך צו בלאָזן, וואָס גאָלדע איז איר ניט אַרויס אַנטקעגן. דער חתן האָט אָנגעהויבן וואַרפן אויגן אַרויף און אַראָפּ אין אַלע פיר ווינקעלעך, ער האָט געזוכט, ניכר, אים האָט עפּעס געפעלט. שלמה דער חזן מיט משהלע דעם משוגענעם, די באַ־רימטע שדכנים, האָבן פאַרשטאַנען, וואָס דעם חתן פעלט, און האָבן אָנגעהויבן שרייען: וואָס ווייזט זיך זי די כּלה ניט? ווו איז זי?

דאַן ערשט האָט זיך פרידמאַן אַרומגעקוקט, אַז זי פעלט. פריער האָט ער אַליין ניט באַמערקט, ווו זי איז, ער האָט בעסער גאָר אויף איר פאַרגעסן, ווי תּנאים וואָלטן צו איר גאָר קיין שייכות ניט געהאַט.

— גאָלדע, גיי דו צו איר, זאָג איר, לאָז זי אַריינקומען, עס איז בזיונות פאַר דעם מחותּן און פאַר דעם חתן! — האָט פריד־מאַן געבעטן.

— איך בין קראַנק! — האָט גאָלדע געענטפערט, — איך האָב געבעטן, מען זאָל אָפּלייגן די תנאים אויף מאָרגן, אָדער איבערמאָרגן, וואָס איז דאָ געווען די איילעניש? מען האָט מיר ניט געפאָלגט, טו איצט ווי דו פאַרשטייסט, איך האָב קיין כח ניט?

פרידמאַן איז אַריינגעלאָפן צו ראָזען, זי איז געלעגן דעם קאָפּ אין קישן איינגעגראָבן און מיט די קני אויף דער ערד.

— שטיי אויף, פרינצעסין מיינע! וואָס! אפשר פאַר דיר דאָס היטל אַרונטערנעמען, — האָט פרידמאַן אַ געשריי געטאָן פון כעס, — שטיי אויף, זאָג איך! טו זיך אָן און גיי זע זיך מיט דיין חתן, נו גיכער, נו! מאַך ניט אָן קיין בזיונות, דו הערסט, וואָס מען רעדט צו דיר?

ראָזע האָט אים נאָר שטאַרק אָנגעקוקט, און איז געבליבן שטיין ווי געליימט.

— העלף איר זיך אָנטאָן! — האָט ער אַ געשריי געטאָן צו דעם דינסט מיידל, וועלכע איז אַריינגעגאַנגען מיט אַ ברעט טייגלעך אַנידערצולייגן דאָ, די שדכנים זאָלן ניט צו כאַפּן פאַר דער צייט.

ריווקע האָט איר דערלאַנגט די בעסטע קליידער, און ראָזע האָט זיך אָנגעטאָן, און איז אין זאַל אַריין, וווהין דער פאָטער האָט איר מיט כעס געטריבן.

— ברוך הבא! — האָט אַ געשריי געטאָן שלמה דער חזן, וועל־כער האָט פון גרויס צדקות, אָדער פון פיל פּראַקטיקייט ניט אונטער־שיידט צווישן לשון זכר און לשון נקבה.

— ברוך הבא! סקאָצל קומט די כלה!—האָט נאָכגעשריען יהודה דער שמש, — סקאָצל קומט, אַ מהותנתטע סטערנע גוטע!...

אין אירע שיינע קליידער האָט ראָזע געלויכטן ווי זיבן זיגען אין הימל, אירע שוואַרצע געקרויזטע לאָקן זענען געפאַלן אויף איר מאַרמאָר־ווייסן האַלז, אויף וועלכן זי האָט אויף אַ שוואַרצן סאַ־מעטבענדל געטראָגן אַ מעדאַליאָן, וואָס יוסף האָט איר געשאָנקען. פון איר שיינקייט, דערצו נאָך פון איר צעמישטן קוק האָבן זיך אַלע פאַרוואונדערט, אויף אירע באַקן האָבן געברענט צוויי פייער־רויטע ראָ־זעס, די אויגן האָט זי געהאַלטן אַראָפּגעלאָזן און אין די לינקע האַנט האָט זי געהאַלטן אַ פאָכער, מיט די רעכטע אָבער האָט זי פעסט גע־האַלטן דעם מעדאַליאָן, איר לעצטע ערינערונג אָן איר נאָך אין האַרצן לעבעדיקן אומגעליבטן יוספן.

דער צוגעקליבענער זאַל, די אויסגעפּוצטע געסט, און דער טומל און גערויש האָבן זי אַביסל אויפגעוועקט, זי האָט אָנגעהויבן זיך אַרומצוקוקן ווו זי איז? וואָס מיט איר איז? זי האָט געזוכט אָן וועמען זיך אָנצוהאַלטן, איר מוטער, איר שוועסטער רוחמה, קיינער פון זיי איז אָבער ניט געווען! זי האָט זיך עלנט און פאַרלאָזט, געפילט, אַליין צווישן מענטשן, וואָס אַנדערע האָט זי האַלב דערקענט, און אַנדערע זענען איר געווען גאָר ווילד פרעמד, זי האָט זיך געוואָלט אומקערן און גיין צו איר מוטער, אָבער דאָ איז צוגעגאַנגען משהלע דער משוגענער און זי איבערגוואַלד צוגעפירט צום מחותן, און געזאָגט:

— נו, וואָט זאָגט איר אויף אונזער סחורה? איך שווער אייך, אַז מיין ווייב וואָלט ביי מיר נעמען אַ גט, וואָלט איך אַליין די גאַנצע שדכנות איינלאָזן, און זי נעמען ווי זי שטייט און גייט.

— האָב דיר אַ שוואַרץ יאָר! — האָט געשריי געטאָן שלמה דער חזן, — שוין צייט אַמאָל אויפצוהערן דיינע גלייכווערטלעך, אַ מענטש האָט שוין אין זיין לעבן געהאַט אַכט ווייבער און וויל נאָך אַ ניינטע.

— בהמה, אַז איך נעם צו איטלעכער צוגאָב, — האָט געענטפערט משהלה, — אַלע יאָר אַ ווייב מיט הונדערט רובל, און וואָס ווער איך דאָ אָן?

אַלע האָבן זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, נאָר דער חתן, זייער אַ שעמעדיקער בחור און איז נאָך איצט צעמישט געוואָרן פון דער כלהס שיינקייט, האָט געשוויגן און אַ שמייכל ניט געטאָן. ראָזע איז אויך געשטאַנען ווי אויף געהאַקטע ווונדן, זי האָט אָנגעהויבן צו פילן, ווו זי האַלט אין דער וועלט, נאָר איר מוט איז געווען געבראָכן, און איר קאָפּ איז נאָך ניט אַזוי שטאַרק געווען צו געפינען אַ עצה, וואָס צו טאָן, איר האָט זיך אָנגעהויבן צו דערמאָנען, אַז זי האָט שוין אַמאָל אַזאַ סצענע געזען, זי האָט דיביידע שדכנים דערקענט, און איז איצט פאַר זיי אויך פאַרציטערט געוואָרן, זי האָט אָבער איצט ניט מער געקענט זיך אַרויסרייסן פון זייערע הענט, ניט געקענט זיי אויסזידלען פאַר זייערע רייד ווי זי פלעגט טאָן, אַז זי איז נאָך ניט געווען אין אַזאַ צושטאַנד. אָ, ביטער איר, איר געוועער איז שוין צעבראָכן! אירע הענט געבונדן, און טרינקט זיך אין מיטן ים, און קיין ברעג און שיף, קיין לייכט טורם און רעטנדע האַנט האָט זי

ניט געזען אַרום זיך! — איך בין פאַרפאַלן, פאַרלאָרן! פאַרלאָרן! האָט געשריען איר פאַרשטאָרבן האַרץ אינסטיקטיוו, דעם קול האָט קיין מענטשן-אויער ניט געהערט, נאָר איין גאָט אין הימל האָט אים פאַרנומען, אָבער עס דולדעט פיל מער פאַר דעם שוואַכן מענטשן, און האָט אויף איר קול מיט קיין טרייסטנדן ענטפער ניט געענטפערט:

— וואָס פאַר אַ שעמעדיקע פאָר דאָס איז? — האָט אַ געשריי געטאָן נאַסאַן, — גאָר פון דער אַלטער וועלט. אויף אייער ראָזען האָב איך שטענדיק געזאָגט, אַז זי געהערט צו דער אַלטער וועלט, אָבער דערפאַר איז שוין אייער רוחמה צו ניי. ווייסט איר, זי קען אַ אַנדערש מאָל ענטפערן, אַז מען כאַפּט זיך ערשט אין אַ שעה אַרום, וואָס זי האָט געמיינט. איך שעם זיך אויסצוזאָגן, זי האָט מיר איצט געענטפערט און אַזוי גוט, גאָר ניט זיך מישב געווען; איך כאַפּ זי אָן אויפן גאַניק און זאָג איר מזל-טוב. ענטפערט זי מיר: אייך אָפּצוגעבן פאַר דער טאָכטער!... די שדים ווייסן, פון וואַנען דאַכט זיך פאַרשטייט אַזוי שרוצה, אַז מיך וואָלט ניט אַרן, כאָטשבע „פאַר מיר אַליין" און ניט פאַר מיין טאָכטער.

— וווּ איז זי? — האָט געפרעגט דער מחותן, — פאַרוואָס קומט זי ניט אַהערצו, איז זי ניט אַליין אַ כלה, איז זי דאָך אַ כלהס אַ שוועסטער, און דאָס איז שוין גלייך צו דער אַנדער'ער האַנט פון דער מלכה.

— זי איז עפּעס ברוגז געוואָרן אויף דער מוטער, — האָט זיך אָפּגערופן משה שנייאור, — און וויל אויף תנאים ניט זיין. הערט, עולם, כאָטש ביי אייך קומט אויס, אַז די כלה און דער חתן זענען פון דער אַלטער וועלט, מיר אָבער דאַרפן זיין פון דער נייער וועלט, און טאָן ווי נאָך דער מאָדע, לאָזן חתן כלה זיך אַ ביסל דורכריידן. דאָ, פאַרשטייט איר דאָך, איז ניט גוט פאַר זיי, לאָמיר זיי לאָזן אַליין, הכלל, איך בין ניט לאַנג אויך געווען אַ חתן, און געדענק נאָך, ווי מיר איז געווען. נו, מחותנתטע, וואָס זיצט איר? דאָס געהער צו דעם ווייבערשן צד.

— גיכער, לאָז צוגיין אַ ביסל גיכער! — האָט פרידמאַן געשריען, — איך האָב האָלט אין דער הגדה מאריך צו זיין, אָבער ווי עס קומט צו דעם כריין, צו די ביטערניש, מאַך איך דאָס כהרף

עין! מען מוז דאָך די מאָדע נאָכטאַנצן, אַז ניט איז מען דאָך ניט יוצא!

דער עולם האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט פון פרידמאַנס משל, און די מחותּנתטע אַ גראָבע אָפּגעגעסענע יידענע, ווי אַ סטאַרעסטעס אַ ווייב דאַרף זיין, האָט גענומען די כּלה פאַרן האַנט און זי אַריינגעפירט אין דעם דערבײַידיקן צימער. זי האָט דעם שעמעדיקן חתן אויך אַריינגעפירט און אים אַ סוד געזאָגט, ער זאָל זיין אַ מענטש, ניט ריידן גאָר קיין נאַרישקייטן, און אַליין איז זי אַרויסגעגאַנגען און געלאָזן די קינדער אין פולער פרייהייט.

אַ לאַנגע צייט זענען זיי אַזוי געזעסן, דעם חתן האָט דאָס האַרץ געטרייסלט און אין מויל האָט אים געוואָרפן אַ צאָן אָן אַ צאָן, ער האָט געוואַרט, זי זאָל מיט אים עטוואָס אָנהויבן צו ריידן, אָבער זי איז געזעסן אַזוי רואיק און געקוקט אין פענסטער, וועלכער עס איז צום הויף אַרויס, ווי דאָ וואָלט מיט איר קיינער ניט געווען. רוחמקע, וועלכע איז אומגעגאַנגען אויפן הויף, האָט זי דערזען, און איר טרײַהייט צו איר עלנטער שוועסטער האָט איר אָנגעהויבן צו ציען צו איר. זי איז אַריינגעקומען אין שטוב און געוואָלט באַלד אַריין אין דעם צימער, וואָס ראָזע איז אין אים געזעסן, דאָ איז אָבער געשטאַנען גאַסאַן ביים טיר און זיך געוואָלט צוהערן, וואָס זיי וועלן ריידן. ווי רוחמקע איז צוגעגאַנגען צום טיר, האָט ער אַ געשריי געטאָן:

— וואָס דאַרפסטו דאָ? אפשר לערנען זיך?

— אַז איך וויל זיך אַפילו לערנען, — האָט רוחמה געענטפערט, — איז אויך קיין עוולה ניט, וואָרום איך ווייס נאָך ניט, צי איך וועל זיך ניט אויסלערנען, אָבער אַז איר ווילט זיך נאָך לערנען דאָס איז אַן עוולה, איר געדענקט שוין אַליין ניט, דאַכט זיך, וויפל מאָל איר האָט שוין געלערנט, און איר האָט אַלץ מורא, טאָמער וועט איר פאַרגעסן, אַז איר וועט דאַרפן! דערווייל דאַרפט איר דאָס ניט, איך וועל גאָט בעטן פאַר אייך, איר זאָלט ניט געפּרובט ווערן נאָך אַמאָל!...

— אַך, הולטייקע! — האָט גאַסאַן אַ געשריי געטאָן, האַלב אין כּעס, וואָרום דער עולם האָט אַ הנאה געהאַט פון דעם ענטפער — וואָס האָב איך דיר געטאָן? וואָס האָסטו זיך צוגעזעצט צו מיר?

— הלוואַי וואָלט איך אַזוי קיין אַנדערן ניט טאָן, ווי איר האָט

מיר נאָך ניט געטאָן, אָבער אַן אַנדערש מאָל איז ערגער דאָס לאָזן טאָן, אַלס דאָס טאָן זעלבסט! איר ווייסט, וואָס איך מיין! — רוחמה איז ביי די רייד אַרויס צוריק אויפן גאַס.

ער איז אַוועק פון טיר און איז צו צום טיש, ווו משה שניאור ווי אַ מושלם אַן איידעם האָט געשריבן די תנאים מצד הכלה, און אַהרן יודע גאָלדעס פלעמעניק האָט געשריבן די אַנדערע תנאים מצד החתן, וייל ער האָט מורא געהאַט פאַר זיינע איין און צוואַנציק יאָר, און האָט דאָ געלייגט לייב און לעבן, אַז דער שידוך זאָל זיין אַ שידוך, און איצט, אַז גאָט האָט אים געהאָלפן ווערן אַ מחותן מיט דעם סטאַרעסטע, איז ער געווען בשמחה וחדוה פאַר דער מציאה.

ראָזע מיט דעם חתן זענען ווי די שטומע געזעסן, קיינער האָט אַ וואָרט ניט אויסגערעדט. ראָזע האָט ניט גערעדט, ווייל זי איז גע-ווען גלייכגילטיק, איר האַרץ איז טויט געווען, און האָט ניט געפילט, וואָס זי האָט באַדאַרפט רעדן. וואָלט זי געווען ביי איר געזונטן זי-נען, וואָלט זי מיט צוויי ווערטער אים געזאָגט און אים דערקלערט, אַז זי איז פאַר אים קיין פאָר ניט, זי וואָלט אים געוויס גאַנץ פריינטלעך דערקלערט, אַז זי געהער ניט זיך, ווי זי האָט זיך שטענ-דיק גערעכנט, אויב עס וועט גאָר האַלטן אין אַזאַ קריטישער מינוט. איצט אָבער, אַז איר צונג איז ווי צוגעשמידט געווען אין איר מויל, אַז איר זינען איז ניט אויף אַן אָרט געווען, האָט זי נאָר אינערלעך זיך באַוויינט, איר האַרץ איז צעגאַנגען פון טרויער, און האָט ניט געקענט רעדן! איר לאַגע איז געווען אין דער צייט, ווי מען וואָלט זי אין אַ לייבן-גרוב אַריינגעוואָרפן, ווו די אַלטע לייבן זענען אַוועק-געגאַנגען, און די יונגע האָבן נאָר געקוקט אויף איר מיט ווילדע אויגן פאַרוואונדערט און דערשראָקן פון איר שיין ווייזן און עלנטן בליק, און וואָס מיט ציטערן האָט זי ערוואַרט די אַלטע לייבן, וועל-כע וועלן זי צערייסן אָן רחמנות! דער חתן האָט ניט געוווּסט מיט וואָס אָנצוהויבן רעדן, וויפל ער פלעגט אַמאָל איבער דעם ניט טראַכטן, און אָנגעגרייט וואָס צו רעדן, וויפל זיין חבר, וועלכער האָט שוין חתונה געהאַט, האָט אים ניט געלערנט, האָט אַלץ ניט געהאָלפן, עס האָבן זיך פלוצליך ביי אים אויסגעשאָטן אַלע אָנגעגרייטע רייד, און ער איז געבליבן ווי אַ שטומער. רוחמה פאַרבייגייענדיק פאַרביי ראָזעס פענס-טער, האָט ראָזען געוווּנקען, און אַז ראָזע האָט זיך קוים דערקלערט,

וואָס זי מיינט און געוואָלט אַרויסגיין, האָט דער חתן געזאָגט:

— וואַרט אַ ווײַלע! וואָס אײַלסטו?

ראָזע האָט אים אָנגעקוקט, ווער דאָס איז? ווער רעדט דאָס מיט איר? און געבליבן שטיין בײַם טיר.

— דו וועסט מיר שרײַבן אַוודאי אויף דײַטש? — האָט דער חתן געזאָגט, — אָבער איך פֿאַרשטיי בעסער אויף פראַנצויז, דעריבער זאָלסטו בעסער שרײַבן דײַנע בריוו צו מיר אויף פראַנצויזיש, און צום טאַטן אויף רוסיש, ער קען רוסיש אויסגעצייכנט, ער האָט שוין אַמאָל מיט נאַטשאַלסטוואָ גערעדט, צו דער מאַמען זאָלסטו שרײַבן אויף יידיש, איך קען יידיש ניט דאַכטן!

— איך קען ניט קיין פראַנצויז! — האָט ראָזע געענטפערט, — איך קען גאָרניט שרײַבן, ווער זייט איר, און וואָס ווילט איר?

— דו האָסט דאָך אַ לערער, דאַכט זיך, איך האָב אַמאָל גע-הערט אַ גאַנצע מעשה פון אים, ווו איז ער איצט? נישקשה, דו וועסט אים זאָגן, דו דאַרפסט שרײַבן צום חתן, וועט ער דיר אויפֿ-שרײַבן אַן אופיר. מײַן לערער איז אַן אַלטער פראַנצויז, ער איז נאָך געבליבן אין שכולה פון די פראַנצויזן, וואָס האָבן אַמאָל מלחמה גע-האַלטן מיט אונזער קיסר, אָבער נישקשה, פּאָניטשקע האָט אים מכבד געווען אָרנטלעך, ער האָט דאָ די קאָפּ געבראָכן דער פראַנצויז!

— פון וואַנען ווייסט איר דאָס? — האָט ראָזע געפרעגט.

— דו מיינסט, אַז שכולה איז אַ קליין שטעטל, און מען ווייס גאָרניט? — האָט געענטפערט דער חתן מיט אַ שמייכל, — בײַ אונז זענען אויך דאָ גאַזעטן און מען ווייס פון אַלץ. ווידער האָב איך דאָס אין בית המדרש געהערט דערציילנדיק, אַי איז דאָס בײַ אונז אַ בית־המדרש, ווו? אין גאַנצן מאָהיביל איז ניטאָ אַזאַ שול אַפילו, אַז רבי לייב דעם רבינס האָט באַדאַרפט זאָגן, איז דער בית-המדרש גע־ווען אַזוי פול אָנגעפּאַקט מיט מענטשן, אַז מען האָט מיר דאָרטן שיר ניט דערשטיקט, און מען האָט פון אים אַ וואָרט ניט געהערט.

ראָזע האָט ווידער געוואָלט אַרויסגיין, אָבער ער האָט זי אָפּ־געהאַלטן און געפרעגט:

— הער, ווי רופט מען דיך?

— וואָס מאַכט דאָס אײַך אויס? — האָט ראָזע געפרעגט, — איבעריגנס, איך הייס ראָזע.

— ווי הייסט, וואָס מאַכט דאָס מיר אויס! איך דאַרף דאָך

זויסן, ווי צו שרייבן, איך הייס פייבוש, אָבער אויף גוישקע רופט מען מיר סעריאָזשע, הער, וואָס איך וועל דיר בעטן, דו זאָלסט מיך זאָגן „דו" ניט „איר"!

ראָזע האָט געוואָלט אַרויס ניט ענטפערנדיק אַ וואָרט, אָבער דער חתן האָט איר ניט געלאָזן גיין פריער פאַר אים.

— וואַרט, נישקשה, דו ביזט אַן אשה, און דער רבי האָט מיר געזאָגט, בעסער נאָכצוגיין נאָך אַ לייב איידער נאָך אַ אשה.

ביי די ווערטער האָט ער זיך אַרויסגעריסן פריער פאַר איר, ראָזע איז געבליבן אין צימער, זי האָט געוואָלט וויינען, אָבער זי האָט ניט געקענט, באַלד איז אַריינגעקומען די מחותּנתטע און האָט זי אָנגעהויבן צו קושן, און גערופן הערן, ווי מען וועט פאַרלייענען די תּנאים. עס האָט ניט פיל געווערט, און אין שטוב האָט זיך גע- הערט אַ בראַזג פון שיסלען און גוטע פּארצעלייענע טעלער, וואָרום די מחותּנתטע האָט גאַנץ גוט אויסגעזידלט יהודה דעם שמש, פאַרוואָס ער האָט אַריינגעטראָגן אַ נייעם ליימענעם טאָפּ צו צעברעכן.

— נישקשה, דער מחותּן קען ברוך השם באַשטיין, אַז מען וועט צעברעכן אַ פּארצעלייענעם סערוויז, — האָט זי אַ געשריי געטאָן, — ער האָט חלילה ניט געטאָן אַ שידוך מיט אַבי וועמען, מען זאָל מאַכן אַ תּנאים אַזוי וואָכעדיק! גיי אין קיך און נעם, וואָס דיר וועט זיך טרעפן.

יודע איז באַלד אַריין אין קיך און האָט געכאַפּט אַ טוץ אויס- געוואַשענע טעלער, און נאָך דעם, אַז דאָס דינסט-מיידל האָט אים מיט דער קאָטשערע מכבד געווען עטלעכע מאָל, איז ער אַריין אין שטוב אַקוראַט צו די לעצטע ווערטער פון תּנאים, הכּל בּרור, שריר וקים — און האָט אַ בראַזג געטאָן די געפעס, און נאָך אים אַזוי די ביידע שדכנים, וועלכע עס האָבן געגעבעט צווי גאַנצע שיסלען מיט טייגלעך און מיט אַנדערע כּבודים, און וואָס האָבן באַוויזן אויסצע- ליידיקן די שיסלען און פול צו מאַכן די קעשענעס און דעם בויך, וויפל אין זיי איז נאָר געקראָכן, זהאָבן אויך באַלד אַ וואָרף געטאָן די שיסלען, און דער קלונג און בראַזג איז געווען ווי פון אַ ראָד ביקס. ראָזען האָט זיך איצט דערמאָנט אין גאַנצן, ווען זי האָט די סצענע געזען. אָ, עס איז געווען אַ אמתער חלום! האָט זי געזאָגט פאַר זיך און איז בלאַס געוואָרן ווי שניי.

רוחמקע דערהערנדיק דעם קלאַפּ און דערזעענדיק, אַז ראָזע איז

אין איר צימער מער ניטאָ, איז זי אַריין אין שטוב און זי האָט קוים געקענט צוקומען צו ראָזען, וועלכע איז געווען אַרומגערינגלט פון ווייבער, פון מאַנספּייט. סטערנע גוטע האָט דערציילט אירע מעלות און ניט איינמאָל האָט זי דערמאָנט איר קרוב יוספן!

— אָן אָקט! וואָס באַשערט איז! ווער וואָלט, דאַכט זיך, גאָר געזאָגט: ראָזע וועט ניט זיין יוספס כלה! זעט איר, גאָט זיצט פון אויבן און איז מזווג זווגים אונטן. וואָס שרייבט אייך יוסף? — האָט סטערנע גוטע מיט אַ כיוון אַ פרעג געטאָן.

רוחמה האָט דאָס דערהערט, איז זי פאַרציטערט געוואָרן: זי האָט געמיינט, אַז ראָזע וועט אין אוממאַכט בלייבן פון דער פראַגע. ראָזעס האַרץ איז אָבער פאַרצווייפלט געווען, און איז ביי אַלץ גלייכגילטיק געבליבן.

— קום ראָזע, די מאַמע רופט דיך, — האָט רוחמה געזאָגט.

ראָזע האָט זיך געפילט פרייער, אַז רוחמה האָט זי אָנגענומען פאַר דער האַנט און אַריינגעפירט צו דער מוטער.

דאָ אין שטוב האָט מען אָנגעהויבן צו שוועכן*), די סאַרווער זענען געווען טעווערע גאַסאַנס מיט יאַנקל דעם ראש זון, זיי האָבן דערלאַנגט אַ געריכט נאָך אַ געריכט, דער עולם האָט זיך איינגעשוועכט**) און אָנגעהויבן צו זינגען. אָבער ווי אַנדערש איז געווען ביי גאָלדען אין צימער! דאָרטן, אַז ווער עס איז וואָלט אַריין מיט אַ שטיינערן האַרץ, האָט געקענט אַרויס פון דעם טרויעריקן צימער ווייך ווי וואַקס. ראָזע האָט נאָר איר קאָפּ אַרויפגעוואָרפן אויף דער מוטערס האַרץ, אַליין איז זי אויף די קני געשטאַנען פאַר איר בעט און געהערט, ווי דער מוטערס האַרץ האָט געקלאַפּט, דאָס איז געווען איר האַרצנס שרייען: יוסף, יוסף, וואָס האָסטו אונז אָנגעמאַכט?!

רוחמה איז אַרויס פון צימער, זי האָט דאָס ניט געקענט צוזען, און אַז זי האָט דערזען דעם גאַנצן עולם טרינקענדיק און עסנדיק, האָט זי צו זיך געזאָגט:

— אָ, יוסף! דו האָסט מיר אַמאָל דערציילט, אַז עס זענען עד היום פאַראַן אַזעלכע מענטשן, וואָס עסן דעם אַנדערנס פלייש און טרינקען זיין בלוט, ווי די אַמאַליקע מענטשן פון אַמעריקע. אין

---

*) שמורן—רעד.

**) איינגעשכורט—רעד.

האָב דאָס ניט געגלויבט, אָדער ניט פאַרשטאַנען, איצט גלויב איך און פאַרשטיי שוין, וואָס דו האָסט געמיינט דערמיט, אַז זיצן אַן עולם שיינע יידן, אַלע צדיקים, וואָס מען בענטשט זיך מיט זיי און טרינקען און עסן זיך אָן מיט מיין ראָזעס אומשולדיק בלוט, מיט יוספס פלייש און בלוט, ווי זעסטו דאָס, גאָט, און שווייגסט? אָ, איך וועל אויפהערן צו גלויבן אים!...

מיטן טאָג זענען די געסט פאַנאַנדערגעגאַנגען, זיך קוים אויף די פיס האַלטנדיק אַהיים, און האָבן אַלץ איבערגערעדט, אַז זיי זענען שוין לאַנג, לאַנג ניט געווען אויף אַזעלכע תנאים...

פערמעטער טייל

א

פון טורמע

לאַנגע און שווערע טעג האָבן זיך געצויגן איינער נאָך דעם אַנדערן. פאַר אונזער אָרעמען יוספן, וועלכער זיצט שוין אַ יאָר אין טורמע. ער האָט זיך שוין האַלב צוגעוויינט צו זיין ביטערער לאַגע, צו דער נעץ, פינצטערקייט און איינזאַמקייט. אָבער ער האָט זיך נאָך ניט אויף איין האָר צוגעוויינט: „פאַרגעסן זיין ראָזען". קען איך זי דען פאַרגעסן, פלעגט ער זיך זאָגן, קען איך מיין לעבן פאַרגעסן, כל־זמן מיין מאַרך לעבט נאָך אין מיין קאָפּ? ווילאַנג עס שלאָגט נאָך אַן אָדער הייס בלוט אין מיר? אָ, ראָזע! ניט די ווענט פון מיין פעסטונג, אין וועלכן איך זיץ אַזוי לאַנג, און ניט די שרעקלעכע פינסטערניש, וואָס דאָ הערשט טאָג ווי נאַכט, קען מיר דיין ליב טייער געזיכט ניט פאַרשטעלן! דו ביסט מיין ליכט אויך דאָ, און איך זע דיך פאַר מיינע אויגן, פאַר מיינע האַלב־בלינדע אויגן מיט דיין ליבלעכן שמייכל, מיט דיין איידל לויכטענדן בליק, און דו אַליין ביסט מיין ליכט אין דער פינסטערער גרוב! ווען ניט דו, ווען ניט דיינע ליבע זיסע רייד, וועלכע עס קלינגען נאָך אין מיינע אויערן, ראָזע, וואָלט איך שוין לאַנג פריי געלעגן אויף פּעטערסבורגער בית־עולם, און וואָלט ניט דאַרפן הערן דעם קלאַנג פון די קייטן פון די איינגעקייטע אַרעסטאַנטן, וועלכע זענען אין דעם אַנדערן צימער. אַז ניט די איין האָפנונג דיך אמאָל נאָך צו זען, און ווען ניט מיין באַוווסטזיין, אַז דו ביסט מיר נאָך אַזוי טריי ווי איך דיר, וואָלט איך די ליידן ניט קענען אַריבערטראָגן. איצט ווין איך זיך נאָר אויס צו איטלעכן ביסן, און שלינג אים אַראָפּ מיט דער האָפנונג אויסגעלייזט צו ווערן, און צו קומען צו פליען צו דיר, דיך געפונען מיר נאָך אַזוי טריי, ווי איך האָב דיך געלאָזן. דו פאַרשטייסט, אַז מען

האָט אויף מיר דאָס אויסגעטראַכט, איך האָב מיט פאַלש געלט ניט געהאַנדלט, אָ, ווי פּאָדלע עס קענען מענטשן זיין, מיך אַזוי אמגליקלעך צו מאַכן פאַר גאָרניט, דערפאַר וואָס דו ליבסט מיך!"

די רייד יוספס, אַזוי ווי אַ מענגע אַנדערע רייד אַזעלכע האָט מען דערלאַנגט דעם אויספאָרשער, וועלכער האָט זיך באַמיט מיט אַלע מעגלעכקייטן אַרויסצוברענגען זיין אמת צום ליכט. וואָרום אין דעם אייגענעם טאָג, וואָס יוסף איז געשטאַנען פאַר אים צו דער אויספאָרשונג האָט מען פעסט גענומען דעם סטרוזש פון רבי יצחקס קאַנטאָר, פאַרחתמעט זיינע אַלע זאַכן, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז יוספס חשד, וואָס ער האָט אַרויפגעוואָרן אויף דעם סטרוזש, איז ניט קיין אויסגעטראַכטער, וואָרום מען האָט געפונען ביי אים פיל בריוו פון יוספן צו ראָזען, און פון ראָזען און רוחמה צו אים. די בריוו האָט מען איבערגעזעצט און זיי האָבן גענוג געגעבן צו פאַרשטיין, אַז יוסף איז אַריינגעפאַלן אומשולדיק. דערצו איז נאָך געקומען רבי יצחק פון לייפציג, וואָס ער איז דאָרטן געווען די גאַנצע צייט פיל פאַרנומען און ניט געקענט קומען שתדלענען וועגן יוספן, און האָט געטאָן אַלץ וואָס אים איז מעגלעך געווען. ער האָט ניט געקאַרגט קיין געלט און קיין מי נאָר אים צו באפרייען. די גאַנצע צייט, וואָס ער איז אין אויסלאַנד געווען האָט ער פאַר יוספן גאָרניט געקענט טון, ווייל זיינע געשעפטן זענען געווען זייער פאַרדרייט, איצט אַז ער איז געקומען, האָט ער ניט גערוט, — זען אים האָט ער אָבער ניט געקענט.

דער פּראָקוראָר, וועלכער האָט געלייענט יוספס בריוו, און מיט אים פערזענלעך גערעדט, האָט מיט אים פיל מיטלייד געהאַט, און זיך פאָרגענומען דעם אמת אַרויסצוקריגן. ער האָט יוספן מיט אַכיוון געזעצט אַליין אין אַ צימער, ווו זיין קול וועט זיך הערן, און דאָרטן האָט ער געזעצט אַ יידישן געשוואָרענעם שרייבער, און מען האָט איבערגענומען אַלע זיינע רייד. דאָס אַלץ איז אָבער נאָך ניט געווען קיין ריכטיקער באַוויז, וואָס דערמיט זאָל מען אים קענען באַפרייען, דערפאַר האָט דער משפט זיך געצויגן ניין חדשים לאַנג. ענדלעך האָט זיך גאָט דערבאַרעמט, און דער זשוליק, וועלכער האָט מיט יוספן זיין מאַנטל פאַרביטן, איז אַריינגעפאַלן אין טורמע און אַז מען האָט ביי אַן אונטערזוכונג געמאַכט און צוגענומען זיינע אַלע זאַכן, האָט מען געפונען אין אַ קאַסטן דעם מאַנטל מיט יוספס צוויי בריוו, דאָס איז באַלד צוגעשטעלט געוואָרן צום אויספאָרשער און דער האָט באַלד זיך

דערמאָנט דעם אינהאַלט, וואָס יוסף האָט געזאָגט אויף דער אויספאָר־שונג דעם ערשטן מאָל. דער פּראָקוראָר דאָס דערזעענדיק, האָט אָנ־געמומען שטרענגע מיטלען, און האָט גענומען יוספס מאַנטל און וועלכן מען האָט די פאַלשע געלט געפונען, און דעם מאַנטל דערלאַנגט יוספן, ער זאָל דערקענען, וועלכער איז זיינער. יוסף האָט מסתמא זיינעם באַלד דערקענט, ער האָט נאָך געזאָגט, אַז אין די אַרבל איז אַזאַ אונטערשלאַק ווי אין דעם סורדוק, וועלכן ער האָט אין קאַנטאָר געלאָזן. עס האָט ניט געווערט און מען האָט דעם סורדוק פון קאַנ־טאָר געבראַכט און עס האָט זיך אַרויסבאַוויזן ריכטיק, אָבער כּל־זמן אַז יענע האָבן זיך ניט מודה געווען, האָט מען אים געהאַלטן אין טורמע ווי געווען, און אַזוי איז ער פאַרפינסטערט געוואָרן ביז דעם טאָג, וואָס מיר זעען אים איצט!

אין איין שיינעם פרימאָרגן האָט ער דערהערט אַ קלאַנג פון שליסלען, מען האָט די טיר געעפנט און אים געהייסן גיין. נאָך אים איז געגאַנגען אַ קאָנוואָי פון פינף סאָלדאַטן, ער איז שוואַך געווען, די אַרעסטאַנסקע קליידער האָבן אים ניט געלאָזט גיין אַזוי גיך, דערצו נאָך איז ער כמעט צייט אַ יאָר גאָר אָפגעוווינט געוואָרן פון גיין, און האָט נעבעך געמוזט ליידן פון זיין קאָנוואָי, וועלכער עס פלעגן אים זייער אָפט דערלאַנגען מיט דער לינקער זייט ביקס אין זייט פאַר זיין שלעפן זיך ווי אַ קליין קינד. יוסף האָט געשוויגן, וואָרום וואָס האָט ער געזאָלט טאָן? ער האָט ניט געוווסט וווהין מען פירט אים, ענדלעך האָט מען אים צוגעפירט צו דער נייער טורמע, און דאָ האָט מען אים אַריינגעפירט אין אַ חדר, ווו עס איז געזעסן דער סטרוזש פון רבי יצחקס קאַנטאָר אין אַרעסטאַנטסקע קליידער.

— רבי חיים, דאַכט זיך! — האָט יוסף אַ געשריי געטאָן, מיט אַ געוויין, — וואָס האָט איר מיר אָנגעמאַכט? איר זייט דאָך שוין אַ עלטערער ייד, איר וועט דאָך דאָס פאַר גאָט דאַרפן ענטפערן! פאַר אים וועט איר ניט קענען לייקענען! קוקט אויף מיר און זעט, ווי איך זע אויס, קוקט אויף מיינע אויגן, אויף מיין געזיכט, צי בין איך דען דער אייגענער יוסף, וועלכער איז צו אייך אַזוי גוט גע־ווען? אָ, האָט גאָט אין האַרצן, האָט רחמנות אויף אַ פּאָר יונגע מענטשן, וואָס האָבן נאָר וואָס די אויגן געעפנט גוטס צו זען, אויף מיינע אָרעמע עלטערן, וואָס זייער גאַנצע טרייסט און לעבן בין איך זיי! ניט קוילעט מיך, מיין לעבן איז ביי מיר אַזוי ניט טייער,

עס לעבן נאָך מיינע עלטערן, עס לעבט נאָך מיין ראָזע און אירע גוטע עלטערן, וועלכע וויינען און קלאָגן איבער מיר. קיין צווייטער מענטש אויסער אייך, רבי חיים, האָט אַזוי פיל זיפצן און וויינען פון מיר ניט געהערט איבער מיין ראָזען! איר ווייסט, ווי טייער מיר איז יעדער בריוו אירער געווען, און איר האָט זיי מיר ניט אַוועקגעגעבן. דערמאָנט אייך, ליבער מענטש, איר האָט דאָך אויך פון גאָט אַ נשמה און אַמאָל דאַרפט איר זיך פאַר גאָט שטעלן, אָבער מיין און מיין ראָזעס אומזיסטע בלוט וועט ניט שווייגן, ניט מאַכט, מען זאָל מיך פון דאַנען צוריקברענגען אין מיין פינסטערער גרוב, ווו איך האָב שוין צייט אַ יאָר געפינסטערט און אויסגעליטן. אָ, גאָט, דו זיי דער עדות צווישן אונז, דו ווייסט דאָך געוויס!...

דער אַלטער האָט אָנגענומען יוספן פאַר דער האַנט און געזאָגט:

— ניט וויינט פאַר מיר און ניט בעט מיר, טייערער יוסף, איך האָב אַליין געשיקט אייך רופן און פאַר אייך אין די אויגן זיך מודה זיין אויף מיינע זינד. — „סוף גנב לתליה,“ אַכט און פופציק יאָר האָב איך אין גנבה און רציחה אָפּגעלעבט, איצט האָב איך זיך שוין אויפן לעבן ניט צו ריכטן, ווייל איך כאָטש אייך איינעם באַפרייען. זאָלט איר וויסן זיין, איר האָט זכות אָבות, ביי אונז איז דער פּלאַן געווען אייך צו דערטרינקען, אויב אונז וואָלט זיך ניט איינגעגעבן מיט דעם געלט, וואָס מיר האָבן אייך אונטערגעוואָרפן. די גאַנצע צייט, וואָס איך זיץ, פלעג איך אייך איטלעכע נאַכט אין חלום זען, אַמאָל אַ וויינענדיקן, אַמאָל אַ טויטן, און איך שטיי אויף אַ קראַנקער איטלעכן פרימאָרגן. איך בין זיך איצט אַלץ מודה — איך בעט אייך, זייט מיר מוחל, איך האָב קעגן אייך שווער געזינדיקט! בעט גאָט פאַר מיר, ער זאָל מיר כאָטש נאָך מיין טויט מוחל זיין!

— איך בין אייך מוחל פון גאַנצן האַרצן, און בין בטוח, אויב איר קערט נאָר צוריק מיט אַ גאַנצן האַרצן צו אים, וועט ער אייך אויך מוחל זיין!

דער היטער האָט אַ קלונג געטאָן, און דאָ זענען אַריין געריכטס־פאָרשטייער, און דער אַרעסטאַנט האָט דערציילט, אַז ער איז געווען איינער פון די חברה לייט, ביי וועלכע לייב סאָרקין איז דער אָנפירער, און האָט מיט אַפּיון געדינט אין אַ קאַנטאָר, כדי מען זאָל אים ניט נאָכקוקן, וואָס איז זיין עסק. ער האָט אויך אָנגעצייגט ויפל סטרוזשן ער ווייס אין פּעטערסבורג פון די סאָרטן מענטשן,

ער פּראָקוראָר האָט גענומען דיוסמן פאַר דער האַנט און איט געהייסן ברענגען צו זיך, ביז די פּאַפּירן וועלן צוגעשטעלט ווערן אין פּאַלאַטע. יוסף האָט אים פריינדלעך באַדאַנקט, און איז מיט אַ דעזשור־אָפיצער אַוועק צום פּראָקוראָר. אויף מאָרגן פרי האָט יוסף באַקומען אַ צייגניש, אַז ער מעג וווינען אין פּעטערסבורג, ביז וואַנען ער וועט קריגן אַ פּאַס פון דער היים. און נאָך דעם, אַז דער פּראָקוראָר האָט אים פאַרשפּראָכן אָפּצושיקן אַלע בריוו זיינע מיט דער קאָפּיע פון זיין גאַנצער אויספאָרשונג, איז יוסף אַרויס אַליין אויף דער גאַס אָן אַ היטער. ער איז צעמישט געוואָרן פון פרייד, און האָט באַלד גענומען אַ דראָזשקע און געהייסן פאָרן צו רבי יצחקן. די גאַנצע צייט אין טורמע זיצן איז אים ניט אַזוי לאַנג געווען ווי די האַלבע שעה פאָרן פון פּראָקוראָר ביז דער קאַנטאָר. „אָ! איך דאַנק דיר גאָט, פאַר דיין חסד, דו האָסט מיר נאָך אַמאָל געוויזן דיין ליבע און איך בין ווידער פריי! ווער פילט נאָך אויף דער גאַנצער וועלט דאָס וואָרט: „פריי” ווי איך! אַ גאַנץ יאָר אין טורמע געזעסן, און דאָ האָבן די גאַסן אין דער גאַנצער צייט אַזוי געראַשט און געקלונגען פון טויזנטער מענטשן, ווערנד מיר האָט זיך געדוכט, אַז די גאַנצע וועלט איז אויסגעשטאָרבן אַרום מיין שטילער פינסטערער תּפיסה. — עס איז גאָרניט ניכּר אין אַ וועלט, אַז ווער עס פעלט! אַזוי וועט אויך אַ שאָטן ניט בלייבן, אַז איך וועל אַוועקשטאַרבן, אונזער לעבן איז ניט מער ווי אַ הויך איבער אַ שפּיגל, וועלכע גייט אַריבער, און לאָזט קיין זכר ניט נאָך זיך! די גאַסן און די שטעט וועלן דאַן אויך אַזוי טומלען און רוישן, אַז איך וועל ליגן אונטער אַ באַרג ערד, און צופאַלן צו דער ערד! אָ, איך וויל נאָך לעבן! כּל־זמן מען לעבט, האָט מען אַ האָפנונג פריי צו זיין, און וואָס נאָך דעם לעבן איז בלייבט שטום... איך וויל לעבן צוליב מיין ראָזען!”— האָט יוסף כּמעט אויפן קויל אַרויסגערעדט. אין דער מינוט האָט זיך די דראָזשקע אָפּגעשטעלט, און יוסף האָט קוים געקענט אַריין אין קאַנטאָר פון פרייד, רבי יצחק איז געווען אין זיין צימער באַשעפטיקט, דער בוכהאַלטער האָט יוספן ניט דערקענט און געפרעגט:

— וואָס דאַרפט איר?

— איך דאַרף איינך, הער שאַפּיראָ, איך דאַרף דעם פּרינציפּאַל זעלבסט, רבי יצחקן, — האט יוסף געזאָגט קוים די טרערן איינהאַלטנדיק.

— ווער זייט איר? — האָט דער בוכהאַלטער געפרעגט פאַר־וווּנדערט אויף יוספס אויפגערעגטער שטימע, אין דעם איז רבי יצחק אַריין אין קאַנטאָר מיט אַ בלאַט צייטונג אין האַנט. יוסף האָט אויף אים אַ קוק געטאָן, רבי יצחק האָט אים אויך ניט דערקענט.

— וואָס גוטס? יונגער מענטש! — האָט רבי יצחק פריינדלעך מיט אַ שמייכל געפרעגט.

— גאָט אין הימל! — האָט יוסף אַ געשריי געטאָן מיט אַ גע־וויין,—בין איך שוין אַזוי פאַרענדערט געוואָרן, אַז אַפילו רבי יצחק דערקענט מיך אויך ניט? זיינען שוין מיינע אויגן אַזוי פיל פאַר־לאָשן, אַז איר קענט שוין אָן זיי מיך ניט דערקענען ווי אַמאָל? אָ, רבי יצחק, איך בין דער אומשולדיקער ליידנדער, איך בין אייער אַמאָליקער יוסף!...

— יוסף, אומגליקלעכער יוסף! — האָט רבי יצחק אַ געשריי געטאָן. טרערן זענען אים אַרויס פון די אויגן, ער האָט יוספן אַרומ־גענומען מיט זיינע טרייע הענט, יוסף איז אים אונטער די הענט אין אונמאַכטן געבליבן, און אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער זיך געפונען אין בעט, לעבן אים איז געזעסן רבי יצחק מיט אַ באַזאָרגט געזיכט, און געהאַלטן אים פאַרן האַנט.

— וואָס מאַכסטו, יוסף, — האָט רבי יצחק געפרעגט, אַז ער האָט דערזען ווי יוסף האָט די אויגן געעפנט.

— רבי יצחק, דאָס זענט איר? — האָט יוסף קוים אַרויסגע־רעדט.

— דערקענסטו מיך ניט, יוסף? וואָס איז דיר? שיקן רופן אַ דאָקטאָר? איז דיר ניט גוט?

— ניין, ניין, טייערער רבי יצחק! איך דערקען אייך, און בין געזונט, איך האָב נאָר זיך אַליין ניט געגלויבט, ווו איך בין. וויפל מאָל פלעגט מיר טרעפן, אַז איך פלעג אַזוי חלש בלייבן, און פאַלן אויפן בריק אויף די ציגל, און אָפליגן צו שעות לאַנג, און ניט פילן, צי איך לעב צי ניט. אויפכאַפּנדיק פלעג איך טאַפּן אַרום זיך, און זיך ווידער באַגיסן מיט הייסע טרערן, אַז איך פלעג אַ קוק טאָן מיין קליין שמאָל פענסטערל, וועלכער איז מיט קראַטעס פאַרשטעלט, אַז איך פלעג אַרומקוקן מיין פינסטערע וווינונג, אין וועלכן עס האָט קיין שטראַל פון ליכט און קיין פונק פון האָפנונג מיר ניט אַריינגעלייכט. דאַן פלעג איך דעם קאָפּ אָן וואַנט שלאָגן, פרובן ברעכן

די טיר און זוכן דעם טויט. איצט בין איך חלשות געבליבן אין אייערע הענט, טייערער מענטש, און זיך אויפגעכאַפּט אין אייער בעט, אין אייערע טרייע הענט, און איך זע מער ניט די קראַטעס, ניט די נאַסע קאַלטע ווענט און ניט מיין פאַרשלאָסענע טיר! אָ, לאָזט מיך צום פענסטער, איך וויל זיך אָנשלינגען פרישע לופט פאַר אַ גאַנץ יאָר, וואָס מען האָט פון מיר גערויבט! איך בין פריי, איך מוז היינט אין אַלע גאַסן אומלויפן, איך בין פריי! גאָט, ווי גוט איז דיין פרייהייט? דו האָסט אַלעמען פריי באַשאַפן, דו האָסט דיין פרייע לופט אַלעמען גלייך געגעבן, נאָר מענטשן רויבן ביי אונז די פרייהייט, זעלבסט די פרייע לופט קען מען ביי אונז אַוועקנעמען! איך בין פריי! איך בין גליקלעך! מען היט מיך שוין מער ניט!...

רבי יצחק האָט געקענט יוספן און געוווסט, וואָס אין אים טוט זיך, דערפאַר האָט ער אים איצט געלאָזט זיך אויסרעדן, זיך אויס־וויינען, וואָרום ער האָט געוווסט, אַז אויב דאָס וועט אים בלייבן אין האַרצן פאַרשטיקט, קען אים מער שאַטן, ווי זיין אויפגערעגט רעדן, און אַז יוסף איז שוין אַנטשוויגן געוואָרן האָט ער צו אים געזאָגט:

— נו, מיין זון, איצט מוז דיר שוין גוט ווערן, און דו וועסט שוין פון היינט אָן גליקלעך זיין! אַז מען האָט יוספן אַרויסגעלאָזן פון טורמע האָט אים פּרעה גליקלעך געמאַכט, און ער האָט דערנאָך געשפּייזט דאָס גאַנצע לאַנד, דיך האָט גאָט אַרויסגעפירט פון דיין גרוב, און ער אַליין וועט דיך גליקלעך מאַכן, און דו וועסט זיין אַ טרייסט פאַר דיינע עלטערן, און פאַר אלע די, וואָס האָבן געוויינט איבער דיר. דו וועסט דיינע ליידן אין נחת דערציילן, דו ווייסט, מיין קינד, וואָס שלמה המלך האָט געזאָגט: ברכת ה׳ היא תעשיר ולא יוסף עצב עמה, אַז גאָטס ברכה מאַכט רייך און גליקלעך, איז מען שוין ניט מער באַזאָרגט, עס זאָל, חלילה, ניט אַרויסקומען אַ טרויער דער־פון. פּרעה האָט יוספן גליקלעך געמאַכט, איז דערנאָך אַרויסגעקומען דער גלות מצרים, יידיש בלוט האָט זיך דאָרטן אין די גאַסן גע־גאָסן, אָבער דיך, מיין קינד, האָט גאָט אַליין פון דיין גרוב אַרויסגעצויגן. ניט איך, ניט מיין געלט, און ניט קיין מענטש איז דאָ אין שטאַנד געווען דיך עטוואָס צו העלפן, גאָט אַליין האָט דיין עלנט און אומ־שולד געזען און האָט זיך דערבאַרעמט אויף דיר, באַוויזן דיין אמת, און דיך פריי געמאַכט, אַ האָפענונג, אַז ער וועט שוין פון דיר זיין

האָט ניט אַראָפּגענומען און דיך פירן צו גוטס און גליק ביז דיין לעבן.

— אײַערע רייד זענען בוימל אויף מיינע ווונדן, און איך פיל זיך פון זיי געהיילט! נאָך אין טורמע, אַז מיין קאָפּ פלעגט נאָר טאָן און טראַכטן, פלעג איך וועלן געפינען נאָך וועמען עס איז צו מיר גלייך, וואָס זאָל אַזוי פיל ליידן אומזיסט ווי איך. דאַמאָלס האָב איך זיך דערמאָנט און געפונען אַן אומזיסטן ליידנדן יוספן, איך האָב זיך אַלץ פאַרגלייכט צו אים, ער איז אויך אַמאָל טייער געווען, און דער גאַנצער פירער געווען ביי זיין בעל הבית, איך בין אויך אַזוי געווען, אים האָט מען אַריינגעוואָרפן איבער זיין אומשולד אין אַ גרוב, מיך האָט מען אויך אַזוי געטאָן. נאָר דעם אונטערשייד האָב איך אַלץ געמוזט דערקענען, ער האָט אין זיין זיצן זיך געקענט טרייסטן, ער האָט געזינדיקט אַמאָל, דערפאַר שטראָפט אים גאָט. ער האָט זיינע ברידער באַרעדט, און דאָס ווייזט אונז דאָך אָן די תורה, ווי גרויס די זינד פון באַריידן איז, אַז דורך דעם באַריידן האָט יוסף אַזוי פיל שטראָף מקבל געווען און דורך דעם איז דער גאַנצער גלות געוואָרן. ער האָט זיך אַמאָל געקענט זאָגן: „איך בין עס ווערט"! „גאָט שטראָפט מיך ניט אומזיסט"! ער האָט ביי זיך מענטשן געזען, געהאַט מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורײדן. און איך? אָ, וואָס האָב איך נאָך געזינדיקט? וועמען האָב איך באַרעדט, וועמען האָב איך שלעכטס געטאָן אָדער אויף וועמען שלעכטס געטראַכט? און דאָך, בין איך געזעסן און געליטן: ניט איין מענטשן און ניט איין לעבעדיק וועזן האָב איך אַרום מיר ניט געהאַט, פון וועמען איך האָב געקאָנט אַ וואָרט הערן, איך בין פאַר מיין ליבע געזעסן, און וואָס איז דאָ זינדלעך דאַרין? האָט דען גאָט ניט מיט ליבע די וועלט באַשאַפן? גאָט איז ניט שולדיק, ער האָט נאָר מענטשן און שלאַנגען שלעכטע באַשאַפן, וועלכע פאַרגיפטן אונז אונזער ליבע און לעבן...

— אַזוי איז שוין דאָס וועלטל אונזערס, — האָט רבי יצחק מיט אַ זיפץ געזאָגט, — ניט איין אומשולדיקער איז דאָרטן מיט דיר אין טורמע געזעסן, ווער ווייס, וויפיל נאָך אומזיסטע טרערן עס באַנעצן דאָרטן דעם ציגל-בריק און די פאַרפוילטע שטרוי-זעק, וועלכע מען גיט אַזעלכע איידעלע קינדער, ווי דו, דאַרויף אָפּצוקומען זייערע זינד, וואָס מען האָט אויף זיי אַרויפגעוואָרפן? מענטשן זענען קיין מלאכים ניט, מען קען ניט וויסן, ווער עס איז שולדיק, און ווער אומ-

שולדיק, מען האָט דעם געזעץ ניט צו שלעכטס געגעבן. דו דאַרפסט גאָט דאַנקען: ער האָט דיר צוגעשיקט גוטע ריכטער, ערלעכע לייט, און זיי האָבן דעם אמת אַרויסגעפונען, שטענדיק מוז דער אמת אַרויס, פאַר דעם אמת ליידט יעדער אין זיין לעבן, אפשר פיל מער וויפיל אַנדערע ליידן פאַר זייער שקר. אָבער וואָס זאָל מען טאָן, אַז דער אמת איז שטענדיק פרעמד און ניט אַלע דערקענען אים? — פאַר דיין טריי האַרץ האָסטו געליטן, פאַר דיין אומשולד. איך ווייס, אַז איך דערמאָן זיך, פאַרוואָס דו האָסט געליטן. דאַנק איצט גאָט, מיין זון, און איך וויין איצט פון פריידן איבער דיין באַפרייאונג, פאַרגעס, ליבער יוסף, פאַרגעס אַלץ, זיי אַ מענטש, זוך ניט קיין נקמה. זיי גליקלעך דערמיט, וואָס דיין אמת איז ניט מער פרעמד!

— ליבער רבי יצחק, איר הייסט מיר פאַרגעסן אין דער מינוט וואָס מיינע אַלע ווונדן זענען נאָך אָפן, איך וועל גאָט בעטן איך זאָל וואָס קענען פאַרגעסן. ווי וואָלט איך דאָס גערן טאָן, אַז דאָס גאַנצע שלעכטס וואָלט זיין דערמיט פאַרענדיקט. אָ! איך האָב אָבער אַ שרעקלעכן פאָרגעפיל, אַז דער שונא מיינער האָט נאָך זיין בייז ניט געענדיקט. גאָט ווייס, וואָס מיר ערוואַרט נאָך פון מאָהיביל. וואָס האָט איר געהערט? וואָס ווייסט איר, ליבער רבי יצחק, פון מיינע עלטערן און פון ראָזען?

— יוסף, איך באַשולדיק דיך ניט, וואָס דו ביסט אַזוי געשטימט, מען קען אין אַ יאָר זיצן אין טורמע אַזוי מעלאַנכאָליש ווערן און אָנהויבן ציטערן פאַר דער צוקונפט, אָדער ניט גלויבן אין דער געגנ־וואַרט. איך ווייס פון ראָזען ניט, איך בין דעם ווינטער אין לייפּציג געווען, דו ווייסט נאָך וויסן, וואָס איך האָב דאָרט צו טאָן געהאַט, פון דיינטוועגן האָבן הי מיינע מענטשן געטאָן, וואָס נאָר זיי האָבן געקאָנט. פון פרידמאַנען האָב איך נאָר איין בריוו געהאַט, ער בעט מיך, איך זאָל פון דיינטוועגן טאָן, וואָס איך קען. די איבריקע בריוו האָט מען דאָ אין קאַנטאָר דערהאַלטן. זיי זענען אָנגעפאַלן אויף מיר, פאַרוואָס שוויג איך. דער בוכהאַלטער, דיין גוטער פריינט האָט פאַר רעכט געפונען — מיר די בריוו ניט אָפּצושיקן, איך בין שרעקלעך פאַרביטערט געווען אין דער צייט. ביי מיר איז אַן אייגיקל געשטאָרבן. יוסף, עס האָט נאָך צייט, איך וועל דיר אַלץ דערקלערן. זיי נאָר זיכער, דיין ראָזע איז געזונט, פון דיינע עלטערן די בריוו קען איך דיר שוין אַוועקגעבן, זיי זענען ביי מיר, ביי דעם בוכ־

האַלטער געפינט זיך ראָזעס בריוו אויך, וועלכע ער האָט ביי דעם סטרוזש אָפּגענומען.—

יוסף האָט די עלטערנס בריוו דורכגעלייענט, זיי זענען אייגנט־לעך געווען נאָר צו רבי יצחקן, און יוסף האָט זיך דערקלערט, וואָס רבי יצחק האָט פאַר אים געטאָן.

— איך קען אייך ניט דאַנקען! עס איז ניטאָ אויף אַזוי פיל גוטס, אַ דאַנק! — האָט יוסף אַ געשריי געטאָן, אים די האַנט קושנ־דיק, — גאָט האָט מיין עלנט געזען, ער פילט מיין האַרץ איצט אויך, און ווייס, וואָס איך בעט פון אים!...

— יוסף, איך בעט פון דיר קיין דאַנק ניט, — האָט אים רבי יצחק איבערגעשלאָגן, אויב דו בעטסט עפּעס גאָט פאַר מיר, טאָ בעט אים בעסער, ער זאָל מיר אָן דיר נחת לאָזן זען, און דאָס וועט שוין זיין דיין גרעסטער דאַנק, וואָס קיין בעסערן ווינטש איך זיך ניט! קום, פאָלג מיר, דו ביסט געוויס הונגעריק, דו האָסט נאָך אַוודאי היינט ניט געגעסן. קום, לאָמיר עטוואָס איבערבייסן, מיך הונגערט אויך.

— איך וויל ניט עסן, — האָט יוסף געענטפערט, — מיר איז פול דאָס האַרץ, איך קען איצט ניט עסן, איך וואָלט בעסער אַריבערפאָרן צו אַ דאָקטאָר, מיך האָט דאָרטן די ווילגאָטע אויפגעגעסן, איך פיל אַ ווייטאָק אין האַרצן, גאָט ווייס, וואָס איך האָב מיטגעבראַכט פון דעם פאַרפלוכטן אָרט.

יוסף האָט זיך נאָך די ריי טרויעריק פאַרטראַכט, און נאָר אַ שווערער זיפץ האָט אויפגעוועקט רבי יצחקן פון זיינע שווערע געדאַנ־קען, ער האָט אין יוספס אויגן טרערן געזען.

— וואָס וויינסטו ווידער? — האָט רבי יצחק געפרעגט, — ניט זאָרג, דו וועסט נאָך געזונט זיין, ניט פאַל ביי זיך אַראָפּ, איך שיק שוין נאָך אַ דאָקטאָר, ער וועט דיר, מיט גאָטס הילף, דיין געזונט האַרץ צוריקקערן, און דו וועסט געזונט זיין ווי געווען!

— יאָ! — האָט יוסף מיט אַ זיפץ געענטפערט,—איך גלויב, אַז מען וועט מיר מיין געזונט צוריקקערן, אָבער דאָס ווייס איך געוויס, אַז קיינער אין דער וועלט וועט מיר שוין דעם יאָר ליידן ניט צוריק־קערן. ווען מען רויבט אַ יאָר פון גאַנצן לעבן איז נאָך ניט אַזוי פאַרדריסלעך, ווי איין שיינעם טאָג פון דעם פרילינג פאַר דעם, וואָס זעט נאָר איין פרילינג אין גאַנצן לעבן! — ווער וועט מיר דעם יאָר ליבע, דעם שיינעם פרילינגס־יאָר מיט זיינע ליבע בלומען און בליטן,

וועלכע איך וואָלט אין אים געהאַט, צוריקקערן? מען האָט מיך קראַנק געמאַכט, איך בין זיי דאָס מוחל, נאָר טאָמער האָבן זיי מיין ראָזע אָפּגעריסן פאַר דער צייט, אָ, דאָס קען איך ניט מוחל זיין!

— ניט זאָרג, יוסף, דיין ראָזע איז דיר נאָך טריי ווי געווען, און ניט מאַך זיך אָן שמערצן איבער דעם פאַרלאָפּענעם יאָר! דו דאַנק גאָט, וואָס דו האָסט אים איבערגעלעבט, דאָס וואָס פאַרפאַלן, קערט מען שוין ניט צוריק. די מערדער, וועלכע האָבן אויף דיר דעם אומגליק געבראַכט, האָבן עס גאַנץ גוט געוווסט, אַז ווען עס וועט קומען ד'ער טאָג, וואָס זיי וועלן דיר דאַרפן באַצאָלן פאַר אַלץ, וואָס זיי האָבן דיר צו טאָן, וועלן זיי דיר פאַר דער גערויבטער צייט פון דיין גליק אייביק שולדיק זיין, ווייל אַ מענטש קען גאָר אַזעלכעס מיט קיין רייכטום ניט קויפן. זיי אָבער האָט דאָס ניט געאַרט, און ניט דעם יאָר אַליין האָבן זיי פון דיר געוואָלט רויבן, דיין גאַנץ לעבן, ווען ניט גאָט. — ער איז אַ מערדער, דער שוואַרצער מורין, ער וואָלט זיך אין דיין בלוט באָדן. אַז איך דערמאָן זיך, דו דאַרפסט מיט אים פאַרברענגען דיין גאַנצן לעבן אינאיינעם, דאַן וויינט מיר דאָס האַרץ אויף דיר! אַז איך דערמאָן זיך, אַזאַ שיינע ראָזע האָט גאָט באַשאַפן צווישן אַזעלכע ווילדע שעדלעכע דערנער, דאַן ציטער איך פאַר איר, איך ציטער פאַר דיר אויך, מיין ליב קינד, איך בין נישט אימשטאַנד דעם שוואַרצן שלאַנג פון דיין גאָרטן אַרויסטרייבן, און וואָלט איך דיך קענען אַנדערש גליקלעך מאַכן, יוסף, מיין לעבן וואָלט איך דערפאַר לייגן. דיינע צרות האָבן דיך נאָך נעענטער צוגעדריקט צו מיין האַרץ, איך וואָלט דיך פאַר קיין פאַל ניט לאָזן פאָרן צוריק אין מאָהיביל, זען זיך מיט דיין געווויסנלאָזן שונא אין אויג! גאָט ווייס, וואָס אַזעלכער קען נאָך דיר אָפּטאָן? דו ביסט אין געפאַר מיט אים יעדע מינוט, היט זיך פאַר אים! היט דיין לעבן, עס איז ביי פיל טייער!...

רבי יצחק האָט אָנגעהויבן צו קלאַפּן מיט דעם פויסט אויפן טיש און געשריען:

— גיב מיר אים, גאָט, אין האַנט, איך וועל אים באַווייזן, וואָס הייסט בלוט וועלן פאַרגיסן, ער איז אָבער ווי אַ שלאַנג, גיט אַ ביס און אַנטלויפט, און קיינער קען אים ניט כאַפּן. צום אומגליק האָט קיינער אויף אים ניט וואָס צו ווייזן! איך זאָרג פאַר דיר, יוסף!

— ניט זאָרגט, טייערער פריינד, ער איז גאָרניט אַזוי שלעכט, —

האָט געענטפֿערט יוסף, — איך וועל קומען צו אים, אים באַווייזן, אַז איך בין אים אויף אַלץ מוחל און וויל פֿאַרגעסן אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן, איך וועל אים אַלץ לאָזן און צו זיינע זיך ניט צו צורירן אויף אַ האָר. ער איז מיר אַ שונא מער ניט, ווייל ער האָט מורא, איך זאָל ביי אים עפּעס ניט אָפּנעמען, אָבער אַז איך וועל מיר נעמען מיין ראָזען, און זיין גליקלעך מיט איר, ווו גאָט וועט אונז פֿירן, וואָס וועט ער האָבן צו מיר? ניין, אַ מענטש קען שוין גאָר אַזוי שלעכט ניט זיין!...

יוסף האָט דאָס געזאָגט מיט אַ באַוווסטזיין, ווייל אין זיין איידל האַרץ האָט גאָרניט געקענט אַריינקומען דער געדאַנק, אַז עס זענען דאָ פֿיל מענטשן, וואָס ווערן דעם אַנדערן אַ שונא פֿאַר זייער אַ קליינעם אינטערעס, און ווי זיי הויבן נאָר אָן אים רודף צו זיין, קערן זיי זיך ניט אום אַפֿילו דאַמאָלס, אַז זיי האָבן שוין זייערס געוווּנען, און יאָגן אים אַזוי לאַנג, ביז יענער פֿאַלט, נעבעך, אַריין אין דער גרוב, וואָס מען גראָבט פֿאַר אים. יוסף איז נאָך אין דעם נאָך ניט ערפֿאַרן געווען און האָט געהאָפֿט זיין ערנסטן פֿיינט צו איבערקערן פֿאַר אַ גוטן פֿריינד, אָדער געמיינט לכל־הפּחות פֿון דעם ווילדן וואָלף צו מאַכן אַ שטיל שעפּעלע, און האָט זיך גאָרניט דערמאָנט, אַז אַ שלאַנג שטאַרבט מיט דעם גיפֿט, וואָס ער ווערט געבוירן, אַ וואָלף בלייבט אַ בייזע חיה ביז זיין טויט. וואָלט יוסף דאָס איבערגעטראַכט, וואָלט ער אפשר אַ קלער געטאָן, אַז טאָמער שפּילט דאָ ביי משה שנייאורן דער נצחון די גאַנצע ראָלע, טאָמער מיינט אָט דער שלעכטער מענטש ניט אַזוי זיינע נוצן און געלט, ווי זיינע נוצן און כבוד, און דאָס קען אים גאָר יוסף ניט פֿאַרזיכערן, אַז דאָס וועט אים ניט פֿעלן, ווען ער וועט אים אַ שוואָגער ווערן. טאָמער איז משה שנייאור קיין זאַך ניט אויסן, מער ניט ווי ראָזען אומגליקלעך צו מאַכן איבער גאָר פּערזענלעכן כעס, וואָס דער נידערטרעכטיקער מענטש טראָגט אויף איר פֿון לאַנג, און נוּעט דעם כעס ניט שטילן, ווילאַנג ער וועט זי ניט זען אומגליקלעך. די ליבע האָט אים נאָך ווי איצט די אויגן פֿאַרבלענדט, אָדער די פֿרייד, וואָס ער איז אויסגעלייזט געוואָרן, האָט אים געמאַכט פֿאַרגעסן, אַז עס איז שוין אַ יאָר צייט אַריבער, און אין אַ יאָר צייט לויפֿן אַ סאַך וואַסערן אַריבער, און ווער ווייס, וואָס די וואַסערן האָבן אין דעם יאָר צייט מיט זיך פֿון אים אַוועקגעשטראָמט?...

דער לאָקיי האָט געבראַכט עסן און איז באַלד אַוועק נאָך אַ דאָקטאָר.

יוסף האָט גענומען דעם ערשטן ביסן, און טרערן זענען אים אָנ־געקוואָלן אַ פולן האַלז און אים געלאָזט אַראָפּשלינגען.

— דו האָסט זיך אָפּגעוווינט, יוסף, פון דעם ברויט, — האָט רבי יצחק געזאָגט, אַז ער האָט דאָס באַמערקט.

— דער ביס ברויט האָט מיך דערמאָנט אָן מיינע צרות אין טורמע און איך וויין איצט פריידן־טרערן. איך האָב דעם ביסן ברויט אַריינגענומען אין מויל און האָב אים ניט אַזוי פיל אַרומגעקוקט, אים ניט מורא געהאַט צו קייען מיט די ציינער. אָבער דאָרטן פלעג איך איטלעכן ביסן פריער מיט טרערן באַגיסן, און דערנאָך מורא האָבן צו צולאָזן אַ צאָן צו אַ צאָן, וואָרום ניט איין מאָל האָב איך מיינע ציי־נער צעבראָכן פון די שטיינער און ציגל, וואָס איז אין דעם ברויט. ווער קען דאָס אַלץ איבערדערציילן, וואָס איך האָב געליטן!

— אָבער גענוג דיר וויינען. וויסטו, דו ביסט דאָך געוואָרן אַ קינד, באַלד ווייניסטו! — האָט רבי יצחק געזאָגט, — פע, פאַר אַ מענטש מיט שכל זענען טרערן צו שאַנדע.

— איך האָב אויך אַמאָל אַזוי געזאָגט, טרערן פּאַסן ניט פאַר אַ רעכטן מאַנספּערזאָן, צרות פון לעבן דאַרפן אים נאָך האַרטער און שטאַרקער מאַכן, און איך ווייס איצט ניט, צי זענען מיינע צרות שטאַרקער געווען, ווי געוויינלעך און האָבן נאָר מיין יונג האַרץ גע־בראָכן, אָדער מיין האַרץ איז ווי אייזן שטאַרק אַזעלכע צרות אַריבער־צוטראָגן. טרערן, זאָגט מען, איז דאָס בלוט פון האַרץ, מיין האַרץ איז נאָך ניט געבראָכן אָבער פיל פאַרוווּנדעט און בלוטיקט איצט אונ־טער די ווונדן, רבי יצחק, צו אַ פול גלאָז דאַרף מען נאָר איין טראָפּן עס זאָל אַריבער! — איך האָף נאָך אָבער אַ מענטש צו ווערן ווי מען דאַרף, ווי איך דענק און האָב געוואָלט זיין!

— גענוג אונז ריידן, — האָט רבי יצחק געזאָגט, — איך ווייס, דו האָסט אַ יאָר נאָכאַנאַנד ניט גערעדט, און דו ווילסט זיך אויסריידן אויף איין מאָל, און דו עסט דערווייל גאָרניט.

— איך ווייס, — האָט יוסף געזאָגט, — אַז מען קען זיך גאָר מיטאַמאָל ניט אויסריידן דאָס גאַנצע האַרץ, און בפרט איך איצ־טיקער צייט. איך רייד, פון דעסטוועגן ווערט מיר דאָך אַ, מיט וויפל איז שווייגן ערגער ווי ריידן!

און אַזוי האָבן זיי געענדיקט זייער פרישטיק, דער דאָקטאָר איז געקומען און האָט יוספן געהייסן געניסן מער פרייע לופט, און אים אָנגעזאָגט שפּאַצירן, זיך פאַרגעניגן אָנטאָן, און אויב עס איז מעגלעך, זאָל ער ניט וווינען אין פּעטערסבורג, וואָרום אים פאַרשאַדט די לופט.

יוספן האָט אַ בלייך געטאָן די האָפנונג צו זעען באַלד זיין ראָזען.

ב

פון פעטערסבורג

דעם ערשטן טאָג איז יוסף צו הויז געבליבן, אויף מאָרגן האָט ער שוין געפונען נייע קליידער און וועש, באַלד נאָך פרישטיק איז רבי יצחק מיט אים געפאָרן, און האָט אים באַוויזן ווי גליקלעך און פאַרגעניגנד מען קען נאָך לעבן, און עס איז ניט כדאַי צו שטאַרבן אפילו, אַז עס טרעפט אַ קאַטאַסטראָפע. עס זענען פון אָוונט געקומען רבי יצחקס באַקאַנטע, און יעדער האָט אויסגעדריקט זיין פרייד איבער דער באַפרייאונג, מאַנכע האָבן אים צו אָנדענק מתנות געבראַכט, אָבער די בעסטע געשענק האָט אים געמאַכט רבי יצחקס בוכהאַלטער, דאָס איז געווען אַ פּאַקעט מיט בריוו פון ראָזען צו יוספן, וואָס דאָס האָט אַלץ איבערגענומען דער סטרוזש.

יוסף האָם די בריוו איבערגעלייענט מיט טרערן.—

— אָ, גאָט! — האָט ער געזאָגט, — זי האָט געליטן, אָבער אויס! קץ שם ה׳ לחושך — אויס פינסטער, ראָזע, איך פלי צו דיר, איך ווייס, דיין האַרץ איז מיר טריי געבליבן, איך מעג נאָך קומען צו דיר, איך וואַרט ניט אויף אַ ענטפער פון אייך!—

וויפל רבי יצחק האָט אים ניט אָפּגערעדט, ער זאָל נאָך וואַרטן און ניט פאָרן — עס האָט ניט געהאָלפן.

דער טאָג שבת איז אים לענגער געווען, ווי די גאַנצע צייט, און ווי רבי יצחק האָט נאָר הבדלה געמאַכט, איז שוין געשטאַנען אַ דראָזשקע, און יוסף איז שוין פאַרטיק געווען צו דער רייזע. רבי יצחק איז מיטגעפאָרן מיט אים ביזן וואָקזאַל. אין וועג האָט ער זיך נאָך געפרובט אים אָפּריידן, און האָט געזאָגט:

— פאָלג מיר, יוסף, ניט פאָר איצט, דו וואַרט אָפּ, ביז איך וועל פון דאָרטן קענען אָוועקפאָרן. דאָס וועט ניט מער געווערן ווי א חודש

אָדער צוויי, און דאַן, אָדער מיר וועלן פאָרן ביידע, אָדער איך וועל אַליין אַריינפאָרן און זען, וואָס דאָרטן איז, און דיר מודיע זיין. דו ווייסט דאָך, ווי טייער דו ביסט ביי דיינע עלטערן, און איך האָב דיך ערב געווען! יוסף, באַדאַכט זיך, איך בעט דיך!

אין דער רגע איז די דראָזשקע אַרויפגעפאָרן אויפן וואָקזאַל־הויף, און פון פלאַטפאָרם האָט זיך דערהערט דער ערשטער קלונג. יוספס אומגעדולד האָט דערלאַנגט דורך דעם ביז די לעצטע שטופע.

— איך פאָר, רבי יצחק! — האָט ער אַ געשריי געטאָן, — איך מוז פאָרן! מיך ציט, איך בין ניט אין שטאַנד זיך צוריקצוהאַלטן!

— פאָר געזונט, ליבער זון! שרייב אָבער באַלד אַלץ, וואָס מיט דיר וועט זיך נאָר טאָן! זיי אַ מענטש, דאָס הייסט, זיי שטאַרק, און שטאַרק דיך אַ מענטש צו בלייבן, צו וואָס דיר וועט נאָר טרעפן! יוסף, טאָמער, זאָל גאָט אויסהיטן, וועט זיך דאָרטן ניט אַזוי אויס־לאָזן ווי דו האָפסט, טאָ האָב אין זינען, אַז די וועלט גייט נאָך ניט אונטער, דו ביסט ניינצן יאָר אַלט, דו קענסט נאָך פיל גוטס האָבן, דו היט דיין געזונט, וואָרום דיין לעבן איז ביי פיל זייער טייער. דיינע עלטערן האָבן דיך מיט טרערן דערצויגן, דו קאָסט זיי בלוט און געזונט, מיר קאָסט דו שוין אויך, און אויב, חלילה, דו וועסט אָט דעם טייערן לעבן ניט היטן, בלייבסטו פאַר דיינע עלטערן און פאַר מיר אומדאַנקבאַר, איך האָלט גאָר קיין מאָל ניט איבערגערעדט, אַז איך טו מיט דיר חסד, איך האָב אָבער איצט פאַר דיר פיל מורא, און מוז דיר דאָס ווי אַ אזהרה דערמאָנען, היט זיך און ניט זיי אונז אומדאַנקבאַר, דו זאָלסט מיך נאָר ניט פאַרגעסן! אויפן ערגסטן פאַל זאָלסטו זיך באַלד ווענדן צו מיר מיט אַ בריוו, און איך וועל טאָן וואָס מעגלעך.

— זייט געזונט, און זייט זיכער, אַז אייערע רייד וועלן ביי מיר קיינמאָל ניט אָפּגעמעקט ווערן פון מיין זכרון, איך קען אייך ניט פאַרגעסן, רבי יצחק!

רבי יצחק האָט פאַר אים אַ בילעט גענומען, אים דערלאַנגט און יוספן צום האַרצן צוגעדריקט מיט הייסע קושן. יוסף האָט אים אַזוי געענטפערט. ער איז אַריין אין וואַגאָן, רבי יצחק איז נאָך ניט אַוועק, און אַז דער צוג האָט זיך שוין גערירט פון אָרט, און יוסף האָט אים דורכן פענסטער געזאָגט דעם לעצטן „זייט געזונט" — האָט

ער נאָך אַ געשריי געטאָן, נאָכגייענדיק גאָכן צו.

— געדענק דיין מוטערס טרערן, און וואָס איך האָב פון דיר צו מאָנען — פּאָר געזונט, געזונטערהייט זיך צו זען! —

און איידער יוסף האָט נאָך באַוויזן צו ענטפערן, האָט ער שוין רבי יצחקן ניט געזען. נאָך עטלעכע מינוט, און רבי יצחק האָט שוין דעם צוג אויך ניט מער געזען.

ג

אַ גוטער סימן—אַ חתונה אין שטאָט

דריי טעג האָט געוועדט יוספס רייזע, ער וואָלט די דריי טעג אפשר ניט אַריבערגעלעבט פון אומגעדולד. נאָר ראָזעס בריוו, וועלכע ער האָט געהאַט, האָבן אים די לאַנגע שעהן פאַרקירצט. ענדלעך איז געקומען די הייסגעוווּנשטע מינוט, דינסטאָג זעקס אַ זייגער פאַרנאַכט! יוסף האָט דערזען די שפּיצן קירכן פון מאָהיביל, וועלכע עס זעען זיך עטלעכע וויאָרסט פון ווייטן. אים האָט אין האַרצן אָנגעהויבן צו קלאַפּן, און נייע געפילן, שרעק און ערוואַרטונג האָבן געשטריטן אין זיין ברוסט. עס איז נאָך גוט געווען, וואָס דער וועג איז איצט אַלץ באַרג אַראָפּ, און די פערד זענען געלאָפן אומגעשטערט. נאָך עטלעכע מינוט זענען אַריבער, און דער וואָגן איז אַלץ געקומען נענטער צום שטאָט, דורכפאָרנדיק דעם בראָם האָט דער יאַמשטשיק געזאָגט:

— דאָס וועט אונז אַ גוטער סימן זיין, אין שטעטל איז אַ חתו־נה, איך הער קלעזמער שפּילן.

— גאָט זאָל געבן, דיינע רייד זאָלן אמת זיין! — האָט יוסף געענטפערט.

אים איז אויפן זינען אַרויפגעקומען, אַז זיין פּלוצלעכן אָנפאָרן קען שאַטן זיין ראָזען, און דערפאַר האָט ער אָנגעהויבן צו קלערן, ווען עס איז צו שיקן אָנזאָגן, אָדער גאָר צו פאַרפאָרן ערגעץ אַנ־דערשוווּ, ביז וואַנען זיי וועלן ביי פרידמאַנען וועגן אים זיך דערוויסן. ער איז אַראָפּ פון וואָגן און געהייסן דעם יאַמשטשיק נאָכפאָרן נאָך אים שטיל.

— רבי אשר! — האָט יוסף אַ געשריי געטאָן צו אַ פאַרבייגיי־ענדן יידן, וועלכער האָט געהאַלטן אַ שטריקל אין דער האַנט און געטריבן די בהמה זיינע אַהיים.

דער ייד האָט זיך אָפּגעשטעלעלט און אַ קוק געטאָן אויף יוספן.

— יוסף! וואָס מאַכסטו? — האָט ער אַ געשריי געטאָן, נאָך עטלעכע מינוט אים אָנקוקנדיק, — אָ, טייערער יוסף! דו האָסט מיך אויך פאַרגעסן! זאָג מיר, וואָס איז מיט דיר!

— זאָגט מיר, טייערער פריינט, וואָס מאַכט מען ביי פרידמאַנען אין שטוב?

— זיי זענען, ברוך השם, געזונט, הלואי אויף מיר געזאָגט! דער וואָס איז געווען רייך, בלייבט רייך. און דעם, וואָס מען לאָזט אַ קבצן, געפינט מען אַ קבצן. איך בין געווען אַ מלמד און געבליבן אַ מלמד. און אַז איך האָב היינט מיט פופצן רובל מער ווי דעם עבֿרדיקן זמן, בין איך שוין רייכער געוואָרן, וואָס? עולם כמנהגו נוהג, די וועלט פירט זיך, ווי זי איז, ווי מען ציט זי אָן, און קיין נסים איז אין איר ניטאָ! נאָר ווייסטו, יוסף, וואָס עס איז היינט ביי פרידמאַנען? היינט איז דאָך חתונה ביי ראָזען!

— גאָט אין הימל! — האָט יוסף אַ געשריי געטאָן, און האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר אָשרס האַנט, — איר האָט אַ טעות, עס קען ניט זיין! — האָט ער געשריען נאָכאַנאַנד.

אָשר דער מלמד, וועלכער ער איז געווען אַ משכיל אַ ייד, און דערצו זייער אַן אָרנטלעכער און קלוגער ייד, האָט באַלד זיך דער־מאָנט, וואָס עס האָט זיך אַמאָל געהערט אין שטאָט אויף יוספן מיט ראָזען, און האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז זיין בשורה איז געווען יוספן ווי אַ קויל אין האַרצן, דערפאַר האָט ער אַ דריי געטאָן און מיט אַ שמייכל געזאָגט:

— יאָ, איך האָב אַ טעות, דאָס איז אַ חתונה טאַקע ביי זיי אין שטוב, אָבער גאָר דאָ ביי איינע פון די פאַרשטעטלדיקע!

— איר וועט זיי גיין אָנזאָגן, ליבער רבי אָשר? — האָט יוסף געפרעגט און אין זיינע אויגן איז ניכּר געווען, אַז זיין קאָפּ איז אים ניט אויף אַן אָרט.

אָשר האָט דאָס באַמערקט, און פאַרשטאַנען באַלד, וואָס ער דאַרף דאָ טאָן.

— יוסף, פאָלג מיך, דו פאַרפאָר צו מיר, נישקשה, מיר וועלן דיך צונעמען פאַר אַ גאַסט, און דערנאָך וועלן מיר זיך שוין מישב זיין וואָס צו טאָן.

— איך גיי מיט אייך!

אין דעם זענען פון בית המדרש געסל אַרויסגעלאָפן אַ גאַנצע

קאָמאַנדע ייִנגלעך און מיידלעך, און פון ווייטן האָבן זיי געזען אַן עולם יידן מיט ווייבער, דאָס איז שוין געווען פון דער חופה, יוסף האָט זיך טיף פאַרטראַכט.

— איך זע דאָרטן מיין ראָזען! — האָט ער נאָך אַ געשריי גע-טאָן און זיך אַרויפגעוואָרפן אויף זיין פריינט.

די אַלע פאַרבייגייענדע זענען נאָר געלאָפן זען די כּלה, הערן דאָס שפּילן פון באַרימטע קלעזמער, און מער ניט. אָשר דער מלמד האָט געזען דעם אומגליקלעכן יוסף, און געהערט דאָס וויינען פון זיין האַרצן, כאָטש אין זיינע אויגן האָבן זיך קיין טרערן ניט געזען.

דאָרטן, פון דער אַנדערער זייט, האָט מען געפירט אונטער די הענט אַ כּלה, וועלכע האָט געחלשט ביי יעדע פינף טריט, און וואָס לייט האָבן געזאָגט, דער תענית האָט איר פאַרשאַדט. און דאָ האָט געפירט דער אָרעמער מלמד דעם אומגליקלעכן יוסף, וועלכער האָט אויך געחלשט, אָבער קיינער האָט דאָס ניט באַמערקט! ווער פון די צוויי איז אומגליקלעכער?...

יוסף איז אַריין צום מלמד אין שטוב, און דאָס האַרץ איז אים שוין געווען פאַרשטיינערט. רואיק האָט ער אויסגעהערט פון דעם קלוגן יידן, וועלכן יוסף האָט שוין לאַנג געליבט, אַלץ וואָס ער האָט אים דער-ציילט, וואָס דאָ איז געגאַנגען אויף אים די רייד און וואָס מען האָט אין שטאָט אַביסל צוגערעדט, אַז ראָזע איז ניט ביים גאַנצן זינען. דער מענטש, וועלכער איז יאָרנלאַנג אָפּגעזעסן אויף איוב און נאָך זיין מיין פאַר-שטאַנען, אויך מיטגעפילט מיט איובן, און ווי אַ מענטש, וועלכער האָט שוין מיט אַן אָפן אויג געלעבט און פאַרשטאַנען גוט דעם זינען פון קהלת, וואָרום קיין אַנדערע פילאָזאָפישע ספרים האָט ער ניט גע-האַט, האָט געפונען יוספן אַ גלייכן צו דיביידע: ווי איוב האָט ניט געזינדיקט און גאָט האָט אים געשטראָפט, האָט ער דעם אומשולדיקן יוספן איצט געזען, וועלכער איז איצט אויך געזעסן, ווער ווייס אויב ניט אין נאָך ערגערע ווונדן פאַר איובן. און צו קהלת האָט ער אים געגליכן, וועלכער האָט אַמאָל שיר השירים געזונגען, מיט אַזוי פיל גליק און ליבע און דערנאָך געקומען ווי אַ בעטלער, ווי אַ זינדיקער אין זיין אייגענעם לאַנד, וווּ קיינער האָט אים ניט געוואָלט דערקע-נען, און איז נאָר פאַרבייגעגאַנגען פאַר זיינע טייערע לוסט-גערטנער און פּאַלאַצן, אין וועלכע מען האָט אים ניט אַריינגעלאָזן! יוסף איז אויך מיט אים ביינאַכט אומגעגאַנגען אין די אַלע אים אַמאָל באַליב-

טע ערטער, מיט קהלת געפיל, ניט איינמאָל איז ער פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי פרידמאַנס פענסטער, געהערט דאָס שפּילן, געזען דאָס טאַנצן, געזען זיין ליבע ראָזע, פאַר וועלכע, ער האָט אַזוי פיל געליטן, אַזוי פיל טרערן פאַרגאָסן, זי געזען אין אַ ווייס קלייד, נאָר איר געזיכט איז געווען פאַרדעקט מיט דעם ווייסן דעקטוך. ער האָט אַלעמען געזען און דערקענט, און איז פונדעסטוועגן ניט געשטאָרבן דאָרטן אויפן אָרט, ווי אים האָט זיך געוואָלט. איר האָט זיך שטאַרק געוואָלט זען דעם חתן ראָזעס, ער האָט זיין געזיכט געוואָלט זען. אים האָט זיך געדוכט, אַז ער וועט אים מיט איין בליק דערקענען, צי ראָזע וועט פאַר אים גליקלעך זיין, ער האָט אים אָבער ניט געזען. ער וואָלט נאָך דאָ אַזוי ביז טאָג געשטאַנען, ווען אָשר, וועלכער האָט קיין האַרץ ניט געהאַט אים צוריק צוציען פון זיין ליבן אָרט, ווען ניט ער וואָלט באַמערקט, אַז זיין געזיכט איז טויט בלאַס, און אַז זיינע אויגן זענען צומישט. ער האָט זיך זייער דערשראָקן און האָט יוספן מיט גוואַלד אַוועקגעשלעפּט אַהיים. יוסף האָט נאָר אַ געשריי געטאָן! „גוואַלד, פאַרוואָס לעב איך נאָך. פאַרוואָס שטאַרב איך ניט?..."

אין שטוב האָבן אַנדערע געהערט דעם קול, אָבער זיי האָבן פון שטוב אויפן גאַס ניט געקענט אַרויסקוקן. פון דער פינצטערער גאַס קוקט זיך אַריין אין די ליכטיקע שטוב בעסער, ווי פון אַ ליכטיקע שטוב אַרויסצוקוקן אויף דער פינצטערער גאַס. אַזוי קוקן די אָרעמע לייט פון זייער פינצטערער וווינונג גיכער אויף דעם רייכן אין זיינע שיינע באַלויכטענע צימערן, איידער דער רייכער קוקט פון זיי אַרויס אַמאָל אויף די אָרעמע לייט, אין זייער עלנט און פינסטערניש.

און אַזוי האָט דער אָרעמער יוסף די אַלע לויכטענדיקע געזיכטער געזען, אָבער קיינער האָט פון שטוב זיין פינצטערע טרויעריקע צורה ניט באַמערקט!...

— מיין האַרץ! מיין האַרץ! — האָט יוסף געזאָגט שטילערהייט, גייענדיק אַהיים נאָך דעם מלמד, וועלכער האָט אים פאַר דער האַנט געפירט און אפשר געפילט, וואָס עס טוט זיך אין זיין אָרעמען האַרץ — מיין האַרץ, איז דאָ ביי ראָזען געבליבן! — האָט ער זיך ווייטער געזאָגט, — גאָט! און דו זעסט דאָס און דו לאָזט מיר ליידן! די אַלע טאַנצנדיקע, אַלע פריילעכע צורות, וועלכע איך האָב איצט געזען האָבן מיך אַמאָל געליבט, ראָזע האָט מיך דאָך געוויס געליבט, און איצט?... אין אַזאַ קליינער צייט שוין אַזוי פאַרגעסן! ראָזע האָט חתונה געהאַט פאַר אַן אַנדערן! זי איז שוין מער ניט מיינע.

דאָס איז געוויס! און איך לעב נאָך פונדעסטוועגן, און קען נאָך גיין אויף מיינע פיס!... עס זענען פאַלש אַלע רייד, וואָס מען רעדט און וואָס מען גלויבט! איך האָב צו זיך ניט איינמאָל גערעדט און געגלויבט, אַז אָן איר וועל איך ניט לעבן, און איצט לעב איך נאָך, און לייד נאָך!

יוסף איז געקומען אַהיים צו אָשר מלמד אין דעם קליינעם שטיבל. אויפן טיש האָט געברענט אַ קליין ליכטל. הינטערן וואַנט האָט זיך געהערט ווי די בהמה שרייט, דעם מלמדס ווייב און קינד האָבן שוין געשלאָפן. רבי אָשר האָט געבעטן יוספן, ער זאָל זיך אויך שלאָפן לייגן. אָבער יוסף האָט געזאָגט, ער קען ניט שלאָפן, ער מוז שרייבן. דער ערלעכער מאַן האָט מורא געהאַט צו לאָזן יוספן אַליין, ער האָט אים חושד געווען, אַז ער וועט זיך אַ מיתה אָנטאָן, און האָט דערפאַר צוגענומען דעם מעסער און זיין געצייג, מיט וואָס דער מלמד פלעגט ביינאַכט, נאָכדעם, אַז ער פלעגט זיינע תלמידים לאָזן פריי, מאַכן הילצערנע פיפקעס. ער האָט זיך געלייגט אויף דער קאַנאַפּע, וועלכע איז האַרט לעבן טיש געשטאַנען, און האָט זיך פאַרגענומען אַנטשלאָפן צו ווערן. יוסף האָט זיך אַנידערגעזעצט שרייבן, און האָט געשריבן ביזן גרויסן טאָג. דאָס ליכט איז אויסגעגאַנגען, און דורכן לאָדן האָבן זיך אָנגעהויבן דורכצוגנבענען די בלאַסע שטראַלן פון באַגינען. יוסף, וועלכער האָט שוין דריי נעכט ניט געשלאָפן, איז געפאַלן איבער זיין פעדער און אַנטשלאָפן געוואָרן. און אַז דער מלמד איז אויפגעשטאַנען און אָנגעהויבן צו זאָגן זיין תהלים מיט זיין געוויינלעכן טרויעריקן ניגון, האָט יוספס האַרץ פון שלאָף נאָכגעוויינט נאָך אים. ער האָט זיך אויפגעהויבן און געקוקט אויף דעם אָרעמען אַלטן מלמד, וועלכער איז געזעסן אין דער שטילער שטוב און געשניצט זיינע לולקעס און אימער געזאָגט אַזוי האַרציק, אַזוי רירנד. יוסף האָט געפילט, ווי איטלעכס וואָרט איז אים איבער זיין פאַרוווּנדעטע האַרץ געגאַנגען, ער האָט געוויינט און דעם בריוו ווייטער אָנגעהויבן צו שרייבן. אַז זיינע אויגן האָבן שוין מער קיין טרער ניט געהאַט, האָט ער זיין בריוו געענדיקט, אים אַוועקגעגעבן דעם מלמד, ער זאָל איבערגעבן שניאורקען. שניאורקע איז אָבער צעטראָגן געווען פון דער חתונה, ער האָט צוגענומען דעם בריוו און אים באַהאַלטן אין בוזעם קעשענע, און אַזוי אים גאָר פאַרגעסן.

אַז דער מלמד איז געקומען מיטן טלית און תפילין צוריק פון בית-המדרש, האָט ער געפונען יוספן ליגן און פיבערן, ער איז געווען רעכט קראַנק.

ד

רוחמה

ביי פרידמאַנען האָט קיינער ניט געוווסט פון יוספן. דער מלמד האָט געוווסט ווי אומגליקלעך יוסף איז, און גערעכנט, וואָס קען אים שוין העלפן, אַז מען וועט אים ווידער צונעמען דאָרטן אין שטוב און אַז ער וועט זען זיין פאַרלוירענע ראָזע יעדע מינוט. אַגב האָט ער געוווסט, וואָס מען האָט אויף יוספן צערעדט אין שטאָט און ווי אין כעס מען איז דאָרטן אויף אים, זדערצו נאָך האָט אים יוסף אַליין געבעטן, ער זאָל קיינעם ניט דערציילן, און ער האָט אים דאָס מבטיח געווען. יוסף איז געלעגן ביי דעם מלמד אַ גאַנצע וואָך און זיך מיאש געווען פון לעבן, ער האָט געוואַרט אויף דעם טויט. זיינע שמערצן, וואָס מען וויל אים שוין גאָר אין פרידמאַנס שטוב ניט דער־קענען, זענען געווען פיל ביטערער ווי דער טויט. ער איז אָבער ניט געשטאָרבן, איבערגוואַלד לעבט מען און איבערגוואַלד שטאַרבט מען! אָבער מיט דעם גוטן ווילן קען מען אפילו דעם טויט ניט קריגן, אַזוי ווי דעם לעבן!

— פאַרוואָס ניט? — האָט יוסף אַמאָל זיך זעלבסט געפרעגט, — איך האָב שוין אין מיין לעבן גענאָסן, איך האָב גאָרניט געטראָפן, איך האָב געזאָגט, איך ליב מיין ראָזען, און בין גרייט פאַר איר מיין לעבן צו געבן, פאַרוואָסזשע זאָל איך איצט נאָך ווייטער לעבן? איך האָב איצט מער ניט אויף וואָס צו האָפן, גענוג מיר לעבן!״ מיט די רייד איז ער אויפגעשטאַנען און אַרויסגעגאַנגען, דאָס איז גע־ווען שבת פאַרנאַכט, אויף דער גאַס האָט געבלאָזן אַ קאַלט ווינטל, און געקאַפּעט אַ קליינער רעגן. אָשר איז אַוועקגעגאַנגען אין בית המדרש דאַוונען מעריב, און דאָס ווייב האָט געוויגט דאָס קליין קינד. אַ לאַנגע צייט איז יוסף געשטאַנען אויפן הויף און געטראַכט, וואָס

זאָל ער טאָן, צי גיין צום טייך און דאָרטן מיט איין שפּרונג קריגן זיין טויט, אָדער ער זאָל נאָך וואַרטן? אָבער אויף וואָס וואַרטן? האָט ער דען ניט שוין אַלץ פאַרלאָרן מיט זיין ראָזען.

— איך מוז דאָס היינט ענדיקן! — האָט ער אַ געשריי געטאָן מיט האַרץ, — און מאָרגן זאָל איך שוין פריי זיין פון די ווונדן, וואָס מיין האַרץ פּייניקט זיך היינט פון זיי! אָבער איך וויל נאָך פריער גיין צו ראָזען און איר דערמאָנען, אַז עס האָט אַמאָל געלעבט אַ יוסף, וועלכע זי האָט געליבט, און וועלכער עס האָט איבער איר יסורים געליטן, אין טורמע געזעסן, און וועלכן זי האָט פאַרגעסן! יאָ, זי האָט מיך פאַרגעסן! איך גלויב, אַז ווען ניט וואָלט איר די גוטע מוטער ניט געגנוויט חתונה האָבן! גוט, איך גיי איצט צו זיי און מוז דאָס איר זאָגן! איר זאָגן, אַז איך ליב זי נאָך איצט, איך גיי!

אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער געשטאַנען ביים טיר פון פרידמאַנס שטוב, ביי דער אייגענער טיר, וואָס פלעגט זיך פאַר אים אַמאָל מיט פרייד עפענען. איצט איז ער געשטאַנען און מורא געהאַט אַריינצוגיין. גאָלדע, וועלכע איז געזעסן ביים פענסטער און געזאָגט אַשרי תמימי דרך, האָט געזען ווי עס איז פאַרבייגעפאָרן פאַרביי דעם פענסטער אַ דראָזשקע, און באַלד דערהערנדיק טריט אין פירהויז האָט זי געמיינט, אַז דאָס איז געקומען צו איר דער דאָקטאָר, אויף וועלכן זי האָט געוואַרט און האָט זיך אויפגעהויבן אים גיין אַנטקעגן. מיט אַמאָל האָט זיך געעפנט די דיר און זי האָט דערזען יוספן.

— מוטער! — האָט ער אַ געשריי געטאָן.

גאָלדע איז פאַרציטערט געוואָרן.

— יוסף, דו?—האָט זי מיט אַ געשריי אים געפרעגט, — וועלכער גוט, אָדער שוואַרץ יאָר האָט דיך דאָ געבראַכט?

— מוטער! — האָט יוסף געענטפערט און איר האַנט גענומען קושן.

גאָלדע האָט מיט כעס איר האַנט אַרויסגענומען פון זיינע, און געזאָגט.

— הער, יוסף, אויב דו האָסט נאָך כאָטש איין פונק געוויסן אין האַרצן, זאָלסטו אַוועק פון דאַנען, און מיט מיר ווייטער ניט ריידן, דו ביסט זינדיק און וואָס ווילסטו נאָך איצט, אַפּיקורס, פון מיין געזונט? פון מיין לעבן? צרויס, איך וויל דיך ניט קענען

— מוטער, וואָס האָב איך געזינדיקט? אָ, גאָט, וואָס איז פון מיר געוואָרן, אַז קיינער דערקענט מיך ניט?

— דו האָסט גאָט פאַרלאָזן, האָט ער פון דיר דיין אַמאָליקע צורה אַרונטערגענומען. דו ביסט אַ רשע, אַן אַפּיקורס, און ניט רייד מיט מיר ווייטער

— אָבער הערט מיך אויס, ליבע מוטער, איר האָט דאָך מיך געליבט אַמאָל, איך וויל אייך אַלץ דערציילן און איר וועט זעען, אַז איך בין אומשולדיק, גאָט נעמט דאָך אויך צו די זינדיקע. אָ, הערט מיך אויס איין מינוט, לאָזט מיר נאָך אַ פּאָר ווערטער מיט ראָזען אויסריידן, מער פאַרלאַנג איך ניט פון אייך.—

— גאָט זאָל דיר אַזוי באַצאָלן, ווי דו האָסט אונז באַצאָלט פאַר אונזער זאַלץ און ברויט, פאַר אונזער טרייהייט! זאָלסט ניט וואַגן די טיר צו עפענען, איך וויל דיך ניט קענען, הלוואַי וואָלט איך דיך ניט געקענט, דו אַפּיקורס להכעיס, נאָך געקומען צו פאָרן מיט אַ דראָזשקע אום שבת באַרימען זיך, אַז ער מעג שוין אַלץ. אַרויס, דו וועסט מיט ראָזען ניט מער זוכה זיין אַ וואָרט אויסצוריידן, אַרויס דו שטן!

— איך וויל נאָר זאָגן, — האָט יוסף מיט אַ געוויין געזאָגט, אַז איך בין איר אַלץ מוחל, זי איז געבעך אומשולדיק, מען האָט אויף מיר, מי יודע וואָס, דאָ אויסגעטראַכט. מיר איז שוין מער קיין חדוש ניט, אַז איר האָט מיך געקענט אַזוי צונעמען, האָט זי געמעגט מיך אינגאַנצן פאַרגעסן!

גאָלדע האָט שוין דאָס ניט געהערט, זי האָט נאָר אַ וואָרף געטאָן די טיר און אַריין אין שטוב און פאַרשלאָסן די טיר פון אי־נעווייניק. יוסף איז ווי פאַרשטיינערט געבליבן אויסווייניק, און קוים געטראָפן ווי צו דערגיין אַ היים!...

— איך גיי אַהיים? מיין היים איז איצט פון בריק אין וואַסער אָ, גאָט, וואָס האָב איך דערלעבט? אָט אַזוי האָט זיך מיט מיר אויס־געלאָזן, איך קען עס ניט אַריבערטראָגן, איך מוז מאַכן היינט אַ סוף, אַלע מיינע האָפנונגען האָבן זיך מיר איבערגעקערט צו מיין אומגליק, און אַז איך וועל וואַרטן ביז מאָרגן, מוז איך וואַרטן אויף נייע ווונדן. אָבער איך קען שוין מער ניט, גאָט. דו ווייסט דאָס! נאָך אַ פּאָר ווערטער צו ראָזען שרייבן און גענוג!. יוסף איז אַריין אין

שטוב, און געדאַוונט מערב מיט אַ האַרץ, וואָס גאָט אַליין האָט נאָר געפילט, און באַלד זיך געזעצט שרייבן.

„עלנטע ראָזע!

ווער איז מער עלנט, דער לעזער אָדער דער שרייבער, דאָס ווייסטו. איך מיין: עס איז ניטאָ קיין עלנטער פאַר מיר. ראָזע, פאַר מיין טויט האָב איך געוואָלט דעם ערשטן מאָל פאַרזוכן דעם טעם פון נקמה, איך בין געקומען צו אייך, דיר זאָגן, דו האָסט געזינדיקט פאַר גאָט, דו האָסט דיין שבועה ניט געהאַלטן. איך האָב דיך געוואָלט באַשולדיקן אין מיינע ליידן און אין מיין יונגן טויט, איצט איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז דו ביסט ניט שולדיק, און מיין מתודה זיין איז נאָר פאַר דיר. פאַרציי מיר, דאָס פון גרויסע שמערצן בין איך זינדיק געווען קעגן דיין טרייהייט. ראָזע, ווייס אָבער, אַז ריין און אומשולדיק האָב איך געליטן. איך פאַרציי דיין מוטער פאַר איר אויפנאַמע, זי איז געוויס אויך ניט שולדיק. די האַנט, וועלכע האָט מיר געקענט אונטערוואַרפן אין פעטערסבורג פאַלש געלט, און מיך אַריינוואַרפן אומשולדיק אין אַ גרוב אַ יאָר צייט, האָט געקענט דאָ מאַכן פון מיין נאָמען און אומשולד גאָט ווייס וואָס. אויף קאַליע צו מאַכן זענען די מענטשן העלדן, און משה שניאור מעג זיך רימען! איך וויל נאָר דיין מוטער זאָגן, אַז איך בין אום שבת צו איר ניט געקומען צו פאָרן, די גאַנצע רייד אירע איז מיר פרעמד.

ראָזע, אויב דו ווילסט קעגן מיר יוצא זיין, שרייב צו מיינע עלטערן, אַז מיינע צרות האָבן מיך ביזן טייך געבראַכט, און איך בעט זיי, זיי זאָלן מיך לייכט פאַרגעסן.

רוחמקען זאָג, אַז זי זאָל זיך היטן פון איר שוואָגער משה שנייאור. איר האַרץ, האָף איך, איז מיר נאָך טריי, און איר עלנט רופט די לעצטע טרערן אַרויס פון מיינע אויגן. מיינע בריוו, וועלכע מען וועט זיי דורך פאָליציי אָפשיקן וועלן מיין אומשולד דערקלערן. איך קען אָבער ביז יענער צייט ניט וואַרטן. איבריגנס, האָב איך ניט צו וואָס צו וואַרטן, מיט דיר, ראָזע, האָב איך אַלץ פאַרלאָרן!... איך גריס דיין פאָטער, איך גריס שנייאורקען, איך גריס די גוטע ליבע רוחמהן. איך גריס פאַר מיין טויט אַלעמען?— מיט אַלעמען בין גוט, דען נאָך מיין טויט קען מיר שוין קיינער גאָרניט טאָן.

איך זאָג דיר — נאָך מיין טויט, ווייל אין דער מינוט, וואָס דו וועסט קומען צו דער שורה, וועל איך שוין ליגן צום גרונט און

מיר וועט שוין אַלצאיינס זיין, צי איך האָב גליקלעך אָדער אומ־גליקלעך געלעבט, — צי ווייס מען מיין אומשולד אָדער ניט! ביי אָשר דעם מלמד בין איך צוויי וואָכן קראַנק געלעגן, איך בין ווי אַ נאָענ־טער מחותן אויף דיין חתונה פון פעטערסבורג אויף די פליגלען פון האָפנונג און אומגעדולד געקומען צו פליען. נו, האָב איך געטאַנצט און קראַנק געוואָרן. איך האָב שנייאורקען געשריבן, ער האָט מיר ניט געענטפערט. די גאַנצע וועלט איז מיר פיינדלעך געוואָרן. זיי געזונט, איך בעט די זאַכן מיינע צו לאָזן ביי רבי אָשר, מיין בעסטן און לעצטן פריינד. מיר ווילט זיך נאָך שרייבן, מיר איז שרעקלעך שווער מיט מיין פעדער זיך צו שיידן, אָבער אַנדערש קען ניט זיין, בלייב געזונט, דאָס זאָגט דיר דעם לעצטן מאָל דיין אַמאָליקער יוסף!"

יוסף האָט דעם בריוו געענדיקט, און זיך גוט אַרומגעוויקלט. ער האָט אים געוואָלט אַליין ראָזען אין האַנט איבערגעבן, און האָט זיך געלאָזן גיין צו פרידמאַנען, טאָמער וועט ער איר דערזען אויף דער גאַס. ציטערנד איז ער אַרויסגעגאַנגען און האָט געוואַרט. ענדלעך האָט זיך די טיר געעפנט, און רוחמקע איז אַרויסגעלאָפן, יוסף האָט זי דער־קענט און אַ רוף געטאָן ניט מיט איר נאָמען.

— וואָס דאַרפט איר? — האָט זי געפרעגט.

יוסף האָט זיך אָפגעקערט און געזאָגט.

—נאַ, טייער קינד, אַ בריוו פון דיינעם אַ נאָענטן מענטשן, דו גיב דאָס איבער דיין שוועסטער. איר וועט וויסן, ווער דאָס האָט געשריבן, זיי געזונט, ליב קינד!

רוחמה האָט געהערט, ווי ער האָט דאָס מיט ביטערע טרערן געזאָגט, דער קול איז איר באַקאַנט געוועזן, אָבער זי האָט אים ניט באַלד דערקענט.

— ווער זייט איר? — האָט זי געפרעגט און געוואָלט זיך גוט איינקוקן אין זיין געזיכט. יוסף האָט ניט געקענט ענטפערן און איז אַוועקגעגאַנגען. זי האָט געוואָלט נאָכלויפן און אַ קוק טאָן, און זי האָט נאָר געזעען, ווי ער איז אַוועק צום שטאָט בריק, זי איז אַריין אין שטוב. איבערגעלייענט דעם בריוו, און ווי איז זי דערשראָקן געוואָרן, אַז דאָס איז געוועזן יוספס בריוו! זי האָט ניט געוואַרט און האָט זיך געלאָזט לויפן צום בריק. יוסף האָט ניט געקענט אַראָפשפּרינגען מיט־אַמאָל, וואָרום אויפן בריק האָט נאָך געברענט די לאַמטערן, און דער בודישניק איז אומגעגאַנגען הין און צוריק. יוסף האָט אַלץ געוואַרט, ביז

ער וועט זיך דערוויטערן פון אים, און דאַן, וועט ער מיט איין שפּרונג אַראָפּ, אָבער דאָ זענען אָנגעקומען מענטשן, דאָ איז צוגעבאָרן אַ גאַנצער אָבאָז פורן, וואָס האָט זיך געצויגן אַ האַלבע שעה נאָכאַנאַנד, און דער אומגליקלעכער מענטש האָט זיך געמוזט מוטשען.

— אַפילו דעם טויט פאַרגינט מען מיר אויך ניט! — האָט ער אַ געשריי געטאָן אַרונטערגייענדיק פון בריק. — פאַרוואָס זאָל זיין דאָס טויטן זיך אַ עבירה, האָט דען ניט איטלעכער רעכט אויף זיך און וועער וויל זיך דאָס אייביק מוטשען? אָבער ז׳ זאָגן: אַ לעבעדיקער מענטש האָט אַ האָפנונג", נו, וואָס פאַר אַ האָפנונג האָב איך נאָך? וועל איך דען מיין ראָזען פאַרגעסן? וועל איך דען ניט אייביק ליידן, אַז איך וועל זיך דערמאָנען אויף היינטיקן טאָג? אויף מיין ליבע, אויף מיין אומגליק? איך בין אַ פאַרלאָרענער, פאַרפאַלענער מענטש! מען האָט מיך אַלע טרייסט באַרויבט, צוגענומען אַלע לעבנס-זיסקייט, מיך אַנידערגעשטעלט אין פלאַמען פייער, און מען הייסט מיך נאָך לעבן! איך קען ניט לעבן! „גאָט דו ווייסט דאָס"

אָן אַ אָטעם איז רוחמה געבליבן לויפנדיק, איר האָט זיך שוין אויסגעדאַכט, אַז זי וועט שוי׳ געפונען ביים בריק אַ גאַנצן עולם, וועלכער וועט אים זוכן, זי האָט אים שוין געזען ליגנדיק אַרויסגעצויגענעם פון טייך, אַ דערטרונקענעם. זי האָט ביי די געדאַנקען קוים די פיס געקענט הייבן, און איז פונדעסטוועגן מיט די לעצטע כוחות ווייטער געלאָפן. בלאָס ווי דער טויט איז זי צוגעקומען צום בריק, און האָט יוספן דערזען, זי האָט נאָך באַוויזן צו הערן זיינע רייד, זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אים און איז אין אָנמאַכטן געבליבן.

— נאָך דאָס האָט מיר געפעלט! — האָט יוסף אַ זאָג געטאָן אין כעס, — ווער איז דאָס? פון וואַנען האָט זיך די גענומען? — ער האָט געוואָלט אירע הענט אַראָפּמאַכן פון זיין האַלז, אָבער ער האָט באַמערקט, אַז זי חלשט און איז צוגעגאַנגען מיט איר אַ ביסל נעענטער צום לאַמטערן.

— אָ, רוחמה! וואָס איז ד — האָט ער אַ געשריי געטאָן, אין דעם ער האָט באַמערקט איר טויט געזיכט, — גאָט, העלף מיר, איך בין אַליין אין האַלבער נאַכט! ער האָט זי פון וועג אַראָפּגעטראָגן און זי גענומען ברענגען צו זיך, אָבער עס האָט ניט געהאָלפן. זי איז געלעגן אַ טויטע פאַר אים. איר ליב געזיכט האָט זיך ניט באַוועגט, די אויגן זענען געווען שטאַר און האַלב פאַרשלאָסן. יוסף

האָט זי געגומען קושן. און זיינע הייסע טרערן זענען איבער איר געזיכט געפאַלן, צום אומגליק איז קיינער ניט פאַרבייגעגאַנגען! אַזוי איז אין דער וועלט, ווען מען אַנטלויפט פון מענטשן, באַגעגנט מען זיי אומעטום, און ווען מען זוכט זיי. געפינט מען ניט איינעם!

עס זענען אַריבערגעגאַנגען פינף מינוט, און רוחמה האָט אָנגעהויבן צו זיך צו קומען. זי האָט געעפנט די אויגן און געזען, אַז זי ליגט אויף יוספס הענט.

— יוסף! — האָט זי אַ געשריי געטאָן, — ניט שטאַרב

— באַרואיק דיך, ליב קינד! וואָס איז דיר?

— יוסף, איך האָב דיין בריוו געלעזן, דו האָסט מיר אים אַליין דערלאַנגט. ניט שטאַרב, ליבער יוסף! דו האָסט נאָך ניט אַלע האָפענונגען פאַרלוירן! איך ווייס דיין אומגליק, אָבער ראָזע איז ניט שולדיק, זי איז ניט ביי איר זינען, זי האָט געוויינט און געקלאָגט גענוג, אָבער עס האָט ניט געהאָלפן; יוסף, דו ביסט נאָך אַ ייד?

— רוחמה, זאָג מיר, וואָס איז דאָס פאַר אַ פראַגע? וואָס דען זאָל איך זיין?

— אומגליקלעכער יוסף, — האָט רוחמה מיט אַ געוויין געענטפערט,—דו האָסט ניט אַליין מיט דיינע הענט געשריבן, אַז דו וועסט זיך טויפן? איך האָב געשריען: דער בריוו איז אַ פאַלשער, מען האָט מיר ניט געגלויבט, אַלע האָבן געשריען, עס איז דיין האַנטשריפט! אָ, דער בריוו האָט ראָזען אומגליקלעך געמאַכט. זי האָט פון דאַמאָלט אָן אויפגעהערט צו וויינען, נאָר איך אַליין ווייס, אַז איר האַרץ וויינט נאָך אויך איצט, זי וועט דאָס ניט אויסהאַלטן. אַז זי וועט זיך דערוויסן, וואָס מיט איר האָט זיך צוטאָן. מען האָט זי פאַרקויפט, אַוועקגעגעבן צו אַ גראָבן נאַר אין די הענט, וועלכער האָט קיין שכל ניט זי צו דערקענען. יוסף, זי איז ניט גליקלעכער פאַר דיר, אָבער וואָס קען מען העלפן? איר ליגן שוין די קייטן אויפן האַלז....

— רוחמה! ווער האָט דאָס אַזויפיל געטאָן?

— קיין אַנדערער, ווי משה שניאור, ער, דער גזלן! און גאָט שטראָפט אים גאָרניט!

— יאָ, ער, קיין אַנדערער! ער האָט אַלע מיינע בריוו איבערגענומען, פון מיר ראָזעס בריוו און דיינע געראויבט, מיר פאַלש געלט אונטערגעוואָרפן און איבער דעם האָט מען מיך אין טורמע, אין א

פינסטערער נאַסער גרוב, אַ גאַנץ יאָר געהאַלטן. ער האָט אויף מיר אויסגעטראַכט, אַז איך האָב זיך געטויפט, פאַרנומען דעם טאַטנס געלט, און ערגער פאַר אַלץ, ער האָט מיין ראָזען פאַרקויפט, און פון היינט אָן האָב איך קיין האָפנונג ניט מער! ליבע רוחמה, זיי מיר געזונט, איך קען נאָך אַזויפיל פאַרדרוס ניט לעבן, ניט שטער מיר, איך וויל שטאַרבן.

— אָ, יוסף ניט טו דאָס, ווען דו ווילסט, אַז איך זאָל דאָס אויך ניט טאָן! יוסף, דו האָסט נאָך אַ האַרץ, וועלכע לעבט פאַר דיר, וועלכע איז פול הייסע ליבע צו דיר, דו זעסט עס איצט אין דער שרעקלעכער מינוט פאַר דיינע אויגן! יוסף, איך ליב דיך, און מאַך מיך היינט ניט אומגליקלעך, אַזוי ווי ראָזע איז אומגליקלעך! אָדער מיר וועלן ביידע אַרונטער פון בריק אין וואַסער!

— ניין, רוחמה, גלייכער שוין ביידע פון בריק אין וואַסער, איידער זיך נאָך לאָזן לעבן, און זיך פייניקן יאָרן לאַנג און דערנאָך קומען צו דעם אייגענעם וועג, אויף וועלכן מיר שטייען איצט. ניט בעט מיך לעבן, ווען איך האָב זיך שוין פון לעבן לאַנג מיאש געווען!

— יוסף, ניט רייד פון טויט, איך הויב אָן ערשט צו לעבן אויף דער וועלט! איך האָב דיך אַמאָל געליבט ווי אַ ברודער, איצט, יוסף, ליב איך דיך אָנשטאָט מיין אומגליקלעכע ראָזע, ניט פאַר־צווייפל, גאָט האָט מיין האַרץ געעפנט פאַר דיר, איך וועל זיך מיען דיך גליקלעך צו מאַכן! איך קען ניט, און וויל ניט טראַכטן וועגן טויט! דו ליבסט מיך, יוסף, איך ווייס, דו ליבסט מיך, און ניט וויל, אַז איך זאָל אַזאַ יונגע זיך אַ טויט אָנטאָן! איך ליב דיך, יוסף, און דו וועסט נאָך גליקלעך זיין!

— ליבע רוחמה! — האָט יוסף געזאָגט מיט אַ געוויין, — וואָס וועט דער סוף זיין דערפון? וועט דען משה שנייאור שווייגן איצט? און וועט ניט זוכן אַ טויט אויף מיר? צו וואָס זאָלסטו מיך ווידער אַריינפירן אין דעם שלעכטן דערנערפולן וועג, וואָס איך האָב זיך פון אים איצט קוים אַדויסגעפוטעט? איך ליב דיך, אָבער איך האָב נאָך איצט כח פון דיר זיך צו שיידן. גאָט, פאַרוואָס זענען מיר ניט געענוג די צרות, וואָס איך האָב שוין אויסגעליטן?

— דערמאָן זיך, ליבער יוסף, אָן דיינע עלטערן, דו האָסט זיי נאָך קיין נחת ניט געוויזן אין דיין לעבן, מיין מוטער וועט דיין

אומשולד באַלד אויך דערוויסן, און וועט קלאָגן און וויינען אויף דיר. ניין, איך וועל דיר דאָס ניט לאָזן, דו האָסט קיין רעכט ניט איבער זיך אַליין אונז אַלעמען איבערפירן, איך וועל געוויס ניט לעבן אָן דיר, ראָזע וועט אויך זיין זיבן מאָל אומגליקלעכע ווי זי איז איצט. טו דאָס ניט פון אירטוועגן, דו קענסט איר דאָך אַ טרייע פריינט בלייבן, כאָטש זי איז שוין נישט דיינע, און ערלויב מיר זיך צו טרייסטן דערמיט, אַז זי וועט נאָך וויסן, אַז זי האָט אַ האַרץ אין דער גאַנצער וועלט, וועלכע פילט אירע ליידן!

— רוחמה! וואָס ביסטו געוואָרן אין דעם יאָר? איך וואָלט ניט געגלויבט, אַז דו וועסט דאָס מיר אַזוי זאָגן, איך האָב דיך נאָך אַ קינד געלאָזן.

— צרות מאַכן קלוג, זאָגט די וועלט, — האָט געענטפערט רוחמה, — אַ סך האָב איך אויסגעליטן, דיינע צרות זענען מיר אין האַרצן געלעגן. ראָזעס עלנט האָט מיך געלערנט ליבן דיך, יוסף. איך זאָג דיר דעם אמת, דיין לעצטער קוש צו דיין געזעגענען זיך מיט מיר האָט מיר אַ נייַ געפיל געגעבן, איך האָב אים אין זיך באַהאַלטן, ניט געוואָלט איבערצוטראַכטן און ערקענען, וואָס פאַר אַ געפיל דאָס איז. איר האָב נאָר געהערט, אַז דו האָסט דיינע ליפן פון מיר אָפגעריסן, ווי מיר האָט מיין האַרץ אָנגעהויבן צו פעלן. יוסף, איך בין זיך מודה, איך האָב שטילערהייט מיין שוועסטער מקנא געווען, אָבער חלילה ניט געוואַרט אויף אַזאַ אויסלאָז. איך האָב געטאָן פונדיינטוועגן און פונאירטוועגן וויפיל מיר איז נאָר מעגלעך געווען. איך האָב געוואַלד געשריען, אַז דער בריוו איז אַ פאַלשער, מען האָט מיר ניט געגלויבט. ראָזע איז מרה שחורה געוואָרן, און צייטנווייז פלעג איך מיט איר ריידן וועגן דיר, זי פלעגט זיך דאַן ווי פון אַ ביטערן שווערן חלום אויפהויבן און ברומען און שרייען, אַז מיר פלעגט אָנבעמען אַן אימה, און דאָ איז אונטערגעקומען די חתונה אירע, פון דיר האָבן מיר גאָר אויפגעהערט צו הערן. דער קלאַנג איז געגאַנגען, אַז דו האָסט זיך געטויפט, די מוטער האָט שטרענג פאַרזאָגט, מען זאָל דיין נאָמען ניט דערמאָנען, נאָר שטילערהייט, ווייס איך, פלעגט זי זיך יעדע מינוט מיט טרערן דערמאָנען. איך האָב געמיינט, אַז ראָזע וועט דעם חתונה־טאָג ניט איבערלעבן, זי האָט געוויס צען מאָל געחלשט, אָבער קיינער האָט ניט געוווסט וואָס. דער עולם האָט געגעסן און געטרונקען איר פלייש און אירע

טרערן. אויס! מיט ראָזען האָט זיך שוין דער אָבער אָפּגעפּאַרטיקט, זי האָט איצט קיינעם ניט אויף דער וועלט, וואָס זאָל איר האַרץ קענען היילן. יוסף, דו אַליין, דו ניט טויט אונזביידן, איך וועל דיך ניט אָוועקלאָזן, דו מוזט מיר פֿאַרשפּרעכן צו בלייבן דאָ הי. דו מוזט אַ האַנט געבן, דו זאָלסט נאָך לעבן, כאָטש איך בין ניט ווערט דו זאָלסט מיך ליבן, איך פֿאַרלאַנג דאָס פון דיר ניט, ליבער יוסף, ווען דו קענסט דאָס ניט, נאָר דו ווייסט, אַז איך וועל נאָך אַזוי לאַנג לעבן, ווילאַנג איך וועל וויסן, אַז דו לעבסט, און מוזן זיך זעלבסט טויטן, אַז דו יוסף וועסט דאָס טאָן!... איך דאַרף דיר אָבער זאָגן, אַז איך וויל נאָך לעבן!

— ליבע רוחמה! וואָס האָב איך דיר געטאָן? איך האָב געמיינט, איך ווער שוין אויסגעלייזט, אָבער צום אומגליק, ווילסטו דאָס ניט! דו ביסט ווערט, איך זאָל פֿאַר דיר אויך עטוואָס אָפּפערן, אָבער וויסן זאָלסטו, אַז דעם שווערסטן קרבן ברענג איך דיר. איך ווייס, איך וועל נאָך צרות האָבן, ליידן פּיין, יעדע מינוט וואָס איך וועל ראָזען דערמאָנען. איך האָב איר אַמאָל מיין גאַנץ לעבן געשאָנקען, און קען אים צוריק ניט נעמען, און גאָט ווייס, אויב איך אַנטשליס זיך איצט צו לעבן, איז דאָס טאָמער וועל איך איר אַמאָל קענען טרייסטן און אויף דעם אופן בלייב איך דיינער.

— נאָר ניט טויט זיך! — האָט רוחמה געענטפערט.

— דו מוזט אָבער איינשטימען דאַרויף, איך זאָל איצט מיט דיר זיך שיידן. איך וויל ניט, איך זאָל אַזוי פיל ליידן, נאָך לעבן אַ גע-קוועלט לעבן, איך געפין זיך נאָך פעהיק צום שטודירן, איך וועל עס טאָן, רבי יצחק האָט מיר פֿאַרשפּראָכן צו שטיצן, דאָס קען דויערן פינף אָדער זעקס יאָר. ביסט מסכים דאַרויף, ליבע רוחמה, קען איך דיר ליבע פֿאַרשפּרעכן, און אויב ניט — לאָז מיך.

— ליבער יוסף, טו ווי דו פֿאַרשטייסט, ווי דו ווילסט, נאָר פֿאַרשפּרעך מיר, אַז דו וועסט זיך ניט טויטן.

— איך פֿאַרשפּרעך דיר, — האָט געענטפערט יוסף, — איך שווער דיר,

— איך גלויב דיר, — האָט געענטפערט רוחמה, — קיין מענטש אויף דער וועלט האָט דיר ניט געגלויבט ווי איך, דו וועסט שרייבן צו מיר?

— ניין, גלייבער, אַז קיינער זאָל דערפון ניט וויסן, דיין

שוואָגער וועט דאָס ניט וויסן, וועט פֿאַר אונז בעסער זיין: דו דערציילן קיינעם ניט, איך וועל אַוועקפֿאָרן, און ביי אייך איז שטוב מאָג מען וויינען אָדער שילטן מיין נאָמען, איך מוז דאָס אָבער אַלץ אַריבערטראָגן. אַז עס וועט קומען די צייט, אַז איך וועל שוין זיין אין שטאַנד דיך צו נעמען צו זיך, וועל איך קומען, און מיט דיר זיך ניט מער שיידן. גיי אַהיים, זיי רוהיק. דיר שטייט אַ סך פֿאָר, אָבער איך פֿאַרלאָז זיך אויף דיין שכל, אַז דו וועסט דאָס אַלץ אַריבערטראָגן. פֿינף אָדער זעקס יאָר וועסטו וואַרטן אויף מיר. דעם סימן, אַז איך לעב וועסטו האָבן, אַז איך וועל דיר ניט שרייבן, ווארום די ערשטע זאַך, וואָס איך וועל אָנזאָגן פֿאַר מיין טויט, מען זאָל דאָס דיר מודיע זיין. דו קענסט זיכער זיין, אַז קיין צווייטע אין דער וועלט, וועט איצט מיין האַרץ ניט נעמען, מיין לעבן וואָס איך לעב איצט האָסטו מיר אים געגעבן, איך וואָלט שוין איצט לאַנג שטיל צום גרונט געלעגן. דעריבער האָב איך מער קיין רעכט ניט אויף אַנדערע. נאָכמער, ליבע רוחמה, וויל דו ביסט ראָזעס שוועסטער און איך וועל דורך דיר קענען אַ געהילף זיין. דו גיי איצט אַהיים, גאָט אַליין איז צווישן אונז אַן עדות, מיר זאָלן דאָס שווייגן, ביז וואַנען די צייט וועט קומען. איך גיי איצט אויך אַהיים, מאָרגן גאַנץ פֿרי פֿאָר איך אַוועק, אפילו זעלבסט מיין בעסטן פֿריינט וועל איך ניט דערציילן, וואָס צווישן אונז האָט זיך געטאָן.

יוסף האָט זי צוגעפֿירט ביז דער טיר, זיך צעזעגנט מיט איר אויף זעקס יאָר, און איז אַוועק אַהיים, צוזאַמענגענומען זיינע זאַכן, און איידער עס איז נאָך טאָג געוואָרן, איז ער שוין געווען וויים פֿון שטאָט

ח

גאָלדעס לעצטער חסד מיט יוספן

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, אַז מען האָט שוין אָנגעהויבן צו ריידן, אַז יוסף איז דאָ געווען, און אַז דאָס איז שוין אָנגעקומען צו ראָזעס אויערן אויך, איז פריידמאַנען אָנגעקומען אַ מעלדונג, אַז מען פּאָדערט זיין טאָכטער ראָזען צום אויספאָרשער. גאָלדע האָט זי ניט געקענט לאָזן אַליין, און איז מיט איר מיטגעגאַנגען, און ווי זענען זיי דער־שראָקן געוואָרן, אַז מען האָט זיי פאָרגעלייענט אַלץ, וואָס האָט זיך צעטאָן מיט יוספן, און מען האָט זיי איבערגעגעבן זיינע אַלע בריוו און אויך די לעצטע, וועלכע ער האָט געשריבן צו זיין מוטער און צו ראָזען. ראָזע איז ביים אויספאָרשער חלשות געבליבן. קומענדיק אַהיים האָט מען פון זייביידן אַ וואָרט ניט געהערט. ראָזע נאָר איז געזעסן און זיך געמיט לייענענדיק די בריוו, און אויף מאָרגן אינדערפרי האָט מען שוין געזען ביי ראָזען אין צימער פלעשלעך מיט רפואות. זי איז קראַנק געוואָרן. כמעט ביז סוף זומער איז ראָזע ניט אַרויס פון שטוב, איר האַרץ האָט אָנגעהויבן שוואַכער צו ווערן, אויף איר געזיכט האָט געברענט אַן אומפאַרלאָשן פייער. דער מאַן האָט זי גע־ליבט, ער איז אָבער אַ ייִנגל געווען און ניט פאַרשטאַנען, ווי זי צו שעצן, זי האָט זייער זעלטן גערעדט מיט אים, איר לעצטע האָפנונג איז געווען, זי וועט באַלד שטאַרבן און וועט ניט לאַנג זיך דאַרפן קוועלן און פייניקן מיט אירע אַלטע דערמאָנונגען.

אין שטאָט איז די רייד געגאַנגען: יוסף האָט זיך דערטרונקען. ראָזע האָט דאָס געהערט און פלעגט שטענדיק אומגיין ביים טייך, טאָמער וועט מען אים געפונען. ניט איינמאָל האָט זי זיך געוואָלט דערטרינקען, אָבער זי האָט שוין געטראָגן אַ קינד אונטערן האַרצן, און דער געדאַנק, אַז זי רויבט ביי אַן אַנדערן דאָס לעבן, האָט איר

ניט געלאָזט טויטן זיך, און אַזוי איז זי געווען טאָפּלט אומגליקלעך. זי האָט געקענט איר מאַן, אַז ער איז ניט קיין מענטש צום געשעפט און אַז ער וועט אַ קאָפּיקע ניט קענען פאַרדינען, אַז ער וועט אַראָפּ פון קעסט, אָבער דאָס האָט איר קיין גרויסע דאגות ניט געמאַכט, זי האָט שוין זאָ ווי זאָ איר גליק פאַרלאָרן, און מיט וואָס וואָלט זי שוין גליקלעכער געווען, אַז איר מאַן וואָלט פאַרדינט מיליאָנען, אַז זי פלעגט אַליין אַרומגיין מיט דעם געדאַנק: „איך לעב ניט, איך בין שוין לאַנג געשטאָרבן, איך בין נאָר אַ אומרוהיקער רוח, וועלכן מען גיט קיין מנוחה ניט אויף יענער וועלט. אָבער שוין צייט זיך אויסצולייטערן, כּף הקלע קען שוין אויך ניט זיין ערגער!" אַזוי האָט די עלנטע ראָזע געלעבט אירע צייטן, געוויינט נאָך יוספן, און איר ליבע צו אים האָט נאָך אַליין געלעבט אין איר, כאָטש זי האָט גאָרניט חושד געווען, אַז ער לעבט נאָך.

גאָלדע האָט אויך ניט בעסער געלעבט פאַר איר, איר האָט נאָך געפלאָגט דער געדאַנק, אַז איבער איר האָט זיך יוסף דערטרונקען. „ווען ניט איך, וואָס איך האָב אים אַזוי האַרט באַהאַנדלט, וואָלט ער דאָס אפשר ניט געטאָן!" פלעגט איר האַרץ זאָגן שטענדיק. מיר איז ערגער פאַר יוספס עלטערן, זיי האָבן נאָר איין קינד פאַרלאָרן, אים איין מאָל געזען שטאַרבן, און איך האָב צוויי קינדער פאַרלאָרן, און זע מיין ראָזען אַ טויטע יעדע מינוט און רגע! גאָלדע האָט אַמאָל גענומען אויסטרייסלען די קעשענעס ערב שבת פון שנייאורקעס טורדוט, ער זאָל חלילה ניט פאַרטראָגן עטוואָס אום שבת, איז אַרויסגעפאַלן יוספס בריוו, וועלכן ער האָט געשריבן צו שנייאורקען. זי האָט דערקענט זיין האַנטשריפט און האָט אים באַלד גענומען לייענען.

„ליבסטער ברודער, טייערער שנייאור!

אַ יאָר צייט איז ביי דער וועלט ניט אַזוי שרעקלעך, ווי איז אָבער, אַז מען הויבט אָן דעם גאַנצן יאָר אויף איינציקע סעקונדן צו באַטראַכטן און אַז יעדע סעקונדע ברענגט נייע צרות, נייע פּלאָגן, און אַז עס טרעפט סעקונדן, וואָס זיי זענען שווערער איבערצולעבן ווי גאַנצע יאָרן, אָ, דאַן איז אַ יאָר צייט, אַ גאַנצע אייביקייט! דאַן, אַז דאָס יאָר גייט אַריבער, און מען קוקט זיך אַרום, וואָס מען איז אין דער צייט אויסגעשטאַנען, און אַז מען דערזעט, אַז דאָס אַליין איז געווען נאָר אין איין יאָר, הערט מען אויף אין זיך זעלבסט צו גלויבן, אָדער מען איז ווי צעמישט, מען גלויבט ניט די פריערדיקע זאַכן

וואָס האָבן זיך צעטאָן, אָדער מען הויבט אָן צו צווייפלען אין דער איצטיקער צייט.

שנייאור, נאָר איין יאָר בין איך אין טורמע געזעסן, נאָר איינע דריי חדשים האָב איך פון ראָזען קיין בריוו ניט געהאַט, און הויב אָן צו רעכענען, וואָס איז דאָ מיט מיר, און מיט איר געוואָרן? אין דעם איין יאָר האָב איך געהאַט אַזעלכע מינוטן, וועלכע עס זענען געווען מיר ווי שווערע ביטערע יאָרן לאַנג, דאָס זענען געווען די ערשטע מינוטן, אַז איך פלעג וואַרטן אויף ראָזעס בריוו. קיין מענטש אין דער וועלט האָט מיר דאַמאָלסט ניט מיטגעפילט, ווייל דאָס האָט שטיל געליטן נאָר מיין באַטריבט האַרץ. און ווייטער געהאָפט טאָמער וועט מאָרגן איר בריוו מיר אָנקומען, און אַז דער מאָרגן פלעגט קומען און מען פלעגט מיר ברענגען אַ פאַרקלעקטן בריוו, אָדער גאָר אַן אומגעשריבענעם בויגן פאַפיר, ווייס איך ניט ווי בין איך דאַמאָלסט ניט משוגע געוואָרן פון דעם ביטערן געפיל, וואָס דאָס האָט אויפגעוועקט אין מיר. און ווי פלעג איך ווייגען שטילערהייט ביי מיר אין צימער, בעת איך פלעג זיצן אָפט ביז טאָג און שרייבן צו ראָזען. גאָט, און די אַלע בריוו וווּ זענען זיי אַהינגעקומען? דיין שוואָגער, אָ, מיין אומזיסטער שונא, האָט מיר דאָס אַלץ געטאָן, דאָס איז אים נאָך ווייניק געווען, און ער האָט מיר פאַלש געלט אונטערגעוואָרפן, און בין דורך דעם אַ גאַנצן יאָר אין אַ פינסטערן גרוב פאַרחושכט געוואָרן. אָבער אויך דאָ האָב איך מיין ליבע ניט פאַרגעסן. ביי יעדן ביסן אַרעסטאַנטסקן ברויט, ביי יעדן מאָל אויפשטיין און לייגן זיך אויף דעם פאַרפוילטן ביסל שטרוי, האָב איך ראָזען דערמאָנט, זיך געשטאַרקט און ניט געוואָלט שטאַרבן. איך האָב נאָך געהאָפט, געוואַרט, אַז מיין אמת וועט אַרויסשיינען אַפילו דורך מיין פינסטערער גרוב. אַז איך פלעג זיך דערמאָנען ראָזעס שיינעם צימער, די ריינלעכקייט, די רוהיקייט, וואָס דאָרטן הערשט און די טרייהייט פון דיין מוטער צו איר, אַז איך האָב זיך פאָרגעשטעלט ווי גוט איר איז, זענען מיר די נאַסע ווענט מיט דעם קויטיקן בריק ניט אַזוי שרעקלעך געווען. דאַן זענען די קלינגנדע קייטן מיט דעם יאָמער־געשריי, וואָס עס הערט זיך יעדע מינוט אין דער טורמע, ניט אַזוי שרעקלעך. מיין ראָזע איז פריי, וווינט ביי אירע עלטערן, און קען גיין וווּהין זי וויל אומגעשטערט! און מיר איז שוין גוט! פלעג איך זאָגן. מיט יעדער פייגעלע, וועלכע איך פלעג זען פאַרבייפליענדיק, פלעג איך מיינע הייסע ווינשן שיקן, און יעדעס פייגעלע, וואָס פלעגט

זיך אויף די קראַטעס פון מיין פענסטערל שטעלן, פלעגט מיר עטוואָס אָנזאָגן, איך פלעג מיינען, איך פאַרשטיי און זיך פאַרחלומט אויף עט־לעכע שעה לאַנג. אין אַלע מיינע תפלות, וואָס איך פלעג מתפלל זיין פון דעם ביטערן אָרט, האָט מיין האַרץ געשריען פאַר ראָזען. און אַזוי פלעגט מיר טרעפן פאַרקערט, אַז איך פלעג אָנהייבן צו קלערן, ווי אַזוי בין איך אַהערצו אַריינגעפאַלן, און זיך דערמאָנען, אַז דאָס קומט מיר פון משה שניאורס הענט, וואָס ער וועט געוויס דערמיט אַליין ניט יוצא זיין און ער וועט טאָן ראָזען, וואָס ער וועט נאָר קענען. דאַן, ליבער שניאור, פלעג איך ווילד ווערן און זיך וואַרפן ברעכן די טיר, און פלעג אָבער פאַלן צוריק אויפן ציגל־בריק, זיך רייסן די האָר און רייסן די פלייש אויף זיך. און פלעג דאַן קיין שמערצן ניט פילן, וואָרום די שמערצן פאַר ראָזען, וואָס מיין האַרץ האָט געפילט, זענען געווען פיל גרעסער און גרוי־זאַמער. איינמאָל האָט מען מיך אין קייטן איינגעשמידט פאַר מיין ברעכן די טיר, איך האָב פודן שווערע קייטן געטראָגן און אַ־ך פאַר מיין ראָזען. גאָט האָט מיין עלנט צוגעזען און האָט מיך באַפרייט. וואָס איז געווען מיין ערשטע פראַגע? איך האָב נאָר געפרעגט, וואָס מאַכט אייער געזינד? וואָס מאַכט ראָזע? רבי יצחק האָט מיך ניט געוואָלט לאָזן פאָרן אַהערצו, איך האָב אָבער געמוזט און בין געקו־מען. שניאור! וואָסערע לאַנגע מינוטן האָב איך געהאַט? איך האָב קוים דערלעבט דעם בראָם צו דערזען. איך האָב אים דערזען, דורכ־געפאָרן, און דאָ האָט מיר דער יאַמשטשיק אָנגעזאָגט: אַ גוטער סימן, אַ חתונה איז אין שטאָט. וואָס פאַר אַ סימן איז דאָס געווען! איך האָב געהערט, ווי די קלעזמער האָבן געשפּילט. און ווער וואָלט מיר דאַמאָלס געזאָגט, אָט דאָרטן פירט מען איצט דיין ראָזען צו דער חופה. איך וואָלט ניט דערלאָזן, איך וואָלט צוגעלאָפן און זיך בעסער געלאָזט טויטן, אָנשטאָט זי צו זען אַ פאַרקויפטע אויף אייביק, אָדער איך וואָלט געוואַרט אויף איר אייגענעם ענטפער, וואָס זי האָט שוין מיך פאַרגעסן, אָבער איך בין געווען צעמישט און האָב ניט געוווסט, וואָס מיט מיר טוט זיך. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט מען מיר אָנגע־זאָגט, אַז דאָס איז ביי ראָזען די חתונה. איך האָב דעם זינען פאַר־לוירן, געשטאַנען און געטראַכט, געקוקט און דערזעען דעם עולם יידן, מען האָט שוין ראָזען געפירט פון דער חופה. איך האָב געהערט די קלעזמער האָבן געשפּילט און יעדער פיר מיט דעם שמיק איבערן

פידל איז מיר געווען ווי מיט אַ טעמפּ מעסער איבער מיין פאַרוווּנ־דעט האַרץ, זיי האָבן ווירקלעך מיט אַ טעמפּן מעסער געוואָלט פאַר־נאַנדערשניידן מיין האַרץ, וואָס איז צוגעוואַקסן צו ראָזען, אָבער דאָס איז געווען אומזיסט! זיי האָבן מיר נאָר יסורים אָנגעטאָן, ווונדן גע־מאַכט, אָבער איך בין נאָך אַלץ צוגעוואַקסן צו איר !...

עס לעבט נאָך מיין האַרץ און מאַטערט זיך און ליידט, וויל ראָזען נאָך זען און ריידן מיט איר און דערנאָך רוהיק שטאַרבן, צו־פרידן שטאַרבן !...

און דאָס אַלץ, ליבער שניאור, האָט זיך געטאָן אין איין יאָר צייט. אָ, אַ יאָר, אַ שרעקלעך יאָר. עס איז געוויס ווען עס איז קורץ געווען. יענער האָט זיך ניט אַרומגעקוקט, ווי עס איז אים אַוועקגעלאָפן, ער האָט אין אים גאָרניט באַוויזן צו טאָן. אָבער מיר איז דאָס יאָר צו לאַנג געווען, איך האָב מיין גאַנץ לעבן אין אים אָפּגע־לעבט, איך האָב מיין גאַנץ גליק אין אים פאַרלוירן און עס האָט מיר אַלע האָפענונגען באַרויבט. איך האָב זיך ניט געגלויבט און אַ קוק געטאָן אין שפּיגל, צי בין איך ניט אַלט געוואָרן, אָבער דער שפּיגל האָט מיר נאָר געוויזן מיין ווייס טויט געזיכט, און מיינע האָר זענען שוואַרץ ווי געווען.

אַזוי, ליבער שניאור, הייסט עס, האָב איך שוין מיין האַרץ פאַרלוירן! יאָ, עס איז באַשטימט אויף אייביק פאַרלוירן? און וואָס וועט איצט מיט מיר זיין?

מיין ליכט האַלט שוין ביים אויסגיין, עס שמעלצערט נאָך טיף אין לייכטער אַ בלאָ כמעט שוואַרץ פייערל. עס הויבט זיך אויף און לאָזט זיך צוריק אַראָפּ, ווי אַ מענטש, וואָס טרינקט זיך, עס לייכט ניט, עס באַווייזט נאָר, וואָס פאַר אַ פינצטערניש עס הערשט אַרום. אָט גיט זיך אַהויב, ווי עס וואָלט נאָך זוכן הילף, אָבער עס געפינט ניט. שניאור, איך קען עס ניט צוזען איך מוז דאָס ליכט פאַרלעשן און מאַכן אַ סוף !...

מיין זעלע שמעלצערט, גלימט נאָך אין מיר, אָבער זי לייכט ניט, זי ווייס נאָר ווי פינצטער אַרום מיר איז! שניאור, איך וויל זי אויסלעשן און מאַכן אַ סוף צו מיינע צרות!

מיט איין בלאָז לעש איך דאָס ליכט אויס און מיט איין שפּרונג פון בריק אין וואַסער ווערט מיין זעלע פאַרלאָשן.

מיט איין שפּרונג קען איך מיינע אַלע צרות פאַרגעסן, און צו

וואָס זאָל איך וואַרטן ביז דער אַכזר, דער טויט, וועט זיך דערבאַרעמען אויף מיר מיך צו באַפרייען! צו וואָס זאָל איך זיך אייביק מוטשען אויף דער וועלט! אויס! איך האָב מיין ליכט פאַרלאָשן, און מאָרגן אין דער צייט וועט מיט מיר אַזוי אויך זיין!

שניאור, איך זע זיך שוין אין טייך, איך ליג אויפן דעק, אַרום מיר קלייבן זיך פיש, עס איז שרעקלעך. אָבער אַלץ בעסער, ווי איצט לעבן בלייבן אין אייביקע צוואַנגען מיט אַן אייביק פאַרוווּנדעט האַרץ!

עס בלייבט אַזוי, איך וועל זיך דערטרינקען, מען וועט מיך געפינען, מיך אַרויסשלעפן צום ברעג. אַריבערדעקן מיט אַ זאַק, און אַן עולם וועט זיך קלייבן אַרום מיר, פרומע ערלעכע יידן וועלן זאָגן: „ער איז אַ מאַבד עצמו לדעת" — ער האָט זיך אַליין אַ מיתה אָנגעטאָן! ליגט אים ביי אַ ברעג פלאַנקען — זייט אים מקבר קבורת חמור!" און די געבילדעטע וועלן זאָגן: „אָט איז אַ נאַר, ניט געהאַט וואָס צו טאָן, האָט ער זיך דערטרונקען!" אָבער מיין האַרץ ווייס גאַנץ גוט, אַז קיינער פון די זאָגער ווייסן און פילן ניט מיינע וווּנדן. זיי ווייסן ניט, אַז איך טרינק זיך טאָג און נאַכט אין טרערן. אָ, זיי וואָלטן דאָס נאָר פרווון פילן — איך ווינטש זיי דאָס ניט — דאַן וואָלטן זיי אויך אַזוי טאָן, ווייל קיין אַנדער עצה און אויסגאַנג איז ניטאָ! נאָר די איינע קען איצט מיין פייער לעשן!

שלעכט נאָר, וואָס קיינער ווייס מיין אמת ניט! דאָס וואַסער וועט מיך צונעמען, איך וועל פאַלן צום גרונט מיט אַ שטיין אויפן האַלז, ווייל איך וויל ניט, מען זאָל מיך געפונען, אָבער מיין אמת וועט ניט אַרויפשווימען! דעם אמת ווייס גאָט, אָבער ער שווייגט צופיל!...

אַלזאָ, שטאַרב איך פאַר מיין אמת, דאָס הייסט פאַר מיין אומשולד. איך האָב מיין שבועה, אפילו מיין וואָרט ניט געבראָכן. און ווען אויף מיר ליגט עפעס אַ שולד, איז דאָס ניט קיין אַנדערע, ווי צו מיינע עלטערן און צו רבי יצחקן!

אָ, ווי מען קען דאָס אין דעם אַנדערנס לאַגע ניט אַריין. מענטשן מיינען אָפט דעם אַנדערן אַ טובה צו טאָן, און טוען פון פרייהייט די ערגסטע רעה. רבי יצחק האָט ביי מיר אַ וואָרט גענומען, איך זאָל זיך קיין בייז ניט אָנטאָן, ער האָט מיר אָן מיינע אָרעמע עלטערן דערמאָנט, איך האָב פאַרשפּראָכן, אָבער איצט קען איך עס

ניט האַלטן, און די עבֿרה נעם איך מיט מיט זיך! איך קען ניט לענגער וואַרטן. אָ, מיינע אָרעמע אומגליקלעכע עלטערן! איר האָט נאָך פֿון מיר קיין נחת ניט געהאַט; פֿיל שמערצן און לייד האָסטו, ליבע מוטער, פֿון מיר געטראָגן, צייט דו האָסט מיך געבוירן, מיך דעם אומגליקלעכן. און איצט מוז איך דיר דיינע איבעריקע יאָרן פֿאַרביטערן! קיין אַנדער זאַך אין לעבן ליגט מיר ניט אַזוי שווער אויפֿן האַרץ, ווי מיינע עלטערנס יסורים. איך ווייס, אַז איך באַגיי זיך ניט מיט זיי, ווי אַן ערלעך קינד דאַרף זיך באַגיין מיט אַזעלכע טרייע עלטערן, אָבער דאָס ווייס איך, ווען זיי וואָלטן וויסן מיין איצטיקע לאַגע אַקוראַט, וואָלטן זיי מיר נאָך אַליין העלפֿן אין וואָס איך וויל טאָן! וואָרום זיי וואָלט דאָך ערגער זיין צו זען זייער קינד אין אייביקע פּיין און ליידן! איך וועל צו זיי שרייבן, זיי אַלץ דערקלערן, און זיי וועלן מיר מוחל זיין!

גאָט וועט מיך אויך ניט שטראָפֿן, ער קען מיך, ער ווייס, אַז דער מענטש איז ניט קיין אייזן, ניט קיין שטיין. און ווען מען טוט אים אָן שמערצן, פֿילט ער, און אים זענען די שמערצן, ווען זיי זענען אוממענטשלעך, שווער אַריבערצוטראָגן, איך בין ניט אַזאַ פֿילאָזאָף ווי איוב און האָב ניט אַזאַ שטאַרקן מוט ווי ער, און פֿונדעסטוועגן האָט ער זיך געווונטשן דעם טויט!...

שניאור, אויב דו געדענקסט, אַז דו ביסט מיט מיר אַמאָל געפֿאָרן אין שטאָט, דו האָסט מיט מיר דאַמאָלס פֿיל גערעדט, איך האָב זיך פֿאַר דיר מודה געווען, אַז איך ליב זי און דו ביסט דערפֿון גליקלעך געווען, דו האָסט מיר געזאָגט: ראָזע קען גאָר פֿאַר קיין אַנדערן גליקלעך ניט זיין, איך האָב דאַמאָלס אַ ביטערן פֿאָרגעפֿיל געהאַט, ווי ראָזע איז אומגליקלעך אין פֿרעמדע הענט! שניאור, זאָג מיר איצט, אַז דאָס איז אַ פֿאַלשער פֿאָרגעפֿיל געווען, זאָג מיר, אַז איך זע נאָר אַ ביטערן חלום!

אָ, אין מיין האַרץ זענען נאָך אָבער דאָ די ווונדן. ערשט ניט לאַנג בין איך ביי אייך אונטערן פֿענסטער געשטאַנען, געזען אַלץ, אָדער גאָר אַ טייך טרערן געזען, וווּ מיין ראָזע טרינקט זיך, און דאָס איז קיין חלום ניט געווען, ווי קום איך דען אַהערצו? וואָלט איך דען צו אייך ניט פֿאַרפֿאָרן, ווען ראָזע וואָלט נאָך געקענט זיין מיינע? עס קען מיר שוין דאָ קיינער ניט זאָגן: „דו האָסט נאָך וואָס צו האָפֿן אויף איר!‟ עס איז אַלץ געענדיקט, איך האָב מיין גליק פֿאַרשפּילט און מוז מיין לעבן אויך פֿאַרלירן!...

אָבער איך מוז נאָך מיט איר ריידן! איך מוז מיט דיין ליבער און טרייער מוטער ריידן, איך וויל, אַז זי זאָל מיך אַביסל באַרוהיקן, איך זאָל מיט אַזעלכע ביטערע געפילן ניט שטאַרבן. זי איז דאָך אַ קלוגע, און איר און ראָזעס לעצט וואָרט וועל איך אין די לעצטע סעקונדע פון מיין לעבן איבערזאָגן.

איך קען מער ניט שרייבן, איך וויל אפילו ניט איבערלייענען, וואָס איך האָב אויפגעשריבן, איך וויל ניט פאַרריכטן. מען פאַרצייעט אַ קראַנקן פאַר אַ פעלער, און איך בין געפערלעך קראַנק, ניט ווייט פון טויט. קום צו מיר, ליבער שניאור, איך וויל דיר נאָך עטוואָס זאָגן און דיר באַווייזן, ווי מיין טרייהייט צו דיר לעבט נאָך אַזוי הייס אין מיר! איך שרייב דאָס אפשר שוין דאָס לעצטע מאָל. און דו ביסט דער, צו וועמען איך האָב מיין לעצטן בריוו געשריבן. קום צו מיר, ס׳רופט דיך דיין יוסף!”

גאָלדע האָט דעם בריוו געלייענט נאָך ליכט־בענטשן און געוויינט, ווי אַ מוטער קאָן וויינען נאָך אַן איינציקן זון. זי האָט איצט זיך נאָך מער שולדיק געמאַכט ווי פריער. דאָס ליב קינד האָט געוואָלט זיך אויסוויינען פאַר מיר! — האָט זי צו זיך גערעדט אַ גאַנצע נאַכט, — און איך האָב אים מיטביידע הענט אָפּגעשטויסן. איך האָב אים אויף זיינע ווונדן זאַלץ געשאָטן, און אים דערטרינקען מיט אַ שווער ביטער האַרץ! מיך זאָל גאָט שטראָפן פאַר אים!

ביים אָוונט־ברויט האָט זי אין מויל ניט גענומען קיין שפייז, און האָט זיך שלאָפן געלייגט מיט אַ פאַרקלעמט ביטער געפיל, וואָס דורך דעם האָט זי זייער שווערע חלומות געזען; איר האָט זיך געדאַכט, ווי אויף דער גאַס איז פינסטער, און ווי זי שטייט אַליין, מיטאַמאָל האָט זי דערזען אַ עלענטן גייסט, און דאָס איז געוועזן יוסף. — מוטער, האָט ער אַ געשריי געטון, איצט גלויבט איר מיר דאָך שוין, אַז איך האָב זיך ניט געטויפט, און בין ניט געקומען צו פאָרן צו אייך אום שבת מיט אַ דראָזשקע. זעט איר, איך בין אַ דערטרונקענער, און דאָרטן גיט מען מיר קיין מנוחה ניט איבער דעם, וואָס איך האָב זיך אַליין געטויט, און נאָך זיך אפילו קיין קדיש ניט געלאָזן. אויב איר ווילט מיט מיר חסד טון און זיך אויסקויפן פון אַ עבירה, זאָלט איר דינגען וועמען עס איז, מען זאָל נאָך מיר קדיש זאָגן!” אין דעם איז געוואָרן אַ גרויסער שטורם, און יוסף איז פאַרפאַלן געוואָרן אין מיטן ווירבל־ווינט. זי האָט שרעק

לעך אָנגעהויבן צו שרייען פון שלאָף, ביז עס האָבן דערהערט די שטוב־מענטשן און מען האָט זי אויפגעוועקט: אויף מאָרגן האָט זי געשיקט רופן שמעיהו דעם בטלן און אים געהייסן לערנען אַ פּרק משניות און זאָגן קדיש, און אַז שמעיהו האָט געפרעגט, ווי איז דער נאָמען פון געשטאָרבענעם, האָט זי ניט ווילנדיק געזאָגט „יוסף", און זי האָט אים בסוד דערציילט, וואָס איר האָט זיך געחלומט. שמעיהו איז געווען אַן ערלעכער ייד און האָט דערצו יוספן זייער האָלט געהאַט, ווארום יוסף האָט אים אַמאָל דערקלערט אַ שטיק חובת הלבבות, וואָס שמעיהו מיט זיין חסידישן קאָפּ איז שווער גע־ווען צו פאַרשטיין דעם ריינעם זינען דערפון. און ווי ער איז גע־ווען אַן ערלעכער ייד אָן רמאות, האָט ער געפונען על פּי דין, אַז ער איז מחויב צו זאָגן נאָך אים קדיש, ווייל ער האָט דאָך געלערנט פון אים אַ גאַנצן פּרק. און שמעיהו האָט זיך שטילערהייט פאָרגע־נומען צו פאַסטן עטלעכע תעניתים פון זיינעטוועגן, כדי ער זאָל גיכער נתקבל ווערן אין גיהנם און פון דאָרטן איז שוין קיין זאַך ניט אַרויסצוכאַפּן זיך! מכּח געלט איז דאָ געוויס קיין רייד ניט געווען. די ערשטע זאַך, ווייל דאָס איז געווען שבת, צווייטנס, וואָלט גאָר שמעיהו גענומען געלט פאַר זאָגן קדיש נאָך זיינעם — ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט — אַ רבין? גאָלדע אָבער, וואָס האָט פיינט געהאַט מטריח צו זיין ווען עס איז אומזיסט, האָט געשיקט שמעיהוס ווייב אַ נדבה פון פולער האַנט, און דאָס פאַרשטייט זיך בלי ידיעת שמעיהו, ווארום שמעיהו פלעגט גאָר דאָס ווייב ניט פרעגן, פון וואַנען האָט זי צו קאָכן וואַרמעס אָדער צו קויפן אַ לעבל ברויט. ער איז בטוח געווען, אַז אליהו הנביא, מיט וועלכן ער גייט שפּאַ־צירן איטלעכע נאַכט אין חלום, וועט אים ניט פאַרלאָזן און עס וועט שולט זיין אַ מזל ברכה אין טעפּל. אגב, האָט ער געוווסט, וואָס די גמרא זאָגט, אַז אַ אשה איז אַ גולם, און אין זיין ווייב האָט ער איינגעזען, ווי אמת די גמרא האָט דאָס געזאָגט. און ער פלעגט זי משביע זיין מיט אַ שם, זי זאָל ברענגען, וואָס מען דאַרף פאַר דעם חומר, און זי נעבעך געטריבן מכּח השם אָדער מכּח הרעב. זי האָט געוווסט דעם סוד פון קבלה, און פלעגט מחזיר זיין על הפּתחים און מקבל זיין פון איטלעכן, וואָס שמעיהו פלעגט פילן דערפון אַ טעם גן עדן, ווארום פון וואַנען וועט נעמען אַ גולם, אויב ניט פון גן עדן?...

ו

שוין כמעט צו שפעט

פון יענעם שבת אָן איז גאָלדע געוואָרן אַ ביסל אַנדערש, ער אָפּט פלעגט זי פאַסטן, זאָגן תהלים, גאָר אַ חוץ דעם יום תהלים, וואָס זי האָט ביז איצט אויך ניט פאַרפעלט. זי פלעגט טיילן אָרעמע אלמנות, און גיין זייער אָפּט אויפן בית עולם, פלעגט גיין צו אָרעמע קראַנקע, טרייסטן אומגליקלעכע עלטערן, וואָס ביי זיי איז אַ קינד געשטאָרבן, און געהאָלפן ווער עס האָט נאָר באַדאַרפט איר הילף, וואָס איר איז מעגלעך געווען צו טון.

איינמאָל, דאָס איז געווען אַקוראַט מיט אַ טאָג פריער פאַר יוספס יאָרצייט — נאָך גאָלדעס רעכענונג, איז אַריינגעקומען צו גאָלדען די קהלשע מומע און געזאָגט:

— ווייסט איר, גאָלדינקע, ווער עס שטאַרבט אָפּ ביי אונז אין שטעטל?

— ווער? — האָט גאָלדע געפרעגט אומרוהיק איבער סטערנע גוטעס געלעכטערל.

— ניט שרעקט זיך נאָר! — האָט סטערנע גוטע אַ זאָג געטון, אין דעם זי האָט באַמערקט דעם טונקעלן וואָלקן, וואָס עס איז גאָלדען איבערן צורה אַריבער. — קיין גרויס היזק ניט, כ׳לעבן, ווער עס וועט נאָך איר וויינען, דאַכט זיך וועט אויך ניט זיין בעסער.

— זאָגט שוין אָבער ווער? — האָט גאָלדע געבעטן.

— אט שרהקע, די הולטייקעס מוטער, לייבע סאָרקינס שוויגער!

— פע, כ׳לעבן! — האָט גאָלדע געזאָגט, — וואָס האָט איר צו איר, אַז איר מאַכט אָפּ פון איר מי יודע וואָס?

— וואָס האָט זי אויסגעהאָדעוועט אַזעלכע קינדער? דער כלל איז, אַז מען איז אַליין גוט און פרום, האָט מען קינדער אויך גוטע און פרומע, לאָם איך זאָגן עפּעס אויף אייערע קינדער? זיי קאָנען

גאָר ניט זיין ניט פרומע, האָבן אַ גוטע פרומע מוטער, אָט זענען זיי אויך אַזוי, וואָס דען מיינט איר? אָט אַזוי וואַקסט דאָס אויס אַ קינד. דאָס איז דאָך נאָך ניט קיין טויזנט יאָר, איר געדענקט ניט, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטון מיט איר מיט ירמיהוס בחור, עפּעס אַזוי גיך פאַרגעסט זיך אַזאַ מעשה? איך געדענק נאָך, דאַכט זיך, ווי דער בחור האָט זיך געוואָלט באַגראָבן פון בזיונות, און זי, די הולטייקע, איז אומגעגאַנגען זיך באַרימען דערמיט. זי האָט געמיינט, ער וועט זי נעמען דערפאַר, אָבער ירמיהו האָט זיך דאַמאָלס געשטעלט און ניט דערלאָזן. אָט אַז זי האָט דערזען, אַז דאָס האָט איר ניט אָפּגעגאָלטן, איז זי גאָר צעלאָזן געוואָרן, און גאָט פאָרט, אָט האָט זי געקראָגן אַזאַ מאַן ווי זי איז ווערט! וואָס פאַר אַ מיידל זי איז געווען, אַזאַ ווייבל איז זי! זעט איר דאָך, איך האָב אַלץ געזאָגט, אַז מיר געפעלן ניט די גאַנגען אָט דעמאָלס פון דעם לערער, כאָטש ער איז מיינער אַ קרוב געווען. אָט האָט ער זיך געטויפט, די שדים ווייסן אים, וואָס ער האָט זיך צעטאָן, און גאָט האָט אייער ראָזקען צוגעשיקט איר באַשערטן, און אַז ער איז ניט קלוג איז וואָס? מוזן דען אַלע זיין שלמה המלך? אַבי ער איז אַן ערלעך קינד, האָט פיינט די בייע וועלט. מיין מאַן זאָגט, אַז עס טרעפט אַן אַנדערש מאָל, אַז גאָר אַ פּראָסטער מענטש קאָן זיך נאָך אַ גרעסערער צדיק זיין און האָבן מער עולם הבא פאַר דעם גרעסטן למדן. וואָס אַרט אייך אין דער אמתן, אַז ער קען ניט לערנען? וואָס האָט געטויגט, אַז אייער אַמאָליקער יוסף האָט שוין גאַנץ גוט געקענט לערנען, אַז ער האָט נאָר די גמרא געהאַלטן אויף ערמה? גלייכער אַז גאָט האָט אים צוגענומען פון דער וועלט, האָב איך אַ פינסטער שוואַרץ יאָר!...

— וועט איר מיר גלויבן, סטערנע גוטע, — האָט גאָלדע געזאָגט נאָך דעם, ווי זי האָט אויסגעהערט אירע גאַנצע רייד, וואָס יעדעס וואָרט איז איר גלייך געווען ווי זאַלץ אויף די ווונדן — וועט איר מיר גלויבן, אַז איך האָב גאָר קיין צייט נישט צו רעדן? ביי מיר זענען היינט אַ סך אורחים, און מען מוז זען, אַז איטלעכער זאָל צופרידן זיין! נאָר זאָגט מיר, איר זענט דאָך געוויס ניט אַזוי אומזיסט אַריינגעגאַנגען צו מיר, איר האָט דאָך ניט נאָר מיר געוואָלט אָנזאָגן, אַז גרוגע סאָרקעס מוטער שטאַרבט, ניט אמת?

— אוודאי! איך האָב היינט אויך קיין צייט ניט, איר ווייסט

דאָך, באַלד איז אלול, און מען דאַרף זיך אַקאָרשט אַרומקוקן, נאָר זאָגט מיר, און אַז יענע איז „אַ איך ווייס ניט וואָס", דעריבער זאָל איך ניט גיין מיט איר ווידוי זאָגן? אדרבה, נאָר צו אַזעלכע, עס איז דאָך טאַקע זיך אַ מוסר אַראָפּצונעמען. אָט בין איך געווען ביי איר פֿאַר שבת, האָט זי מיך געבעטן, איר זאָלט אַזוי גוט זיין קומען צו איר, זי דאַרף אייך עפּעס זאָגן. וואָס מיינט איר, אוודאי האָט זי אַ קניפּל מיט עטלעכע רובל און וויל דאָס אייך איבערגעבן צעטיילן, אַ חזיר בלייבט אַ חזיר ביז דער פּגירה! — האָט סטערנע גוטע מיט כּעס אַ געשריי געטון — סטייטש, צי ווייס דען אַזאַ ניט, אַז ביי מיר איז אַ דאַנק גאָט פֿאַראַן אייגענע און איך דאַרף אַזעלכע געלט ניט, און פֿאַר וואָס האָט זי מורא געהאַט דאָס מיר אָוועקצוגעבן? ווי מיינט איר, גאָלדע, וואָלט איר געוווּסט, ווער איז נויטבאַדערפֿטיק?

— פֿון פֿאַר שבת אָן האָט איר זי שוין מער ניט געזען? — האָט געפֿרעגט גאָלדע, — וואָס מאַכֿט זי היינט?

— זי לעבט נאָך! — האָט סטערנע גוטע געענטפֿערט, — אַזוינע שטאַרבן ניט מיט משה רבינוס טויט, זיי מאַטערן זיך אַפֿריער גוט אָן, און אַז זיי קרענקען אויס זייער מוטערס מילך, אָט דאַן האָט ערשט דער מלאך המות שליטה צו צוטרעטן. מיין ראובן זאָגט: אַז מען פֿאַרפֿעלט איין מאָל הבדלה צו הערן, דאַרפֿסטו זיך אָנמאַטערן פֿאַרן טויט, און די נשמה גייט אַזוי שווער אַרויס פֿון חומר, ווי שווער עס איז אויסצעפּלאָנטערן וואָל פֿון דערנער. זי האָט מיר דאָס געבעטן אפֿילו נאָך פֿאַר שבת, אָבער מיינט איר, דער קאָפּ איז צעדרייט, און מיר איז אין איין אויער אַריין און פֿון דעם אַנדערן אַרויס. נאָר איצט, גוט, וואָס איך בין דאָ פֿאַרגאַנגען, האָב איך זיך דערמאָנט, גייט טאַקע שוין צו איר, אַ קשיה אויף דעם טויט, ער קאָן קומען גאָר ניט געריכֿט. אימשטיינס געזאָגט, וואָס איז אַ מענטש, כּחומר ביד היוצר, ווי אַ איבערגעבערענטע שטרוי, אָט לעבט מען און אַז דער יצר הרע וויל, איז ער דאָך דער מלאך המות אויך, זאָגט מיין אַלטער: מאַכֿט ער פֿון זיין חומר אַש און רויך.

גאָלדע האָט קוים דערוואַרט, אַז סטערנע גוטע האָט אויפֿגעהערט צו רעדן, זי האָט אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף זיך די פּאַטשיילע און געגאַנגען צו דער טויט־קראַנקער. אין שטוב האָט זי קיינעם ניט געפֿונען, ווייל שרהקע מיט איר מאַן זענען געווען אין מאַקאַריע אויפֿן

יאַריד. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז רבי לייב אַליין איז אַריינגעפאַלן און זיצט אין טורמע, דעריבער איז שרהקע געפאָרן אַהינצו, ווו ער זיצט, אים אויסצולייזן. אָבער עס מעג זיין ווי עס איז, גאָלדע איז אַריינגעקומען און האָט ביי דער קראַנקער נאָר אַ קליינעם יונגל גע־פונען, וועלכער האָט באַלד אַ געשריי געטון: מאַמע, אָט איז געקו־מען גאָלדע פרידמאַנס, מיר פאַרשפּאָרט אַ טרחה.

— גאָלדע, זאָלט איר געזונט זיין, — האָט די קראַנקע גע־זאָגט — איך האָב שוין נאָך פאַראַיאָרן נאָך אייך עטלעכע מאָל גע־שיקט, אָבער מען האָט מיר ניט געפאָלגט, איצט אַז איך האַלט זיך שוין אויף אַ האָר, איז מיין לעצט שטיקל טרייסט, וואָס איר זענט צו מיר געקומען.

— ניט מיעט זיך אַזוי פיל, נישקשה, איך וועל שוין הערן אַלץ, וואָס איר ווילט, רעדט נאָר ניט אַזוי הויך און גיך! — האָט גאָלדע געזאָגט דער קראַנקעס האַנט אָנגעמענדיק.

— זאָלט איר געזונט זיין! — האָט געענטפערט די קראַנקע, — מיך איז שוין ניטאָ וואָס צו זשאַלעווען, מיט אַ מינוט פריער אָדער מיט אַ מינוט שפּעטער, אַ דאַנק גאָט, וואָס איר זענט געקומען און איך קאָן מיט אייך רעדן. איר ווייסט, ווי געשמאַק עס איז, אַז מען האָט שלעכטע קינדער? זאָל אייך גאָר גאָט אויסהיטן פון אַזעלכע יסורים, יסורים און בזיונות אין לעבן, און גיהנם און קללות נאָכן טויט. אָט נאָר קעגן דעם רעד איך, וואָס איך דאַרף אייך אַ מינוט פאַרן טויט דערציילן, אַז איך האָב אַ שלעכטע טאָכטער מיט אַ שלעכטן איידעם, און אויך אָנזאָגן, אַז אייער איידעם איז אויך ניט בעסער פאַר מיינעם!

גאָלדע האָט אַ שווערן זיפץ געטון. די קראַנקע האָט זיך אָפּ־גערוט.

— ניט האָט קיין פאַראיבל! — האָט די קראַנקע ווייטער גע־זאָגט, — איך מיין, חלילה, פאַרן טויט קיין לשון הרע ניט צו ריידן, מיר דוכט, איר קענט מיך, אַז גאָט האָט מיך אומזיסט געשטראָפט מיט אַזעלכע שלעכטע קינדער, נאָר מסתמא איז ער גערעכט, און איר ווייסט, אַז איך וואָלט דאָס גאָר אפשר אפילו אייך אַליין ניט זאָגן, בפרט ניט קיין אַנדערן, נאָר דאָ האַלט וועגן דעם גליק פון אייער טאָכטער, מוז איך אייך דערציילן איינגאַנצן. פאַראַיאָרן שבועות איז געקומען אייער משה שנייאור, איך קען אים נאָך, אַז ער איז אַ יונגל

געווען — די בנים יחידים זענען קיינמאָל קיין רעכטס ניט — און מיט אים איז געקומען טעוועלע גאַסאַנס איידעם און האָבן אין קאָרטן געשפּילט און צערעדט אַלע מינים נבול פּה אין אַזאַ הייליקער נאַכט. דערנאָך האָבן זיי דערציילט עפּעס פון אַ יוספן, וואָס איר האָט אים געוואָלט נעמען פאַר אייער ראָזען פאַר אַ חתן, און וואָס אייער משה שנייאור האָט אים ניט געוואָלט, ווייל ער וויל, אַז ראָזע זאָל האָבן אַ גראָבן יונג פאַר אַ מאַן, און אַזוי האָט אים איטלעכער געגעבן עצות, אַז מען זאָל אויף אים אַ קלאַנג אַרויסלאָזן, אַז ער איז אַ גאָרנישט, און מאַכן פאַלשע בריוועלעך. אייער איידעם איז דאָס אַלץ ניט געפעלן, ביז מיין לייבע האָט געגעבן אַן עצה, מען זאָל אים פטרן און עס וועט אַ האָן ניט אַ קריי טון. גאָלדינקע, וואָלט איר געהערט, וואָס מען האָט דאָ צערעדט, דער האָט געזאָגט אַזאַ גליי‌כוואָרטל, און דער האָט געווונטשן אייך אַזאַ סוף ווי מיינעם. טרייבט אים אַרויס, דעם יונגאַטש, וואָס פאַרגעסט וויפיל קרענקט דאָס אַ מוטער ביז מען האָדעוועט אויס אַ קינד זי חתונה צו מאַכן, און וויפיל טרערן פאַרגיסט יעדע שוויגער, נאָר אַ גוטן איידעם צו קריגן! זאָגט מיר נאָר, ליבע גאָלדע, האָט אייער ראָזע חתונה געהאַט פאַר דעם יוספן אָדער פאַר אַן אַנדערן? און ווו איז דער יוסף? האָט מען אים, חלילה, ניט אָפּגעטון אַ מעשה רע? וויי און ווינד איז צו מיר, איך בין דאָך אפשר נאָך אויך שולדיק, פאַרוואָס איך האָב אייך דאָס פאַראיאָרן ניט געזאָגט, אָבער גאָט איז מיין עדות, אַז איך האָב ניט געקאָנט. אויף מאָרגן פרי האָט מיין איידעם מיר געוואָלט סם איינגעבן, ער האָט פאַרשטאַנען, אַז איך האָב אונטערן פאַראַוואַן אַלץ געהערט, און אַז איך האָב ניט געוואָלט נעמען, האָט מען מיך אַרויסגעוואָרפן אויף דער גאַס, מיך געשלאָגן, די טאָכטער מיט דעם איידעם, ביז איך בין געבליבן אָן לשון, און דערנאָך האָבן זיי ביז איצט קיין מענטשן צו מיר ניט צוגעלאָזן. איך פלעג אַלץ בעטן ביים יונגל גיין צו אייך, ער האָט אָבער מורא געהאַט פאַר לייבען, און איז ניט געגאַנגען. איצט זאָגט מיר, וואָס מאַכט דער יוסף?

— זאָל ער שוין אַ גוטער בעטער זיין! — האָט גאָלדע געענטפערט מיט אַ געוויין.

די קראַנקע האָט אַ געשריי געטון, און זיך אויפגעהויבן מיט אַזאַ שטאַרקייט.—וואָס דאַרף איך נאָך לעבן אויף דער וועלט? — האָט זי געשריען,—איך האָב אַזעלכע רצחנים געבראַכט אויף דער

וועלט, וואָס זאָלן אַזעלכע אומשולדיקע קינדער טויטן?–ביי די רייד האָט די קראַנקע אַ וואָרף געטון דעם קאָפּ צום וואַנט, און איז געפאַלן אויפן קישן אַ טויטע. עס זענען ניט אַריבער קיין צען מינוט, און די אומגליקלעכע באַטריבטע פרוי האָט דעם לעצטן מאָל געעפנט אירע אויגן, אַ קוק געטון מיט אַ שמייכל אויף גאָלדען, און באַלד פאַרשלאָסן אויף אייביק.

קיין מענטש אין דער וועלט האָט אַזוי פיל טרערן ניט פאַרגאָסן נאָך דער עלנטער פרוי, ווי אונזער טיף־באַטריבטע גאָלדע. זי האָט זיך מתעסק געווען בעת דער טהרה, זי אָנגעטון אין אירע אייביקע קליידער, נאָכגעגאַנגען נאָך איר ארון און באַגלייט ביז איר אייביק הויז. און אַז דער גאַנצער עולם איז שוין אַראָפּ פון בית עולם, איז גאָלדע ערשט איבערנייס צו צו דעם נייעם קבר און באַנעצט דאָס פרישע בערגל מיט אירע טרערן, געריזט מיט שווערע זיפצן, אויסגעגאָסן איר שווער האַרץ און געבעטן, גאָט זאָל שוין רחמנות האָבן אויף דער פאַרטריבענער זעלע פון דעם דערטרונקענעם יוסף, אים שוין געבן זיין מנוחה צווישן אַלע אויסגעלייטערטע נשמות. אין שטעטל האָט מען אַפילו פיל גערעדט וועגן דעם, כאָטש עס איז קיין חידוש ניט געווען צו זען אין דער לעצטער צייט גאָלדען אויף אַ לויה, אָבער וויינען און נאָך אַזוי פיל וויינען נאָך אַזאַ ניט רעכטס, ווי מען האָט נעבעך שרהקעס מוטער אין שטעטל אומזיסט געהאַלטן, דאָס, האָבן אַלע געזאָגט, איז ניט אומזיסט נאָר סטערבנע גוטע האָט געפונען אַ תרוץ און געהאַט צו רעדן חדשים לאַנג.

גאָלדען פלעגן די בלוטן צעקאָכט ווערן, אַז זי פלעגט דערזען איר שוואַרצן איידעם! „אָבער וואָס זאָל איך מיט אים טון? — פלעגט זי זאָגן — איך בין ווי יענער קראַנקער, וואָס ס'האָט אים אָנגעהויבן אַ האַנט צו פוילן, און ער לאָזט בעסער זיין גאַנצן קערפּער צעפוילט ווערן, איידער זיך צו לאָזן די פוילע האַנט אָפּשניידן. איבעריגנס איז שוין צו שפּעט, און איך האָב שוין כמעט ניט וואָס צו העלפן. מיין ראָזקען האָט ער שוין באַגראָבן, שנייאורקען פאַרשטויסן, גאָט דער לעבעדיקער ווייס, וואָס עס וועט נאָך מיט רוחמהן זיין? —

אַ דאָקטאָר אין שטוב

טעג און טייכן שטייען קיינמאָל ניט אויף איין אָרט, די טייכן פֿליסן און גייען זייער וועג אויך דאַן, אַז אַלע מענטשן שלאָפֿן און זעען ניט, ווי דאָס וואַסער ציט זיך ווייטער און ווייטער. און אפֿילו אין דער צייט, אַז דער קאַלטער ווינטער וואַרפֿט אַריבער איבער זיי זיין ווייסע און דיקע אייז־דעק, דאָס וואַסער אָבער פֿון אונטן שטייט ניט אויף איין אָרט, און כאָטש פֿון אויבן פֿאָרט מען און מען בויט, און עס ווערט גאַנצע מערק אויף אים, אָבער זיין אונטערשטע טעטיקייט הערט ניט אויף אויף איין מינוט אויך ניט, און אין דעם אַליין זעט שוין דער געבילדעטער מענטש דעם אונטערשייד צווישן זיינע מעשׂים, צווישן די מעשׂים און באַשעפֿענישן פֿון דעם אַלמעכטיקן. יעדע זאַך, וואָס דער מענטש מאַכט נאָר, האָט איר געוויסן גאַנג און צייט. אַ זייגער ווערט אָנגעשטעלט אויף אַ טאָג, און צום העכסטן אויף אַ יאָר צייט, דאָס יאָר אָבער לויפֿט אַריבער, און דער זייגער הערט אויף, שטעלט זיך אָפּ. גאָט האָט אָבער זיין זייגער איין מאָל אָנגעשטעלט, און פֿון דאַמאָלס אָן גייט אַלץ אָן אַן אויפֿהער, און וועט אַזוי לאַנג גיין זיין גאַנג, ווילאַנג ער וועט מיט זיין אייגענעם רצון ניט אָפּשטעלן. דער זייגער פֿון אונזער לעבן איז די ליבע זון, און אונזער ערד איז דער ווייזער אויף דעם גרויסאַרטיקן ציפֿערבלאַט, וועלכער עס דרייט זיך אַרום אים, און באַצייכנט אונז ריכטיק די צייט. און אימער און אימער גייט אַלץ אַזוי אַרום, און שטעלט זיך קיין מאָל ניט אָפּ, אויך אין דער מינוט, ווען מיר שלאָפֿן, ווען מיר פֿאַרגעסן אויף זיך זעלבסט, לויפֿט אַלץ אונזער צייט אַראָפּ ווייטער. אויך ווען עס ליגט דער שווערער אייז איבער אונזער האַרץ און געפֿיל, און ווען מיר מיינען, אַז די גאַנצע ערד האָט אויפֿגעהערט לעבן, און עס שטייט די צייט, אויך דאַן האָט די צייט געטון דאָס איריקע, און געמאַכט איר קרייז, ווי געוויינלעך. נאָר מיר כאַפּן זיך אויף און

קוקן זיך אַרום, ווו מיר זענען און ווערן פאַרוואונדערט אויף דער פאַר־בייגעלאָפענער צייט, וואָס מיר האָבן ניט באַמערקט!

די צייט האָט זיך געטון דאָס איריקע אויך דאַ, ווען ראָזע האָט די צייט ניט געפילט און געלעבט כמעט אַן אומפילבאַר לעבן, וועלכע האָט זיך גאָר ניט מצער געווען, וואָס דער שיינער פרילינג איז אַריבער, און זיך ניט געשראָקן פאַר דעם קאַלטן ווינטער, וועלכער קומט. ניט עס האָט איר געאַרט, צי דער טאָג איז אַ וואָלקנדיקער אָדער אַ לויטערער. און ווי גרינג און איינפאַך איז איר די צייט גע־ווען, אַזוי שווער און דויערהאַפט איז די אייגענע צייט געווען איר שוועסטער, וועלכע האָט מיט יעדן אָפּגעלעבטן טאָג צופרידן געווען זיך צו פאַרטראַכטן, אַז די צאָל פאַרבייגעגאַנגענע טעג פון די פינף אָדער זעקס יאָר, וואָס יוסף האָט איר באַשטימט, ווערט אַלץ גרעסער, און די קומענדיקע טעג ביז דעם באַשטימטן טאָג ווערן אַלץ ווייניקער, און דער לעצטער טאָג ווערט דורכזיכטיקער און נעענטער! פריער האָט זי געציילט איינצלנע טעג, דערנאָך, אַז עס איז אַ גאַנצע וואָך אַריבער, האָט זי געציילט מיט וואָכן, דערנאָך מיט חדשים, מיט האַלבע יאָרן, מיט יאָרן.

נון, ציילט זי שוין דעם זעקסטן יאָר, און יוסף קומט ניט. די צייט האָט איר אָנגעהויבן שווערער און לענגער צו ווערן, ווי די גאַנצע פינף יאָר און האָט צוריק אָנגעהויבן צו ציילן טעגווייז. עס איז שוין אַריבער דער זומער, דער ווינטער, עס איז שוין, ברוך השם, פסח אויך אַריבער, און רוחמה האָט אָנגעהויבן טרויעריק און אומ־רוהיק צו ווערן.

— נאָך זיין יאָר איז ערשט פאַר ראש חדש אלול! — האָט זי געזאָגט, — איך מוז נאָך געדולדיק זיין!

אויך איר האָט מען אָנגעהויבן שדוכים צו ריידן, זי האָט אַלץ רוהיק אויסגעהערט, און איז אירע עלטערן קיינמאָל דערווידער ניט געווען. זי האָט זיך יעדעס מאָל אויסגעפּוצט פאַר די מחותנים, גע־גאַנגען שפּאַצירן מיט די חתנים, וואָס האָבן זיך פאַר איר געשדכנט, און זי איז דערפון גאָרניט אומרוהיק געווען, וואָרום זי האָט געוווסט, אַז פאַרקויפן איבערגעוואַלד ווועט מען זי ניט, און אַז זי פלעגט זאָגן דער מוטער: „דעם וויל איך ניט, ער געפעלט מיר ניט", פלעגט די מוטער אַ וואָרט ניט איבעררעדן און הייסן דעם שדכן אויפהערן צו רעדן דעם שדוך.

דער שוואַרצער פֿון זיין זייט האָט דאָ אויך מסתמא געטון, וואָס ער האָט געקאָנט, נאָר דער קאָפּ איז אים ניט אויסגעדאַרט און ער האָט באַמערקט, אַז גאָלדע טוט אַקוראַט פֿאַרקערט ווי ער ראַטעט, האָט ער אויפֿגעהערט צו מישן זיך בגלוי, אָבער בסתר האָט ער גע־לייגט דאָס לעבן, אַז רוחמה זאָל אויך קריגן אַזאַ מאַן ווי ראָזע, און דאַן בלייבט ער שוין געוויס דער יורש, וואָרום שנייאורקע האָט התונה געהאַט אין אַן אַנדער שטאָט, און האָט גאָר אָנגעהויבן אַ גאַנץ אַנדער געשעפֿט צו טון, און פֿאַר אים האָט ער געוויס ניט וואָס מורא צו האָבן, אַזוי ווי פֿאַר ראָזעס מאַן. אָבער די רוחמקע, פֿלעגט ער זאָגן, פֿון איר קאָן מען גאָר ניט פּטור ווערן, מען מוז מיט איר אויך מאַכן אַ קונץ. אַז מיר האָט זיך איינגעגעבן ראָזען צו פֿאַר־שלייערן מיט אַזאַ בולין, נאָך דעם, ווי זי האָט יוספֿן אַזוי געליבט, וועט מיר דאָס זיין איר צו מאַכן גרינג ווי אַ האָר פֿון מילך, מע דאַרף אַקאָרשט זיך נעמען פֿאַר דעם שווער אים עדערן, אים זאָגן אַז אין שטאָט רעדט מען צו אויף זיין לאַגע. מען זאָגט: ער האַלט אַ מויד פֿון איין און צוואַנציק יאָר, דאָס איז אַ סימן, אַז ער איז ניט ריין. דער שווער ציטערט דאָך דערפֿאַר און מיר וועלן מאַכן, אַז זי וועט איבערגעוואַלד מוזן ענטפֿערן אמן! און טאַקע באַווייזן אים דעם ביישפּיל, ווי עס צעטוט זיך אין שטאָט אין די הויכע פֿענסטער, ווי עזריאל ראַטמאַן האָט געטון מיט זיין טאָכטער זעלדען, וועלכע האָט ניט געוואָלט אהרן שרונס זון דעם בהמה, וועלכער עס איז פּונקט ווי אונזער פייבוש ראָזעס מאַן. עזריאלן האָט גאָט געהאָלפֿן, און ער האָט זיך געוואָלט איינקויפֿן אין יחוס, האָט אים ניט געאַרט, וואָס ער נעמט אַן איידעם אַ פּרא אדם, און אַז די טאָכטער האָט געזאָגט, זי וויל אים ניט, האָט ער איר אַראָפּגעלאָזן די פּייער־פֿלאַמעדיקע פּעטש, אַז יענע איז דריי וואָכן אומגעגאַנגען מיט פֿאַרשוואָלענע באַקן און געזאָגט אַ תירוץ, זי האָט צאָן־שמערצן. דאָרטן זענען אַפֿילו געווען שדכנים — חיים שלמה ראַשעלעס, לייבע פּוינע שרונס קאַסיר, און אַז חיים שלמה ראַשעלעס האָט געזאָגט און געשוואָרן ביי באָרד און פּאות, אַז דער חתן איז אַ לייט אַ צאַצקע אַ יונגל, אָט האָט ער טאַקע אויסגעפֿירט. איך וועל אייך די הינט, שלמה דעם חזן מיט משהלע דעם משוגענעם געבן האַלז און אַקן, און אַקאָרשט נעמען זיך מיט די גרויסע שדכנים זעליג דער שדכן, ער איז אַ לייט, ער קומט אַריין מים דעם גראָבן בויך, און ער וועט דעם שווער אויס־

זידלען קאָנען, אַז דער שווער וועט ניט וועלן, און אַז זעליג וועט גיין עטלעכע מאָל, וועט ער אויספירן, דאָס האָט נאָך, דאַכט זיך, ניט געטראָפן, אַז ער זאָל ניט אויספירן. גוט, איך וועל דאָס אויך אויספירן. געפאַלן אויף אַ פאַל, ווי איך בין אַ ייד! און אַז מיר וועט קאָסטן דער שדוך הונדערט רובל, איז אַלץ כדאי, מיר קאָסט דאָך דעם שווערס יעדעס קינד. וויפיל האָט מיר ראָזע געקאָסט! אונזער שטאָט איז אַ גליקלעכע פאַר מיר, די קליינע לייט קוקן אַלע מאָל נאָך די גרויסע, און גאָט שיקט אונז צו אַזעלכע גבירים, וואָס פון זיי קאָנען מיר זיך לערנען אַלץ רעכטס! וויפיל כלות האָבן שוין פעטש באַקומען אויף דעם רעכענונג, וואָס עזריאל האָט אָנגעפאַטשט זיין כלה, אָט גאָר היינט בין איך פאַרבייגעגאַנגען פאַר ברוך דעם שניידער, האָב איך געהערט אַ געשריי און אַ יללה, דאָס מיידל זיינ(!) וויינט, און ער רייסט זי פאַר די האָר און שרייט: „וואָס? דו ווילסט מיר זיין זעלדקע ראָטמאַנס, וואָס וויל איר חתן ניט? אַך, אויסגעריסן זאָלסטו ווערן! האָט זי געמעגט ווערן, איידער זי האָט גאָר הי די מאָדע אַרויסגעבראַכט!" איך האָב אין זיך אפילו אַ שמייכל געטון, וואָס פאַר אַ גלייכן דאָס איז, עזריאל ראָטמאַנס טאָכטער, וואָס איז אַ געבילדעטע, און האָט אייגענע צען טויזנט רובל, צו ברוך דעם שניידערס מיידל, וואָס מאַטערט זיך אַליין איטלעכע קאָפּיקע צו פאַרדינען. — אָדער אהרן שרונס זון, צי קוסקע דעם שניידערס זון, כאָטש אין אמתן זענען די חתנים ביידע גלייך, אָבער ווי איטלעכער נעמט דעם ביישפיל פון דעם גרויסן, איך ווייס געוויס, אַז ברוכס מיידל האָט גאָרניט נאָכגעקוקט נאָך זעלדע עזריאלס, אָבער ברוך האָט זיך פאָרט אַזוי געטראַכט, און מיר איז בעת מעשה איינגעפאַלן: מען דאַרף דאָס דעם שווער אַ בורטשע טון, גוט, זעליג דער שדכן מיט דעם משל וועלן אַלץ צו וועגן ברענגען.

און אַזוי איז אויף רחמהן געקומען אַזאַ טאָג, וואָס דער פאָטער האָט איר זייער אָרנטלעך מכבד געווען איבער איר אויסקלייבן. זי האָט ניט געענטפערט קיין וואָרט, זי האָט געוווּסט, וואָס זי וויל און געהאָפט, כל זמן די צייט איז נאָך ניט אַריבער. נאָר אַז די מוטער האָט איר אַמאָל מיט טרערן געבעטן, זי זאָל איר דערקלערן, וואָס איז זי אַזוי מאָדנע, אַז איר געפעלט קיין חתן ניט, האָט זי איר געענטפערט, אַז זי האָט זיך פאַרגענומען ניט חתונה צו האָבן פאַר איין און צוואַנציק יאָר, און דעריבער וויל זי צום ווייניקסטן נאָך וואַרטן

ביז זי וועט ווערן אַקוראַט איין און צוואַנציק יאָר. די מוטער, צי זי האָט דאָס געגלויבט צי ניט, אָבער זי האָט ניט געוואָלט איר נייטן און אָנטון יסורים, וואָרום פון דער איינע האָט זי נאָך געהאָפּט נחת, ווידער האָט זי געזען, ווי זי איז די לעצטע צייט טרויעריק געוואָרן און אויפגעהערט צו רעדן. זי האָט זיך זייער דערשראָקן, טאָמער איז ביי אַלע אירע קינדער דער פעלער פון מרה שחורה. זי האָט אָבער פריער פאַר אַלץ שולדיק געמאַכט אירע ביכער, וואָס זי האָט פון האַנט ניט אַרויסגעלאָזט, און פלעגט ביסלעכווייז זען, זי זאָל ווייניקער לעזן. רוחמה אָבער איז געוואָרן דערפון אומרוהיקער, וואָרום די ביכער האָט זי געלעזן מיט לוסט, און האָט ניט געפילט, ווי אירע לאַנגע שעהן גייען פאַרביי, אָבער אַז זי האָט ניט געהאַט וואָס צו לעזן פלעגט זי זיך לאַנגווייליגן.

אין דער גאַנצער צייט האָט רוחמה איינמאָל יוספן ניט דערמאָנט, נאָר ראָזע פלעגט אים שטענדיק דערמאָנען מיט געוויין.

אין איין שיינעם פרימאָרגן, דאָס איז געווען אין די ערשטע פריילעכע ליכטיקע מאַי־טעג, דאָס גאַנצע שטעטל איז נאָך געשלאָפן, אַלע לאָדן זענען נאָך פאַרמאַכט געווען, נאָר דער לאָדן פון ראָזעס צימער איז שוין אָפן געווען און פון איר טיר זענען איצט אַרויסגעגאַנגען ראָזע מיט רוחמהן שפּאַצירן, ווי דער דאָקטאָר האָט זיי געהייסן. גאַנץ ווייט ביים וועלדל האָבן זיי געזען אַ פּאָסט אָנקומענדיק. איידער דאָס ביידל איז אַראָפּ פון באַרג, איז דער פּאַסאַזשירער אַראָפּגעקראָכן, אומגעגאַנגען שטיל און פאַרטראַכט, זיך אַרומגעקוקט פון אַלע זייטן און זיך אָפּגעשטעלט ביי יעדעס ביי בוימעלע, וועלכן ער האָט דערזען. — „דאָס האָט אַלץ די צייט געמאַכט" — האָט ער זיך אינערלעך גערעדט. אָ, וואָס די צייט איז! וויפיל נייעס מאַכט זי איבער, איך געדענק נאָך דעם ערשטן מאָל, ווינטער, אַז איך בין אַהערצו געפאָרן, דאָ איז געווען טויט, קיין גרינע בלאַט האָב איך דאָ ניט געזען, קיין פייגעלע האָט מיר דאָ אַזוי ליב און פריילעך ניט באַגעגנט מיט איר ליבן זיסן געזאַנג, ווי איצטער! און דאָך, אָ, איז מיר איצט ניט פריילעכער ווי דאַמאָלס!

דער פּאַסאַזשירער האָט זיך ווידער אַרויפגעזעצט, נאָר געבעטן שטילער, גאַנץ לאַנגזאַם פאָרן. זיינע אויגן זענען אומגעלאָפן אין אַלע זייטן, ווי ער וואָלט אין יעדן גרעזעלע און שטיינדעלע עטוואָס באַקענטס זען, זיין האַרץ איז אים געווען אָבער נאָך פולער ווי זיינע אויגן.

איצט איז זומער,—האָט ער צו זיך געזאָגט,—און דאַמאָלס איז געווען ווינטער! עס איז געווען ווינטער אויף דער וועלט, אָבער נאָך פרילינג אין מיין הארצן. איצט איז פאַרקערט, עס איז לוסטיק, וואַרעם און העל אַרום מיר, אָבער דערפאַר ווינטער, פינסטער און טרויעריק אין מיר! אָ, וועלכע שטורעמס בין איך שוין אויסגעשטאַנען אין מיין יונג לעבן! וועלכע שרעקלעכע פראָסט און פורכטבאַרע אומגעוויטער איז איבער מיר שוין אַריבער, און דער אייז פון מיין הארצן איז נאָך אַלץ ניט צעבראָכן, און זעט נאָך ניט אָן איין פריילעכן זונשטראַל!

אָן דאָרטן, שטייט די ווערבע. אַז איך בין דאָ דעם צווייטן מאָל געפאָרן, האָב איך געזען, ווי מען האָט זי אין העלפט איבערגעשניטן, אָן שטייען נאָך אַזעלכע ווערבעס, וואָס מען האָט דאַמאָלס אַזוי אָפּגעשניטן, און איצט טראָגן זיי נייע צווייגן מיט נייע בלעטער, עס איז גאָר ניט ניכר, אַז מען האָט זיי אונטערגעשאָרן אַמאָל. גאָט, פאַרוואָס איז דער מענטש ניט אַזוי?... מען האָט דאַמאָלס אויך מיין הארץ אַזוי צעהאַקט, אויסגעריסן מיט שלעכטע הענט, פאַרוואָס פאַרוואַקסן אָבער ניט די וווּנדן אַזוי ווי אָפּגעהאַקטע בוימער? פאַרוואָס דאַרף איך נאָך אייביק פילן יענע יסורים, כאָטש אין מיין הארצן ווייזן זיך נייע געפילן?...

אַזוי האָט ער מיט זיך גערעדט, אין דעם האָט ער דערזען, אַז עס גייען צוויי דאַמען. ער האָט ניט געוואָלט, מען זאָל אים דערקענען, און ער האָט זיך אָפּגעקערט. זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען און ניט באַמערקט, ווער דאָס איז פאַרבייגעפאָרן; וואָלטן זיי דאָס אָבער יאָ באַמערקט?...

אַזוי גייען מיר אָפּט פאַרביי פאַר אונזער גאַנץ גליק, און באַמערקן אים ניט, ווען ער קערט נאָר זיין געזיכט פון אונז אָפּ.

די דאַמען זענען ווייטער אַוועקגעגאַנגען, און די פור איז אַלץ נעענטער געקומען צום בראָם.

— דו הערסט עטוואָס? — האָט געפרעגט דער פאַסאַזשירער דעם יאַמשטשיק, דורכפאָרנדיק דעם בראָם.

— ניט אַ קול פון אַ מענטשן! — האָט געענטפערט דער יאַמשטשיק.

דער פאַסאַזשירער האָט זיך ווידער פאַרטראַכט און געקוקט אַלץ ווייטער, ענדלעך האָט ער זיך דערשראָקן אַ הייב געטון און געפרעגט:

— פאַרוואָס הער איך? מיר דוכט, מען שפּילט, איז ניט קיין חתונה אין שטאָט?

— וואָס רעדט איר? — האָט געענטפערט דער יאַמשטשיק פאַר־וווּנדערט — אַזוי פרי אַ חתונה?

— אַך! איך בין דאָך ניט משוגע, איך הער פאָרט, מען שפּילט? — האָט געזאָגט דער פּאַסאַזשירער.

— יאָ, יאָ! — האָט זיך אַ כאַפּ געטון דער יאַמשטשיק, — איך הויב שוין אויך אָן צו הערן.

— פאַר גיכער? — האָט דער פּאַסאַזשירער אַ געשריי געטון.

דער יאַמשטשיק האָט אַ שמיץ געטון די פערד, און באַלד האָבן זיי דערזען, פון וואַנען דאָס קומט דאָס שפּילן. עס איז געגאַנגען אַ גאַנצער פּאָלק סאָלדאַטן, וועלכע איז נאָר וואָס אין שטאָט אַריין מיט שפּילן און מיט געזאַנג. דער פּאַסאַזשירער האָט זיך באַרוהיקט און אָפּגעצויגן דעם אָטעם פרייער.

פאַרבייפאָרנדיק פאַרביי פרידמאַנס שטוב האָט ער געהייסן דעם יאַמשטשיק פרעגן, אויב מען קאָן דאָ פאַרפאָרן? דער סטרוזש איז באַלד אַרויסגעלאָפן און געכאַפּט די זאַכן און אַריינגעטראָגן אין אַ שיינעם צוגעקליבענעם צימער. דער גאַסט איז אויך אַריין און באַפרידיקט דעם יאַמשטשיק אָרנטלעך.

— ווער איז דער? — האָט געפרעגט דער סטרוזש דעם יאַמ־שטשיק.

— דאָס איז אַ דייטש, אַ דאָקטאָר! — האָט געענטפערט דער יאַמשטשיק.

— פון וואַנען ווייסטו?

— איך האָב געזען, ווי ער האָט אין פּאָסט פאַרשריבן דעם סמאָטריטעלס אַ קינד, וועלכעס איז איצט קראַנק, אַ רעצעפּט. אָט פיר איך אים מיט זיך, איך וועל דאָס אָוועקגעבן אין אַפּטייק.

אין אַ האַלבע שעה אַרום זענען די בעלי בתים פון שטוב אויפגעשטאַנען און אַז זיי האָבן געפרעגט ביי דעם סטרוזש, ווער איז דאָס דאָ פאַרפאָרן, האָט ער געזאָגט, אַז דאָס איז אַ דאָקטאָר.

— דאָס איז אַ סימן, מיר וועלן אַלע געזונט זיין, — האָט גע־זאָגט גאָלדע מיט אַ שמייכל, — אַז עס איז דאָ אַ דאָקטאָר אין שטוב, איז אַלע מאָל אַ גוטער סימן! דאָס איז ווי מען זאָגט: אַז עס איז דאָ ברויט אין שטוב, איז מען ניט הונגעריק, אַז עס איז

דאָ אַ דאָקטאָר אין שטוב, זענען אַלע געזונט. פונדעסטוועגן קלער איך אַ פרעג טון ביי אים וועגן ראָזעס ריוועטשקען!

— דו וועסט נאָך צייט האָבן! — האָט געענטפערט פרידמאַן, — איך זאָג דיר דעם אמת, איך האַלט פון זיי אַ שמעק טאַבאַק ניט, זיי זענען נאָר הוילע אָפּנאַרער, גאָט איז אַ דאָקטאָר און גאָר!

דעם גאַנצן טאָג איז דער דאָקטאָר געזעסן אין שטוב, פאַרנאַכט האָט זיך אָבער דאָס קינד זייער פאַנאַנדערגעשריען, און גאָלדע האָט דורכאויס געוואָלט, ראָזע זאָל אַריינגיין מיט דעם קינד צום דאָקטאָר. אגב, זאָל זי אים טאַקי אַ פרעג טון וועגן זיך, טאָמער שאַדט דעם קינד אירע מילך. ראָזע האָט אַריינגעשיקט דעם סטרוזש פרעגן, אויב ער וועט איצט אָננעמען, דער סטרוזש איז אַרויס מיט דעם ענטפער—אין אַ פּאָר מינוט אַרום. ראָזע האָט דאָ די פּאָר מינוט אָפּגעוואַרט אונטער דער טיר, און ווי האָט זי זיך פאַרוואונדערט, אַז איר איז עפּעס פּלוצלונג אַרויפגעקומען אויפן זינען, ווי זי האָט אַמאָל געוואַרט אונטער דער אייגענער טיר, בעת זי איז געגאַנגען געוואָר ווערן צו יוספן, באַלד אויף מאָרגן נאָך דעם ווי זי האָט זיך מיט אים אין זייערע ליבע דערקלערט. ווי אַנדערש איז געווען יענער פריי־מאָרגן! — האָט געשריען איר האַרץ! — פון וואַנען אָבער קומט אין מיר דאָס געפיל?

„אַ מענטשנס האַרץ איז אַ זייגער,—האָט איר אַמאָל איר יוסף געזאָגט, — עס זאָגט אָן אַפריער עטוואָס שלעכטס אָדער גוטס, וואָס קומט נאָר, נאָר מיר ווייסן ניט צו פאַרשטיין גוט די געהיימניספולע שפּראַך. ווי אָפט האָט שוין אַ יעדער באַמערקט, אַז מיר הייבן אָן צו טראַכטן וועגן אונזער כמעט אַ פאַרגעסענעם פריינד, און וואָס אין עטלעכע מינוט אַרום דערזעען מיר דעם אייגענעם פאַר אונזערע אויגן צו אונזער ערשטוינונג!

ראָזע האָט זיך טיף פאַרטראַכט, זיך אָנגעהויבן צו באַטראַכטן, וואָס פון איר איז געוואָרן, און וואָס פון יוספן? — איך לעב נאָך פונדעסטוועגן פאָרט, — האָט זי געזאָגט שטילערהייט, — און ער? גאָט ווייס, אויב עס איז נאָך אַ זכר געבליבן פון אים? — אין אַזעלכע געדאַנקען האָט זי ניט באַמערקט, ווי די טיר האָט זיך געעפנט און ווי פאַר איר איז געשטאַנען אַ יונגער שיינער מענטש, אייראָפּעאיש געקליידט.

— שוין מיט אַ קינד אויף די הענט! — האָט דער דאָקטאָר

אין זיך געזאָגט, — אַך, גאָט, ווי די נאַטור בלייבט טריי אין אירע זאַכן און טוט דאָס איריקע, כאָטש די מענטשן האַנדלען און וואַנד־לען קעגן איר, און בלייבן איר שטענדיק אומגעטריי!...

ער האָט זי דערקענט און איז בלאַס געוואָרן, און זיך ניט מער געקאָנט באַהערשן. ער איז צוריק אַריין אין צימער, זיך אַראָפּ־געלאָזן אויפן סאָפע מיד און שוואַך, ווי ער וואָלט אַ גרויסע מלחמה אויסגעשטאַנען. ראָזע איז אַלץ געשטאַנען ביי דער טיר, און זי האָט דאָס כמעט ניט באַמערקט. דער דאָקטאָר האָט דאָס דערזען, ער האָט אָבער ניט געוווסט קיין עצה, און האָט זיך אַ כח אָנגעטון און מיט אַ ציטערדיקע שטימע האָט ער געזאָגט:

— גוטע פרוי, אַנטשולדיקן זי געפעליקס, דאָס איך בין איצט ניט אויפגעלייגט פאַר פאַציענטן!

ראָזע האָט ערשט זיך פון איר פאַרטראַכטקייט אויפגעכאַפּט, איר איז די שטימע באַקאַנט געווען. זי האָט די אַלטע, לאַנג־פאַר־קלונגענע זיסע מוזיק דערין געהערט, וועלכע זי האָט אַמאָל מיט אַזאַ ליבשאַפט אויפגענומען, זי האָט אויפגעהויבן אירע טונקעלע שיינע אויגן און אַ קוק געטון אויף דעם מענטשן, וואָס האָט גע־רעדט.

— יוסף! — האָט זי אַ געשריי געטון — מיין יוסף!

און ביי די רייד האָט זי זיך אַ כאַפּ געטון פאַר אַ פערענטש־שטול, זי זאָל אין אונמאַכט ניט פאַלן. יוסף האָט דערזען די גע־פאַר, וואָס דאָ איז דעם קינד פאָרגעשטאַנען, האָט ער זיך אַ הייב געטון און געכאַפּט ראָזען פאַר דער האַנט און דאָס קינד ביי איר צוגענומען. ער האָט זי באַלד צו זיך געבראַכט, זי האָט אים פאַר־שטאָרבן אָנגעקוקט.

— ראָזע, זיי רוהיק, איך בין נאָך דער אייגענער יוסף, וואָס פריער! ראָזע, באַרוהיק זיך, איך בין דיר „דיין" זעלבער יוסף!

—אָבער איך בין ניט מער „דיין ראָזע!"—האָט ראָזע געענטפערט מיט טרערן, — יוסף, איך קאָן שוין דיין ראָזע מער ניט זיין! — האָט זי ווייטער געזאָגט מיט אַ ביטערער שטימע, אין דעם זי האָט אויף איר קינד באַוויזן, וועלכן יוסף האָט אויף דער האַנט גע־האַלטן.

יוסף האָט אויך אָנגעהויבן צו וויינען.

— יאָ, ראָזע! אַזוי איז שוין, און אַזוי מוז שוין בלייבן! מען האָט אונז צעשיידט, אָבער אונזערע הערצער זענען נאָך אַלץ ווי געווען, אַזוי ריין און טריי ווי געווען. אַלץ האָט אונזער שונא געקאָנט טון, מיך ביזן טויט געבראַכט, אין טורמע מיך אַריינגעזעצט, יסורים אָנגעמאַכט, וואָס קיין מענטש אויסער דיר האָט דאָס נאָך ניט געפּרובירט ליידן, דיך פאַרקויפט אין פרעמדע הענט, ענדלעך אונז צעשיידט, אָבער צו אונזער טרייהייט, צו אונזער געוויסן האָט ער זיך ניט צוגערירט. ראָזע, איך בין דיר נאָך איצט ווי אַמאָל, און אויב דו ביסט גליקלעך פאַר דיין מאַן, בין איך אויך גליקלעך אויף אייביק!

— יוסף, פון היינט אָן וועל איך גליקלעך זיין! דו לעבסט נאָך, און איך וועל נאָך האָבן אַ מענטשן, וואָס קען מיך, וואָס איז מיר טריי אין דער וועלט! דאָס דאַרף מיר גענוג זיין! גאָט האָט אַ גרעסערן גליק מיר ניט פאַרגינט, אָבער דאָ איז גאָט ניט שולדיק, אַזוי ווערן אַלע מענטשלעכע שולדן אויף גאָט אַרויפגעקערט! משה שנייאור דער טיראַן, אָ, עס לעבט נאָך אַ גאָט, ער וועט עס ניט שווייגן!

— ראָזע, שטעל מיך פאָר פאַר דיין מאַן, און זאָג אים, אַז איך וועל אים דער טרייסטער ברודער אין דער וועלט זיין! ווו איז ער

— מיין מאַן! אָ, גאָט אין הימל! מען האָט מיך אומגליקלעך געמאַכט! און אַלץ — דער מורין! איך האָב כמעט צוויי יאָר מיין מאַן ניט געקענט, איצט קען איך אים און ווייס ווי ווייט אומגליקלעך איך בין! יוסף, איך קאָן דיר אַלץ אין דער מינוט ניט אויסדערציילן, דו וועסט נאָך אַלץ וויסן. יוסף, דו וועסט מיך דאָך איצט ניט לאָזן אַזוי? זאָג מיר, וואָס איז מיט דיר געווען? פאַרוואָס האָט מען געזאָגט, אַז דו האָסט זיך דערטרונקען? דו האָסט דאָך אַליין געשריבן!

— אויב איך לעב נאָך, און אויב איך האָב נאָך אין מיין לעבן עטוואָס צו האָפן, האָב איך דאָס אונזער רוחמה צו פאַרדאַנקען, זי האָט מיך פון וואַסער כמעט אַרויסגעצויגן.

יוסף האָט איר אַלץ דערציילט, ראָזע האָט אים מיט ערנסט געהערט.

— דו ביסט זי ווערט, ליבער יוסף, — האָט ראָזע געזאָגט, — און דו וועסט אפשר מיט איר גליקלעכער זיין ווי מיט מיר. זי איז מער געבילדעט פאַר מיר, איך ווייס שוין גאָר ניט, זי האָט די צייט אַזוי פיל געלערנט און געלעזן, און דו ביסט דאָך שוין איצט אויך אַנדערש, און איך בין געבליבן אַ פּאָרשטעטלדיק ווייבל. אָ, יוסף, דו האָסט עס ניט גערעכנט! – טרערן זענען ראָזען אַרויס פון די אויגן, יוסף האָט אַ שווערן ביטערן זיפץ געטון.

— ראָזע, דו געדענקסט, וואָס איך האָב דיר אַמאָל געזאָגט, אַז שוין יענער איז געבילדעט, דער וואָס האָט אַ געפיל צו בילדונג, און פאַרשטייט וואָס די בילדונג איז. ראָזע, איך קען דיך, און וועל דיין האַרץ און געפיל קיינמאָל ניט פאַרגעסן. זיי זיכער, אַז איך בין דער זעלבער געבליבן וואָס געווען, פאַרוואָס זאָלן מיר אונזערע עלטערן ניט אָנזאָגן?

ראָזע האָט געלאָזן דאָס קינד אויף זיינע הענט און געלאָפן ברענגען אירע עלטערן.

— יוסף לעבט נאָך! יוסף לעבט! — האָט זי אַ געשריי געטון אין שטוב אַריינקומענדיק מיט אַזאַ קול, ווי עס האָט אַמאָל גע־שריען שרח בת אשר, אַז מען האָט אָנגעזאָגט יעקב אבינו, אַז זיין זון יוסף לעבט.

אין שטוב איז געוואָרן אַ גערודער, רוחמה איז קוים אַ לע־בעדיקע אַריין און געפאַלן אים אויפן האַלז, און גאָלדע האָט אים געקושט מיט געוויין און טרערן און געשריען:

— איך גלויב מיינע אויגן ניט! געוואַלד, קינדער, צי איז דאָס ניט קיין חלום?

— זייט זיכער, ליבע מוטער, איר זעט מיך איצט מיט אייערע אויגן וואַכענד און ניט אין חלום. פאַר דער וועלט בין איך אַ דאָק־טאָר. פאַר אייך בין איך יוסף, אייער קינד, וואָס ערט און ליבט אייך ווי אַ מוטער!

די פרייד אין שטוב איז געווען אָן גרענעצן. פרידמאַן זעלבסט איז אויך געווען צופרידן און האָט אים דערלאַנגט זיין שלום עליכם מיט פאָטערלעכע קושן.

יוסף האָט זיין געשיכטע דערציילט. גאָלדע אויסהערנדיק, האָט אַרומגענומען רוחמהן מיט יוספן, זיי שטאַרקט געקושט און געשריען: גוואַלד, וואָס פאַר אַ גאָט מיר האָבן! נאָר איין ראָזע איז געבעך געשטאַנען פון וייטן און געשפּילט אַ ראָלע אין דער סצענע ווי אַ צושויערנדע פּערזאָן, איר האַרץ האָט אפשר אויך גע־שריען אונטער שווערע ווונדן!

וועמען מיינט מען די היינטיקע שדים

אויב עס איז דאָ אין דער וועלט אַן אמת גליקלעכער מענטש, וועלכער עס פאַרגעסט פון זיין גליק די צרות, וואָס ער האָט אַמאָל געהאַט, איז דאָס קיין אַנדערער ניט ווי דער ליבענדער, וואָס האָט איבער זיינע ליבע אַ סך צרות אויסגעליטן און אַלץ איבערגעטראָגן צופרידן ביז זיין האָפנונג איז פאָרט געקומען, און איז שוין מיט זיין ליבע באַזיכערט, אַז קיינער וועט אים זי ניט באַרויבן. אַזוי איז געווען אונזער גליקלעכע רוחמה, פיל האָט זי געליטן פאַר איר ליבע, זי האָט איר געליבטן געליבט אויך דאַן, אַז זי האָט קיין האָפנונג ניט געהאַט אויף אים, אַז זי האָט אים גליקלעך געזען אין די אָרעמס פון איר געליבטער שוועסטער. זי האָט אים הייס געליבט אויך דאַן, אַז מען האָט אויף אים אַ קלאַנג צרויסגעלאָזן, אַז ער האָט זיך געטויפט, אַז זי האָט געלעזן דעם פאַלשן בריוו, וואָס משה שנייאור האָט געמאַכט אין זיין נאָמען, און כאָטש זי האָט ניט גע־גלויבט, אָבער אין איר האַרצן איז יעדעס וואָרט געגאַנגען ווי אַ שפיז. זי האָט אים אויך דאַן געליבט און געליטן, אַז זי האָט זיך דערוווּסט, וויפיל ער ליידט פאַר זיין ליבע צו איר שוועסטער, און געוואָלט פונדעסטוועגן אויפאָפפערן זיך אינגאַנצן, אים ליבן ביזן גרוב אָן האָפנונג, נאָר זען אים גליקלעך מיט איר שוועסטער. ענד־לעך, אַז אין דער פינסטערער שרעקלעכער נאַכט אַזוי ווי אַ ליכט פאַרן אויסגיין האָט זיך אין איר זעלע באַוויזן אַ פונק האָפנונג דעם הייס־געליבטן צו באַזיצן, האָט זי זיך אַלץ געפייניקט נאָך מיט די שרעק, וואָס שטעלן פאַר זעקס גאַנצע יאָרן צו וואַרטן אויף אים. און אַזוי איז זי פון פערצן ביז איין און צוואַנציק יאָר אויפגעוואַקסן מיט דער ליבע, און האָט קיין צווייטע ליבע און ליידנשאַפט אין

דער וועלט ניט געוווסט. נון, איז דער טאָג געקומען, און זי איז מיט אים גליקלעך, איר ליבע איז אָנגעלייגט, די מוטער טרייסט זיך דערמיט, און דער פאָטער זעט דאָס אַלץ צו, און האָט אָבער קיין ברירה ניט. ער וואָלט יוספן געוויס ניט אָפּגעלאָזן. און אים זיין רוחמהן מיט דעם גרעסטן פאַרגעניגן געגעבן, אַז ער וואָלט געקומען צו אים ווי אַמאָל, ניט גערעדט טייטש, און ניט געהאַט אויף זיך דעם נאָמען „אויסגעשטודירטער". איצט אָבער האָט ער זיך געשראָקן. גאָט ווייס, אויב מיין קינד וועט פאַר אים קאָנען האַלטן יידיש־קייט? — פלעגט ער זאָגן שטענדיק פאַר זיך — ער וועט זי נאָך בייטן, זי זאָל גיין אין אייגענע האָר, אָט ווי אַלע יידישע דאָקטוי־רים טוען; דער איין געדאַנק האָט אים ניט געלאָזן רוהיק זיין, ער האָט אָבער האַלב מורא געהאַט פאַר יוספן. ער איז אַ דאָקטאָר. אַ קשיא אויף אַ מעשה, ער קאָן זי נאָך אפשר מיט געוואַלד אָפּנע־מען. אגב, האָט ער געזען, אַז יוסף קאָן האָבן די שענסטע שטעלע אויף עטלעכע טויזנט רובל הכנסה אַ יאָר, און דערצו האָט ער נאָך געזען, ווי רוחמה קאָן אָן אים ניט לעבן, האָט ער בעסער צוגע־שוויגן און געלאָזן גאָלדען אין די הענט.

גאָלדע פון איר זייט איז גליקלעך געווען מיט יוספן. די ערשטע זאַך — האָט זי נאָך ניט פאַרגעסן, אַז זי איז אַליין געווען אַ מיידל, און וויפיל האָט זי צעוויינט און צעקלאָגט, אַז מען האָט איר אַראָפּגעשאָרן אירע שיינע לאַנגע האָר און איר צרויפגעוואָרפן אַ לאַמקע אויפן קאָפּ, איר אַרומגעגאָלט דעם שטערן, אַז זי פלעגט זיך אַליין האַדזען אויף זיך אין שפּיגל אַ קוק צו טון, און וואָס זי האָט זיך גאָר קיינמאָל קיין רעכט ניט געקאָנט מאַכן, פאַרוואָס זאָל אַ מיידל מעגן גיין מיט אייגענע האָר און אַ ווייבל ניט? אָדער האָט זי דען ניט געפרעגט ביי די גרעסטע לייט: אויב עס איז טאַקע דאָ אַן אמתער איסור, אַז מען טאָר ניט באַווייזן די אייגענע האָר? דאַכט זיך, ביי וועמען נאָר זי האָט געפרעגט, האָט איר איט־לעכער נאָר דערציילט, אַז עס געפינט זיך אין גמרא, אַז אַ אשה האָט ניט באַוויזן אירע האָר אפילו פאַר די ווענט פון איר שטוב, האָט איר גאָט געבענטשט מיט גוטע קינדער, האָט זי דען ניט גע־זען אין איר לעבן אַזעלכע, וואָס זענען אפשר געווען נאָך גרעסערע צנועות ווי די גמרא־יידענע און האָבן קינדער רשעים? און ווידער, קאָנען דען אַלע האָבן תנאים? איבער די געדאַנקען האָט זי זיך

אַ רעכט געמאַכט, אַז אויב איר קינד וועט אפילו גיין מיט אייגענע האָר, איז אויך קיין גרויסע עבירה ניט, און דעריבער וועלן קיין קינדער ניט שטאַרבן. צווייטנס, האָט זי געזען אין שטאָט אַלע גבירימשע ווייבלעך גייען מיט אייגענע האָר, און פֿאַרוואָס זאָל איר קינד ערגער זיין? נאָר וואָס, איר איז געבליבן איין דאגה, טאָמער וועט יוסף מאַכן א טרפה קיך? איז זי בטוח געווען, אַז דאָס וועט יוסף ניט טון, וואָרום יוסף איז ניט דער מענטש, וואָס קוקט נאָר צו טאָן וואָס ער וויל, כאָטש דער אַנדערער האָט דערפֿון שמערצן. און אַזוי איז די מוטער געווען רעכט גליקלעך אַזוי ווי איר רוחמה, וועלכע האָט גאָר ניט געפּרובירט אַ קלער טון וועגן די באַרישקייטן, און האָט זיך נאָר פֿאַרגינגט מיט יוספֿן, באַוויזן אים וויפֿל זי האָט אין דער צייט געלייענט, און ווי אַנדערש זי איז איצט.

נאָר אַזוי ווי אין יעדן גליק מוז זיך אַריינמישן עטוואָס שלעכטס, ווי יעדע שיינע זון-בילד מוז טראָגן דעם שאָטן אויך אַרום זיך, אַזוי איז געווען דאָ אין רוחמהס גליק אויך. וואָרום זי האָט גראָד די צייטן זייער פֿיל שמערצן געהאַט פֿון ראָזען, איבער איר מאַן, וועלכער האָט איבער משה שנייאורן פֿאַרלאָרן זיין געלט, און נאָך אָנגערירט לייטישע אויך. משה שנייאורן איז נאָך ניט גענוג געווען, וואָס ער האָט אויסגעפֿירט זיינס און ראָזען אומגליקלעך געמאַכט, זי פֿאַרקויפֿט צו אַזאַ מענטשן, וועלכער קען זי ניט, ער האָט זיך נאָך מי געגעבן, איר מאַן אויך אומגליקלעך צו מאַכן, און דעם אומגליקלעכן איז קיין ברירה ניט געבליבן, ווי צו אַנטלויפֿן פֿון פּעטערסבורג, די בעלי חובות האָבן זיינע וועקסלען דערלאַנגט אין געריכט, און אין איין שיינעם מאָרגן איז מען געקומען צו ראָזען אָפּשאַצן אירע זאַכן. ראָזע האָט זיך געשטאַרקט, און האָט מיט אַנטשלאָסנקייט אַוועקגעגעבן איר צירונג, קליידער, דרשה-געשאַנק, און וואָס זי האָט נאָר געהאַט אין איר גבול. זי האָט ניט געוואָלט פֿון לייטנס געניסן, און כאָטש זי האָט פֿון די שאַרלאַטאַנאָוועטע געלט אַ גראָשן אין די אויגן ניט געזען, אָבער עס האָט גענאָסן דערפֿון איר מאַן, דער פֿאָטער פֿון אירע קינדער, וועלכע זי ליבט...

יוסף האָט זיך פֿון איר שטאַרקייט פֿאַרוווּנדערט, ווי זי האָט מיט פֿרייד אַלץ אַוועקגעגעבן, ווי זי האָט קיין זיפֿץ ניט געטון, נאָר דערנאָך, אַז זי האָט אפילו די קינדערשע קאָסטיומלעך אַוועקגעגעבן און אַז די פּאָליצייסקע זענען אַרויסגעגאַנגען, האָט זי אַרומגענומען

אירע ליבע קינדער, זיי הייס צוגעדריקט צום האַרצן און געזאָגט:

— אָ, מיינע ליכטיקע, ליבע קינדער, איר זענט איצט אַזוי עלנט און אָרעם ווי אייער אומגליקלעכע מוטער, איר האָט שוין גאָרניט.

יוסף האָט די רייד געהערט, דאָס האַרץ איז אים צעגאַנגען, ער איז צוגעלאָפן צו ראָזען, איר גענומען פאַר דער האַנט און געזאָגט:

— ליבע ראָזע, האָסטו פאַרגעסן, אַז איך לעב נאָך? פאַרוואָס זאָגסטו, אַז דו ביסט עלנט? האָב איך דיינע קינדער ניט געקאָנט זיין אַ פאָטער, אָבער אַ ערציער, האָף איך צו גאָט, וועל איך זיי זיין! איך שווער דיר היינט, אַז קיין ליבע און קיין האָפנונג אין דער וועלט האָט מיך ניט אָפּגעהאַלטן פון דערטרינקען זיך, מער ניט, אַז רוחמה האָט מיר דערציילט, ווי די ביסט ניט גליקלעך, און מיר באַוויזן, ווי איך קאָן דיר נאָך ווען עס איז אַ טרייסט זיין, אַז איך וועל לעבן, ראָזע. דאָס אַליין איז מיין לעבן איצט, זיי דו נאָר גליקלעך! דו האָסט גוט געטון, וואָס דו האָסט דיינע לעצטע זאַכן אַוועקגעגעבן, דעם גרעסטן פרייד וועסטו מיר מאַכן, אַז דו וועסט מיך ניט האַלטן פאַר אַ פרעמדן, אַז דו וועסט האָבן צו זאָגן אויף מיינס, איך וועל ביי דיר אין מיין לעבן קיין רעכענונג ניט אָפּנעמען, און איך האָף, אַז רוחמה וועט דערמיט אויך צופרידן זיין.

— איך דאַנק דיר, יוסף, — האָט ראָזע געענטפערט מיט טרערן, יוסף האָט אויך געוויינט.

רוחמה איז אין דער מינוט אַריינגעגאַנגען און זיי ביידן געפונען וויינענדיק. יוסף האָט איר באַלד דערציילט, וואָס דאָ איז און וואָס ער האָט זיך פאָרגענומען. די גוטע רוחמה איז דערפון אפילו העכסט צופרידן געווען, אָבער זי האָט זיך זייער געשראָקן פאַר יוספס געזונט, וואָרום ער האָט אָנגעהויבן שטענדיק צו זוכן, ווי ראָזעס מאַן אַרויסצופירן פון זיין אומגליק און אים שטעלן אויף די פיס. רוחמה איז, חלילה, ניט אייפערזיכטיק געווען, נאָר זי האָט אָבער אַלץ ניט געקאָנט רוען פאַר דעם געדאַנק, אַז יוסף קאָן אינגאַנצן ניט גליקלעך זיין, ווילאַנג ער וועט ראָזען ניט גליקלעך מאַכן, און דאָס האָט רוחמה שוין גאַנץ גוט געזען, אַז דאָס קאָן

ניט זײַן. ראָזע האָט נאָר דעמאָלס געקאָנט גליקלעך זײַן... אָבער איצט איז שוין אַלץ פאַרלאָרן!...

צוויי וואָכן זענען אַריבער, מען האָט שוין אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן תּנאָים, דער שוואַרצער איז געווען אין וואַרשע און האָט ניט געוווּסט, וואָס דאָ צעטוט זיך, אָבער אַ פּאָר טעג פאַר די תּנאָים איז ער געקומען. ער איז געקומען האַלבע נאַכט, און אין שטוב האָט קיינער ניט געהערט. אין דערפרי האָט ער זיך דערוווּסט, וואָס דאָ טוט זיך, אַז עס איז געקומען יוסף אַ דאָקטאָר, און ער איז דאָ אין שטוב. משה שנייאור האָט זיך אין אָנהויב דערשראָקן, נאָר דערנאָך האָט ער זיך אַ כאַפּ געטון, און זיך באַלד אָנגעטון און געגאַנגען צו יוספן.

יוסף האָט אים כּמעט ניט דערקענט, ער האָט זיך שוין איבערגאַנצן איבערגעביטן: פון אַמאָליקן לאַנגן ראָק איז איצט געוואָרן אַ קורץ רעקל, פון דעם אַמאָליקן שוואַרצן אויסגעוויקטן חסידישן גערגעלע, איז איצט געוואָרן אַן אַפריקאַנער קאָפּיעץ, שוואַרץ ווי טינט, מיט אַ שוואַרצער אַרומגעשאָרענער באָרד, מיט ברילן אויף די אויגן. מער נישט, אַז דער איין פאַרקרימטער נאָז איז אים געבליבן ווי פריער. אַרײַנקומענדיק האָט ער דערזען יוספן, זיצנדיק און געלעזן אַ בוך. ער איז צוגעלאָפן צו אים מיט אויסגעשפּרייטע הענט און אַרויפגעפאַלן אים קושן. יוסף האָט זיך קוים אַרויסגעריסן.

— איר האָט נאָך קיין נעגל־וואַסער ניט אָפּגעגאָסן, — האָט יוסף געזאָגט, — און עס איז אַ סכּנה זיך צו קושן, ווי לאַנג מען האָט נאָך די שדים פון זיך ניט אַרונטערגעטריבן.

— ווער קוקט איצט אויף אַזעלכע נאַרישקייטן? — האָט משה שנייאור געזאָגט, — ניטאָ קיין שדים אויף דער וועלט.

— איך האָב אַמאָל אויך אַזוי געזאָגט, — האָט יוסף געזאָגט, — נאָר איצט קאָן איך עס ניט לייקענען, ווייל איך האָב שוין אין מײַן לעבן אַזעלכע מזיקים און משחיתים געזען, וואָס מען האָט מיר פון זיי אפילו אין די בבא מעשה ניט דערציילט...

— איך האַלט אָבער פון דער גמרא, — האָט משה שנייאור געענטפערט, זיך געמאַכט ניט פאַרשטייענדיק יוספס מיין, — די גמרא זאָגט, אַז אַביי ורבא האָבן זיי פאַרטריבן אין די [illegible]בריות, און דאָ אין שטאָט דאַרפן מיר פאַר זיי ניט מורא האָבן.

יאָ, דאָס האָבן זיי דעם קונץ געשפּילט מיט יענע שדים. די הייגטיקע אָבער מאַכן די שטאָט פּאַר אַ מדבר. טרעפט דען ניט, אַז אַ כּלה ווערט נזוק פאַר דער חופּה, אַז זיי רייסן איר אַרויס פון חתנס הענט און פאַרקויפן איר פאַר אַ שד, און דעם חתן פאַרפירן זיי מי יודע ווו? גלויבט איר דען ניט אין אַזעלכע מעשים?

— אָבער לאָמיר אַוועקוואַרפן די שדים, וואָס דאַרפן מיר זיי, לאָז זיי נעמען דער שוואַרץ יאָר!

— דער שוואַרץ יאָר איז זייער ליבסטער ברודער, — האָט געענטפערט יוסף, — איר הייסט אַוועקוואַרפן, גיט מיר אדרבה אַן עצה, ווי ווערט מען פּטור פון זיי? אַמאָל פלעגט זיי העלפן קריאת שמע, היינט קאָן זיך נאָר גאָט אַליין מיט זיי אַן עצה געבן, און איך האָף, ער וועט מיך אויסלייזן פון זייערע הענט!...

— זאָג מיר אָבער, יוסף, וואָס מאַכסטו? זע, דו ביסט דאָך אַ לייט, איך האָב די גרעסטע הנאה דערפון, ווי איך בין אַ ייד!

יוסף האָט זיך אָפּגעקערט, ניט געוואָלט ווייטער רעדן מיט זיין ערגסטן שונא.

— זעסטו, יוסף, דו האָסט אַמאָל געמיינט, אַז איך בין דיר אַ שונא, אַז איך האָב דעם שדוך ניט דערלאָזן מיט ראָזען. גלויב מיר, ניט דיר בין איך אויסן געווען אַ רעה צו טון, וואָרום וואָסער שלעכטס האָסטו מיר געטון? איך דאָב דאָס איר די טובה ניט פאַרגינט, איך האָב געזען, אַז פון דיר קאָן אַרויסוואַקסן אַ גרויסער מענטש, האָב איך דאָס טאַקע ניט געוואָלט דערלאָזן, דו זאָלסט פאַרפאַלן ווערן אין די מיסט פון פאָרשטעטל. איך האָב געוווסט, אַז ראָזע האָט אַ פעלער, זי ווערט משוגע, ווען זי האָט נאָר שברות לב, און דער רחמנות, וואָס עס וואָלט געווען אויף דיר פאַר אַזאַ ווייב, האָט מיך ניט דערלאָזן, איך זאָל דאָ שטיין פון ווייטן. געדענקסטו, אַז דו ביסט נאָך אַ בטלן געווען, ווער האָט דיך אַריינגעפירט צו אונז אין שטוב? ווער האָט דיר געלערנט לייענען און שרייבן? ווער האָט דיר אַ פיינעם נאָמען געמאַכט? ענדלעך, ווער האָט דיך מציל געווען פון צרות? ווי שלעכט וואָלט דיר געווען, דערמאָן זיך, אַז דו וואָלסט שוין געהאַט דריי קינדערלעך מיט אַזאַ פּלאַגע אַ ווייב און געווען אַזוי ביטער

אָרעם ווי ראָזע. האָב איך דיך ניט גליקלעך געמאַכט?

— טאָ וואָס זשע ווילט איר איצט פון מיר? — האָט יוסף גע־פרעגט, און דעם ער האָט שיר די שלאַק ניט געקריגן הערנדיק די אומ־ווירדיקע רייד פון זיין פאַרדערבער.

— איך וויל גאָר ניט! — האָט משה שנייאור געענטפערט, — איך וויל מער ניט, דו זאָלסט מיך ניט פאַרגעסן, דו זאָלסט מיר באַ־דאַנקען פאַר מיין גוטס און זאָלסט וויסן, אַז איך האָב זיך באַמיט דיך גליקלעך צו מאַכן!

— אָ, איך ווייס! איך ווייס און קאָן ניט פאַרגעסן! — האָט יוסף אַ געשריי געטון — זאָגט מיר, וואָס מיינט איר, איך בין אַ קליין יונגל און ווייס ניט, ווער איר זענט? אויף אַלץ בין איך אייך מוחל, אָבער דאָס וואָס איר האָט ראָזען אומגליקלעך געמאַכט, דאָס זאָל אייך גאָט אויך ניט פאַרגעבן. אָ, איר זענט אַ מערדער! איך קען אייך, איר זאָלט וויסן זיין, אַז איך ווייס אַלץ, און האָב אייך איצט אין האַנט אייך אומגליקלעך צו מאַכן, נאָר דעם שווערס נאָמען, און די שוויגערס געזונט היט איך! לאָז אייך גאָט באַצאָלן! ווי ריכטיק איז דאָס וואָס מען זאָגט: „אַ וואָלף בייט איבער זיינע האָר, אָבער ניט זיין נאַטור". איר זענט דער אייגענער באַטריגער וואָס פריער, כאָטש איר זענט איצט אַנדערש געוואָרן, כאָטש איר האָט אייער באָרד און פאות אָפגעשניטן, האָט איר אָבער אייער האַרץ ניט פאַרבעסערט. פאָלגט מיר, גייט אַרויס פון מיין צימער, איך קאָן זיך ניט פאַרשטעלן, איר פאַרשטייט, אַז איך קאָן אייך ניט זיין קיין גוטער פריינד, גייט און זוכט אייך אייער גלייכן, מיט מיר זענט איר שוין אויס מחותן, איך קאָן אייך נאָר זאָגן, אַז איך וועל אייך קיין שלעכטס ניט טון, איך וועל אייך פאַרגעסן! —

יוסף איז אויפגעשטאַנען און אָנגעהויבן אומצוגיין הין און צוריק, משה שנייאור איז אַלץ געזעסן אויף איין אָרט, געשלונ־גען די שפייעכץ, געביסן די ליפּן פון כעס, באַלד אָבער האָט ער דערזען די שוויגער גייענדיק, ער האָט ניט געוואָלט, זי זאָל אים אין אַזאַ ניט אָנגענעמער לאַגע טרעפן, האָט ער זיך באַלד אויפגעהויבן און אַרויס.

— אַרויס פון דאַנען, דו שלאַנג! — האָט די שוויגער אַ גע־

שריי געטון אים דערזעענדיק, — דו מיינסט, דאָס וועט דיר זיין די פריערדיקע? וואַרט נאָר, עס וועט אַלץ רעכט זיין!..

משה שנייאור האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק און איז זיך אַוועקגעגאַנגען זיין וועגס, אָבער אין זיין פינסטער האַרץ האָט זיך פאַנאַנדערגעקאָכט אַ גאַנצער גיהינם פעך און שוועבל, ער האָט זיך געשוואָרן נקמה צו נעמען.

ט

די נאַכט פון תנאים

עס זענען אַריבער נאָך עטלעכע טעג נאָך דער סצענע, און אין פרידמאַנס הויז איז געווען שמחה וששון. מען האָט תנאים געשריבן צווישן יוספֿן און רוחמהן, ווי עס פירט זיך ביי אַלע יידן. געסט זענען געווען פיל, נאָר איין נאָענטער מחותן, איין אָנגעלעגטער גאַסט האָט געפעלט, איין טרייער פריינד משה שנייאור האָט געפעלט, און די שמחה איז פונדעסטוועגן ניט געשטערט געווען. איין תנאים שרייבער, איין באַרימטער מכריע צווישן מחותנים, וועלכע עס קריגן זיך געווינלעך פאַר די תנאים — איין בריה צוזאַמענצופירן חתן כלה זאָלן זיך זען און רעדן פאַר די תנאים, ווי די נייע וועלט וויל — איין משה שנייאורקע, דער מורין, האָט דאָ געפעלט, און די מחותנים האָבן זיך פונדעסטוועגן ניט געקריגט און חתן כלה האָבן גערעדט! — זיין האַרץ האָט אים ניט געלאָזן זען דעם גליק פון זיין שווערס אַ קינד, אויף וועלכע ער האָט געזוכט נאָר אומגליק. מענטשן, וואָס האָבן אים געקאָנט אַ ביסל, האָבן פאַרשטאַנען פאַרוואָס ער פעלט, נאָר די וואָס האָבן אים נאָך ניט געקענט, האָבן אָנגענומען זיין תירוץ, אַז ער האָט איצט קאָפּ שמערצן. און אין אמתן האָט אים דער קאָפּ אין דער מינוט גענוג וויי געטון, די געדאַנקען זיינע האָבן אים ניט געלאָזט רוען. ער איז געלעגן אין בעט מיט דער קאָלדרע איבערן קאָפּ אַריבערגעדעקט, און האָט געמיינט צו זען יוספֿן שוין אונטער דער חופּה שטייענדיק, אָט האָט ער רוחמהן שוין מקדש געווען און יוסף איז שוין זיין שוואָגער!

— ניין, דאָס וועט ניט זיין! — האָט ער זיך אַ הייב געטון און איז מיט אַ צוזאַמענגעקוועטשטן פויסט אַרויס אויף דער גאַס, געלאָזן די שטוב אַליין, און פון צעהיצטן כעס האָט ער אַליין ניט באַמערקט, ווי ווייט ער איז אַזוי געלאָפן.

— מיין לעבן אָדער זיין לעבן! — האָט ער געשריען מיט אַ ווילדן קול — וואָס פֿאַר אַ נאַר בין איך דאַמאָלס געווען! פֿאַרוואָס האָב איך בעסער ניט געמאַכט, מען זאָל אים דעם קאָפּ אַרונטערנעמען? ווי מען ווערט ניט קלוג מיט איין מאָל! דאַכט זיך, איצט, אַז מיר וואָלט זיך מאַכן, וואָלט איך אָפּטון איין מאָל אַ מעשה און אַן עק, אַ סוף! גוט, עס מוז געטון ווערן. זיצט רבי לייב סאָרקין אין טורמע, לעבט נאָך אָבער אַ טעוועלע. אַ זרח קאָפּעלע קאַרינאָוו און נאָך אַזעלכע חסידים ואנשי מעשה. איך בין גרייט מיין אייגנס אַוועקצוגעבן און אים באַצאָלן איינס און צוויי און דריי. און אַ סוף!

מיט די רייד האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט גלייך צו קאַרינאָוו דעם גנב. די מוטער, די אַלטע באַרימטע גנבטע, איז געזעסן בעת מעשה און געפּאַרבט אַ ווייסע הון, וועלכע זי האָט נאָר וואָס פֿון היינער־שטייג אַרונטערגענומען ביי איר שכן. דאָס קליין מיידל אירע איז אַריינגעקומען מיט אַ זעקל ביינער, זי האָט דערזען דעם שוואַרצן יונגנמאַן, מיט די ברילן אויף דער נאָז, איז זי אַרויס מיט דעם זעקל צוריק.

— וואָס דאַרפֿט איר? — האָט אים געפֿרעגט די מוטער.

— איך דאַרף רבי זרח קאָפּלען! — האָט געענטפֿערט משה שנייאור.

— ער זיצט גאָר אין טורמע — האָט די מוטער געזאָגט מיט אַ געוויסער כוונה.

— איך האָב אים דאָך היינט געזען.

— אַלץ בינדט מען זיך דאָך צו אונז, אַז פּייטל פּוימאַניק האָט אונטערגעצונדן אַ שטאָל היי, האָט מען דערווייל גענומען מיין קאָפּלען, זאָלן מיינע בילער אַזוי זייערע יאָרן האָבן, ווי ער ווייס פֿון וואָס צו זאָגן, מיין פֿייגעלע! — ביי די רייד האָט זי זיך באַגאָסן מיט טרערן.

משה שנייאור האָט געוואָלט אַרויסגיין.

— איר קאָנט מיר ניט זאָגן, וואָס איר האָט אים באַדאַרפֿט? — האָט געפֿרעגט די יידענע מיט טרערן.

— ער איז מיר געווען זייער נייטיק, איך האָב מיט אים געוואָלט אויספֿירן אַ זאַך, און ער וואָלט דערין פֿאַרדינט עטלעכע קאָפּיקעס, מיין איך, אַ היפּשע קאָפּיקע!

די מוטער, וואָס האָט דאָ געמיינט, טאָמער שטעלט ער איר אָן אַ גאַנצע פּאַסטקע, וואָרום זי האָט זייער געוווּסט, ווו איר זון איז, און אין מיטן האָט זי גערעכנט, טאָמער דאַרף ער אים טאַקע, וואָרום כאָטש דער שוואַרצער איז ביי איר דעם ערשטן מאָל אין שטוב אַריין, פונדעסטוועגן האָט זי אים גוט געקענט, וואָרום ווען זי האָט אים ניט געהאַט די זכיה צו זען אין איר שטוב, דערפאַר האָט זי אים ניט איינמאָל דערוויסט אין די שענערע הייזער ווי אירע, ווו זי פלעגט גיין זוכן איר זון, און כאָטש זי האָט באַדאַרפט אין דער רגע זיך דערשרעקן פאַר אים, פונדעסטוועגן איז זי צוריק פריילעך געוואָרן, ווען זי האָט זיך דערמאָנט, אַז ער איז ביי איר אין האַנט מער ווי זי ביי אים, און ווייל זי האָט ניט געוואָלט איינ־לאָזן עפּעס פּרנסה, האָט זי אים געהייסן גיין צו ליבע רייצעס אין שטאָט, און אים געגעבן אַ סימן, יענער זאָל אים גלויבן. זי האָט גערעכנט, אַז זרח קאָפּל וועט באַלד קומען, וועט זי אים שיקן אַהינצו.

דער שוואַרצער איז אַוועקגעגאַנגען אין שטאָט צו ליבע רייצעס. פאַרבייגייענדיק פאַרביי דעם שווערס שטוב, האָט ער געהערט אַ גע־שריי און געשלעג, ער האָט אָבער ניט געוואָלט צוגיין, ווייל ער האָט פריער געזאָגט, ער איז קראַנק און בורטשענדיק פאַר זיך „שלאָגט אייך קאָפּ אָן וואַנט, וואַנט אָן קאָפּ!" איז ער אַוועקגע־גאַנגען ווייטער.

דער געשלעג, וואָס דאָ איז געוואָרן ביי פרידמאַנען אויף דער גאַס, איז אַרויסגעקומען דערפון: משה שנייאור, אַרויסלויפנדיק פון שטוב, האָט געלאָזן די טיר אָפן און די שטוב אַליין, וואָרום אַלע זענען געווען אויף תנאים. זרח קאָפּל, וועלכער האָט זיך צו דער שטוב אַ סך געצילט, אַ ביסל וואָס ער האָט געהאַט אַ כעס אויף פרידמאַנען, וואָס מען האָט ביי זיינער אַ שוועסטער אַמאָל אָפּגענומען אַ מזוזה, וועלכע זי האָט פאַרבייגייענדיק מיט אַ טעפּל קרויט, וואָס מען האָט איר דאָ געגעבן — באַוויזן פון טיר אַראָפּצורייסן, און אַ ביסל, וואָס דבורה באַסע די שענקערין פלעגט אים אַלץ בעטן, ער זאָל זיי בדלות שטעלן, האָט קוים דערהאַרט אַזאַ נאַכט, וואָס אַלע וועלן זיין אין דער גרויסער שטוב, וועט ער דערווייל קאָנען אויס־לײדיקן די קליינע שטיבלעך, און באַלד ווי משה שנייאור איז נאָר אַרויס, איז ער אַריין צום קאַמאָד, אַרויסגעכאַפּט אַ קעסטעלע, וואָס

ער האָט געדעכנט אַז דאָ איז געלט, אַראָפּגענומען דעם שוואַרצנס גוטן פוטער און אַרויס דורכן פענסטער און אַריבער איבערן פּלאַנ־קען. אָבער דאָ האָט אים קוזמע דער סטרוזש געכאַפּט און געמאַכט אַ געוואַלד. ער אָבער האָט באַוויזן דאָס קעסטעלע אַוועקצוּוואַרפן, און אַז מען איז אַרויס פון שטוב, האָט מען נאָר געפונען ווי קאַרי־נאָוו האָט אַרויפגעוואָרפן דאָס פוטער אויף דעם סטרוזש און שלאָגט אים אָן רחמנות. די האַלבּ שכורע מחותנים האָבן אים גאַנץ גוט אויסגעבויקערט, ער האָט אַלץ געשריען: „לאָזט מיך אָפּ, אויב איר ווילט ניט וויסן, מיט וועמען איר האָט צו טון!" חברה האָט אים אָבער אַריינגעשלעפּט אין שטוב, אַ קוק טון ווער דאָס איז. דאָ האָט ער אַראָפּגעוואָרפן די שוואַרצע מאַסקע, וואָס אויף אים איז געווען, און אַלע האָבן זיך דערשראָקן, אַז זיי האָבן אים דערקענט, וואָרום ער איז באַקאַנט געווען, אַז ער איז גרייט אויף אַלץ: אונטערצו־צינדן, צו הרגנען, און זיך נוקם זיין וויפיל ער וועט נאָר קאָנען. פרידמאַן האָט זיך פאַר אים נאָך מער דערשראָקן, ווייל ביי אים אין שפייכלער איז שטענדיק געווען קאָמיסיאָנע פרעמדע סחורה, וועלכע מען קאָן זי קיינמאָל ניט פאַרסטראַכירן, און האָט דערפאַר זרח קאָפּלען באַלד מחילה געבעטן: אים אָנגעגאָסן אַ גוטע גלאָז שפּירט, אים אָנגעשטאָפּט אַלע קעשענעס מיט טייגלעך און טאָרט, און אים אין האַנט אַריינגערוקט אַ היפּשע מטבע. זרח קאָפּל איז זיך אַוועק־געגאַנגען אַהיים אָדער ערגעץ אַנדערש ווו.

אַז דער שוואַרצער איז געקומען אַהיים און האָט זיך דער־ווּסט, וואָס דאָ האָט זיך געטון, איז אים אַרויפגעקומען אַ גאַנץ בייער פּלאַן. — גוט! איך האָב דאָס נאָך לאַנג געקלערט, — איצט וועט שוין קיינער ניט מיינען אויף מיר!—האָט משה שבייאור געזאָגט, — מיר ניט, דיר ניט!!...

אין האַלבע נאַכט נאָך דעם, אַז אַלע האָבן געשלאָפן פון מיד־קייט און פון דעם וויין, האָט דער סטרוזש מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו קלאַפּן שטאַרק ביי פרידמאַנען אין לאָדן און געשריען מיט אַ גוואַלדיקן קול: „פּאָזשאַר! פּאָזשאַר!" טויט ניט לעבעדיק זענען אַרויס די מענטשן האַלב נאַקעטע. דאָס האָט געברענט דאָס שטיבל, ווו ראָזע האָט געוווינט מיט רוחמהן. אין דעם שטעלכל, וואָס איז געווען פון הינטן, זענען געשטאַנען עטלעכע פעסלעך נאַפט, און די האָבן זיך איצט פאַנאַנדערגעברענט מיט אַ העליש פלאַם און עס איז

ניט מעגלעך געווען צו לעשן. דאָס שטיבל, ווו די ביידע האָבן געשלאָפן, איז שוין געווען אַרומגענומען אין פייער, די מענטשן האָבן ניט געוווּסט, וואָס אָנצוהויבן צו טון, די שטוב האָט נאָך אפילו ניט געברענט, אָבער דאָס פייער פון דעם נאַפט מיט דעם געדיכטי רויך האָבן ניט צוגעלאָזט לעשן. פלוצלונג האָט מען דערהערט אַ געשריי פון שטוב: ראַטעוועט! ראַטעוועט!

פון שטוב איז אַרויס יוסף און ניט געהערט דעם רויך און פייער און איז אַריין דורך אַ פענסטער, געכאַפּט ראָזעס קינדער און האָט זיי צוזאַמען מיט דער מוטער אַרויסגעפירט. ער האָט נאָך קיין צייט ניט געהאַט די קינדער איבערצוגעבן גאָלדען, ווי ער האָט זיך דערמאָנט, אַז רוחמה איז געבליבן אין שטיבל, און מיט איין שפרונג איז ער אַריין צוריק, און זי געכאַפּט אויף די הענט און איז נאָך אַרויס, אָבער דאָ האָבן זיך אויף אים אָנגעצונדן זיינע קליידער — ער איז פון צעהיצטקייט געלאָפן ביזן טויער, און דאָ האָט אים איינער באַגעגנט, און ווי ער האָט געהאַלטן אין האַנט אַן עמער וואַסער, האָט ער מיט איין מאָל אַ פלוך געטון אויף אים. יוסף איז אַנידערגעפאַלן, אים האָט אָנגעהויבן צו גיסן בלוט פון האַלז. רוחמה האָט זיך פון די קאַלטע וואַסער אויפגעכאַפּט, אָבער זי האָט געפילט, אַז זי איז נצול געוואָרן פון פייער און אַריין אין וואַסער...

9

גאָט פֿאַרלאַנגט אַ קרבן

יוסף איז נאָך דעם אָוונט געפֿערלעך קראַנק געוואָרן. ער איז אַליין געווען אַ דאָקטאָר און געפֿילט, אַז ער וועט צום העכֿסטן נאָך איבערלעבן דעם זומער, ווייל פֿון זיין צעהיצטקייט, וואָס ער איז געווען איבער דער נאַטור, האָט אים די קאַלטע וואַסער איבער זיין נאַקעטן קערפּער פֿאַראורזאַכֿט אַ שווינדזוכֿט, און ער האָט געפֿילט ווי ער גייט אונטער יעדן טאָג. רוחמה איז אויך ניט מינער קראַנק געווען ווי ער, אָבער זי האָט נאָך געקאָנט אַרומגיין. יוסף אָבער איז געווען האַלב געליימט, ער האָט קיין הענט ניט געהאַט, דורך פֿיל הילף האָט מען אים פֿון זיין געליימטקייט געזונט געמאַכֿט, און אַלע דאָקטוירים האָבן געזאָגט: ער דאַרף פֿאָרן אין איטאַליען. יוסף אָבער האָט געוווסט, אַז ער וועט אין וועג שטאַרבן און האָט בעסער געוואָלט ליגן אויף מאָהילעווער בית עולם, וואָס אויף זיין קבר וועלן כֿאָטש אַמאָל גיין זיינע ליבע, נאָך זיין ארון וועלן גיין מענטשן, וואָס האָבן אים געקאָנט, און דעריבער איז ער געבליבן דאָ און גע־וואַרט, ביז דער טויט וועט צו אים קומען, איידער ער זאָל פֿאָרן קעגן טויט!

וויפֿיל בלוט יוסף האָט פֿון האַלז פֿאַרלאָרן, אַזוי פֿיל טרערן האָט זיך געגאָסן אין דער שטוב. די טרייע מוטער האָט געוויינט און געיאָמערט, ראָזע האָט איר לעבן פֿאַרגעסן, איר גאַנצע טרייסט און לעבן איז יוסף געווען. איצט, אַז ער האַלט אַ מינוט פֿאַרן טויט, האָט זי ניט מער געקאָנט לעבן, אירע גאַנצע לייד און צרות, וואָס זי האָט געהאַט ביז איצט, זענען איר ווי פֿרייד געווען קעגן די איצטיקע. טעג און נאַכֿט פֿלעגט זי ניט אָפּטרעטן פֿון אים, רעדן מיט אים, און אים זען פֿריילעך צו מאַכֿן. יוסף האָט ניט געקאָנט

פריילעך זיין. ער האָט געוווסט, ווי ער לאָזט ראָזען, ווי ער לאָזט זיינע עלנטע אומגליקלעכע עלטערן, וואָס האָבן נאָר שמערצן פון אים געהאַט, און וואָס האָבן געהאָפט, אַז איצט וועלן זיי פאַר זייערע מי און פאַרגאָסענע טרערן פאַר אים, האָבן נחת און טרייסט. וויפיל האָט אים דאָס אָנגעמאַכט זאָרג און פאַרדרוס! אים האָט זיך איצט זייער געוואָלט לעבן פאַר רוחמהן, וועלכע האָט זיך באַוויזן געזונט פאַר אים. ער פלעגט ביטער וויינען, ווען ער פלעגט זיך דערמאָנען, אַז מיט יעדן טאָג ווערן זיינע געציילטע מינוטן ווייניקער. וויפיל פלעגט ער טרערן פאַרגיסן, אַז ער פלעגט קוקן אויף זיינע פאַפּירן, אויף זיינע ווערק, וועלכע ער קאָן ניט ענדיקן. זיין האַרץ איז אים פול געווען מיט הויכע געדאַנקען, זיין קאָפּ האָט ערפונדן פיל מיטלען ווי צו היילן זיין קראַנק פאָלק, ער האָט געזען אַפּריער, אַז ער וועט שטאַרבן, און זיינע ווירדיקע געדאַנקען וועלן באַגראָבן ווערן מיט אים. דאָס האָט אים נאָך מער פאַרדאָרסן ווי אַלץ. „עס איז ערגער, — פלעגט ער שטענדיק צו זיך זאָגן, — אַז מען לאָזט ניט פאַרענדיקטע ווערק אין דער וועלט, איידער ניט קיין דערוואַקסענע קינדער! יענע האָדעוועט מען אויס, אָדער זיי האָדעווען זיך אַליין אויס ווי עס איז, אָבער מיינע ווערק, מיינע ערשט געבאָרענע געדאַנקען, וועט מען מיט מיר צוזאַמען מקבר זיין און פון זיי בלייבט קיין שאָטן ניט, קיין אָפּקלאַנג ניט מער אין דער וועלט! שענק מיר, גאָט, נאָך איין יאָר לעבן, איך וועל דאָס פאַר מיין פאָלק הייליקן, איך וועל פון דיין וועלט ניט געניסן, מער ניט מיינע אידעען אַרויסזאָגן, גאָט אין הימל! האָב רחמנות אויף מיינע עלטערן! אויף ראָזען און רוחמהן!...

אַזוי פלעגט יוסף אויפשטיין פון בעט און אַזוי פלעגט ער זיך לייגן.

רוחמה האָט אויך געליטן, זי האָט געוווסט, אַז זי וועט שטאַרבן, אַז יוסף וועט אויך שטאַרבן. זי האָט אָבער ניט געוואָלט שטאַרבן פריער פאַר אים, זי זאָל אים קיין שמערצן ניט אָנמאַכן. די מוטער פלעגט איר טרייסטן און זאָגן: זיי וועלן נאָך ביידע געזונט זיין, רוחמה פלעגט זיך מאַכן, אַז זי ,לאָזט זיך טרייסטן, און באַווייזן דער מוטער, ווי זי קליידט זיך, ווי זי געניסט נאָך יעדע זאַך, אָבער אין זיך האָט איר האַלב-געשטאָרבן האַרץ דערמאָנט אויף יעדן טריט, אַז איר לעבן הענגט אויף אַ האָר, זי האָט געפילט ווי

אירע כּחות פאַרשווינדן, ווי אירע יסורים ווערן גרעסער. נעכטן האָט זי נאָך דאָס געקאָנט, און היינט האָט זי שוין קיין כּח ניט צען קלאַפּטער אָפּצוגיין! דער אַפּעטיט האָט איר אינגאַנצן פאַרלאָזן, און זי האָט געלעבט ניט מער ווי פון מילך, וואָס זי פלעגט טרינקען צוליב צו טון דער מוטער.

מיט יוספן פלעגט זי זיך אָפּט זען, רעדן צוזאַמען, און ביידע פלעגן זיך שטאַרקן, זיך ניט לאָזן דערקענען. יוסף האָט רוחמהן ניט דערקענט, כאָטש ער איז געווען אַ דאָקטאָר, אירע שיינע פאַרבן אויף איר שיין געזיכט האָבן נאָך געלויכטן ווי פריער, אירע רייד, זענען נאָך געווען איצט אַזוי לעבעדיק, אַזוי ליבלעך ווי פריער, יוסף פלעגט האַלטן איר האַנט און פילן, אַז איר פולס גייט ניט אַזוי ווי ביי אַ געוויינלעכן געזונטן, רוחמה אָבער פלעגט האָבן אַ תּרוץ, אַז זי קאָן ניט רוהיק זיין אין דעם זי זעט אים אַזוי ליידנד.

— ליבע רוחמה! — האָט אַמאָל יוסף צו איר געזאָגט, נאָך דעם זיי האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט, און זייערע הערצער האָבן שטיל געוויינט, וואָס זיי דאַרפן ביידע אַוועקקאָזן אַזאַ וועלט מיט אַזוי פיל ליבע און ליגן אונטער אַ באַרג ערד, אין שמאָלן קבר, — ליבע רוחמה, — האָט ער געזאָגט מיט אַ ביטערן זיפץ, — איך וויל דיך עטוואָס בעטן.

— דו קאָנסט בעטן, ליבער יוסף, — האָט אים רוחמה געענט־פערט מיט אַ הייסן קוש.

— איך מוז דיר אָבער פריער זאָגן, אַז איך בעט פון דיר ניט קיין קליינע זאַך. דאָס וועט דיר זייער שווער זיין, אָבער איך וויל עס דאָך, איך בין אַ שרעקלעכער עגאָאיסט, איך וויל פון אייגענער רו וועגן דעם אַנדערן אומרוהיק מאַכן! — יוסף האָט אָנגעהויבן צו וויינען ביי די רייד.

— זע, ליבער יוסף, — האָט רוחמה געזאָגט, אים הייס אַרומנעמענ־דיק, — איך שווער דיר, אַז קיין זאַך אין דער וועלט איז פאַר מיר ניט שווער, ווען דאָס שטייט נאָר דיר רו צו פאַרשאַפן, אפילו ניט דער טויט!

— רוחמה! — האָט יוסף געזאָגט איר האַנט צודריקנדיק, — רוחמה, אָבער דאָס לעבן?

— יוסף! וואָס מיינסטו דען דערמיט?

— איך מיין דו זאָלסט לעבן, אַפילו אַז איך וועל שטאַרבן!

— גאָט אין הימל! דו הערסט די רייד?!.. — האָט רוחמה אַ געשריי געטון, און אַ גוס טרערן איז איר אַרויס פון די אויגן.

יוסף האָט איר געלאָזט וויינען, ער האָט ניט געזוכט זי צו באַרוהיקן, און האָט מיט איר מיטגעוויינט. רוחמה האָט זיין האַנט געהאַלטן און ניט געוואָלט זי מער אָפלאָזן.

— אַך, וואָס פאַר אַן אומגליקלעכער מענטש איך בין! מיר פלעגט אַמאָל דאָס האַרץ באַקלעמט ווערן, אַז איך פלעג דערמאָנען דעם טויט פון אַן עלנטן, וועלכער שטאַרבט אַוועק און קיינער לאָזט נאָך אים קיין טרער ניט פאַלן, איך פלעג זיך פאַר אַזאַ טויט שרעקן. היינט, ליבע רוחמה, בין איך יענעם מקנא, איך וואָלט וויי ניקסטן קאָנען רוהיק שטאַרבן. אָ, ווי ביטער איז דאָס איצט, אַז איך ווייס, אַז מיין טויט איז די סיבה פון דיינע יונגע יאָרן, אַז איבער מיר זאָל פאַרוועלקן אַזאַ שיין בלום! אַזאַ ליבע ראָזע! אַז איבער מיר, ליבע רוחמה, זאָלן טרויעריק שטאַרבן מיינע עלטערן. דאָס איז ערגער ווי צו שטאַרבן אַליין, ניט צו לאָזן אַ באַקאַנטן מענטשן אין דער גאַנצער וועלט!

רוחמה האָט קיין ווערטער ניט געפונען, וואָס אים אויף די ביטערע רייד צו ענטפערן. ענדלעך האָט זי געזאָגט:

— יוסף, דו מוזט לעבן, עס קאָן אַנדערש ניט זיין! גאָט קאָן גאָר אַזוי שלעכט ניט זיין! ער וועט ניט שטראָפן אַזעלכע אומשולדיקע און ריינע מענטשן ווי מיר. גענוג האָט ער דיך שוין געשטראָפט, גענוג צרות האָסטו שוין אויסגעליטן!

רוחמהס רייד האָבן אין אים פיל שווערע געפילן אויפגעוועקט. ווי אין כעס פלעגט ער ווערן אויף דעם שלעכטן בעל הבית, וועלכער הייסט טון זיינע קנעכט זייער אַרבייט, און זאָגט זיי ניט, צו וואָס דאָס נוצט אים. ווי אין כעס פלעגט ער ווערן אויף יענע עלטערן, וועלכע פירן מיט זייערע קינדער פּאָליטיק, און געבן זיי ניט צו פאַרשטיין, פאַרוואָס זיי זענען מיט זיי ברוגז, און באַשטראָפן זיי. ענדלעך, וויפיל פלעגט ער פיינט האָבן דעם לערער, וואָס פלעגט אים לערנען אַלץ אויפן ווונק און לאָזן אים אַלץ אַליין טרעפן, ניט מעסטן קיינמאָל די כחות, צי קאָן גאָר דעם יונגן קינדס קאָפּ באַגרייפן אַזאַ שאַרפזיניקע מהרש״א, און פלעגט אים שטראָפן אָן רחמנות פאַר וואָס ער פאַרשטייט דאָס ניט... צו וועלכע פון דיזע אַלע האָט ער

געזאָלט גלייכן דעם שעפער פון אַלע וועלטן צו זיין איצטיקן גע־שפּרעך מיט רוחמהן ?... אין זיין קאָפּ האָבן זיך אָנגעהויבן צו מישן פיל געדאַנקען, און ער האָט ביטער געוויינט:

— יוסף, לייג אַוועק די געדאַנקען, דאָס דאַרף ניט איצט דיין לעצט געזונט צונעמען, — האָט רוחמה געבעטן — איך האָב עס אַמאָל שוין מיט איינעם גערעדט די אייגענע רייד, און ווי מיר דוכט, איז איין מענטש אין דער וועלט ניטאָ, דער וואָס פרעגט דאָס ניט. און געדענק נאָר, וואָס יענער האָט מיר געענטפערט, ער זאָגט, אַז דעם וואָס גאָט ליבט שטראָפט ער, דאָס הייסט, ער זאָגט אים ניט אָפּריער דאָס גוטע, וואָס ער וויל אים טון, כּדי דאָס גוטע זאָל דער־נאָך אָנגענעמער זיין. גאָט וויל דעם מענטשן איבערראַשן מיט זיין גוטס, וואָס אונז ערוואַרטעט אויף יענער וועלט! יאָ, יוסף, איך האָב דעמאָלס געלאַכט פון גאַנצן האַרצן איבער דעם געדאַנק. היינט רופט אין מיר זיך אָפּ דער געלעכטער מיט שמערצן. אַז איך האָב מאַטע־מאַטיק געלערנט, פלעגט מיר ניט פאַרדריסן, אַז איך האָב ניט גע־קאָנט מאַכן די אויפגאַבע, נאָר מיר פלעגט פאַרדריסן, אַז איך פלעג ניט וויסן, וואָס איך ווייס דאָ אין איר ניט... — עס פאַרדריסט נאָך מער, דאָס מיר ווייסן ניט דעם רעזולטאַט, ווי אַרויסצוברענגען, מיר ווייסן איבערהויפּט ניט, וואָס איז אונזער אויפגאַבע! אָבער גענוג. איך בעט דיך, ניט גיב זיך אָפּ מער מיט אַזעלכע געדאַנקען, אַ גע־זונטער פאַרשטאַנד טראָגט דאָס אַלץ אַריבער, דאָס לעבן רופט צוריק. פאַר אונז, צו איצטיקער צייט, איז דאָס שעדלעך!

— רוחמה, מיר טראַכטן ניט וואָס מיר ווילן! מיר האָבן קיין דעה ניט אויף זיך אַליין, אַפילו אויף אונזערע געדאַנקען! ווי גוט וואָלט מיר זיין, אַז איך וואָלט זיך קאָנען איצט פאַרגעסן און אַזוי שוין זיין מיינע עטלעכע מינוטן, אָבער פאַר מיינע אויגן לויפן איצט מיינע אַלע אָפּגעלעבטע טעג, מיינע אַלע צרות און פּאַסירונגען. אָט זע איך, ווי איך האָב מיט ראָזען דעם ערשטן מאָל גערעדט, אָט זע איך זיך מיט איר גליקלעך, און אָט בין איך אין טורמע, אָט ליג איך אין וואַסער, איך בין שוין אַראָפּגעשפּרונגען פון בריק, נאָר דו, רוחמה, האָסט מיך אַרויסגעצויגן איבערגוואַלד צוריק. אָ גאָט, פאַרוואָס האָסטו דאַמאָלס מיין מאָס צרות ניט פול געמאַכט און מיר געהייסן לעבן ביז איצט, כּדי מיין פול האַרץ נאָך פולער צו מאַכן מיט זייַע ווונדן, אויפוועקן אויך די אַלטע ווונדן אין מיר? און

צו וועלכן ציל? צו דער פינסטערער גרוב?..

אין די רייד איז די מוטער אַריינגעקומען און געפונען אירע ביידע קינדער אַרומגענומען און צעגאַנגען פון וויינען.

— מיינע ליבע און גוטע קינדער! איר וועט נאָך געזונט זיין! איך וועל נאָך נחת האָבן פון אייך! — האָט די מוטער געזאָגט, אַראָפּ־שלינגענדיק אירע זיפצן און טרערן — גאָט איז אונזער דאָקטאָר, איך בעט גאָט פאַר אייך, אַלע, וואָס קענען נאָר אייך, בעטן דעם לעבעדיקן פאַר אייער טייער לעבן.

— בעט גאָט, ליבע מוטער! — האָט יוסף געזאָגט אויפהויבנדיק די אויגן אין דער הויך. אויף זיין בלאַסער צורה איז אַרויס אַ שיינע פאַרב, דאָס איז געווען דער פייער פון זיין איניקסטעס געבעט — אויב ווער עס איז קאָן מיך נאָך העלפן, איז דאָס קיין אַנדערער ניט ווי גאָט, — האָט יוסף ווידער געזאָגט, די מוטער די הענט קושנדיק.

— קיינער אַ חוץ גאָט קאָן אונז קיינמאָל ניט העלפן, נאָר ער, ער האָט אונז דעם לעבן געגעבן און קאָן אונז דעם לעבן דער־האַלטן! — האָט גאָלדע געזאָגט.

— יאָ, — האָט רוחמה געענטפערט, — ער האָט אונז דעם לעבן געגעבן און ער האָט רעכט אים צוריק צו נעמען, און מיר זענען ווי די פאַרקויפטע שקלאַפן און טאָרן ניט פרעגן: צו וואָס האָט ער אונז דעם לעבן געגעבן, ווען מיר האָבן אים ניט געבעטן, און וואָס נעמט ער עס פון אונז צו, אַז עס איז אונז אומשאַצבאַר טייער!...

— זעט, מיינע ליבע קינדער, — האָט די מוטער געבעטן, — ניט דערמאָנט דעם טויט, איר זענט נאָך יונג, איר האָט נאָך יאָרן, מיינע קינדער, איר וועט נאָך גליקלעך זיין!

— אָ, הלוואי וואָלטן מיר אים קאָנען פאַרגעסן! — האָט יוסף געזאָגט, — הלוואי, וואָלט איך ניט קאָנען זיך דערמאָנען, אַז מאָרגן אָדער איבערמאָרגן דאַרף איך שטאַרבן! דער טויט אָבער שטייט מיר פאַר די אויגן? מיר גייען מיט אים אום, דאָס איז די גאַנצע קללה, וואָס גאָט האָט דעם מענטשן געשאָלטן איבער זיין עסן דעם עץ הדעת. דאָס הייסט, דעם מענטשן האָט זיך געוואָלט אַלץ וויסן, אָט האָט ער זיך צווישן אַנדערע וויסנשאַפטן אויך דעם טויט דער־ווּסט, און אַזוי ווי ער האָט פון עץ החיים ניט געגעסן, ווייס ער דעם רעטעניש פון לעבן ניט, ער ווייס נאָר זיין סוף, וואָס פון אים וועט ווערן. אָבער וואָס איז זיין לעבן? וואָס איז ער אַליין? וואָס

פאַרריכט ער מיט זיין יאָ זיין? און וואָס פאַרבעסערט ער מיט זיין ניט זיין? דאָס ווייס ער ניט? און דאָס איז ביטערער פאַר אַלץ. פאַר קינדער אָן שכל איז אַ שיינע מעשהלע דער גן עדן מיט די ביידע בוימער און מ'פרעגט גאָרניט, מען האָט הנאה דערפון. נאָר אַ געפילפולס קינד ווערט פאַרטראַכט, אַז עס דערמאָנט זיך, וואָס אדם האָט נעבעך געליטן. אָבער אַז מען ווערט אַ מענטש, מען הייבט אָן צו לעבן, דאַן קומען פאַר די ביידע בוימער ווי אַ אירליכט, וואָס מען קאָן נאָך פאַרקריכן אין גרעסערע ספיקות, און דאָס אַמאָליקע אינטערעסאַנטע מעשהלע ווערט אַ פיין פאַר דער זעלע. וואָרום מען פילט, אַז מען פאַרשטייט אין איר אויך ניט מער ווי אַ ביטערער צווייפל אין די לעבנס-פראַגן.

די טרויעריקע געזעלשאַפט האָט נאָך ווייטער גערעדט, ביז עס איז שפעט געוואָרן. דאַן האָט די מוטער קוים רוחמהן אָפגעריסן פון יוספן, און אַז זיי האָבן זיך צעזעגנט, האָט יוסף געבעטן גאָלדען, זי זאָל די נאַכט בעכטיקן אין זיין צימער, ווייל ער פילט זיך זייער שוואַך.

אַ שווערע ביטערע נאַכט האָט יוסף געהאַט נאָך דעם געשפרעך. דאָס האָט אים צוגעגעבן היץ, און ער האָט געהאַט זייער אַן אומרוהיקן שלאָף. גאָלדע האָט קוים טאָג דערלעבט, און געשיקט באַלד נאָך שמעיה דעם בטלן, ער זאָל צונויפקלייבן אַ מנין יידן, וואָס זאָלן זאָגן תהלים פאַר יוספן, און אים משנה השם זיין. שמעיה, וואָס האָט אַ יאָר נאָך יוספן שוין קדיש געזאָגט, געלערנט משניות און געפאַסט פאַר אים ע"ב תעניתים כמספר גלגול, כדי יוסף, וועלכן ער פלעגט זען כמעט אַלע נאַכט אין חלום, ווי ער האָט קיין תקומה ניט איבער זיין דערטרינקען זיך — זאָל מגולגל ווערן, האָט גאָר ניט געקאָנט גלויבן, אַז יוסף לעבט נאָך, ביי אים איז נאָך געווים געווען, אַז יוסף איז מגולגל געוואָרן אין אַ דאָקטאָר און דאָס האָבן געהאָלפן זיינע תפלות. אַז יוסף האָט זיך מיט אים געזען דעם ערשטן מאָל, איז שמעיה צו מיט שמחה און האָט אים אַ קוק געטון אונטערן פאָלע, ווייל ער האָט געקלערט: ער וועט אים געפונען אָנגעטון אין תכריכים, ווי מען טרעפט אָן אַלע גלגולים, און האָט געהאָפט צו באַווייזן אַ ווונדער, ווי ער וועט דעם דערטרונקענעם יוסף מתקן זיין און פון אַ דאָקטאָר וועט ווערן אַ גל של עצמות— אַ הויפן ביינער — און כאָטש דאָס האָט אים זיך ניט איינגעגעבן,

וואָרום אונטער יוספֿס פֿאָלע האָט ער גאָר דערזען אַ פּאָר פֿיינע הויזן, פֿונדעסטוועגן האָט ער ניט אויפֿגעהערט צו גלויבן, אַז דאָס איז פֿאָרט אַזוי. אַי, דאָס וואָס ער האָט געפֿונען אָנשטאָט תּכריכים אַ פּאָר הויזן, איז אויך קיין קשיא ניט, וואָרום יוסף איז דאָך דערטרונקען געוואָרן, און ניט געקומען צו קבר ישראל, האָט מען אים גאָרניט אָנגעטון אין תּכריכים. און ווי האָט ער זיך היינט דערפֿרייט, אַז ער האָט דערהערט פֿון גאָלדען, אַז יוסף איז שטאַרק קראַנק און מען דאַרף פֿאַר אים תּהלים זאָגן. שמעיה איז באַלד אַוועק אין מקוה, געפּראַוועט צ״ה טבילות מיט די כּוונות המקוה, אַוועק אַהיים און גענומען זיך פֿאַר דעם פֿאַרסמאַלעטן ספֿר רזיאל, וועלכן ער האָט געפּרובט אַריינוואַרפֿן אין פֿייער, כּדי איינצולעשן מיט אים די שׂרפֿה, וואָס איז געווען ביי פֿרידמאַנען. און אַ דאַנק דעם פֿייערלעשער וואָס האָט געמיינט, דאָס איז עפּעס אַ רעכטע זאַך און האָט אים מציל געווען, כּדי צו פֿאַרקויפֿן דערנאָך פֿאַר אַ טרונק בראָנפֿן. ווען ניט דעם פֿייערלעשערס זכות, וואָלט דער אָרעמער רזיאל נעבעך פֿאַרברענט געוואָרן אויף אַש, און ווען ניט דבורה באַסטע די שענקערין, וואָס האָט אים ביי דעם פֿייערלעשער אָפּגעקויפֿט פֿאַר אַ קוואַטירל בראָנפֿן, און שמעיהן אַוועקגעגעבן פֿאַר אַ פֿערטל זמן שׂכר־למוד געלט פֿאַר איר יונגל, ווען ניט זייערע ביידנס זכות, וואָלט נעבעך איצט אונזער בעל מקובל ניט געהאַט אין וואָס נאָכצוזען, ווי מתקן צו זיין דעם גלגול. אָבער זייער גרויסער זכות האָט מגין געווען אויף דעם ספֿר רזיאל, און אַז דאָס וואַסער פֿון דער פֿייערלעשערס קישקע האָט אויף אים געגאָסן עמערוויס, האָט אין אים דער פֿייער ניט שולט געווען. איצט האָט ער אָנגעהויבן צו גראָבן זיך אין אים און אין ספֿר עץ חיים, אין שער הגלגולים און האָט פֿון די ביידע ספֿרים אַרויסגעשעפּט די בעסטע תּקונים אַלץ פֿאַר יוספֿן. שמעיה האָט פֿאַר אים אַפֿילו אַזעלכע וויכטיקע תּקונים ניט געזשאַלעוועט און האָט פֿאַרשווענדט גאַנצע צוויי, כּאָטש אויף איטלעכן פֿון זיי איז געשטאַנען, אַז „דער תּקון אַליין קאָן מתקן זיין דעם ערגסטן רשע”. נאָך דעם, אַז ער האָט אַליין מהרהר בתּשובֿה געווען און פֿאַרביטן מיט איינעם פֿון די שטאַרקסטע סגופֿים, איז ער אַוועק אין בית המדרש, צוזאַמענגעקליבן אַ מנין מענטשן, און זיי געהייסן זאָגן תּהלים. ער האָט אויסגעקליבן אַלץ אַזעלכע קאַפּיטלען מיט יהי רצונם, וואָס די איינגעאיבטע זאָגער האָבן אויף זיי די ציינער צע־

בראָכן. אַלע האָבן פונדעסטוועגן געזאָגט מיט האַרץ, וואָרום יוסף איז ביי אַלעמען געווען באַליבט און כאָטש מען האָט דאָ גענוג געקאָנט לאַכן פון שמעיהס וואַרפן זיך מיט זיינע געשרייען און טערקישע נעמען און רייד, וואָס ער פלעגט דאָ איטלעכע מינוט אויסשרייען, פונדעסטוועגן האָבן כמעט אַלע געוויינט. אין דער מינוט איז גאָלדע אַריין אין בית המדרש צום אָרון הקודש, און דעם קאָפּ אָן א ספר תורה צוגעשפּאַרט, האָט זי געזאָגט איר געבעט: „פאָטער פון אַלע וועלטן!—האָט זי געשריען,—דו האָסט מיר קינדער באַשאַפן, איך האָב זיי ערצויגן מיט יסורים און פּיין, דו האָסט מיר געלט געגעבן, איך האָב עס חלילה ניט אויף קיין שלעכטס אויסגעגעבן. אָ, פאַרוואָס לאָזטו מיר מיין געלט און נעמסט ביי מיר מיינע קינדער? הער מיין געבעט, האָב רחמנות אויף די אומשולדיקע! דו זעסט דאָך אַלץ, און זעסט איצט די צעבראָכענע הערצער פון יוספס אומגליקלעכע עלטערן, זיי איז נאָך ערגער פאַר מיר. האָב רחמנות, נעם דיין האַנט אַרונטער, מיר זענען ניט מער ווי מענטשן און שטראָף אונז ווי אַ מענטש קאָן אַריבערטראָגן, ניט לייג אָן צופיל שווערע שטיינער אויף מיין האַרצן. אָ גאָט, האָב רחמנות, לאָז מיר ניט פאַלן אונטער דיין שווערער לאַסט, וועלכע דו דריקסט נאָך צו מיט דיין שטרענגער האַנט! איך דאַרף נאָך לעבן, איך האָב נאָך קינדער און אייניקלעך, וועלכע דאַרפן נאָך מיין לעבן! אָ, ניט נעם ביי מיר מיינע קינדער, מיין יוספן מיט רוחמהן, דען זיי זענען מיין לעבן! ניט רייס אויס פון צעבראָכענעם האַרץ דאָס שטיקל אמונה און האָפנונג, וואָס איך טראָג צו דיר"... גאָלדע האָט נאָך וויטער ביטער געוויינט, אין דער מינוט האָט זי געהערט דער פּסוק: יענך ה׳ ביום צרה, ישגבך שם אלהי יעקב! — גאָלדע האָט דעם פּסוק פאַרשטאַנען און איז ביי זיך אַ ביסל געשטאַרקט געוואָרן. דער מנין מענטשן האָט נאָך אָנגעהויבן שטאַרקער צו זאָגן דעם תהלים, אַלע האָבן געבעטן ער זאָל לעבן בלייבן, נאָר שמעיה האָט הייס געבעטן, ער זאָל שטאַרבן, וואָס דורך דעם וועט ער קומען צו אַ תקומה. פּיסקלאַניק דער מלמד, וואָס האָט ביטער געוויינט אין זיין תפילה, איז צוגעגאַנגען צו גאָלדען און געזאָגט:

— זייט מקבל באהבה, פאָלגט מיר, גאָט וויל אַ קרבן האָבן, גיט אים!... לאָז ער זיך נעמען!... אברהם האָט אים זיין איינציק קינד אויף פאַר אַ קרבן געבראַכט און האָט זיך ניט געוועדט. גיט אים, לאָז ער זיך נעמען!...

— אָ, אַ קרבן פאַרלאַנגט ער? ער גלייכט מיך צו אברהמען, אברהם אבינו איז געווען אין דער ווונדער צייט, גאָט אַליין האָט מיט אים גערעדט, אַ גרויסער חידוש איז דאָס, אַז ער האָט זיך ניט געוועדט! איך בין ניט אַזאַ צדקת, ווי שרה איז געווען, און פונדעסטוועגן איז זי געשטאָרבן פון שרעק, אַז מען האָט איר אָנגעזאָגט, מען האָט יצחקן געקוילעט; גאָט אַליין האָט דאָס איר ניט געהייסן, ווייל ער ווייס, אַז אַ מוטער קאָן דאָס גאָר ניט טון! אָ גאָט, פאַרוואָס האָסטו אין דיין תורה אונז ניט געלערנט, מיר זאָלן אויף אַלץ אַ טרייסט קאָנען געפינען? —

גאָלדע האָט גערעדט פאַר זיך, און איז אַזוי אַהיים געקומען, און באַלד אַריין צו יוספן. זי האָט אים געפונען, ער שלאָפט נאָך און שוויצט, אויף זיין געזיכט האָט זיך באַוויזן אַן אָנגענעמע רו.

— איך דאַנק דיר גאָט! שטעל אים אויף פון זיין בעט און טרייסט מיך שוין. איך בין ווערט אפשר פאַר מיינע זינד. איך לייד שוין אָבער מער ווי צוועלף חדשים, שוין זיבן פינסטערע יאָר זענען אַריבער. גענוג שוין, האַרציקער פאָטער!

גאָלדען האָט איר געבעט לייכטער געמאַכט צום האַרצן, און זי האָט געהאָפט!

יא

די גוטע מציאה

וחמה האָט אויך אירע טרערן אָפּגעווישט, זי האָט אויך געבעטן, געבעטן ניט מיט ווערטער, ווערטער קאָנען גאָר אַן איניקסטן געבעט ניט אַרויסרעדן. — זי האָט מיט איר האַרץ געבעטן, דאָס זענען געווען אירע טרערן, זי האָט מיט איר גאַנצן מוח און געדאַנק געבעטן, דאָס איז געווען איר געבעט, וועלכע עס פאַרקלינגט אין ברייטן רוים און אין צוועקלאָזער אומענדלעכקייט. רוחמה האָט עס ניט געגלויבט, און דאָס בעטן האָט איר לייכטער געמאַכט.

ראָזע איז שוין מיטן באַגינען געשטאַנען ביי יוספס טיר, און האָט אפשר מער געבעטן פאַר אַלעמען. יוסף האָט זיך אויפגעכאַפּט און זי אַ רוף געטון, געבעטן די פענסטער עפענען. די לופט איז פריש און ערקוויקענד געווען. ראָזע איז אַריין מיט אַ ליב שמייכל, אַז זי האָט יוספן געפונען אַ ביסל מונטער. אין האַנט האָט זי געהאַלטן עטוואָס.

— זע, יוסף, — האָט זי געזאָגט אים די האַנט געבנדיק. — זע, איך האָב דאָס געפונען אונטער די ברעטער. אָן דיר האָב איך דאָס ניט געוואָלט עפענען, יוסף. וואָס דאָ וועט זיין, שענק איך דיר, ניין, מיר שענקן וועלן בעסער אָרעמע לייט, דו זאָלסט נאָר געזונט זיין!

מען האָט דאָס געעפנט, דאָס איז געווען משה שנייאורס קעסטל, וואָס קאַרינאָוו האָט אונטער די ברעטער אַרונטערגעוואָרפן, בעת דער סטרוזש האָט אים געכאַפּט. אין קעסטל איז אָבער ניט געווען קיין געלט, עס זענען געווען נאָר ראָזעס און יוספס בריוו, וואָס דער שוואַרצער האָט איבערגענומען, און זיי האָבן אַנדערע געלעזן. איצט האָט זיך זיי אויפגעקלערט די גאַנצע טראַגישע געשיכטע. ענדלעך זענען זיי געקומען צו ראָזעס לעצטן בריוו. ראָזע האָט אים געמוזט

לייענען הויך פאַר יוספן —

„יוסף, ליבער יוסף!!

דו אַליין קאָנסט מיר דאָס ענטפערן, פאַרוואָס האָבן זיך שוין אויסגעשעפּט מיינע קוואַלן טרערן? פאַרוואָס שעפּן זיך אויס מיינע אַלע כחות? און פאַרוואָס בלייבט מיין האַרץ שטענדיק פול! אָ, אַזוי פול, אַזוי פאַרפּרעסט!

גליקלעך פלעג איך זיין, אַז איך האָב נאָך געקאָנט וויינען, אַז מיינע אויגן האָבן נאָך געהאַט אַ טרער אין זיך, איך האָב דאַמאָלס יעדן האַרטן געפיל מיט מיינע טרערן ווייך געמאַכט, און זיך באַרוהיקט. איצט, אָ, איצט בין איך עלנט, אַ פאַרשטיינערטער מענטש, מיט אַ לעבעדיק האַרץ! איך הער און פיל, זע און לייד, און רעדן קאָן איך ניט, איך קאָן ניט וויינען! — איך בין ניט ראָזע, גאָט, איך בין דיין ראָזע, יוסף! דו וועסט מיך ניט דערקענען, דו וועסט ציטערן מיט מיר צו ריידן. איך פיל, ווי ווילד איך וואָלט זיין, אַז איך וואָלט נאָך דיך אַמאָל זען, יוסף! ווער האָט מיך אַזוי אומגליקלעך געמאַכט? ווער האָט דיך אַזוי אומגליקלעך געמאַכט? איך וויל ניט גלויבן דיינע שונאים, וואָס זאָגן, אַז ביסט פאַלש געווען! איך וויל מיינע אייגענע אויגן ניט גלויבן, וואָס האָבן דיינע בריוו — צו פרעמדע געשריבן — געלייענט, איך וויל די גאַנצע וועלט ניט גלויבן, וואָס וועט זאָגן אויף דיר. יוסף, מיין האַרץ איז נאָך דיינס, דו האָסט עס ביי זיך! גאָט, פאַרוואָס פייניקסטו מיך אַזוי פיל? אָ, איך שריי טאָג און נאַכט. מיין האַרץ שרייט צו דיר, יוסף. מיין בלוט איז מיינע טרערן, און דו הערסט ניט, דו פילסט ניט מיינע ליידן! אָבער איך ווייס, דו ביסט אומשולדיק, דו שרייבסט מיר געוויס, דו ענטפערסט מיר געוויס, און אונזערע בריוו און אונזער אויסגעגאָסן האַרץ באַגעגענען זיך קיינמאָל ניט, מיר וואַרפן אונזער האַרץ אין ווילדן ים, און די בייזע וואַלן פאַרשלינגען עס!

ניט אומזיסט האָט זיך מיר פאַר דיין אַוועקפאָרן אין האַרצן אָפּגעריסן, אַז דו האָסט געזאָגט „מיר מוזן זיך צעשיידן”, ניט אומזיסט האָב איך געוויינט טאָג און נאַכט! אָ, וואָלט איך דאַמאָלס געוווּסט, אַז אַזוי וועט זיין מיט אונז, איך וואָלט אויף דיין האַרצן ביזן טויט געוויינט, איך וואָלט דיך ניט לאָזן פאָרן, ווילאַנג איך לעב נאָך. איך וואָלט פריער וועלן שטאַרבן, און דערנאָך, יוסף, וואָלסטו פריי זיין, און זיך פאָרן אין פעטערסבורג און דאָרטן פאַר-

געסן דיין ראָזע. דאָרטן, אין די טומלדיקע פריילעכע גאַסן, וואָלסטו ניט דערמאָנען דאָס איינזאַם בערגל ערד, וואָס עס וואָלט געלעגן אויף מיר אויף מאָהיבילער בית עולם, ווייט פון שטאָט, אונטער דעם הויכן בית-עולם גראָז, וועלכער וואָלט פון טרויעריקן ווינט, וואָס גייט פאַרביי דעם טויטן פלאַץ זיך וויגן און בייגן וויינענדיק ווי אויף אַנדערע קברים! יוסף, איך וואָלט דאַמאָלס גליקלעך געווען. איצט קאָן איך ניט שטאַרבן! מיין האַרץ, וואָס לעבט ביי דיר, זאָגט מיר נאָך צו האָפנונג, איך וויל דיך נאָך זען, און פרעגן דיך: צי האָסטו דיין ראָזען נאָך ניט פאַרגעסן? איך וואָלט וועלן, פון דיין אייגענער האַנט מיין טויט דערהאַלטן! יוסף, נאָך איין וואָרט מיט דיר רעדן, און מיט איין קוש דיר מיין זעלע אַוועקגעבן, און דו וואָלסט מחויב זיין זי פאַר גאָט צו ברענגען, און ענטפערן פאַר איר, פאַר איר צוריקקערן פאַר דער צייט!

איך בין עלנט! אָ, אין אַזאַ צייט אַזוי עלנט!... איך ווייס, אַז דו שרייבסט מיר, דו האָסט מיך ניט פאַרגעסן, דו וויינסט אויך, און בעטסט ביי גאָט, מיר זאָלן זיך נאָך זען, נאָך אַ וואָרט אויס־ריידן, און ווער זשע שטערט אונז? קום אַהיים, יוסף, ניט זיי מער אין פעטערסבורג! וואָס דאַרפסטו דאָרטן די קאַנטאָרן? דו וועסט דאָ הי אויך קריגן אַ שטעלע, וויפיל דאַרפסטו פאַר אונזער לעבן? אָ, איך גלויב ניט, אַז דו ביסט געזונט. יעדע נאַכט פלעג איך קוים אַ לעבעדיקע אויפשטיין פון די שלעכטע חלומות, וואָס מיינע שווע-רע געדאַנקען פלעגן אויסוועבן. היינט שלאָף איך שוין מער ניט, מיר איז דער קאָפּ געררירט! איך בין האַלב שטום, איך הער, וואָס מען רעדט צו מיר און ווייס ניט וואָס, איך פיל, אַז איך קוק אויף עפּעס און ווייס ניט וואָס. איך זע, יוסף, מיין קאָפּ איז צו שוואַך דאָס אַריבערצוטראָגן! איך האָב אָנגעהויבן צו פילן, ווי עס שווינדן מיינע כחות, ווי יעדער חוש ווערט שוואַכער און צעמישט, און אַזוי קאָן איך איבערלעזן איין שורה טויזנט מאָל און ווייס ניט, וואָס איך לעז. איך האָב אויפגעהערט אין זיך צו גלויבן, איך מאַך מיר סימנים צו זען, צי בין איך נאָך ביי מיין שכל. אָ, ווי ביטער איז דאָס, אַז מען פילט אַליין ווי מען גייט אונטער און אונטער, און גאָט ווייס וויפיל וועל איך כאָטש נאָך קאָנען שרייבן עפּעס צו דיר?

איך וועל עס ניט אויסהאַלטן! אין שטוב ביי אונז איז טאָג און נאַכט פול מיט שדכנים און מחותנים, איך האָב קיין ווערטער

ניט פאַרן פאָטער, וואָס אים קעגן צו זאָגן. ער האָט בריוו, און ער גלויבט, אַז זיי זענען דיינע. אָ, איך קאָן ווייטער ניט רעדן! וואָס איך שטיי אויס, וואָס איך הער זיך אָן פאַר אַ טאָג! שנייאורקע קלאָגט זיך אויך, וואָס דו שרייבסט אים ניט, איך האָב ניט פאַר וועמען מיין האַרץ אויסצוגיסן, איך בין עלנט. די מוטער איז קראַנק. יוסף, אין אַזאַ צייט ניט שטיי פון וויטן, וואַרף אַוועק דיין קאַנ־טאָר, איך וועל זאָרגן, דו זאָלסט קיין חרטה ניט האָבן, קום און זיי מיך מציל! עס קלייבן זיך אַרום מיר ווילדע וועלף, מיין שכל קאָן מיר לאַנג ניט דינען. איך האָב מורא, אַז מען וועט מיך ניט וועלן דערקענען, אַז איך בין אַראָפּ פון זינען, און ניט וועלנדיק און ניט וויסנדיק וועט מען מיך פאַרקויפן. דו, יוסף, וועסט שולדיק זיין, אויב דאָס וועט, חלילה, אַזוי זיין! איך בין ניט אין מיין האַנט, איך בין דיינע ווילאַנג איך לעב, ווילאַנג מיין שכל איז נאָך ביי מיר. וואָס עס וועט זיין דאַמאָלס, אַז מיין שכל וועט מיך פאַר־לאָזן, ווייס איך איצט ניט, אָבער שולדיק וועסטו זיין!... אָ, דאַ־מאָלס, אַז דורך מיינע עלטערנס טרייהייט וועלן זיי זיך לאָזן קאָסטן, מיך געזונט צו מאַכן, און אַז איך וועל זיך אויפכאַפּן און זיך געפי־נען אין פרעמדע הענט, און זיין געשיידט פון דיר אויף אייביק, אָט דאַן זאָלסטו פרעגן ביי דיין געוויסן, ווער עס איז דערין שול־דיק. דאַן, יוסף, זאָלסטו מיר כאָטש איין מאָל ערלויבן וויינען פאַר דיר, אויב דו ביסט אין מיין אומגליק אומשולדיק! דו ביסט עס געוויס! דו קאָנסט גאָר ניט שולדיק זיין, און דו רעדסט די אייגע־נע רייד אַזוי צו מיר. איך בעט דיך, קום וואָס צום גיכסטן, דו זאָלסט ניט וואַרטן, ביז איך וועל דיך שוין מער ניט דערקענען! קום, יוסף, כל זמן איך בין נאָך דיינע! כל זמן איך האָב נאָך מיט וואָס זיך פון די וועלף אָפּצוּבאָרען. איך האָב אָבער מורא, אַז מיין געוועיר וועט זיך באַלד צעברעכן!...

יוסף, איך בין ווידער דיינע, און מוז נאָך געזונט זיין. עס האָבן זיך אין מיינע אויגן טרערן באַוויזן, מיר איז איצט לייכטער אויפן האַרצן, און איך וויין איצט ווי אַ קליין קינד! גאָט זאָל געבן, איך זאָל מיין גאַנץ ביטערקייט קאָנען אויסוויינען! ענטפער מיר, יוסף, דו מוזט דעם בריוו אַליין דערהאַלטן, כאָטש איינמאָל ענטפער מיר! מאָרגן, דאָס איז שרעקלעך, אַז איך דערמאָן זיך, מאָרגן דאַרפן קומען מחותנים מיט אַ חתן מיך זען, גאָט, פאַרוואָס האָב איך קיין

פליגלען ניט? פאַרוואָס ווייס איך ניט אַלץ, וואָס עס טוט זיך? איך הער מיין קאָפּ הייבט זיך אָן צו דרייען. יוסף, דערמאָן דיין ראָזען, ווילאַנג זי איז נאָך דיינע! ווילאַנג איך מעג נאָך זיך אונטערשרייבן „דיין ראָזע!“...

ראָזע האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן און האָט דעם בריוו דורכ־געלעזן ביזן סוף. איר האַרץ איז איר צעגאַנגען, און זי האָט מער ניט זיך באַרעכנט, וואָס זי טוט און איז אַרויסגעפאַלן יוספן אויפן האַרצן און געוויינט אָן אַן אויפהער.

— אָ, די מינוט פאַר וועלכע איך האָב געציטערט, איז מיר געקומען, געקומען מיט אירע אַלע שוואַרצע פאַרבן! יוסף, לאָז מיך וויינען אויף דיין האַרצן, עס ווייס קיינער מיינע ליידן ניט. אָ, גאָט, זעלבסט דעם ווונש האָסטו מיר ניט פאַרגינט. אָ, עס איז אַ טרויע־ריקע געשיכטע. די וועלט לעבט מען נאָר איין מאָל, מען גייט דעם וועג אַריבער נאָר איין מאָל, און מען קאָן זיך ניט אומקערן, אויפ־הויבן אפילו די טייערסטע זאַך פון אונזער לעבן, ווען מיר האָבן דאָס פאַרלאָרן! —

— יאָ, ער האָט אויסגעפירט, דער אכזר, וואָס ער האָט גע־וואָלט! — האָט יוסף געזאָגט — צו וואָס מיר האָבן דערלעבט! מען האָט מיך פון דיר געריבט און מיך לעבן געלאָזט. גאָט האָט מיר דיין בריוו נאָך געוואָלט לעזן לאָזן. אָ, ראָזע, איך פיל און ווייס, אַז דאָס איז שוין דאָס לעצטע אין מיין קורצער לעבנס צייט. גאָט שווייגט דעם מערדער, זיין געוויסן שלאָפט, אַך, ווי זיס, ווי לייכט מיר וויינט זיך איצט! איך הער, ווי מיין גאַנץ האַרץ און געזונט גיסן זיך אויס אין מיינע טרערן. איך קאָן זיך ניט שטילן, אַלטע ווונדן זענען פירכטערלעכער, זיי שטייען מיר איצט אָפן, זיי הייסן אַלע „משה שנייאור“...

— עפן מיר די פענסטער, ליבע ראָזע. איך וויל נאָך דעם לעצטן מאָל די זון זען, דעם לעצטן מאָל די שיינע וועלט זען!... עס וועט באַלד קיין צייט ניט זיין!...

— יוסף, דו וועסט געזונט זיין! דו מוזט געזונט זיין, דו האָסט היינט געשוויצט, און דערפאַר ביסטו שוואַך. זע, מיין לעבן, ניט רייד מער פון טויט, נאַ, קוק אויף דער וועלט און זע, ווי איט־לעכער וויל לעבן, זע, ווי ליב די פייגעלעך זינגען, ווי לוסטיק איז יעדעס לעבעדיק וועזן. קום צום פענסטער, ליבער יוסף, עס איז

היינט געווען אַ בריוו פון דיינע עלטערן. זיי שרייבן, זיי וועלן נאָך שבת אַרויספאָרן, און דערנאָך וועסט דו, רוחמה און איך און די מוטער, — אַלע וועלן מיר אַרויספאָרן צום לאַנד, מיר האָבן שוין געדונגען אַ זומער-וווינונג, און דאָרטן וועסטו זיך שטאַרקן, דאָרטן וועלן מיר ווערן צוריק קינדער פון דער נאַטור, מיר וועלן אומלויפן, שפּרינגען און ניט זאָגן דאָס פּאַסט ניט פאַר אונז. נאַ דיר אַ האַנט, אַז דו וועסט לעבן, איך זאָל אַזוי לעבן!

ראָזע האָט מיט אַ כּיון אַזוי געשוואָרן, כאָטש זי האָט ניט געגלויבט, אַז ער וועט לעבן בלייבן. אָבער זי, וואָס וואָלט איר גאַנצן לעבן פאַר אים אַוועקגעגעבן, האָט זיך פאַר דער שבועה גאָרניט געשראָקן, נאָר אים צו באַרוהיקן!

— גוטע ראָזע! געבוג אונדז זיין פאַרנאַרט. וואָס עס מוז קומען — וועט קומען. איך ווייס, אַז נאָך אַ מאָרגן וועל איך ניט זען, און צוואָס זאָלסטו מיר נאָך טרייסטן? איך הער, ווי מיין בלוט ווערט קעלטער, מיינע פיס זענען שוין קאַלט. אָ, דער טויט איז ניט ווייט! זיי רוהיק, איך בין עס אויך, איך בעט דיך, מען זאָל צו מיינע עלטערן ניט שרייבן. שרייבט זיי בעסער, אַז זיי זאָלן ניט קומען, צו וואָס דאַרף מען זייערע יסורים און טרויער, דאָ אין דער פרעמד וועט זייער שמערץ שטאַרקער אויסווייזן, זיי קאָנען נאָך דיך ניט, זיי ווייסן נאָך רוחמהן ניט, און ווייסן ניט די גאַנצע סיבּה פון מיין טויט. צוואָס זאָלן מיר זיי דאָ מאַכן נייע ווונדן? דערוועקן נייע ליבע מיט נייע שנאה? דאָס איז איבעריק, ליבע ראָזע, מיר וועלן זיך דערמיט ניט היילן, נאָר זיי מער שמערצן אָנמאַכן. איך בעט דיך, באַלד נאָך מיין טויט, זאָל מען זיי מודיע זיין, און ניט בעטן קומען אַהערצו, זיי וועלן זייער ביטער האַרץ זיך אויסוויינען אין זייער שטיל שטיבעלע, און וואָס פריער מען וועט זיי אָנזאָגן, דאָס פריער וועלן זיי אויפהערן צו וויינען. שרייב זיי דו, אַז איך בעט זיי, זיי זאָלן זיך פיל דעם לעבן ניט נעמען איבער מיר, דאָס איז מיין לעצטע ביטע. גיב מיר אַ פריער אַ פעדער, איך וועל זיי אַליין אויפשרייבן עטלעכע ווערטער, און דו זאָלסט צושרייבן דערצו, וואָס דו וועסט וועלן.

— יוסף, זע, ליבענקער, קאָן איך דען הערן אַזעלכע רייד פון דיר? לעב בעסער און זיי געזונט!

— נו וואָס וועט דען שפּעטער זיין? — האָט יוסף געענטפערט, —

צי דען דעריבער, אַז איך וועל זיך איצט איינרעדן איך וועל לעבן, וועט דען דער טויט ניט טון זיינס? ניין, מיר איז בעסער, אַז איך רייד זיך איצט אויס, איידער אַזוי מיט אַ פאַרשלאָסן האַרץ צו שטאַרבן. איך זאָג דיר אָפן, מיך פאַרדריסט זייער, וואָס איך לאָז אַזאַ וועלט, אַזוי פיל ליבע, אַזוי פיל גליק פון לעבן, ראָזע, וואָס איך לאָז דיך מיט דיינע קינדער אַזוי עלנט, וואָס איך לאָז מיין רוחמהן מיט אונזערע עלטערן אַזוי אומגעטרייסט. מיין האַרץ וועט דאָס פילן ביז דער לעצטער סעקונדע און איך וועל מיט דעם ביטערן געפיל שטאַרבן. אָ, אַזאַ וועלט, אַזאַ ליבע שיינע וועלט, אַזוי יונג, מיט אַזאַ נאָך הייס יונג האַרץ פאַרלאָזן און גיין אין פינסטערן קבר, און זיך נאָך דאַרפן זאָגן: „אָט באַלד איז אויס מיט מיר! אָט באַלד ביסטו ווי ניט געוועזן!” ווער פילט דאָס אַזוי ווי איך איצט! קוק, ווי די זון שפילט נאָך מיט מיר. אָ, דאָס איז אַן אכזריות פון דער נאַטור, נאָך קאָקעטירן מיט ליבקייט מיט מיר אין דער מינוט, וואָס איך קאָן שוין איר ליבע ניט מער געניסן! פאַרוואָס איז היינט ניט קיין וואָלקנדיקער פינסטערער טאָג? אָ, גאָט, איך האָב עס ניט פאַרדינט!

ראָזע האָט געוויינט, יוסף האָט געהאַלטן איר האַנט אויף זיין האַרצן.

— זע, ראָזע, שטעל אָפּ דעם זייגער! — האָט יוסף געבעטן, — אָ, ווער וואָלט מיר קאָנען די זון אין הימל אָפּשטעלן, איך זאָל נאָך כאָטש קאָנען אַ גאַנצן לאַנגן טאָג לעבן און ענדיקן כאָטש עטלעכע פון מיינע כתבים! איך שענק זיי דיר, ליבע ראָזע, לעז זיי, דאָס וועט מיך טרייסטן, דיין געפילפול האַרץ, וועלכע עס קען מיין האַרץ, וועט פילן, וואָס איך האָב געוואָלט נאָך שרייבן, גיב מיר אַ טינט און פען, איך מוז צו מיינע עלטערן נאָך שרייבן.

ראָזע האָט אים דערלאַנגט אַ טינט און פעדער, יוסף האָט מיט אַ ציטערנדע האַנט געשריבן:

„ליבסטער פאָטער און טייערסטע מוטער! באַרוהיקט זיך אַפריער און דערנאָך לעזט. איך אַליין וויל אייך זאָגן, אַז איך בין געשטאָרבן! אָ, גאָט, דאָס איז אַ שרעקלעך וואָרט! אָבער עס איז פאָרט אַזוי, איך שרייב אייך אַליין מיט מיין אייגענער האַנט, און לאָז דאָ דעם בריוו, מען זאָל אים צו אייך אָפּשיקן, באַלד ווי איך וועל דעם לעצטן אָטעם טון, מיין לעצטער געדאַנק

זענט איר, מיין לעצטער ווונש איז אייך צו באַרוהיקן. איך בעט אייך! איך שטאַרב, ווייל איך קאָן מער ניט לעבן, זייט געזונט! איך שטאַרב, חלילה, ניט עלנט, איךשטאַרב אונטער טרייע הענט, מיך באַגלייטן ביזן גרוב טייכן טרערן, מען האָט אַלע הילף אָנגעווענדט, אָבער גאָט וויל אַזוי, און ביי אים פרעגט צוואָס האָט ער מיך אייך גע-געבן און צו וואָס נעמט ער מיך צוריק צו? איך ווייס עס ניט! — פאָטער, איך זאָג עס דיר היינט אין מיין לעצטן מאָל רעדן מיט דיר, אַז איך בין נאָך אַן ערלעך קינד, ווי דו האָסט געוואָלט, און אויב דאָס איז דיר אַ טרייסט, וואָס איך שטאַרב אַן ערלעכער ייד, טאָ זיי זשע זיכער דערמיט, און אַזוי וועל איך צו גאָט קומען! — ניט וויינט פיל נאָך מיר, איך בין גאַנץ צופרידן. פאָטער, בענטש מיך כאָטש נאָך מיין טויט, גאָט וועט דיין שטימע הערן, בענטש מיינע ליבע, וואָס וועלן קלאָגן נאָך מיר! — איך קאָן מער ניט שרייבן, זייט געזונט, מיינע עלטערן! — איך גריס אַלעמען און פאַרגעס איצט קיינעם ניט. מיר ווילט זיך נאָך שרייבן צו אייך, די צייט איז אָבער קורץ, מיין פעדער גייט צו שווער. אָ, באַלד בין איך אויס! עס איז שרעקלעך! איך האָב קיין ווערטער ניט פאַר דעם געדאַנק! עס ווינטשט אייך רו און גליק, אייער פאַרשטאָרבענער יוסף".

יוסף האָט דעם בריוו געענדיקט, אַ קוק געטון אויפן זייגער, עס האָט שוין געהאַלטן האַלב צוועלף, ער האָט זיך אַ וואָרף געטון צוריק אויפן קישן. ראָזע איז געזעסן און געוויינט.

— ראָזע, נאַ דיר דעם בריוו, — האָט יוסף געזאָגט, — און דו מעגסט צושרייבן, וואָס דו ווילסט. איך בעט דיך, רוף מיר אַריין דיי-נע קינדער, לאָם איך מיט זיי זיך צעזעגנען.

ראָזע איז אַרויס, און צוריק אַריין מיט אירע קינדערלעך און מיט דער מוטער. רוחמהן האָט מען ניט געלאָזן גיין צו אים. יוסף האָט זיי אַלעמען צעקושט און זיי אָוועקגעגעבן דער מוטער צוריק, דערנאָך האָט ער געבעטן אַרויסנעמען פון זיין קעסטל זיין ווייסע זיידענע טוך און האָט זי אָנגעטון ריוועטשקען אויפן האַלז און געזאָגט:

— איך האָב זיך אַמאָל געווונטשן, מען זאָל מיך מקבר זיין מיט דער טוך אויפן האַלז, אָבער ביי אונז יידן איז אין אַלע צייטן דאָ שטערונג. חברה לייט וועלן שיקן פרעגן שאלות ביי דעם רב, און עס וועט ווערן אַ גאַנצע רייד, לאָז זיין אַזוי. נאַ, ריוועטשקע, געדענק, אַז עס האָט אַמאָל געלעבט אַ יוסף, וועלכער האָט דאָס ווי זיין אויג

געהאַלטן, אַז ער האָט געלעבט, און שענקט דיר דאָס איצט מאַר זיין טויט!

— גענוג, ליבער יוסף! — האָט גאָלדע געבעטן — לאָזט אים איצט אַליין, ער וועט רוהיקער ווערן.

אַלע זענען אַרויסגעגאַנגען. איטלעכער באַזונדער האָט געוויינט אין זיין ווינקל. יוסף איז געבליבן אַליין מיט גאָלדען, און איז אַנטשלאָפן געוואָרן. גאָלדע האָט געזען דעם קאַלטן שוויס אויף זיין שטערן און געזען, אַז ער וועט באַלד אויסגיין.

אַז די זון האָט שוין געהאַלטן ביי אַ ברעג הימל, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, געעפנט די אויגן, און געווען האַלב צעמישט. ער האָט זיך אָבער באַלד דערמאָנט און געזען נעבן זיך גאָלדען.

— גוטע מוטער! — האָט יוסף קוים אַרויסגערעדט, — איך וויל נאָך זען רוחמהן. אָ, פאַרגינט עס מיר!

די מוטער איז אַרויסגעגאַנגען, און מען האָט זי קוים אַ לעבעדיקע אַריינגעפירט אין שטוב. זי האָט זיך אָבער גובר געווען און געבעטן, מען זאָל זי מיט רוחמהן צוריק אַריינפירן צו יוספן.

— יוסף! — האָט רוחמה אַ געשריי געטון מיט אַ האַרצרייסענדע שטימע — אָ, מיין יוסף! דו לעבסט נאָך!... דו מוזט נאָך לעבן!

יוסף האָט געעפנט די אויגן און קוים אַרויסגערעדט:

— רוחמה! אָ, קום צו נעענטער!

מען האָט זי צוגעפירט נעענטער.

— גיב אַ האַנט, — האָט ער קוים ווייטער אַרויסגעזאָגט

רוחמה האָט אים איר האַנט דערלאַנגט און ציטערנד געזאָגט:

— יוסף, זיי מיר מוחל, איך האָב דיר זעקס יאָר לייד איך פיין צוגעגעבן, דו וואָלסט שוין איצט פריי געווען. אָ, איך האָב עס ניט געמיינט!...

— רוחמה! — האָט יוסף געענטפערט מיט אַ שטאַרקייט, — דו רייד ניט פון די אַלטע זאַכן, איך שייד זיך באַלד פון דיר אויף אייביק, זאָג מיר צו, אַז דו וועסט זיך ניט נעמען דיין געזונט נאָך מיר, און זאָלסט גליקלעך זיין פאַר דיין באַשערטן. רוחמה, פאַרשפרעך מיר דאָס, אויב דו קאָנסט, איך פאַרבינד דיך ניט מיט אַ שבועה, זיי פריי. נאַר וויס, אַז דאָס איז מיין לעצטער ווונש!

— יוסף, אויב איך וועל קאָנען, זאָגסטו? איך פאַרשפרעך דיר דאָס, — האָט רוחמה געענטפערט דורך טרערן.

יוסף האָט רוהיק אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ.

אין שטוב האָט געהערשט אַ טונקעלע טרויעריקע שטילקייט. אַלע הערצער האָבן געוויינט, די טרערן האָבן זיך שטיל געגאָסן, און יוספס לעבן איז אויסגעגאַנגען, ווי דער לעצטער פונק פייער פון קאַמין, וואָס האָט זיך דעם גאַנצן טאָג געהייצט די לופט צו פאַרפרישערן.

רוחמה האָט זיך צוגעבויגן צו אים, אים אָנגעהויבן צו קושן. זיינע ליפּן זענען געווען קאַלט ווי דער טויט זעלבסט. יוסף האָט נאָך אַמאָל די אויגן געעפנט, אַרומגעוואָרפן אַ פריינדלעכן ליבן בליק אויף אַלע אַרומיקע פאַר זיין לעצטן אָפּשייד.

— זייט געזונט און גליקלעך, מוטער, רוחמה, און דו אָ ראָזע! — האָט ער נאָך געזאָגט, און פאַרמאַכט די אויגן.

ביי אַ ברעג הימל האָט זיך פאַרלאָשן דער לעצטער גאָלדענער שטראַל פון דער ליבער זון, און דאָ אין שטוב האָט זיך פאַרלאָשן דער לעצטער פונק פון אַזאַ טייערן לעבן. אויס!...

— ער איז געשטאָרבן, — האָט די מוטער געזאָגט שטילערהייט. אויף דער גאַס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטורעם־ווינט, אַ קלעגלעכן פייפן, און אין שטוב האָט זיך אָנגעהויבן אַ קלעגלעכער געיאָמער, עס זענען געקומען פון שטוב מענטשן און מען האָט זיי קוים לעבעדיקע אַרויסגעטראָגן. ראָזע האָט געריסן די האָר אויף זיך און געשריען פאַרצווייפלט. רוחמה און די מוטער האָבן שטיל געוויינט.

חברה לייט זענען געקומען, מען האָט יוספן אָפּגעהויבן, און אין נאָך עטלעכע מינוט אָנגעטון אין זיינע אייביקע קליידער. פון די חברשע ווייבער איז מסתמא סטערבע גוטע אויך געווען, און בייענדיק די תכריכים האָט זי נאָכגעזאָגט זיינע שבחים, וואָס פאַר אַ צדיק ער איז געווען, וואָס פאַר אַ ווויל קינד דאָס איז געווען, און דערביי האָט זי מסתמא געוויינט אויך גענוג.

אַז מען האָט יוספן גענומען אַרויסטראָגן, און ווי מען האָט איבערן ארון גענומען צערייסן די תנאים, און אַז רוחמה האָט דערהערט דעם ערשטן קלאַפּ „צדקה תציל ממות!“, איז זי ווי אַ ווילדע אויף דער גאַס אַרויס. מען האָט זי ניט געקאָנט איינהאַלטן, זי האָט געשריען:

- יוסף, מיין יוסף! איך קום דיר באַלד נאָך! דו וועסט ניט לאַנג וואַרטן אויף מיר!...

צוויי וואָכן זענען אַריבער, עס זענען נאָך ניט פאַרהיילט די שווערע ווונדן פון דעם טאָג, און אַ נייע קלאָג האָט זיך באַוויזן. עס איז געווען אויך אַזאַ שיינער טאָג, רוחמה האָט זיך אין דער פרי אָנגעטון מיט איר קלייד, וואָס זי איז געווען אָנגעטון, אַז יוסף איז געקומען. און אַז מען האָט איר געפרעגט, וואָס זי טוט דאָס, האָט זי געזאָגט: באַלד וועל איך פאָרן צו יוספן. כאָטש מען האָט זיך אויף איר טויט געריכט, פונדעסטוועגן האָט מען זיך פאַר דעם ענטפער ניט אַזוי דערשראָקן, ווייל אויף איר צורה איז ניט ניכּר געווען, פון וואַנען עס האָט זיך אין איר דער געדאַנק גענומען. די טרייע מוטער אָבער האָט שוין ניט געקאָנט רוען און אָנגעהויבן צו רעדן מיט איר, אָבער עס איז געווען אומזיסט. ביסלעכווייז האָט זי דערקענט, אַז רוחמהס בלייענדע פאַרב אויף דער צורה איז ניט ווי געווינטלעך. רוחמה האָט זיך אַזוי אָנגעטונענערהייט אַריינגעוואָרפן אין בעט. גאָלדע האָט שוין מסתמא ניט אָפּגעטראָטן, און באַהאַלטן אירע טרערן. רוחמה האָט נאָך געלייענט יוספס בריוו צו ראָזען, אין דעם טאָג וואָס ער האָט זיך געוואָלט טרינקען, וואָס ער האָט איר אין האַנט געגעבן.

– זע מוטער, — האָט זי געזאָגט, — יוסף שרייבט מיר, איך זאָל זיך היטן פאַר משה שנייאורן, ער זאָל מיין געליבטן ניט טון דאָס אייגענע, וואָס ער האָט אים געטון. „אָ גאָט, צו וואָס האָסטו דעם שלאַנג אויף אונז אָנגערייצט? ניט שוין זשע איז דאָס טאַקע אַן אמת, וואָס יוסף האָט אַמאָל געזאָגט, אַז די מעשה פון גן עדן זענען מיר נאָך עד היום אין יעדן גליקלעכן לעבן. מען ווערט נאָר פון דעם גן עדן אַרויסגעטריבן, אַז עס מישט זיך דער שלאַנג אַריין! — מוטער, מיר האָבן אויך אַמאָל אין אַ גן עדן געלעבט. איך געדענק, וואָס פאַר אַ פריילעך לעבן ביי אונז איז געווען, ווי גליקלעך פלעגן מיר זיין, אַז דו, מיט דיין מוטערלעכער טרייהייט און ליבע פלעגסט מיט מיר און מיט ראָזען שפּאַצירן, אונז באַווייזן אַלץ, און ווי פריילעך פלעגט זיך מ׳ר זינגען. געדענקסטו, אַז מען פלעגט אויף מיר זאָגן, איך בין אַ לאַכעדיקע געבוירן. וויפיל געזאַנג און פאַרגעניגן איז אין אונזער שטוב געווען, איז דאָס ניט אַן אמתער גן עדן געווען? און צייט ביי אונז אין שטוב האָט זיך באַוויזן דער שלאַנג משה שנייאור, אָ, פון דאַמאָלס אָן וויפיל טרערן, זיפצן, און לייד און פיין האָט ער אין אונזער שטוב אָנגעמאַכט. אָט איז דער

שלאַנג. יוסף, דיינע רייד זענען אמת, ווי דו זעלבסט, איך זע דיך איצט אין דעם אמתן גן עדן. גיב מיר דיין האַנט פון דיין הויכער וווינונג און נעם מיך צו דיר! דו זעסט דאָך שוין מיינע ווונדן. אָ, יוסף, יוסף, בעט גאָט פאַר מיינע עלטערן!...

— רוחמה! מיין לעצטע טרייסט פון מיין לעבן — האָט די מוטער געזאָגט, — מיין בילד, מיין אויג פון מיין קאָפּ! זע, ניט מאַך מיר אָן שמערצן. אָ גאָט, פאַרוואָס בין איך אַזאַ אומגליקלעכע מוטער? פאַרוואָס האָב איך דאָס פאַרדינט, מיין קרוין?

— מאַמינקע! — האָט רוחמה געענטפערט, — איך וועל דאָס ביי גאָט באַלד פרעגן. אָ, איך פיר צו אים אַ גאַנצן קאַסטן מיט פראַגן. מיין יוסף איז שוין איצט גליקלעך, ער ווייס שוין אַלץ און בארו־היקט זיך, איך וועל דאָך דאָס אויך באַלד ווייסן און רוהיק זיין! מאַמינקע, איך וועל דאָס ערשטע זאַך בעטן ביי אים פאַר דיר, ער זאָל דיך טרייסטן!

— מיין קינד, מיין קינד, מיין ליב לעבן! — האָט גאָלדע געשריען פאַרצווייפלט, — אָ, בעסער וואָלט מיך שוין גאָט צונעמען אָנשטאָט אַזאַ בריליאַנט, אָנשטאָט אַזאַ ליב קינד!

— ניין, מאַמינקע! — האָט רוחמה מיט טרערן געענטפערט, — דו דאַרפסט נאָך לעבן, דו האָסט קינדער, וועלכע עס הענגען אָפּ פון דיין לעבן. גאָט האָט דיך צו אַ העכערן צוועק באַשאַפן, דו זאָלסט זיין וועלט אים העלפן בויען. דו ביסט אַ בוים אין דער וועלט, און דיין לעבנסצייט איז גרעסער פאַר מיינעם. איך בין מער ניט ווי אַ בלום, איך האָב געבליט און געוואַקסן פאַר דעם אַנדערן. מוטער, אפשר דיר און דעם פאָטער פאַרגניגן צו מאַכן. נון, איז מיין זומער אַריבער, אָ, און איך מוז וועלקן! אַזעלכע בלומען קאָנען מער ווי איין זומער ניט לעבן!

— אָ, מיין שיינע בלום, מיין ליכטיק לעבן! — האָט די מוטער געזאָגט, זי צום האַרצן צודריקנדיק, — ניין, מיין קינד, דו קאָנסט נאָך ניט וועלקן, דיין זומער הייבט זיך ערשט אָן!

— מאַמינקע, איז דען דיר בעסער, אַז איך וועל דיר זאָגן, אַז איך בין אַן אָפּגעריסענע בלום פאַר דער צייט? איך פלעג אויך אַמאָל אַזוי שלעכט זיין, אונטעררייסן יונגע בלימעלעך, און זיי דער־נאָך וועלן דערהאַלטן זייער לעבן. זיי פלעגן מיר אונטער די הענט צו וועלקן, וואָס האָט זיי געקאָנט העלפן די פרישע וואַסער אין דעם

שיינעם בלומען־האַלטער, אַז מען האָט זיי פון זייער וואָרצל אָפּגע־ריסן? מוטער, וואָס קאָן מיר דען שוין די גאַנצע וועלט זיין, און אַלע רפואות, וואָס קאָנען מיר שוין העלפן, אַז איך האָב שוין קיין האַרץ ניט? אָ, אַז מיין יוסף איז דאָרטן. מוטער, זיי מיר מוחל, איך מוז שטאַרבן, זע ווי קאַלט מיינע הענט זענען שוין!...

גאָלדע האָט געכאַפּט אירע קאַלטע הענט און אָנגעהויבן צו קושן, זיי געפּרובט וואַרעמען, און פון צעמישטקייט געשריען:

— געוואַלד, ראַטעוועט!

— מאַמינקע, איך בעט דיך, זיי דאָך איצט געטרייסט דערמיט, אַז גאָט האָט מיך פון אָנהויב אָן ניט באַשאַפן מיט מער יאָרן. איך בין אַ בלום געווען אין דער וועלט, איך האָב נאָך פון זיין וועלט ניט גענאָסן, איך לאָז די וועלט אַזוי שטיל אַוועק, און קום צו גאָט ווי אַ בלום!...

גאָלדע האָט ניט געקאָנט מער רעדן, נאָר געלעגן איבער איר און געברומט פון באַקלעמונג. ענדלעך האָט איר רוחמה אַ ביסל באַ־רוהיקט דורך אירע ליבע קלוגע רייד.

— מאַמינקע, — האָט זי געזאָגט, — זע, רוף מיר באַלד דעם פאָטער. אָ, פאַרוואָס איז ער איצט ניט ביי מיר?

פרידמאַן איז אַריינגעקומען מיט אַ געוויין, רוחמה האָט פון זיינע טרערן אויך אָנגעהויבן צו וויינען.

— פאָטער! טרייער פאָטער! — האָט רוחמה געזאָגט, זיין האַנט אָנגעמענדיק. — זיי מיר מוחל, איך האָב דיר פּיליכט עטוואָס לייד אָנגעטון אין לעבן!

— ניין, מיין קינד, דו האָסט מיר נאָר פאַרגעניגן געמאַכט און פאַרזיסט שטענדיק מיין לעבן, — האָט דער אַלטער מאַן געזאָגט מיט טרערן, — מיר איז גאָר איצט מיין לעבן פאַרגיפט, אַז דו פאַר־לאָזט מיך, מיין ליב קינד!

— גאָט וויל אַזוי, ליבער פאָטער, מסתמא איז ער גערעכט. ער האָט מיין יוספן צו זיך פריער גענומען, אַקוראַט היינט צוויי וואָכן, איצט רופט ער מיך. אָ, בעט פאַר אונז! גאָט זעט די טרערן פון דעם אַלטן מאַן!

— מיין קינד! — האָט פרידמאַן געזאָגט, — טאָמער ווילסטו וידוי זאָגן! זאָג נאָך מיר נאָך, איך וועל דיר פאָרזאָגן.

רוחמה האָט געשוויגן, זי האָט נאָר אויפגעהויבן אירע נאָך

לעבעדיקע בלאָע, שיינע אויגן צום הימל, און געזאָגט:

— גאָט, דו אַליין ווייסט מיין רעכט און אומרעכט, דו זאָלסט מיר מיין ווידוי פאַרזאָגן! פאָטער, איך האָב ניט געזינדיקט קעגן אים. ער ווייס עס, מענטשן האָב איך קיין שלעכטס ניט געטון, איך בעט אַלעמען מחילה.

— ראָזע, — האָט רוחמה געזאָגט, אין דעם יענע האָט נאָר די טיר געעפנט, — וואָס גריסטו דיין יוסעפן און מיין יוספקען?

— מיין ליבע שוועסטער, — האָט יענע געענטפערט, — אָ, גאָט זאָל שוין פון מיין לעבן אויך אַ סוף מאַכן!

— אַך, איך וועל אים דאָך אַלץ דערציילן. — האָט רוחמה געזאָגט, — און מיר ביידע וועלן גיין צו גאָט און פרעגן און בעטן פאַר דיר! לאָזן אַלע אַריינקומען, באַלד וועט קיין צייט ניט זיין!

מען האָט אַריינגערופן אַלעמען. רוחמה האָט זיך מיט יעדן איינציקן צעקושט, און טרערן האָבן זיך געגאָסן פון אַלעמען. זי האָט איר קאָפּ אויפן קישן אַנידערגעלעגט, נאָך געזאָגט: „זייט געזונט אַלע", און נאָך דעם זי האָט געזאָגט: „יוסף, דו וועסט מיר דאָך אַנטקעגן קומען!"... האָט זי צוגעשלאָסן אירע אויגן און געבליבן שטיל. איר אָטעם איז געוואָרן שווער, דאָס האַרץ האָט זיך געהויבן, נאָך אַ מינוט האָט געוועדט, און אויף איר ליידנד געזיכט האָט זיך באַוויזן אַ צופרידענער שטראַל, און איידער מען האָט נאָך אָנגעצונדן אַ ליכט אין דעם צימער, איז אויסגעגאַנגען דאָס ליבע ליכט פון דעם אומשאַצבאַר טייערן לעבן! מען האָט מטהר געווען איר ריינעם קערפּער, אָנגעצויגן די טרויעריקע ווייסע קליידער, און אַלע האָבן שטאַרק געוויינט.

אָ! און אויך דעם בלום האָט מען אין קבר אַראָפּגעלאָזן, אויף אירע ריינע שיינע אויגן און אויף אירע שמייכלענדע זיסע ליפּן האָט מען מיט שערבלעך און איר צאַרטן קערפּער מיט קאַלטע ערד באַדעקט!

די מוטער האָט דאָס אַלץ צוגעזען, און נאָר אַראָפּגייענדיק פון בית עולם, האָט זי געזאָגט:

— אַלע גייען אַוועק, נאָר מיין האַרץ בלייבט דאָ מיט אייך. אָ, מיינע קינדער, מיינע יונגע בלומען, איך האָב עס אַלץ געקאָנט

אַריבערטראָגן, אַזעלכע פּערלען אין דער ערד!...

די, וואָס באַזוכן מאָהיבילער בית עולם באַמערקן ניט די צוויי נייע קברים, וועלכע שטייען אָן אַ ביסעלע אָן אַ זייט פון אַנדערע קברים. זיי רעכענען געוויס, אַז דאָ ליגן ניט אַזעלכע צדיקים. נאָר די וואָס ווייסן, וועלכע צוויי טייערע הייליקע קערפּער דאָ ליגן אונטער די בערגלעך, קאָנען זיך ניט אָפּרייסן פון דעם אָרט, איידער זיי לאָזן דאָ ניט איבער עטלעכע שווערע זיפצן און ביטערע טרערן!

פריילעך אויף דעם קבר קומט נאָר שמעיה דער בטלן, וועלכער האָפט דעם טויטן איצט מיט זיין קדיש אַריינצוברענגען אין גן עדן, אַזוי ווי ער האָט אים מתקן געווען מיט זיינע תפלות, ער זאָל מגולגל ווערן דורך דעם צו אַ תקומה צו קומען, און האָט זיך זייער געפרייט, אַז גאָט האָט אים געהאָלפן אַזוי ווייט צו ברענגען. ווידער איז ער בטוח, אַז יוסף וועט ניט פאַרלאַנגען זיין טרחה אומזיסט און וועט אים מסתמא מסלק זיין ביד נדיבה אויף יענער וועלט! נאָך פריילעכער פאַר אים גייט זיך איצט אום אין מאָהיבילער גאַסן שטאָלץ איבער זיין גוטן קאָפּ, וואָס פאַלט שטענדיק אויף די בעסטע עצה, און גליקלעך מיט זיין נצחון אַ שוואַרצער יונגערמאַנטשיק מיט אַ אונטערגעשאָרענער באָרד און מיט אַן אָפּגעקירצטן סורדוט. מיט אַ פּאָרברילן איבער זיינע פוקסישע אויגן. ער גייט מיט אַ שטאָק אין האַנט, גייט מיט האַרטע טריט, אַזוי ווי די ערד אונטער אים וואָלט טאַנצן פאַר פרייד, וואָס אַזאַ וואַזשנער מענטש גייט אויף איר, און אין אמת מעג ער זיין פריילעך. קומענדיק אַהיים זעט ער מער שוין קיין דערנער אין די אויגן ניט, אַלץ איז אין זיין האַנט, און ער איז אַ שיינער מענטש, אַ גבאי אין בית המדרש, רופט זיך אויף הרב רבי משה שנייאור, און קריגט די בעסטע עליה און די פעטסטע הקפה. דערצו נאָך איז ער דער פילאָזאָף, דער פּאָליטיקאַנט, אַסטראָנאָם, דאָקטאָר, יועץ און נאמן, און קיינעם קומט ניט אַרויף אויפן זינען, אַז דעם שוואַרצנס האַרץ איז נאָך טויזנט מאָל שוואַרצער פאַר זיין צורה, דאָס יענע ביידע קברים האָט ער מיט זיינע הענט געגראָבן, דאָס ער האָט געוואָלט און וויל נאָך איצט זיין שווערס אַלע קינדער אַוועקשיקן אויף יענער וועלט, כדי זיך צו נעמען די וועלט!

קיינער האָט ניט אַ קלער געטון, בעת מען איז נאָכגעלאָפן נאָך קאַרינאָוו דעם גנב, אַז מען האָט אים געפירט אויף דעם שאַפאָט, אַז גראָד היינטיקן מאָל איז ער אומשולדיק און ווערט פאַרשיקט איבער

דעם שוואַרצן, וועלכער שמייכלט זיך אינערלעך, ווי די וועלט איז פאַרנאַרט! קלאָגן מער פאַר אַלעמען נאָך יוספן אי איצט קלאָגט נעבעך די עלנטע ראָזע. זי זעט איר שפּין אויפן האַלז יעדע מינוט און מוז נעבעך שווייגן. זי זעט איר שוחט, וואָס האָט איר מיט אַ טעמפּן מעסער געקוילעט און ניט דערקוילעט, איטלעכע רגע, און מוז זיך נאָך בייגן צו אים, ווייל ער איז איצט דער פירער אין פרידמאַנס געשעפט. איר מאַן קאָן ניט פאַרדינען, אירע ליבע קינדערלעך בעטן עסן, און זי מוז צו אים אָנקומען. גאָלדע זעט דאָס, אָבער זי קאָן איר האַרץ ניט קילן אויף אים, ער איז איר טאָכטערס מאַן, דער פאָטער פון אירע אין האַרצן איינגעבאַקענע אייניקלעך. ער האָט דעם געשעפט אַזוי ווייט באַוויזן אין זיין האַנט אַריינקריגן, אַז פרידמאַן מוז אויך פאַרבייסן די ליפּן און ניט רעדן. פרידמאַן גלויבט שוין איצט גאָלדען, וואָס זי שרייט: „דער שלאַנג האָט פון אונזער שטוב אַרויסגעטריבן אַלע נחת און פרייד, אונזערע יונגע בליענדע קינדער אַריינגעלייגט יונגערהייט אין דער ערד, אונזער ראָזען אָרעם און אומגליקלעך געמאַכט, באַלד וועט ער זיך שוין נעמען פאַר אונזער גראָען קאָפּ. גאָט ווייס, וואָס ער וועט נאָך פאַר אונז באַשאַפן?!" ער גלויבט שוין דאָס, ווייל ער פילט שוין, אָבער וואָס זאָל ער טאָן? זאָל ער נאָך אויף דער עלטער לייטיש געלט פאַרטשעפּען?... אַזוי ווייט האָט דער אַמאָליקער אָרעמער בן יחיד געבראַכט, אַזוי פיל האָט ער צו טון עוולות און נאָך טראָגט אים די ערד, און אַ מאָהיבילער געזעלשאַפט שפּייט אים ניט אַרויס, אַ מיטגליד און אַ דעה זאָגער אין באַנק איז ער, צו וואַלן הערט מען רעדנדיק נאָר אים אַליין!... אויך רבי יצחק, וואָס האָט אים אין האַנט און האָט זיך פאַרגענומען אים צו באַצאָלן ווי ער איז ווערט, שווייגט און קאָן אים גאָרניט ניט טון, דערמיט די טייערע מענטשן ניט באַשעדיקן און פירט אויס ערלעך יוספס צוואה, וועלכע מען האָט צווישן זיינע פּאַפּירן געפונען, משה שניאורן ניט צו טשעפּען. און כאָטש מען האָט געקאָנט חושד זיין, אַז דאָס האָט ער אַליין אונטערגעוואָרפן — אָבער דאָס האָט נאָר גאָט אַליין געקאָנט מגלה זיין דעם אמת, און ביי אַלעמען איז אָבער דער ספק, טאָמער איז דאָס פאָרט יוספס ביטע, געווען אַזוי טייער, אַז דאָס האָט אים מציל געווען פון פיל אומאַנגענעמלעכקייטן.

דער אייגענער אורח, וועלכער האָט אַמאָל די פריילעכע בלומע

אַ נאָמען געגעבן רוחמה, האָט איצט געלאָזט מאַכן אַ טייערע מצבה, אויף וועלכער ער האָט געהייסן אויסקריצן ווייער אַ טרויעריקע קינה, וואָס די לעצטע ווערטער זענען געווען:

„הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו״!

די וואָס האָבן זיך אין לעבן אַזוי שטאַרק ליב געהאַט, קאָנען זיך אויך נאָכן טויט ניט צעשיידן.

אינהאַלט:

זייט

I

פאָרעדע 3
צו די לעזער 9
א) האלבע נאַכט אין בית המדרש 12
ב) דער בריוו 24
ג) דער שווארצער יונגערמאַן 29
ד) גאָלדע 38
ה) די גאָטספאָרכטיקע פרויען 48
ו) יוסף און משה שנייאור 64
ז) יוסף און ראָזע 78

II

א) ראָזע 87
ב) אַ מאָרגנער רעצעפּט 99
ג) יוסף מיט שנייאורקען 104
ד) דאָס טאָגבוך 113
ה) יוסף מיט ראָזען 127
ו) גאָט האָט אים צוגעשיקט 137
ז) מחשבות אין שטילער שמונה־עשרה 147
ח) דער תּקון שבועות 151
ט) עטלעכע טעג פאַר דער רייזע 168

III

א) די בריוו 187
ב) פון באַנינען 206
ג) ביז שפּעט אין דער נאַכט 215
ד) רחמנות ביי אַ וואָלף 222
ה) די מוטער מיט איר טאָכטער 228
ו) די לעצטע פּראָבע 234
ז) דיי איטלעכער זאָגט 243
ח) די תנאים 251

IV

א) פון טורמע 263
ב) פון פּעטערסבורג 27
ג) אַ גוטער סימן — אַ התונה אין שטאָט 280
ד) רוחמה 285
ה) גאָלדעס לעצטער חסד מיט יוספן 296
ו) שוין בטעט צו שפּעט 305
ז) אַ דאָקטאָר אין שטוב 311
ח) ווען מיינט מען די היינטיקע שדים 323
ט) די נאַכט פון תנאים 331
י) גאָט פאַרלאַנג אַ קרבן 336
יא) די גוטע מציאה 346

פאַרלאַג „אחיספר“ וואַרשע.

אַלע ווערק פון יעקב דינעזאָן

פון דאָסניי אַרויסגעגעבן מיט דערקלערונגען און איינלייטונגען.

שוין דערשינען:

I באַנד **הנאהבים והנעימים**
אָדער דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק
ראָמאַן אין פיר טייל. 356 זייטן.

II באַנד **אבן נגף** אָדער אַ שטיין אין וועג
ראָמאַן אין פיר טייל. 500 זייטן.

III באַנד **הערשעלע**
יאָסעלע

IV באַנד **פאַליק און זיין הויז**
קריזיס

V באַנד **וועלטגעשיכטע**
פיר טייל. 640 זייטן.

עס דרוקן זיך און וועלן דערשיינען דעם ווינטער:

VI ב׳ **אַרטיקלען** און **זכרונות** וועגן **יעקב דינעזאָן**

VII ב. **אַלטער** (ראָמאַן). VIII ב. **קינדערשע נשמות**

IX באַנד **יאָסל אלגעברניק**

X באַנד **אם הבנים** אדער **די שיינע רחעלע** (ראָמאַן)

XI באַנד **מעשיות בכל יום** (ראָמאַן)